This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31 · 525

סאָװעטיש

12

1978

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

■

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

■

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

■

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

דעקאַבער

12

1978

אינהאַלט

ארײַנפיר 3

אזוי לעבן מיר. **כ א ַי ם מ ע ל א מ ו ד. טשערנאָוויצער פאַראַדאָקסן** 4

דער שרײַבער פאַרשט אַן אַקטועלע פּראָבלעם. **ב ר אָ כ ע און א ר ן ב ו ר ש ט י י ן. פּערמער סאָציאָלאָגן** 16

רײַזע־נאָטיצן. **ג ע אָ ר ג י פּ ר אָ ל אָ ו. א רײַזע קיין ווײַס־רוסלאַנד** 23

פּראָפילן פון אונדזערע מיטצײַטלער. **כ אַ ַי ם ג ו ר ע ־ ו י ט ש. בעלאָצערקאָווער קנאַבל; מ י ר י א ם ל י ל י ־ נ א. ריטע צאַכער; מ אָ ט ל ט א ל א ל א י ע ו ו ס ק י. א וועטעראַן פון מי** 33

אזוי לעבן מיר. **ב ו ז י מ י ל ע ר. דרײַ און דרײַסיק גי־בוירים** (קאָמעדיע אין צוויי טיילן, פיר בילדער) . . . 43

בירא‌ָבידזשאַנצעס: **איין פעלקער־מישפּאָכע** (פאָטאָ־מאָנ־טאַזש) 60

רײַזע־נאָטיצן. **ש י ר ע ג אָ ר ש מ א ן. די לאַנגע נעסיִע** . 62

אזוי לעבן מיר. **מ א ק ס ר ִי א נ ט. ס׳איז נאָך ווײַט צום סאַכאַקל** 73

פונעם זשורנאַליסטישן בלאָקנאָט. **ב ע ר ה א ל פּ ע ר ן. א נײַער ראַיאָן אָנשטאָט שניפּישאָק; ב אָ ר י ס מ אָ ־ ג י ל נ ע ר. קרויוויים; ד אָ ר ע כ ײַ ק י נ ע. א בריוו צו די קומענדיקע דורעס** 79

רײַזע־נאָטיצן. **ה י ר ש ר ע ל ע ס. וואָלאָזשינער בילדער** 94

אזוי לעבן מיר. **ו ו ל א ד י מ י ר ק אָ ו י ט ש ע ו. א קאָ־מאַנדיר פון דער פּראָדוקציע** 101

פּראָפילן פון אונדזערע מיטצײַטלער. **ה ע ר ש ל פּ אָ ־ ל י א נ ק ע ר. אַפן אינדזל „ריבאַטשי“; ר ו ו ן פּ ר ־ ס ט י ל נ י ק אָ ו. פּיניע דעם שנײַדערס טאָכטער; א ל ע ק ס א נ ד ע ר ל י ז ע ן. גלאָז; ע ל י ש ע ו ו ע ק א נ ־ צ ע ד י ק. ייִסראָעל גוטמאַנס שטילער האַפן** 110

רײַזע־נאָטיצן. **י ו י ס ע ף ב ו ר ג. איבערוף פון צײַטן** . 125

בירא‌ָבידזשאַנצעס. **נ. ש נ י צ ע ר. יאָרן ווײַטע, יאָרן נאָענ־טע; פּ. פּ א ס מ א נ י ק. לייב גערשגאָרן, אַן ארבעטס־מענטש; א. מ אָ ר ד ו כ אָ ו י ט ש. א באַגעגעניש אין 35 יאָר ארום** 132

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן. **ט ע ו ו י ע ג ע ן. אריע דאַווידאָוויטש** 137

פאַרצייכענונגען פון אונדזערע לייענער. **א ו ו ר אָ ם ר א ־ ב י נ אָ ו י ט ש. מע קאָן מעקאַנע זײַן אָט די צוויי מענטשן...; ד אָ ו י ד פּ י י ש ט ע ר. באָרשטש פון קווייטן; ס. מ ײַ ד א נ י ק. צוויי בערדיטשעווער** . . . 147

רײַזע־נאָטיצן. **ד מ י ט ר י מ א מ ל י י ע ו. ייִסראָעל: פון שאַבעס ביז שאַבעס** 158

פונעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. **מ ו י ש ע א ל ט מ א ן. באַם פענצטער** 172

א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. אזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק 173

מיר באַגריסן אונדזערע יובילאַרן 183

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור 184

יאָר־אינהאַלט 186

רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש). I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

ד
ער הײַנטיקער נומער
פון „סאָוועטיש היימלאַנד"
איז געווידמעט
דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג.
אין די פאַרעפנטלעכטע ווערק
פון א גרויסער צאָל אווטאָרן
ווערן אָפּגעשפּיגלט
אַקטועלע פּראָבלעמען
פון אונדזער צײַט.
די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור
אַנטוויקלט זיך אין איינקלאַנג
מיטן ברויזנדיקן לעבן
פון אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

אזוי לעבן מיר

כאַים מעלאַמוד

טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן

גיי ווייס, פון וואָס א געשיכטע קאָן זיך אָנהייבן און מיט וואָס זי קאָן זיך ענדיקן. דאָס מאָל דאַרף איך זי אָנהייבן פון דער באַרימטער אַקטריסע סידי טאַל, כאָטש זי אַליין האָט צו דער געשיכטע קיין שום שייַכות ניט. סידי טאַל איז אָבער געווען די סיבע, וואָס האָט גורם געווען, אַז די געשיכטע זאָל ניסגאַלע ווערן. און געשען איז דאָס אַזוי.

מיר האָבן זיך צופעליק באַגעגנט אין דער פּאָליקליניק, וואָס אויף דער באָזשענקאָ־גאַס, און ווי שטענדיק בייס א באַגעגעניש, האָבן מיר א ביסל זיך דורכגעשמועסט. איך געדענק שוין ניט, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, אַלנפאַלס ניט וועגן דעם, וואָס עס האָט א שייַכות צו פּאָליקליניק, דאָקטוירים, רעצעפּטן און אַנדערע ניט קיין פריילעכע זאַכן. מיר זייַנען געווען פאַרטיפט אין אונדזער שמועס און ניט באַמערקט, אַז איינע א פרוי, וואָס שטייט א ביסל אין א זייַט, האַלט אין איין קוקן אויף אונדז און הערט זיך שטאַרק איַין אין אונדזער שמועס. ווען סידי טאַל האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק, איז די אומבאַקאַנטע פרוי צוגעקומען צו מיר און מיט יענער ריין־וויַבערישער נייַגעריקייַט, פון וועלכער די אויגן צעגלאַנצן זיך מיט א באַזונדערן גלאַנץ, א פרעג געטאָן:

— איר זייַט באַקאַנט מיט דער אַקטריסע סידי טאַל?

— באַקאַנט, פאַרשטייט זיך.

— און טאַקע נאָענט באַקאַנט?

— מע קאָן זאָגן, אַז יאָ.

— דאַרפט איר דאָך אַליין אויך זייַן... נו, ווי זאָל איך אייַך זאָגן... איר האָט בײדע אַזוי שיין גערעדט אויף ייִדיש...

מיך האָט א ביסל פאַרוווּנדערט און א ביסל פאַרוויַילט די טמימעסדיקייַט פון אָט דער פרוי, וואָס גרענעצט זיך מיט נאַיִווקייַט, און איך האָב גלייַך פאַרשטאַנען, אַז דאָ דאַרף עפּעס שטעקן. און אַז מיט איר קאָמפּלימענט, אַז אויב איך בין באַקאַנט מיט סידי טאַל, דאַרף איך אַליין זייַן אויך עפּעס, וועל איך ניט אָפּקומען. און ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל, האָט אַלץ אָנגעהויבן שפּילן אין מיר — די ריִע, דער געהער און דאָס ביסעלע פאַנטאַזיע, גרייט אויפכאַפּן און פאַרגעדענקען אַלץ, וואָס די צופעליקע באַקאַנטשאַפט קאָן מיט זיך ברענגען.

— אוי, סידי טאַל... — די פרוי האָט דערווײַל גערעדט מיט זיך אַליין, דערמאָנענדיק זיך, אַפּאַנעם, זייער ווײַטס און זייער שיינס. — איך געדענק זי נאָך, ווען איך בין געווען א קליין מיידעלע און די מאַמע פלעגט מיך מיטנעמען אויף אירע ספּעקטאַקלען...

און ערשט איצט איז געקומען רעדן צו מיר:

— אַליין בין איך פון יעדיניעץ. אוי, וואָלט איך געדאַרפט האָבן א קלוגן מענטשן, איך זאָל קאָנען אויסרעדן פאַר אים דאָס האַרץ... און ער זאָל מיר קאָנען אַן אייצע געבן... וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן? כאָטש נעם און צערייַס דאָס האַרץ אויף צווייען. איר האַלט דאָ אויך א ריי? איז עפּשער וועלן מיר זיך צוזעצן?

ביז אונדזער רײ איז נאָך געװען װײַטלעך, האָבן מיר זיך צוגעזעצט. מיר איז שװער צו זאָגן, מיט װאָס איך האָב אַזױ אױסגענומען בא דער פרױ, װעלכע האָט מיך אופגענומען פאַר יענעם קלוגן מענטשן, װעמען זי דאַרף אַזױ האָבן. נאָר װידער דאָס זעלבע: װיבאַלד איך בין באַקאַנט מיט סידי טאַל... איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען, אַז קײן פראַגן װעל איך ניט דאַרפן פאַרגעבן. מיר איז נאָר געװען קאַשע, פאַרװאָס האָט זי אָנגעהױבן די געשיכטע ניט פונעם אָנהײב, נאָר איז פאַרפאָרן א ביסל אין א זײַט.

— איך װאָלט א באַלן געװען, איר זאָלט א קוק טאָן אױף מײַן גאָלדעלען. טאַקע א שטיק גאָלד. שײן, װי די װעלט, שטיל, װי א טױב. און אַזױ טײַער, אַזױ ליב. און טאַטע־מאַמע איז בא איר הײליק, װאָס הײליקער קאָן ניט זײַן. איך דאַרף זיך ניט באַרימען, נאָר זי האָט אין װעמען געראָטן צו זײַן.

האָב איך שױן געמוזט א קוק טאָן אױף מײַן אומבאַקאַנטער, װי מע זאָגט, מיט אַנדערע אױגן, איך זאָל פאַרשטײן, אין װעמען קאָן עס געראָטן זײַן איר גאָלדעלע. זי האָט אופגע־כאַפּט מײַן צו אָפּענעם קוק, א ביסל זיך פאַרװיטלט, געװאָרן דערפון פיל ייִנגער און פאַר־שעמט א שמײכל געטאָן:

— גיסיע הײס איך... עט, װאָס איז שױן געבליבן פון יענער אַמאָליקער גיסיע. איר זאָלט אָבער א קוק טאָן אױף מײַן גאָלדעלען...

און פּלוצעם, װי אָפּגעטריבן פון זיך אײן געדאַנק און זיך פאַרטשעפּעט פאַר א צװײטן, זיך אָנגערופן:

— װײסט איר װאָס? איך װעל אײַך בעסער דערצײלן װעגן מײַן נאַכמענען. אױ, מײַן נאַכמען מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן! איר דאַרפט דאָך װיסן די געשיכטע מיט מױשע אַלטמאַנס קלױסטער. ער איז דאָך אן אונדזעריקער, מױשע אַלטמאַן, א בעסאַראַבער. און אונדזער אױ־לעם, אַז ער טרעפט ערגעץ מױשע אַלטמאַנס א זאַך... נאָר די מײַסע מיטן קלױסטער... איך מײן דאָ דעריקער מײַן נאַכמענען...

האָט מײַן נײַע באַקאַנטע, װאָס הײסט גיסיע, מיר שױן אַרײַנגעגעבן אין נאָדן צװײ גרױסע מעיוכאָסים, נאָר װעגן װאָס װיל זי מיר דערצײלן, װײס איך דערװײַל ניט. אָבער א ברײרע האָב איך? זאָל דערװײַל זײַן איר נאַכמען. נאַכמען מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן.

צוערשט איז בא גיסיען אױסגעקומען, אַז דער ערשטער פּאַראַדאָקס איז בא איר נאַכ־מענען אופגעקומען אין שײַכעס מיט שטאָל, װאָס איז שטאַרקער פון אײַזן און לאָזט זיך שײלן מיט פּיצעלעך מעסערלעך, װי מע שײלט קאַרטאָפל. דערנאָך האָט זי דאָס אַלײן אָפּגע־לײקנט און אַפילע געפּרוּװט דערװײַזן, אַז דער גלאַװנע פּאַראַדאָקס איז איר נאַכמען אַלײן. נאָר די מײַסע איז דאָך אַזױ: אַז א מענטש שטײט אָפּ בא פאַרשײדענע טאָקער־װערקשטעלן קימאַט דרײַסיק יאָר און שלײַפט אױס אַזעלכע קונציקע אַנטיקלעך, פון װעלכע מע שטעלט צונױף גאַנצע מאַשינעס, און אַרום אים האַלטן אין אײן אַרומטאַנצן און אַרומפליִען דינינקע סטרושקעלעך, װאָס זײַנען גרינג, װי א פעדער, בלענדן, װי פּלאַטערלעך, און נעמען אַלע מאָל אָן אַן אַנדער קאָליר — װערן אָט גרױ, אָט בלױ, אָט גרינבלעך, אָט געלבלעך — װערט מען אַלײן א שטיקל פילאָסאָף.

איך האָב זיך געלאָזט פירן און פאַרפירן פון גיסיעס רײד. איך האָב שױן געקאָנט באַ־מערקן, אַז זי איז שטאַרק באַהאַװנט אין די איניאָנים פון איר מאַן, גלײַך זי אַלײן װאָלט אױך געװען א טאָקער, כאָטש, װי דערנאָך האָט זיך אַרױסגעװיזן, איז זי א טריקאָטאַזשניצע. טראָץ דעם, האָט זי אָנגערופן בא די נעמען אַלע טאָקער־װערקשטעלן, בא װעלכע איר נאַכמען האָט װען געאַרבעט, און אַלע פאַרשײדענע דעטאַלן, װאָס אים איז אױסגעקומען אױסשלײַפן, אָנ־הײבנדיק פון די סאַמע דריבנע שרײַפלעך, שײַבעלעך, ראָליקלעך און פּאָדשיפּניקעס ביז אַזאַ מאַכינע, פינף מעטער די לענג, װאָס מע דאַרף צוברענגען און אַראָפּלאָזן אױפן טאָקער־װערק־שטעל מיט א הײבקראַן. און מע האָט געדאַרפט אױסטאָקן יענע מאַכינע אַן א מינדסט פּגי־מעלע, זי זאָל זײַן גלאַט, װי א שפּיגל.

— דאַרפט איר זיך שױן פאָרשטעלן, װאָס פאַר א װערקשטעל דאָס איז געװען, אַז מע האָט געקאָנט אױף אים באַאַרבעטן אַזאַ שטיק. און אַלץ מײַן נאַכמען, אַלץ מײַן נאַכמען!

איך האָב נאָך ניט געװוּסט, קעגן װאָס דערצײלט זי מיר דאָס אַלץ, נאָר איך האָב זיך שױן אָנגעשטױסן, אַז דערצײלן קאָן זי גאַנץ פײַן, אַלץ איז בא איר אָפּגעטאָקט און אױסגע־שלײַפט, װי איר נאַכמענס קונציקע אַנטיקלעך, און אַז דאָס איז ניט קײן הױלע באַרימערײַ, נאָך מער, אין איר אױפן פון דערצײלן איז געװען א מין פרײלעכער, גוטמוטיקער כױזעק פון איר אײגענעם מאַן. װאָס האָט א טעװע באַקוקן, באַטראַכטן און באַהאַנדלען יעדע זאַך אױף גאָר אַן אומדערװאַרטן אױפן, קעדײ אָפּזוכן אין יעדער דערשײַנונג זײַן פּאַראַדאָקס. איך

האָב זיך געלאָזט פירן, ווײַל איך האָב שוין ניט איין מאָל זיך איבערצײַגט: ווילסטו וויסן וועגן דײַן העלד אַזוינס, וואָס ער אַליין וועט קיינמאָל וועגן זיך ניט דערציילן, שמועס זיך דורך מיט זײַן פרוי.

— טוט אומיסטן אַ רעד מיט מײַן נאָכמענען, וועט ער אײַך באַלד זאָגן, אַז אַ טאָקער מוז זײַן אַ קינסטלער. עלעהיי אַ שניצער, אָדער גאָר אַ סקולפּטאָר, וואָס קאָן אויסשנײַדן און אויסקלעפּן אַלץ, וואָס ער פאַרטראַכט. און ער וועט דערבײַ ברענגען אַזאַ פּאַראַדאָקס: ניט ער באַדינט דעם ווערקשטעל, נאָר דער ווערקשטעל באַדינט אים. און ער קאָן אַף אים אויסשלײַפן ניט נאָר אַזוינס, וואָס איז אָנגעצייכנט אַף פּאַפּיר, נאָר אַפילע אַ הוילע אידיי. יאָ, געווען אויך אַזאַ געשיכטע. קומט איינמאָל צו גיין צו אים זייער אַ געהויבענער אינזשעניער און רעדט אים אַרײַן אַ סאָד אין אויער:

— קאָנסט מיר אָפּטאָקן אַן אידיי?

— וועלכע אידיי? — פרעגט מײַן נאָכמען.

— ס'איז דערווײַל אַ סאָד. איך ווייס נאָך אַליין ניט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, נאָר עס שמעקט מיט זייער אַ וויכטיקער דערפינדונג. מוז איך זען באַשײַמפּערלעך, צי עס וועט זיך דרייען...

— אַנו, גיב נאָר אַהער דײַן אידיי, — זאָגט צו אים מײַן נאָכמען.

און איר מיינט, אַז ער האָט ניט אויסגעטאָקט? נאָך אַ מין אויסטאָקן! און ס'האָט זיך באַקומען אַזאַ זאַך, אַזאַ זאַך!..

איך זע שוין, אַז גיסיע אַליין קאָן שיין אויסטאָקן אַ געשיכטע. זי דערציילט, און איך מאָל זיך, ווי איר נאָכמען שטייט אוף אַ גרויסן פאַרטאָג און יאָגט אַוועק אַפן זאַוואָד, שפּאַנט לענגויס דעם זאַוואָדישן הויף, פאַרבײַ דער פּאָרטרעטן־גאַלעריע פון די פאָרגעשריטענע אַרבעטער פונעם זאַוואָד, וווּ זײַן פּאָרטרעט הענגט שוין פיל־פיל יאָרן, און ער מוז, ער מוז, ווי גיסיע טוט אַ זאָג מיט אַ ביסעלע כויזעק, יעדן גאַנצפרי זיך אַ שפּיגל טאָן אין אייגענעם פּאָנעם. דערנאָך גייט ער אַרײַן אין צעך, קומט צו זײַן ווערקשטעל, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַ לעבעדיקע בריה, און רופט זיך אָן צו אים:

— נו, איז וואָס וועלן מיר הײַנט אויסשלײַפן?

מיט יאָרן צוריק בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט אַפן מאַשינבוי־זאַוואָד, איך ווייס גוט דעם וועג אַהין און קאָן זיך אַלץ פאָרשטעלן. ווי אויך דעם לאַנגן און געראַמען צעך, וווּ עס שטייען פאַרשיידענע ווערקשטעלן, און דעם גערויש, וואָס הענגט איבערן צעך און זעט אויס מאַמעש ווי אַ שווימענדיקער וואָלקן, ווי אַליין די הייבקראַנען, וואָס יאָגן איבערן קאָפּ. איך האָב אַ ביסל זיך פאַרטראַכט און ניט באַמערקט, ווי גיסיע האָט איבערגעלאָזט דעם זאַוואָד, דעם צעך, די אַלע פאַרשיידענע ווערקשטעלן און אָנגעהויבן אַרומרעדן איר נאָכמענען מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן שוין ניט אין שײַכעס מיטן שטאָל, נאָר מיט דער גאַנצער וועלט, וואָס גייט אים מערער אָן, ווי זײַן אייגענע וועטשערע, און ער הערט ניט אוף צו טראַכטן, ווי:אַזוי מאַכן אין איר אַ טאָלק. דאָ איז שוין געווען ניט קיין באַרימערײַ און ניט קיין כויזעק, נאָר אַ שטיקעלע רוגזה. מיט די דאָזיקע פּאַראַדאָקסן ליגט איר נאָכמען אין די ביינער. יעדן פאַרנאַכט קומט ער אַהיים מיט אַ נײַעם פּאַראַדאָקס.

— נו, — טײַנעט ער צו איר, — ווי געפעלן דיר די מאַאָ:סטישע שטיק? עס לייגט זיך ניט אַפן זינען...

דעם צווייטן טאָג אַ נײַער פּאַראַדאָקס:

— הערסט, גיסיע, די אַמעריקאַנצעס האָבן אַ פּרעזידענט, אַז מע ווייסט קיינמאָל ניט, וואָס ער וועט מאָרגן זאָגן...

עס לאָזן אים ניט רוען די כונטע אין טשילי, די ראַסיסטן אין דאָרעם־אַפריקע, און ער איז מאָלע־רעציכע אַף בעגינען פון יִסראָעל, וואָס מיינט, אַז ער איז איינער אין דער וועלט, און באַגייט זיך שלעכט מיט די אַראַבער. און איינמאָל קומט ער אַהיים אַזאַ פאַרדײַגעטער, אַז מע קאָן מיינען, ווער ווייסט, וואָס עס האָט זיך געטראָפן. וואָסי? ער האָט הײַנט בייסן מיטיק־איבערײַס געלייענט וועגן דעם, אַז אין אַ יאָר צוואַנציק, צי פופציק יאָר אַרום וועט אַף דער ערד זײַן אַריבער צען מיליאַרד מענטשן און מע קאָן איצט ניט וויסן, צי די ערד וועט קאָנען אָנהאָדעווען אַזאַ אוילעם.

— טיפּעש איינער, — רייד איך אים אויס, — וואָס גייט דיר אָן, וואָס עס וועט זײַן אין פופציק צי אין הונדערט יאָר אַרום?

— עגאָ:יִסטקע! — שרײַט ער אַף מיר. — דו טראַכסט נאָר וועגן זיך. און אונדזערע קינדער? און אונדזערע אייניקלעך? און איבער וואָס נעמען זיך מילכאָמעס אַף דער וועלט? איבערן

עסן, איבערן שטיקל ברויט! בא אייניקע איבערן שטיקל ברויט, בא אנדערע איבערן זעקל געלד. ווי זשע מעג עס א מענטש טראַכטן נאָר װעגן זיך?

און איר מיינט נאָר דאָס? קומט ער איינמאָל אהיים, איך גיב א קוק אף אים, א פּאָנעם — גלײַך גאַזלאָנים זײַנען אים באַפאַלן.

— וואָס שוין ווידער? — פרעג איך בא אים.

— גאַרניט, — ענטפערט ער אָפּ פול מיט מאַרעשכוירע.

— וואָס גאַרניט?

— טאַקע סאַמע גאַרניט. זיי זײַנען שוין דאָרטן, די אווטאָמאַטן.

— וועלכע אווטאָמאַטן, ווו דאָרטן, און פאַרוואָס גאַרניט? דו קאָנסט רעדן, ווי א מענטש?

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט? אף וועמערע.

— אף מײַנע סאָנימס קעפּ. נו, איז וואָס?

— אייסעך וואָס. אָבער טאַקע גאַרניט. ס׳איז דאָרט אזא געדיכטע לופט, ניטאָ מיט וואָס צו עטעמען. און הייס איז דאָרט, ווי אין א זודיקן קעסל. איך האָב מוירע, אז מיט מארס זאָל זיך אויך אויסלאָזן א בוידעם.

— וואָס זשע גייט עס דיר אָן? — שרײַ איך שוין אף אים.

— אָבער עס מוז דאָך, עס מוז דאָך ערגעץ זײַן א לעבן!

און אנומלטן... ס׳רעדט זיך אזוי — אנומלטן, געווען איז דאָס נאָך מיט א פּאָר יאָר צוריק... האָט ער זיך שיר ניט צעפּאַטשט מיט זײַנע פרײַנטלעך, און איבער וואָס מיינט איר? איבער מוישע אלטמאַנס קלויסטער. עפּשער האָט איר אויך געלייענט יענע געשיכטע. און נאָכמען האָט אזא טעווע: יעדן פאַרנאַכט, ווען ער פאָרט אהיים פון דער אַרבעט, מוז ער מאַכן א שטיקעלע פּערעסאַדקע. ער קריכט אראָפּ לעבן סקווער, וואָס ארום דעם געוועזענעם קלויס־טער, און מאַכט דאָרט דורך א קליינינקן שפּאַציר. ס׳הייסט, ער כאַפּט א ביסל פרישע לופט. איך קאָן אים שוין אָבער גוט, מײַן נאָכמענען, און איך ווייס, אז ניט די פרישע לופט גייט אים אָן. ער מוז זיך צוזעצן צום קרײַזל פּענס׳אָנערן, וועלכע פאַרברענגען דאָרט און באַרעדן די וועלט. וואָסי? ער דאַרף זאָגן זײַן וואָרט! טאַקע וועגן כינע און טשילי, וועגן אנגאָלע און, פאַרשטייט זיך, וועגן יִיסראָעל. ער מוז זיי א ביסל אַרײַנזאָגן. איז דאָס געווען אין איינעם פון יענע פאַרנאַכטן, ווען דער אוילעם האָט געלייענט אין זשורנאַל מוישע אלטמאַנס א כאַכ־מע „איך בענטש דעם קלויסטער”. האָט מען זיך געשפּאַרט איבער דעם און שוין אָנגעהויבן קריגן זיך:

— סטײַטש, א ייִדישער שרײַבער זאָל בענטשן א קלויסטער!

טוט אָבער מײַן נאָכמען א פּאָר אַרײַן מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן:

— ערשטנס, — טײַנעט ער אײַן מיט די פּענס׳אָנערן, — האָט ער געבענטשט דעם קלויסטער גראָד דערפאַר, וואָס ער איז שוין קיין קלויסטער ניט, ער האָט שוין מער ניט צו טאָן מיט די הימל־זאַכן און טוט א ריין ערדישע זאַך: מענטשן קומען אהער כאַפּן א ביסל פרישע לופט, און צווייטנס...

האָט מען אים ווײַטער ניט געלאָזט ריידן:

— ווייסט עפּשער זאָגן, אז א בעסמעדרעש מעג מען אויך בענטשן, ווען ער ווערט שוין אויס.

און מײַן נאָכמען, אוי, מײַן נאָכמען!

— ווואַדע. עס זאָל נאָר זײַן ארום אים אזא גוטער סקווער.

איז אוועק שוין ניט קיין שפּאַרעניש, נאָר א גאַנצע דיסקוסיע וועגן נאַציע און רעליגיע, יעדערער טײַנעט זיך זײַנס, יעדערער וויל דערווײַזן, אז ער איז גערעכט. נעמט מײַן נאָכמען און טוט א זאָג אזא פּאַראַדאָקס:

— אָט שרײַט מען אין די אויסלאַנדס, אז בא אונדז איז מיט רעליגיע ניט פרײַ. נאָר אויב איר ווילט וויסן, איז אין ערגעץ ניט אזוי פרײַ מיט דער רעליגיע, ווי בא אונדז. נעמט, אשטייגער, אמעריקע. דאָרטן מוז יעדער ייִד, צי גלייבט ער יאָ אין גאָט, צי ניט, גיין אין שול אַרײַן. צוליב וואָס? צוליב פּאַרנאָסע. זאָל ער פּרווון ניט גיין, וועט מען אים גלײַך מאַכן א באָיקאָט און ער וועט מוזן פאַרשליסן זײַן געשעפט. און אויב ער איז אָן אַרבעטער, וועט דער באַלעבאָס שוין אָפּזוכן א מיטל, ווי׳אזוי צו געבן אים דעם וועג. און בא אונדז איז דאָך אזוי: ווילסטו — גלייב, ווילסטו — ניט. קיינעם גייט עס ניט אָן. מיט דער אַרבעט האָט עס ניט צו טאָן. אָט דאָס הייסט אפּאָנעמען — פרײַהײַט פון געוויסן...

נו, פרעגט שוין ניט, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן! אייניקע זײַנען גלײַך צוגעשטאַנען צו מײַן נאָכמענס צאַד, אנדערע — פאַרקערט, און ס׳איז אוועק א שפּאַרעניש...

...צוליב וואָס האָט מיר גיסיע אַזוי גענוי דערציילט וועגן איר נאָכמענען, אַז דעריקער האָט זי געוואָלט דערציילן וועגן איר גאָלדעלען? נאָר גיי טרעף. פאַראַן ניט ווייניק מענטשן, וואָס זײַנען אפילו ניט כּוישעד, אַז אין זיי לעבט אַ שרײַבער און זיי דאַרפן נאָר נעמען די פען אין דער האַנט. אינטואיטיוו באַהערשן זיי די סודעס פון סוזשעט און קאָמפּאָזיציע, ווייסן, מיט וואָס און וויאַזוי פאַראינטריגירן זייער צוהערער, און אויב זיי פאַרפאָרן אַ ביסל אין אַ זײַט, איז דאָס ניט גלאַט אַזוי. איצט קאָן איך שוין פאַרשטיין, אַז זי האָט אומיסטן אָנגעהויבן מיט איר נאָכמענען, קעדיי עס זאָל מיר קלאָר ווערן זײַן אופירונג אין דער געשיכטע מיט זייער גאָלדעלען. אַריבער איז זי אָף איר גאָלדעלען אומגעריכט, נאָך אַ שטילן, פּלוצלינגדיקן זיפץ, ווען מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי דערמאָנט זיך אין איר נאָכמענס אַ נײַעם פּאַראַדאָקס. און ווידער איבערגעכאַזערט די ווערטער, מיט וועלכע זי האָט אָנגעהויבן איר דערציילונג:

— איך וואָלט אַ באַלן געוועזן, איר זאָלט אַ קוק טאָן אָף מײַן גאָלדעלען... שיין, ווי די וועלט, שטיל, ווי אַ טויב, ווי אַ טײַער קינד, און אַזאַ ליבס. דאַרפט איר שוין פאַרשטיין, אַז ווען אַזאַ גאָלדעלע פאַרליבט זיך, איז דאָס פון יענע ליבעס. און ער, אַרטשיק, ס'איז אַפּאָנעם, געוועזן אין וועמען פאַרליבן זיך. זי אין אים, און ער אין איר. און מיר, איך מיט מײַן נאָכמענען... וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? מיר קווועלן אָן אָף דעם שיינעם פּאָרל און זיפצן שטיל אונטער. און הייבן אָן טראַכטן וועגן אַ כאַסענע. ס'האָט שוין געהאַלטן ניט ווײַט פון דעם. קומט זי איינמאָל צו גיין, מײַן גאָלדעלע, בלייך, ווי די וואַנט, און עס וואַרפט מיט איר, ווי אין אַ קאַדאָכעס.

— מאַמע, — זאָגט זי מיר, — איך מוז אוועקפאָרן.

— וווהין? — פרעג איך זי, און עס הייבט אָן אויך מיט מיר צו מאַרדעווען.

— אַהין, וווהין אַרטשיק.

— און וווהין קלײַבט זיך עס אַרטשיק?

— אַהין, וווהין זײַנע עלטערן...

ווי איז מיר! אַ דונער האָט מיך געטראָפן! איך שטויס זיך שוין אָן, וווהין איז דאָס פאַר־רעכץ, און הייב זיך אָן קלאַפּן מיט די פויסטן אין קאָפּ. און מײַן גאָלדעלע, זי גיט מיך אַ כאַפּ פאַר די הענט, איך זאָל זיך אַזוי ניט קאַטעווען, און נעמט פאַרענטפערן איר אַרטשיקן:

— ער איז ניט שולדיק. ער וויל ניט פאָרן, נאָר די עלטערן... מוז ער שוין אויך, און איך — מיט אים...

— גוואַלד וועל איך שרײַען אין אַלע גאַסן. פאַרוואָס מוז ער, און פאַרוואָס מוזסטו?

— מאַמע, ווי פאַרשטייסטו ניט? — רעדט זי מיר אײַן, ווי מע רעדט אײַן אַ קליין קינד. — און ווען איך דאַרף מיט אים אוועק אין עק וועלט, צי אפילו אָף אַנדער פּלאַנעטע? מאַמע, ביסט גאָר קיינמאָל ניט געוועזן פאַרליבט?

ווי איז מיר, צי איך בין געוועזן פאַרליבט... ס'איז דען אַ זאַך אָף צו דערציילן?

זיצן מיר ביידע, איך און מײַן גאָלדעלע, און וויינען. פאַרוואָס זי וויינט, ווייס איך ניט, נאָר איך פיל שוין, איך פיל שוין איר אומגליק און באַוויין איר צעשעטערטע ליבע. און ביידע וואַרטן מיר מיט שרעק אָפּן טאַטן, וואָס וועט ער זאָגן. איך קען אים גוט, מײַן נאָכמענען, און איך שטעל זיך שוין פאָר, וואָס ער וועט זאָגן. נאָר וויאַזוי, וויאַזוי וועט ער עס זאָגן? כאָטש מיר ענדיקן די אַרבעט אין אייין צײַט, קומט מײַן נאָכמענען אַהיים שפּעטער אָף אַ שאָ. אַמאָל פאַרהאַלט ער זיך אין צעך איבער עפּעס אַן אידיי און אָפטער לעבן מוישע אַלטמאַנס קלויסטער מיט זײַנע דיסקוסיעס. און לויט דעם, ווי ער גייט אַרײַן אין שטוב אַרײַן, ווי ער טוט אַ קוק אָף מיר, ווי ער גיט אַ צי מיט דער נאָז, צי שמעקט ניט פון דער קיך מיט עפּעס געפּרעגלטס, שטויס איך זיך שוין אָן, וואָס פאַר אַ דיסקוסיע דאָס איז געוועזן. צי האָט ער געהאַט פון איר אַ ביסל האַנאָע, צי ס'האָט געהאַלטן באַ פּעטש.

דאָס מאָל איז ער אַרײַן אין שטוב אַ פריילעכער, אַ פאַרפאַליעטער און אַ פאַרסאָפּעטער, ווי עמעצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים, און דאָס פּאָנעם זײַנס, נאָך אַן ערשטמײַקער דע־מאָנסטראַציע, ווען עס ווילט זיך וואָס גיכער נעמען אַ קויסעלע. דאָס האַרץ פאַלט מיר שיר ניט אַרויס, און איך טו אַ טראַכט אַ דערצאַרנטע: וואָס איז הײַנט די גדולע אָף דיר? מײַן נאָכמענען זאָגט דערוויַל גאָרנישט ניט, באַקוקט אונדז ביידע מיט זײַנע יאָמטעוודיקע אויגן, און אים ווערט, אַפּאָנעם, מאָדנע, וואָס מיר זײַנען ווײַט ניט קיין יאָמטעוודיקע, טוט ער אַ פרעג אָן איבעראַשטער:

— וואָס זיצט איר ביידע ווי נאָך אַ לעווײַע?

מײַן גאָלדעלע כאַפּט אַ קוק אָף מיר, און איך אָף מײַן גאָלדעלען, ווער, הייסט עס, זאָל זיך אָנרופן. וואָס הייסט, ווער? אַוודע איך.

— איר אַרטשיק... — רעד איך קוים אַרויס.

— ארטשיק? — ווערט מײַן נאַכמען שטאַרק איבערגעשראָקן. — וואָס האָט געטראָפן מיט ארטשיקן?

— באַרויִק זיך, מיט ארטשיקן האָט גאָרנישט ניט געטראָפן. נאָר ער פאָרט אַוועק.

— וווּהין פאָרט ער?

נעם איך אים שוין אויך פאַרענטפערן:

— ער איז ניט שולדיק, ארטשיק. נאָר די עלטערן... מוז ער שוין אויך...

מײַן נאַכמענען דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן. ער שטויסט זיך גלײַך אָן, ווערט גלײַך דערצאָרנט און טוט בײַז אַ פּאַטשע מיט דער האַנט:

— איז זאָל ער זיך פאָרן געזונטערהייט, אויב ער איז אַזוי גרינג אַף דער פּוּר!

האָט שוין גאָלדעלע ניט אויסגעהאַלטן און ווידער זיך צעכליפּעט:

— און איך... און איך...

— וואָס דו? — צי האָט טאַקע מײַן נאַכמען ניט פאַרשטאַנען, צי געמאַכט זיך, אַז ער פאַר־שטייט ניט.

— איך פאָר אויך מיט אים.

— דו? דו אויך? דו מיט אים?

איך ווייס אַליין ניט, וואָס עס איז געשען מיט מיר און פאַרוואָס איך האָב זיך אַזוי צע־שריִען. נאָר ווען ער האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע אַ שטאָלנס און אַ בלענדנ־דיקס און דאָס פאַרהויבן אין דער הייך... כ'האָב געמיינט, ס'איז אַ מעסער, טאַקע יענץ מע־סער... אָט־אָט לאָזט ער דאָס אַראָפּ אַף גאָלדעלען. און נאַכמען, ווי גאָר ניט געהערט מײַן קוויטש, האָט אַ פּאַטשע געטאָן מיטן שטאָלענעם שפּילעכל און אונטערגעטראָגן דאָס נאָענט צו גאָלדעלעס פּאָנעם.

— נאַ, טו אַ קוק, וואָס אַף דעם איז אויסגעשליפן?

האָט גאָלדעלע אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט די פאַרטרערטע אויגן און זיך אײַנגעקוקט אינעם שטיקל שטאָל, שטויענדיק און פלאַטערנדיק.

— ענ. על. — האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט אַף אַ קאָל די צוויי אויסגעקריצטע אויסיעס.

— און דו ווייסט, וואָס דאָס איז?

— ניין, — ענטפערט גאָלדעלע.

— מײַן פערזענלעכער שטעמפּל.

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ שטאָלץ און מיט אַזוי פיל צאָרן, אַז איך האָב ניט געוווּסט, ווי דאָס אויפצונעמען. צי זאָל איך זיך פרייען, צי וואַרטן אַף אַ נײַער צאָרע. און ער, נאַכמען, שויך צו אונדז ביידע:

— איר פאַרשטייט כאָטש, וואָס דאָס איז? אָן אייגענע פירמע! אַף יעדער דעטאַל, וואָס איך שלײַף אויס, שטעמפּל איך אָפּ די צוויי ראַשעטייווועס. און פאַרטיק. און מע דאַרף שוין ניט קיין דערלויבעניש פון טעכנישן קאָנטראָל. די דעטאַל גייט גלײַך אַוועק אין זאַמל־צעך און ווערט אַרײַנגעפּראָוועט אַהין, ווו מע דאַרף. און אונדזערע מאַשינעס ווערן דאָך עקספּאָר־טירט ווו די וועלט האָט אַן עק! און אומעטום וועט מען אַף יעדער מאַשין אין עטלעכע ערטער איבערלייענען: ענ. על. דאָס הייסט — איך אַליין מיט מײַן נאָמען און פאַמיליע. העכסטע גאַ־ראַנטיע. פאַרשטייט איר שוין?

אַרײַנגעלייגט דעם שטעמפּל צוריק אין דער בוזעם־קעשענע, האָט ער זיך צוגעזעצט צום טיש, צוגעקוועטשט מיט ביידע הענט די שלייפן און אָנגעהויבן רעדן, ווי צו זיך אַליין:

— אַזאַ יאָמטעוו היינט בײַ מיר. איך זאָלט געוועזן הערן, וואָס דער דירעקטאָר האָט גע־זאָגט, ווען ער האָט פאַרן גאַנצן אוילעם פון אונדזער צעך מיר איבערגעגעבן דעם שטעמפּל... ער איז פּלוצלינג אַנשוויגן געוואָרן. נאָר איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וועלכע ביטערע פּאַ־ראַדאָקסן עס בושעווען בײַ אים אינווייניק. און פּלוצלינג... כּי וואָלט ער זי שוין בעסער געוווּן אויסגעזידלט אָדער אפילו דערלאַנגט איר אַ פּאַטש. נאָר אַ מענטש זאָל אַזוינס אַרויס־רעדן:

— ווילסט פאָרן מיט דײַן ארטשיקן, פאָר. נאָר פאַרגעס, אַז דו האָסט אַמאָל געהאַט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען.

— נאַכמען, דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? — מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס באַפאַלט מיך אַ כאַלאַשעס. — האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס ליבע הייסט? ווען מיר אַליין — איך מיט דיר! און דאָס מעסער!..

אין די געדאַנקען האָט גיסיע עפּשער אויסגעלייגט אַלץ ווי עס דאַרף צו זײַן און דורכגע־פירט אַ בריקל פון איין געשיכטע צו דער צווייטער, נאָר די געדאַנקען זײַנען בײַ איר גע־

פלויגן אזוי גיך, אז זי האָט ניט באַוויזן זיי אַרויסזאָגן. געקומען אַ ביסל צו־זיך נאָך דעם, ווי זי האָט אפּסנײַ איבערגעלעבט יענע שווערע מינוטן, אַ קוק געטאָן אויף דער ריי, צי קאָן זי דערציילן ווײַטער, צי עפּשער אָפּלייגן אויף מאָרגן, האָט זי אַ פֿיר געטאָן מיט די פֿינגער איבער די ליפּן, אַזוי ריין־ווײַבעריש אַ פֿיר געטאָן איבער זיי, אַ ביסל זיי צונויפֿגעשנורעוועט, גלײַך צוריק זיי פֿאַנאַנדערגעגלעט און זיך אָנגערופֿן:

— איר טראַכט געוויס וועגן דעם מעסער, פֿאַרוואָס האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן, און ווי קומט אַהער בכלל אַ מעסער. איר ווייסט, מײַן טאַטע איז געווען אַ פֿאַרבער...

אַ זאָג געטאָן און ווי אומיסטן אַנשוויגן געוואָרן, איך זאָל האָבן צײַט ווידער דערשטוינט צו ווערן פֿון אירע פּלוצלינגדיקע איבערגאַנגען.

— יאָ. ייִסראָעל פֿאַרבער האָט מען אים גערופֿן. זומער און ווינטער האָבן אַרום אונדזער שטיבל אויף עטלעכע שטריק זיך געטריקנט וואָלענע פּאַסמעס. גרינע און רויטע, שוואַרצע און געלע, גרויע און טונקל־בלויע. נאָר מערסטנטייל גרינע. אַלע מאָלדאַוואַנער פֿון די אַרומיקע דערפֿער האָבן געבראַכט צו אונדז פֿאַרבן זייער וואָל, און אַלע האָבן געוואָלט וואָס מער גרינע. מײַן טאַטנס פּאָנעם, אַ ביסל אַ געשטופּלטס, איז געווען פֿול מיט קאָלירטע פֿינטעלעך, וואָס מע האָט ניט געקענט אַראָפּוואַשן. מערסטנטייל, ווידער גרינע. אייניקע האָבן אים טאַקע גערופֿן — ייִסראָעל דער גרינער. און ניט הײַנט געדאַכט, ווען אַנטאָנעסקו האָט אונדז אוועקגעטריבן אין טראַנסניסטריע, יעדערער האָט מיטגענומען מיט זיך דאָס סאַמע ווערטפֿולע, האָט מײַן טאַטע אָנגעפּאַקעוועט אַ פֿולע טאָרבע מיט פֿאַרבן. וויאַזוי האָט ער דאָס דערטאַסקעט ביז בערשאַדער געטאָ, ווייס איך ביז הײַנט ניט. געקומען קיין בערשאַד, האָט ער אָנגעהויבן זיך נאָכפֿרעגן, ווו וווינט דאָ אַ פֿאַרבער, געמיינט, אַז זיי וועלן מאַכן אַ שטיקל שותּפֿעס און ווי־ניט־איז ציִען די כּאַיונע. אַזוי האָבן מיר זיך באַזעצט באַ זיי, באַ נאַכמענס עלטערן. נאַכמענס טאַטע איז אויך געווען אַ פֿאַרבער. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר דרײַצן, און נאַכמען אַ יאָר זעכצן צי זיבעצן. ער האָט יענץ יאָר געהאַט געענדיקט די מיטלשול. נאָר וואָס פֿאַרבן, ווער פֿאַרבן, ווען עמען איז דאַן אָנגעגאַנגען דאָס פֿאַרבן, אַז מענטשן זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער, פֿון קעלט און פֿון פֿאַרשיידענע שלאַפֿקײַטן. ס׳איז דען צו איבערדערציילן, וואָס אין בערשאַדער געטאָ האָט זיך אָפּגעטאָן! און מײַן טאַטע אויך אין אַ יאָר אַרום, און מײַן מאַמע אויך: אין אַ יאָר אַרום נאָכן טאַטן. און איך אַליין וואָלט אויך אוועק נאָך זיי, ווען ניט נאַכמען. נאָר, אַז ס׳איז באַשערט...

דאָס ערשטע מאָל האָט גיסיע אַליין אַ ביסל זיך פֿאַרפּלאָנטערט און ניט געוווּסט, וויאַזוי ווײַטער צו דערציילן. דערצו האָט זי עפּשער ניט געקאָנט בײַקומען די אייגענע וואַקלענישן. זי האָט דערבײַ אַ ביסל זיך פֿאַרויטלט, ווי אין די ערשטע מינוטן פֿון אונדזער באַקאַנטשאַפֿט, ווען זי האָט געזאָגט, אַז איר גאָלדעלע האָט אין וועמען געראָטן צו זײַן. איצט, ווען איך שרײַב דאָס אַלץ אויף, קאָן איך זיך מעשער זײַן, אַז אין יענער מינוט האָט זי דערפֿילט אין זיך יענע פּאָפּצניאַריקע גיסיע מיט איר צעבליטער מיידלשאַפֿט, מיט אַזוינס, וועגן וואָס ס׳איז שווער צו דערציילן. זי האָט טאַקע אַ שמייכל געטאָן מיט יענעם פֿאַרשעמט שמייכעלע און געזאָגט, ווי צו זיך אַליין:

— איך ווייס שוין ניט, וועגן וואָס פֿריִער צו דערציילן. צי וועגן דעם, וויאַזוי נאַכמען איז בעסאַד־סוידעס געוואָרן אַ פֿאַרבינדלער צווישן די פּאַרטיזאַנער און אונטערערדלער, צי וועגן דעם, וואָס דאָס איז אַזוינס — אַ ליבע אין געטאָ. יאָ, יאָ, איר מעגט מיר גלייבן, געווען, געווען אין געטאָ אַ סאַך שיינע ליבעס. און כאַסענעס אויך. אין איין שטוב האָט מען באַווייִנט מייסים, און אין אַ צווייטער האָט מען געפּראַוועט אַ כאַסענע. און איך מיט נאַכמענען... מיט איין וואָרט, איך האָב זיך פֿאַרליבט. און אַלע מאָל, ווען ער האָט געדאַרפֿט אוועק אויף עטלעכע טעג אין אַ ריזיקאַלער שליכעס, בין איך ניט געשלאָפֿן דורך די נעכט... כ׳האָב געציטערט, טאָמער, כאָלילע, טרעפֿט זיך עפּעס מיט אים. אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿערצן... נאָר ליבע פֿרעגט דען אַ מעטריקע? און דאָ קומט די געשיכטע וועגן מעסער. דאָס האָט טאַקע אַ שײַכעס צו אונדזער ליבע. מאָלט אײַך, אַ ליבע אין געטאָ. אַ שטומע און אַ שווערע. מע האָט דען געמעגט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, אַז אויף יעדער שריט און טריט האָט געבושעוועט דער טויט? האָב איך ניט געוווּסט, וואָס ער טראַכט וועגן מיר. און ער, נאַכמען, אויך דאָס זעלבע. און דערצו נאָך די שרעק, אַ ליבע פֿון סאַמע שרעק. און דאָס איז געווען דער גרעסטער סימען. „גאָטעניו, — האָב איך ניט איין מאָל געטראַכט, — טאָמער טרעפֿט זיך עפּעס מיט אים, וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן״.

יאָ, איר ווילט דאָך וויסן וועגן מעסער. איך ווייס אַליין ניט, פֿאַרוואָס האָט מען אים געגעבן ניט קיין פּיסטאָלעט, ניט קיין אַנדער־שטיק געווער, נאָר אַ מעסער. מיסטאָמע איז געווען אַ סײַכל דערבײַ. טאָמער טרעפֿט ער אָן אויף עמעצן און מע נעמט אים באַזוכן, איז

וואָס, ניט מער, ווי א מעסער. נאָר דער אלטער טאראס האָט דאָס מעסער אזוי אויסגעשלײַפֿט, אז פאר א נויט האָט עס געקאָנט דינען זיכערער, ווי א פיסטאָלעט. איך האָב נאָך אײַך ניט דערציילט וועגן טאראסן? ער האָט געוווינט אפן סאמע ברעג, שוין פון יענער זײַט געטאָ, ניט ווײַט פונעם בוג, און איז אויך געוועזן פון יענע. בא אים האָבן זיך אָפט באגעגנט און אויסבאהאלטן פארטיזאנער און אונטערערדלער, און ער האָט שטענדיק געוווּסט דעם פאראָל. אזוי האָט מיר נאכמען דערנאָך דערציילט וועגן אים. נאָר דאן האָב איך דאָס ניט געוווּסט, אפילע ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אזוינס — פאראָל. נאָר א מעסער האָב איך געזען בא נאכמענען ניט איין מאָל. און אלע מאָל איז מיר פארכאלעשט געוואָרן דאָס הארץ, פון ליבע און פון שרעק. הערט א מײַסע! איך גיי קוים ארום, דער קאָפּ דרייט זיך מיר, און איך אליין שאָקל זיך, ווי א יונג ביימעלע פון יעדער מינדסט ווינטעלע, עס ווערט מיר אלע מאָל ניט גוט אף צו כאלעשן. איך בין שוין מער טויט, ווי לעבעדיק, נאָר דאָס הארץ... גיי מאך עפּעס, אז דאָס הארץ...

ס'איז שוין געוועזן ווינטער. פון יענער זײַט געטאָ, דאָרטן באם בוג, האָבן שוין אָנגעהויבן גרינען די ביימער. און די ווערבעס... איר האָט געזען, ווי ווערבעס צוויטען? זיי צוויטען מיט צוגעזשמורעטע אויגן. האָט עס מיך א צי געטאָן צום טײַך, צו די ווערבעס... אויב שטארבן, האָב איך געטראכט, איז דאָרטן, אונטער די ביימער. ליג איך באם טײַך, קוק זיך אײַן אין בלויען הימל. און דער צוויט פון די ווערבעס — ווי ליכטלעך איבער מײַן קאָפּ. און ס'איז מיר גוט... און עס ווילט זיך וויינען... און עס ווילט זיך שוין וואָס גיכער שטארבן... און עס ווילט זיך אזוי לעבן! און פלוצעם, פון אײנעם א בוים — נאכמען! ער קוקט אראָפּ צו מיר און באווײַזט זײַן מעסער. און דאָס מעסער גלאנצט און בלענדט, ווי די זון אליין. איך בין שוין געוועזן, אפאָנעם, ניט בא די געדאנקען, און מיר האָט זיך געדוכט, אז דאָס איז געקומען צו פליִען דער מאלכאמאָוועס. נאָר פארוואָס האָט ער זיך געדארפט פארשטעלן פאר נאכמע־נען? צי דען זײַנען ליבע און טויט אזעלכע שוטפים? איר וועט אוודע זאָגן: א מעשוגאַס... נאָר גראָד אין יענער מינוט האָב איך זיך געגעבן א שוווּע: אויב איך בלײַב לעבן און אויב נאכמען בלײַבט לעבן, וועל איך די ערשטע אים זאָגן דעם עמעס. און מיר וועלן כאסענע האָבן.

דאָס מעסער איז טאקע געוועזן ניט מער, ווי א כאָלעם, צי עפּשער אזוינס, וואָס האָט זיך מיר געמאָלט פון היץ צי פון שוואכקײַט, נאָר נאכמען איז געוועזן אף אן עמעסן. ער איז געקומען צו לויפן צו די ווערבעס, מיך א כאפּ געטאָן אף די הענט און אוועקגעטראָגן צו טאראסן. פריִער האָט ער אים געזאָגט דעם פאראָל און צוגעוואָרט, ביז טאראס האָט אים געענטפערט דאָס, וואָס מע דארף. דערנאָך האָט ער זיך אים פארטרויט:

— הער, טאראס, דאָס מיידעלע איז מיר טײַערער פון מײַן לעבן. און איך דארף אוועק אף א לענגערער צײַט. גיב איך זי דיר איבער אין דײַנע הענט.

און ווען טאראס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ס'הייסט, אז אף אים מעג מען זיך פאר־לאָזן, האָט נאכמען ארויסגערעדט אזוינס, וואָס עס קלינגט מיר אין די אויערן ביז הײַנטיקן טאָג:

— זאָלסטו וויסן, טאראס... דו האָסט אונדז הײַנט געפירט צו דער כופּע...

די דאָזיקע פאסיקלעך האָב איך אָנגעצייכנט, ווי א סימען פון א לאנג פארצויגענער פּויזע, ווען דעם דערציילער איז שווער פאָרצוזעצן זײַן געשיכטע און באם צוהערער ליגן אפן צונג עטלעכע פראגן מיטאמאָל, נאָר ער קאָן ניט ארויסברענגען קיין וואָרט. שווײַגט מען ביידע. מע שווײַגט לאנג. ביידע דארפן קומען צו־זיך נאָך דעם דערציילטן און נאָך דעם געהערטן, ווען ליבע און טויט האָבן אזוי אויסטערליש זיך אויסגעמישט, און ווען געזיגט האָט די ליבע. און ערשט דערנאָך... א שנורעווע געטאָן די ליפּן, א פיר געטאָן איבער זיי מיט די פינגער און איבער די אויגן, אין וועלכע ס'האָבן א גלאנץ געטאָן טרערן, און ווידער, ווי צו זיך אליין:

— איך ווייס אליין ניט, קעגן וואָס איך האָב דאָס דערציילט. יאָ, איר זאָלט פארשטיין, פארוואָס נאכמענס באריִמט שטעמפּל האָט דאן א גלאנץ געטאָן פאר מיר, ווי יענץ מעסער, און פארוואָס איך האָב זיך אזוי צעשריִען. ווײַל אונדזער גאָלדעלע... ס'איז דאָך ליבע! און אזא זאך דארף מען קאָנען אויסהאלטן!..

און ווידער א קער געטאָן די געשיכטע אף צוריק:

— ווילט איר דאָך וויסן, ווי מיר קומען קיין טשערנאָוויץ? ווען אונדזער סאָוועטישע ארמיי האָט באפרײַט בערשאד און ס'איז געוואָרן אויס געטאָ, זײַנען מיר געבליבן אינדרײַען: איך, נאכמען און זײַן מאמע. דעם טאטן האָט די רומענישע זשאנדארמעריע איינמאָל פארנומען, און מער האָבן מיר אים ניט געזען. זײַנען מיר, ווי פיל אנדערע, אוועק. וווּהין? וואָס ווײַטער

פון אָט דעם שוידערלעכן אָרט מיט אַזויפיל טויטן. כאָטש ס'איז אומעטום געווען דאָס זעלבע. אונדזער שטעטל יעדיניעץ איז אינגאַנצן כאָרעוו געוואָרן. זײַנען מיר אוועק אהער, קיין טשערנאָוויץ. און אזוי, ווי איר זעט, שוין אריבער דרײַסיק יאָר...

און אונדזער גאָלדעלע... א לײַטיש קינד, א ריינע נעשאָמע, און אז טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט ניין, איז ניין. איז ארטשיק אוועקגעפאָרן, און זי איז געבליבן. וואָס זשע, איר האָט גאָרניט געהערט וועגן דעם? די גאַנצע שטאָט האָט געראַשט. מײַן גאָלדעלע האָט א צײַט זיך געשעמט צו באַווײַזן זיך אַף דער גאַס. און איך... איך וואָלט אוואַדע געדאַרפט פרייען זיך, זײַן גליקלעך, וואָס אונדזער טעכטערל איז געבליבן מיט אונדז. נאָר דאָס האַרץ האָט ניט אופגעהערט צו וויינען. דאָס קינד מוטשעט זיך, און איך מיט איר אײַנעם. ווער נאָך קאָן אזוי פאַרשטיין איר ביטער האַרץ? איך זיץ אַף דער ארבעט און זע פאַר זיך גאָרנישט ניט. און אַף דער טריקאָטאַזשנע איז דאָך א קאָנווייער, מע טאָר זיך ניט פאַרקוקן. אויב איך שטעפ ניט צונויף באַצײַטנס די פלייצע מיט די פאָלעס, בלײַבן שטעקן די אַרבל. מײַן שכיינע, אָלע־נע איוואַנאָוונע, טאַקע די, וואָס דאַרף ארײַנניייען די אַרבל, טוט אַלע מאָל א קוק אַף מיר, גיט מיך א טאָרע, ווי זי מונטערט מיך, איך זאָל זיך ניט פאַרקוקן. טו איך א כאַפּ די פלייצע מיט דער פאָלע, שטעפ זיי דורך אַף דער מאַשין, נאָר זע פאַר זיך מײַן גאָלדעלען. דאָס קינד גייט אויס, ווי א ליכט, און איך פאַרשעלט זיך דאָס געביין... עפשער ניט געטאָרט אזוי, עפשער ניט געטאָרט ברעכן אזא ליבע, עפשער וואָלט בעסער געווען... מיר האַרגענען דאָך זי אוועק.

— נאַכמען, וואָס וועט זײַן? — טײַנע איך צו מײַן מאַן. — דאָס קינד לײַדט אזעלכע ווייטעקן!

— נישקאָשע, — ענטפערט ער מיר, — זי וועט אמאָל בענטשן די ווייטעקן, וואָס האָבן איר אָפגעראַטעוועט דאָס לעבן.

נו, ווי געפעלט ער אײַך, מײַן נאַכמען? עמעס, נאָך יענע זײַנע שטראָף־רייד ווייסט ער שוין ניט וואָס צוצוטראַכטן, עס זאָל גאָלדעלען זײַן א ביסל גרינגער. ווו עפעס א טײַערע דובליאָנקע, ווו די שענסטע שטיוועלעך, ווו ערגעץ א קאָפטעלע פון ריינעם וואָל, פאַר אים איז ניטאָ קיין טײַערס, אבי זען אַף גאָלדעלעס פּאָנעם א שמייכעלע. נאָר גראָד דאָס שמיי־כעלע האָט זיך ניט געוואָלט ווײַזן אַף איר פּאָנעם.

פאַר די פּאָר יאָר האָט מען געריידט מײַן גאָלדעלען אזעלכע שידוכים, וואָס איך קאָן ווינטשעווען אַלע מײַנע ליבע. און אַפילע אָן שידוכים. ייִנגלעך האָבן ניט אופגעהערט צו פאַרליבן זיך אין איר. נאָר זי האָט אַף זיי אַפילע קוקן ניט געוואָלט. א גליק, וואָס זי איז אָנגעקומען אַף קורסן און געוואָרן א מעדיצינישע שוועסטער. ניט קיין דאָקטער, ווי די על־טערע טאָכטער, נאָר עס גייט דען אין דעם? ארבעט איז די בעסטע רעפוע. א סימען, הײַנ־טיקן זומער איז געקומען אין אורלויב צו זײַנע קרויווים א באָכערל מיט אזא שיינעם נאָמען — שמוליק. ער לערנט זיך אין לענינגראַד אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. זיי האָבן זיך צופעליק באַקאַנט, און ער האָט זיך גלײַך פאַרליבט אין איר. און שטעלט אײַך פּאָר, ער איז מײַן גאָלדעלען אויך געפעלן געוואָרן. נו, טראַכט איך מיר, דאַנקען גאָט, מיר האָבן ווידער געוווּנען אונדזער טעכטערל. א צאָרע איז אָבער ווי א קרענק, איין מאָל טשעפעט זי זיך צו פון דער זײַט, א צווייט מאָל — פון יענער זײַט... אוי, ס'איז שוין מײַן רייד! מאָרגן וועט איר דאָ זײַן?

דאָס איז געווען שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט איבערגעריסן איר דערציילונג באַם סאַמע רעכטן־גערדיכטן און געצוווּנגען מיך א גאַנצן מעסלעס וואַרטן אַף דער פאָרזע־צונג. גוט, וואָס מיר זײַנען אין איין צײַט געגאַנגען אין פאָליקליניק צוליב פאַרשיידענע איניעקציעס און קימאַט זיך אַלע טאָג געזען. בין איך שוין געגאַנגען אין פאָליקליניק ניט אזוי צוליב די איניעקציעס, ווי אַף א באַגעגעניש מיט גיסיען. נאָר ביז איצט בין איך געווען זיכער, אז עס פיקט זיך אויס דאָס, וואָס מע דאַרף, און אז די געשיכטע דערנעענטערט זיך צו איר גליקלעכן סאָף. וואָס זשע פאַר א נײַע צאָרע? וואָס נאָך וועט מיר גיסיע אונטער־טראָגן אזוינס, וואָס וועט מאַכן צונישט די גאַנצע געשיכטע?

איך האָב זיך שוין דאַפקע געקליבן צוגיין אַפן זאַוואָד, באַקאַנען זיך און דורכשמועסן זיך מיט נאַכמענען. נאָר מיך האָט אָפגעהאַלטן דאָס, וואָס איך ווייס שוין וועגן אים זייער א סאַך, און מיר וועט זײַן זייער שווער צו מאַכן אָן אָנשטעל, אז איך בין געקומען אָנהייבן די באַקאַנטשאַפט פונעם סאַמע אָנהייב. איז אויסגעקומען וואַרטן אַף מאָרגן.

דאָס מאָל איז גיסיע געווען מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף דער נעכטיקער. מיט וואָס, אייגנטלעך, איז מיר שווער געווען צו זאָגן, נאָר זי האָט אויסגעזען ווי א מענטש, וואָס האָט א גאַנצע נאַכט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. וואָס זשע איז געשען מיט איר? שטאַרק זיך דער־פרייט, וואָס זי האָט מיך דערזען, האָט גיסיע אָנגעהויבן רעדן אַפגיך, א סאַך גיכער, ווי געוויינלעך, ווי מוירע געהאַט, מע זאָל זי ניט איבערשלאָגן.

— איך גיי אַרום צו די דאָקטוירים. דער זאָגט, אַז דאָס האַרץ, אַ צווייטער געפינט בא מיר היפּערטאָניע, אַ דריטער האַלט, אַז בא מיר איז די לעבער קאַליע געוואָרן. און איך האַלט זיך אין איין שטעכן... אַטעעף, קאָקאַרבאָקסילאַזע, וויטאַמין בע. וואָס קאָן עס מיר העלפן, אַז דאָס ליגט מיר גאָר אין דער לעבער די מדינגע יִשׂראל... ווער וועט צוטראַכטן אַ רעפּוע פון כאַלאַסן און מעשוגאַסן? און מײַן נאַכמען... נעכטן איז ער געקומען פון דער אַרבעט מאָלע־גדולע.

— גיסיע, ס'איז שוין דאָ! — האָט ער אויסגעשריגן, ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר.

— וואָס איז שוין דאָ? — פרעג איך בא אים.

— ס'איז שוין דאָ אַזאַ געוויקס, גאָר אַ נײַער. איך האָב הײַנט געלייענט אין אַ זשורנאַל. ס'איז ניט קיין ווייץ, ניט קיין קאָרן און ניט קיין גערשטן, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש. און עס באַקומט זיך אַזאַ געשמאַק ברויט, אַף כאַריפּעס. און דעריקער — די גערעטעניש! יעדער העק־טאַר קאָן געבן העכער הונדערט צענטנער. איצט האָבן מיר ניט וואָס מוירע צו האָבן. מעג זײַן צען מיליאַרד מענטשן, צוואַנציק מיליאַרד. אונדזערע קינדער, אייניקלעך און אוראייניק־לעך וועלן האָבן וואָס צו עסן.

— אוי, נאַכמען, — זאָג איך צו אים. — וואָלסט בעסער אַ טראַכט געטאָן, ווי אָפּראַטעווען די עלטערע טאַכטער! ווײַל טאָמער כאַלילע...

די עלטערע טאָכטער אונדזערע, סאָניע, האָט כאַסענע געהאַט קיין קעשענעוו. זי איז אַ דאָקטער, דער מאַן איז אַ דאָקטער, און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, זיי לעבן, האַלעווײַ אַף ווײַטער ניט ערגער, אַ דירע פון דרײַ צימערן, מעבל אַזש פון ריגע געבראַכט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע מיט מײַן גאָלדעלען, האָבן זיי אַליין, די טאָכטער מיטן איידעם, ניט ווייניק גערעדט מיט איר, דערוויזן, אַז זי טאָר ניט, זי דאַרף ניט פאָרן. און פּלוצעם, אָט דאָ ניט לאַנג... זיך אַרײַנגענומען אַ מעשוגאַס אין קאָפּ אַרײַן. וואָס זשע זאָל איך איצט טאָן? איך קאָן דאָס אפילע אין געדאַנק ניט דערלאָזן. איך וויל גאָר ניט דערלעבן דערצו. איר מיינט עפּשער, אַז דאָס קומט פון זיך אַליין? די אויסוווּרפן גייען אַרום איבער די הײַזער, מע רעדט אײַן, מע זאָגט צו גאָלדענע בערג, מע אַגיטירט... איר מיינט, איך ווייס ניט? איך פאַרשטיי נאָר ניט איין זאַך: פאַרוואָס שווײַגט די מעלוכע? זאָג איך אים, מײַן נאַכמענען, בעסער וואָלסטו צוגעטראַכט אַזוינס, אַז זיי זאָלן זיך דאָס אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ.

— איך וועל זיי דאָס אַרויסשלאָגן! — שרײַט ער אַף מיר, ווי איך וואָלט געווען די שולדיקע.

גיסיע כאַפּט אַ קוק, ווי האַלט עס מיט דער רייַ, צי האָט זי נאָך אַ ביסל צײַט, און טוט אַ זאָג, קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן:

— אוי, טראַכט איך איצט אָפּט, ווען מע לאָזט מיך צו צו דער ראַדיאָ אָדער צום טעלע־וויזאָר, אַז די גאַנצע וועלט זאָל מיך הערן און זען. איך וואָלט זיי שוין אַרײַנגעזאָגט, די שווינדלער, וואָס נעמען צו קינדער בא זייערע עלטערן און ווײַזן דערבײַ די מענטשן־רעכט, ניט בא זיך אין דער היים, נאָר בא אונדז. וואָס איז אײַער אייסעק, וואָלט איך זיי געזאָגט, מיר קוקן ניט אַרײַן אין אײַער טעפּל, לאָזט אונדז צורוו! ווער האָט אײַך געגעבן רעכט שיידן קינדער מיט עלטערן, שוועסטער מיט ברידער? ווער האָט אײַך געגעבן רעכט צעשטערן רײנע ליבעס און ברעכן מיידלשע הערצער? און ווען איך האָב אַ שטיקל דייע אין ווערכאָוונע סאָוועט, וואָלט איך געהייסן אָנעמען אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל באַשיצן אונדז אַלעמען פון די ווער־בירער, וואָס האָבן אומגליקלעך געמאַכט טויזנטער ייִדן. איר מיינט, איך ווייס ניט?

אין מײַנע קינדערשע האַרבסטן זײַנען ניט געווען קיין בלעטערפאַלן. אַלץ איז געווען: בייזע ווינטן, אַן עסעריקע קעלט, געדיכטע נעפּלען, נודנע רעגנס און טיפע בלאָטעס, נאָר קיין בלעטערפאַלן זײַנען ניט געווען. פּאַשעט דערפאַר, ווײַל אין אונדזער שטעטל זײַנען ניט געווען קייןביימער. געווען אַ פאָר סעדלעך אַרום די גווירישע הײַזער, נאָר אַזוי ווײַט פון דער באָד־גאַס, אַז איך האָב אפילע ניט געוווּסט וועגן זיי. האָב איך ערשט אין יאָרן אַרום דערזען און דערפילט דעם וווּנדער פון בלעטערפאַל, ווען די געלע, גאָלדענע בלעטער פאַר־לאָזן זייערע נעסטלעך אַף די צווײַגן און לאָזן זיך אַראָפּ, ווי אונטערגעשאָסענע פייגעלעך, אַף דער ערד, באַדעקן זי מיט אַ ווייכן אויסבעט, וואָס בייגט זיך און שורשעט אונטער די פיס, און עס דוכט זיך, אַז די בלעטער קרעכצן פון ווייטיק. און אַלע מאָל, ווען איך שפּאַן איצט איבער די האַרבסטיקע גאַסן פון אונדזער גרינער שטאָט טשערנאָוויץ, וואָס איז פול מיט פאַרקן און סקווערן, מיט ביימער מיקאָל־האַמינים אַף יעדן טריט און שריט, קוק איך זיך אײַן אינעם בונטן געמיש פון פאַרבן, מיט וועלכע עס מינען זיך קעגן דער זון די דעמבן און יאָסענעס, די לינדן און טאָפּאָלן, די קליאָנען און אַקאַציעס. ווען איך שפּאַן איבערן ווייכן אויסבעט און הער זיך אײַן, ווי עס האַלטן אין איין פלאַצן און פאַלן אַף דער ערד די טונקל־

ברוינע קאַשטאַנעס, באַפאַלט מיך א טיפער פאַרדראָס, וואָס איך בין אַזוי באַרויבט געוואָרן אין מײַנע קינדערשע יאָרן, ניט געזען דעם קישעף פון בלעטערפאַל.

אַזוי איז געווען אויך דאָס מאָל, ווען איך האָב געשפּאַנט איבער די האַרבסטיקע גאַסן פון דער שטאָט. פריִער איבער דעם אַלטן טייל, מיט זײַנע באַרג־אַרופן און באַרג־אַראָפּן, מיט די מויערן פון פאַרשיידענע צײַטן און סטילן, מיט די ביימער־זקיינים, וואָס זיי זײַנען אַלט ווער ווייסט וויפל, דערנאָך איבער דעם נײַעם ראַיאָן מיט זײַנע ברייטע גאַסן און פּראָס־פּעקטן, מיט זײַן גלײַכער ראַכוועסדיקײַט, בלענדנדיקער יונגקײַט און פאַרשיקערנדיקער דופּטיקײַט. יעדער מויער — א באַשעפעניש פאַר זיך, אַן אַרומגעפּלאָנצטער מיט ביימלעך, אַזעלכע יונגע, ווי די גאַסן אַליין. איך האָב געשפּאַנט, אַן אַנציקטער מיט דער אויסטערלישער שפּיל פון די האַרבסטיקע פאַרבן, און זיך נאָכגעפרעגט, וווּ הייבט זיך אָן די גאַס אַף קאָמאַ־ראָווס נאָמען. נעכטן האָט גיסיע, ווי שטענדיק, אָן שום לאַגישער פאַרבינדונג א זאָג געטאָן:

— קומט מאָרגן באַטאָג אַרײַן צו אונדז. מאָרגן איז שאַבעס, א ריינער שאַבעס, א רו־טאָג, וועט איר זיך באַקאַנען מיט מײַן נאַכמענען. און מיר וועלן זיך א ביסל דורכשמועסן. איך האָב דערציילט מײַן נאַכמענען וועגן אײַך, און ער איז אויך א באַלן. מיר וווינען איצט אינעם נײַעם ראַיאָן, אַף קאָמאַראָווע...

גיי איך, פרעג זיך נאָך, ווי פאַרקערעווען אַף קאָמאַראָווע, און זאָג דערבײַ זיך אַליין א ביסעלע מוסער. איבער דעם, וואָס אַלע מאָל פאַרטשעפּע איך זיך פאַר אַן אַנדער געשיכטע און קאָן זיך פון איר ניט אָפּטשעפּען. און איך ווער שוין ניט בלויז איר דערציילער און איבערדערציילער, נאָר איך נעם שטענדיק זיך אַליין אַרײַן אין קאָן, ווער א שטיקעלע שוטעף צו איר, און מיר ווילט זיך שוין אַרײַנמישן זיך אין איר גאַנג, צוטראַכטן און אופטאָן עפּעס אַזוינס, אַז די געשיכטע זאָל זיך ענדיקן גוט. איך בין געגאַנגען און געטראַכט וועגן די טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן, אין וועלכע ס׳האָט זיך אַלץ איבערגעמישט — די אַלטע שטאָט מיט דער נײַער און דאָס נײַע לעבן מיט די רעשטלעך פונעם אַלטן.

פאַרשטייט זיך, בא מיר איז דאָ געווען א באַזונדערער אינטערעס. איך האָב דאָך זיך אָנגעמאָלט נאַכמענען הינטער־אויגיק, לויט דעם, וואָס גיסיע האָט מיר דערציילט. איצט האָב איך געדאַרפט אָדער באַשטעטיקן מײַן פאַרשטעלונג, אָדער אָפּוואַרפן זי, אָדער אַרײַנטראָגן די נייטיקע קאָרעקטיוון. דעריקער זײַנען אָבער די צוויי טעכטער, באַזונדערס די עלטערע, די קעשענעווער. נאָר וואָס קאָן איך דאָ אייצענען? וואָס קאָן מען דאָ ביכלאַל אייצענען, אַז אָפּטמאָל פרעגן די קינדער ניט קיין אייצעס בא זייערע עלטערן? אין דעם גייט עס דאָך!

נאַכמענס דירע איז אָפּן דריטן שטאָק. א הײַנטצײַטיקע דירע פון צוויי צימערן, מיט הײַנטצײַטיק מעבל, מיט אַלע איבעריקע הײַנטצײַטיקײַטן, וואָס מאַכן איין דירע ענלעך אַף דער צווייטער. דערפאַר האָט מיך אַזוי איבעראַשט דאָס אַלטע, אַלטמאָדישע טישל באַם פענצטער, פאַרשפּרייט מיט אַן אַלטמאָדיש ווײַס טישטעכל, און מער פון אַלץ די צוויי אַלט־מאָדישע לײַכטער, וואָס האָבן געגלאַנצט, ווי מע האָט זיי נאַרוואָס, ריכטיקער, ערעוו שאַבעס, אויסגעריבן מיט זאַמד.

אין דער היים האָב איך געטראָפן בלויז גיסיען. נאַכמען איז, ווי זי האָט דערקלערט, אַרויסגעלאָפן אַף א ווײַלע אין קלייט, און גאָלדעלע האָט, צו איר גרויסן פאַרדראָס, געמוזט אוועק דעזשורען אין שפּיטאָל. האָב איך געהאַט עטלעכע פרײַע מינוט אַף באַקוקן די דירע.

— איר בענטשט ליכט ערעוו שאַבעס? — האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט.

— אוי, — האָט גיסיע א זיפץ געטאָן, — ניטאָ שוין, ניטאָ שוין די, וואָס האָט געבענטשט ליכט. נאַכמענס מאַמע. זי איז געשטאָרבן מיט א יאָר צען צוריק. נאָר מײַן נאַכמען... ער פאָדערט בא מיר אַלע פרײַטיק פאַרשפּרייטן דער מאַמעס טישל און אוועקשטעלן די לײַכטער, זאָל דער מאַמעס ווינקעלע זײַן אַזאַ, ווי פריִער, האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, א געטרײַער זון. אַליין אין גאָט גלייבט ער ניט, נאָר דער מאַמעס פרומקײַט האָט ער אָפּגעהיט. און פאַרוואָס, מיינט איר? ניט נאָר דער מאַמעס פרומקײַט האָט ער אָפּגעהיט. און פאַרוואָס, מיינט איר? ווײַל דאָס איז געווען, ווי ער זאָגט, ניט קיין געמאַכטע.

איך ווייס ניט, פאַרוואָס גיסיע האָט געדאַרפט רויט ווערן, ווען נאַכמען איז אַרײַנגעקומען. נאָר די פּלוצלינגדיקע פאַרפלאָמטקײַט האָט זי געמאַכט יינגער אָף א יאָר צען, שענער אַף א יאָר צוואַנציק, און איך האָב שוין קלאָר געקאָנט זיך פאָרשטעלן זייער גאָלדעלען. און נאַכמען אַליין. ער איז א ביסל יאָ געווען ענלעך אַף דעם, ווי איך האָב זיך אים אָנגעמאָלט, און א ביסל ניט. מעגלעך דערפאַר, וואָס איך האָב זיך געמאָלט צוויי באַזונדערע נאַכמענס: יענץ זיבעצניאָריק יינגעלע, דעם פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער, וואָס האָט אַרומגעשפּאַנט איבער די שטעט און דערפער פון וויניצער געגנט מיט א מעסער אין דער קעשענע, און דעם איצ־טיקן נאַכמענען, מיט זײַנע פּאַראַדאָקסן און פאַרזענלעכן שטעמפּל, א מענטש, וואָס וויל באַ־

זאָרגן די גאַנצע וועלט און אַלע קומענדיקע דורות. עס האָט זיך אַנגעזען אויף אים זײַן עלטער — אַ מאַן אַריבער די פֿופֿציק, מיט אַלע קנייטשעלעך און קאָרבעלעך, וואָס די צײַט לייגט אָפּ אויפֿן פּנים, מיט אָפּגעסמאַלעטקײַט, מיט גראָווע שלייפֿן, מיט פֿיל אַנדערע זאַכן, וואָס לאָזן זיך ניט אַזוי גרינג אַנזען. בלויז דער בליק האָט פֿאַרהיט אין זיך יענץ אַמאָליקס...

אונדז איז זייער שווער געווען אָנהייבן דעם שמועס גראָד דערפֿאַר, ווײַל קיין אָנהייב האָט ניט געקאָנט זײַן. דער אָנהייב, האָבן מיר געוווּסט, איז שוין געווען פֿריִער. און אַרויס־ציִען עפּעס פֿון דער מיט איז געווען ניט גרינג. האָבן מיר ביידע צוגעשמייכלט, זײַענדיק זיכער, אַז דער שמייכל אַליין וועט אונדז מאַכן היימישער. האָב איך שוין געמוזט צוטראַכטן, פֿאַר וואָס צו פֿאַרטשעפּען זיך.

— איר זײַט אַ בערשאַדער?

— נו, יאָ, מײַן גיסיע האָט אײַך געוויס דערציילט...

— און איך בין אַ כאַשטשעוואַטער.

געמיינט מיט דעם פּאַשעט דאָס, אַז מיר זײַנען זייער נאָענטע שכנים. ווײַל כאַשטשע־וואַטע מיט בערשאַד... נאָר נאָכמען האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט זײַן יונג קוקעלע, עפּעס צו שטאַרק זיך אײַנגעקוקט און אַזש אָנגעהויבן פֿינטלען מיט די אויגן.

— אַ כאַשטשעוואַטער, זאָגט איר? שאַט, שאַט, איר זעט מיר טאַקע אויס... איך האָב אײַך ערגעץ געזען...

און מיטאַמאָל ביז גאָר איבעראַשט געוואָרן, אָנגעהויבן פֿאַרשיטן מיך מיט פֿראַגן.

— „יונגע יאָרן"?

— נו, יאָ.

— „קאַלטס און וואַרעמס"?

— עמעס.

— אַזאַ פּאַראַדאָקס!..

און צו זײַן גיסיען:

— וואָס זשע האָסטו מיר געדרייט אַ ספּאָדעק, סידי טאַלס אַ באַקאַנטער. און טאַקע אַ נאָענטער באַקאַנטער. דאָס איז דאָך...

און ווידער צו מיר:

— אוי, האָב איך געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אײַך. באַזונדערס, ווען איך האָב געלייענט „צווישן דניעסטער און פּרוט". ס'איז דאָך געווען פּונקט דאַן, ווען ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט די געשיכטע מיט אונדזער גאָלדעלען, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט איר פֿון אונדז אַראָפּגעשריבן. כאָטש אַזעלכע געשיכטעס זײַנען בײַ אונדז אין טשערנאָוויץ געווען ניט ווייניק. איין זאַך אָבער. ווען איך האָב געלייענט, ווען דער זיידע דאָוויד איז אוועק מיט זײַן אייניקל איבער די געסלעך פֿון זײַן יוגנט, האָב איך מײַן גאָלדעלען אויך אוועקגעפֿירט איבער מײַנע געסלעך. איך וויל ניט זאָגן, אַז ס'איז איר געוואָרן דערפֿון גרינגער, נאָר עפּעס האָט זי יאָ פֿאַרשטאַנען. אוי, ווי עס פֿעלן אונדז אַמאָל אַזעלכע קלוגע זיידעס!

איך וואָלט דאָ ווידער געדאַרפֿט אָנצייכענען עטלעכע פּאַסיקלעך, ווי אַ סימען פֿון אַ לאַנגער פּאַוזע. און ווער ווייסט, וויפֿל זי וואָלט זיך פֿאַרצויגן. נאָר נאָכמען האָט זיך אָנגערופֿן:

— דו ווייסט, גיסיע? איך האָב זיך צונויפֿגערעדט מיטן שעף פֿון אונדזער צעך, גענומען אורלויב אויף עטלעכע טעג, און טאַקע הײַנט פֿאָר איך קיין קעשענעוו. איך וועל שוין אַרויס־שלאָגן פֿון זייערע קעפּ די מעשוגאַסן! נישקאָשע, מיר זײַנען נאָך דערוויַיל טאַטעס פֿון אונד־זערע קינדער.

גיסיעס פּנים שײַנט פֿאַר פֿרייד. זי שמייכלט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, אויסדריקנדיק איר פֿולע האַסקאָמע מיט נאָכמענס ווערטער, ווי אויך איר זיכערקײַט, אַז איר נאָכמען וועט שוין עפּעס צוטראַכטן. דערנאָך רופֿט זי זיך אָן צו מיר:

— עפּשער וועט איר טרינקען אַ גלעזל טיי?

בראָכע און ארן בורשטײַן

פערמער סאָציאָלאָגן

וועגן דעם, אז ס׳וועט פאָרקומען א זיצונג פון די פערמער ביבליאָפילן, האָט די אָונט־צײַטונג געמאָלדן ברייט, ניט געקארגט. די טעמע האָט בעפיירעש געהאט די ווערט: „פאנטאסטיק און פוטוראָלאָגיע". און געוויס וואָלט שוין בלויז דאָס אליין געווען איבערגע־נוג אף צונויפנעמען א גאנץ שיינעם אוילעם, לאָזט זיך נאָך אויס, אז אין דער זיצונג דארף זיך באטייליקן דער באוווסטער פּראָפעסאָר ז. אי. פײַנבורג. א קלייניקײַט — זאכאר איליטש: דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע, פארוואלטער פון א קאטעדרע און פון א סאָציאָלאָגישער לאבאָרא־טאָריע, וועלכער איז ברייט באוווסט אין דער וויסנשאפטלעכער וועלט ניט נאָר בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד, נאָר אין אויסלאנד. און כוץ דעם, וויבאלד ס׳גייט וועגן פאנטאסטיק, ווייסט אין פערם יעדער ביבליאָפיל, אז דער פּראָפע־סאָר איז פערזענלעך באקאנט מיט אונדזערע גרויסע שרײַבער־פאנטאסטן די ברידער סטרו־גאצקי און מיטן בארימטן סטאניסלאוו לעם.

אונדז גופע האָט דער פאָרשטייענדיקער קאבאָלעס־פּאָנעם פאר פײַנבורגן אינטערעסירט אויך דערפאר, וואָס מיר זײַנען שוין פון לאנג ארײַנגעצויגן אינעם קרײַז פון די פערמער סאָ־ציאָלאָגן און זײַנען ווײַט ניט גלײַכגילטיק צום איניען.

ערעוו דער זיצונג זײַנען די ביכער־ליבהאָ־בער א ביסעלע אופגערעגט, דאָ און דאָרט פאר־בינדן זיך קורצע דיסקוסיעס, מע באהאנדלט די עצעם פּראָבלעם פון דער טעמע, מע מאכט פּראָגנאָזן. עס פילט זיך, אז אלע קוקן ארויס אף עפּעס אויסערגעוויינלעכס: אָט קומט באלד דער פּראָפעסאָר, וועט ער שוין צעשטעלן אלצ־דינג אף די ערטער — וועלכע פון דער נעוויִעס פון די פאנטאסטן קאָן יאָ האָבן א קיִעם אין דער צוקונפט און וואָס איז דאָרט פּאָשעט א נארישקײַט, וואָס די הײַנטצײַטיקע וויסנשאפט האלט פאר פּוסטע כאלוימעס.

— די פאנטאסטן זײַנען ניט קיין נעוויִים אָדער טרעפערס. איך בין ביכלאל קעגן קאָ־לערליי אומפאראנטוואָרטלעכע פּראָגנאָזן! — אזוי האָט אָנגעהויבן פײַנבורג זײַן ארויסטרע־טונג.

פארכאפּטע מיט דער אינטריגירנדיקער מעלדונג אין דער צײַטונג, האָבן די ביבליאָ־פילן פארפולט דעם זאל, צעכאפּט אלע ערטער און זיך צוגעגרייט אופמערקזאם אויסצוהערן אן ערנסטע לעקציע. זאכאר איליטש איז אָבער זאט מיט לייענען לעקציעס. אויסער דעם, האלט ער, אז ניט דאָ איז דאָס אָרט פאר דעם: וואָס דארף ער זיך צווינגען שפּילן די ראָליע פון אן אָראקול, ווען מ׳קאָן פּאָשעט דורכשמועסן זיך מיטן אוילעם וועגן אייניקע אספּעקטן פון דעם געגנשטאנד? און דער פּראָפעסאָר רוקט נעענ־טער צו א בענקל צום טיש, זעצט זיך באקוועם אנידער, דערלאנגט פון זײַן גרויסן פּאָרטפעל א טערמאָסל, שרויפט פון דעם אָפּ דאָס איי־בערשטע דעקעלע. איבערן זאל צעשפּרייט זיך א דופטיקער רייעך פון קאווע. ס׳ווערט טייקעף אין צימער היימלעך און היימיש. פאר פײַנ־בורגן איז אָן סאָפעק קיין סאָד ניט, אז ער איז שטארק כאָשעוו בא די צונויפגעקומענע, אָבער ער האלט זיך, ווי שטענדיק, פּראָסט, קיין סי־מען פון גאדלעס. די אָנגעשטרענגטקײַט פון די ערשטע מינוטן פארשווינדט. דער אוילעם דער־פילט זיך מיט פײַנבורגן פרײַ, ווי מיט אן על־טערן כאווער, און מ׳איז גרייט אופמערקזאם אויסצוהערן זײַנע קלוגע דיבורים.

— אָן א שיר גרעסערע אכט, — זעצט פאָר דער פּראָפעסאָר, — פארדינט די פראגע, פאר־

וואָס די פאנטאסטיק איז געוואָרן בא הײַנטיקן טאָג דער זשאנער פונעם יאָרהונדערט...

און ס'האָט זיך פארבונדן א שמועס, גאָר ניט פאר קיין קלײַנעדיקע פיפיקע באַכערימלעך, וואָס זײַנען נײַגעריק צום איראַציאָנעלן — צו די הײַנטיקע שיידים און מאכעשייפעס, קלײנינקע גרינע מענטשעלעך מיט שפיצעכיקע אויערן, אָדער צו אנדערע ניט ווינציקער עקזאָטישע באשעפענישן. ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן אונדזער צײַט און אונדזער דאָר, בעאשער („בײַשער", זאָגט מען בא אונדז) די וויסנשאפטלעכע ווערט פון אזא פאנטאסטיק באשטייט טאקע אין דעם, וואָס אזויארום גיט זיך ניט זעלטן אײַן דורכמאָדעלירן — מעג זײַן כאָטש אין זינען — די הײַנטיקע פראָבלעמען פון דער געזעלשאפט אין אייניקע געענדערטע, אויסערגעוויינלעכע באדינגונגען, ווי אויך דעם קומענדיקן, מאָרגנדיקן טאָג, זעלבסטפארשטענדלעך מאכמעס די שפראָצן פון צוקונפט באווײַזן זיך אין דער הײַנטצײַטיקײַט, און די פאנטאסטיק דערלויבט אונדז דערזען זיי וואָס בעסער. אָט וועגן דעם האָט מוידיע געוועזן פײַנבורג.

— הייסט עס, אויב כ'האָב אײַך ריכטיק פארשטאנען, איר זוכט פאר דער געזעלשאפט הארמאָניע? — האָט זיך ארויסגעכאפט א יונגער באָכער מיט א קוטשעראווער באָרד.

— הארמאָניע איז גלײַכער צו זוכן אין קראָם, — האָט, שפילנדיק מיט די ווערטער, זיך א כאָכמע געטאָן דער פראָפעסאָר און ווארעם א שמייכל געטאָן דערבײַ. — אין לעבן טרעפט זיך הויפטזאכלעך ווידערשפרוכן. אָבער... גראַדע זיי רוקן דאָס לעבן פאָרויס, פירן אָן מיט דער אנטוויקלונג — פארשטייט זיך, ווען מע זעט זיי פאָרויס און מע פלאנירט ווי ס'דארף צו זײַן זייער דערלייזונג.

— דאָס איז, אפּאָנעם, גערעדט בענעגייע דער געזעלשאפט ביכלאל. און ווי באשטייט עס מיט א פערזענלעכקײַט? — כאפט זיך ארויס א מיידל, לויטן פירעכץ — פון פײַנבורגס טאלמידים.

— מיט א פערזענלעכקײַט איז דאָס זעלבע. דאָ באמערק איך ניט קיין שום כילעק. כ'בין איבערצײַגט, אז די סאָציאלע שטריכן פון א פערזענלעכקײַט דארפן אויך פלאנירט ווערן.

מיר האָבן זיך אײַנגעהערט אינעם מיינונגסאויסטויש און געטראכט, אז די סאָציאלע פלאנירונג פון א פערזענלעכקײַט, פון באזונדערע קאָלעקטיוון, פון גרויסע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס (גאנצע שטעט!) — דאָס, מיט וואָס ס'פארנעמט זיך שוין אין מעשעך פון א סאך יאָרן פײַנבורגס לאבאָראטאָריע — איז פיל אינטערעסאנטער און פארכאפנדיקער פון יעדער פאנטאסטיק.

סאָציאלע פלאנירונג... הײַנט איז דאָס שוין א געוויינלעכע לעבנס־דערשײַנונג. דער סאָציאלער פלאן פון אן אונטערנעמונג איז הײַנט קיין כידעש ניט, גיכער דארף שוין מיסטאמע באלד ווערן פארקערט: א כידעש, אויב ער פעלט אויס. די זאָרג פארן מענטשן איז אין אונדזער געזעלשאפט א נאָרמע פון געזעלשאפטלעכן באוווסטזײַן. איצט שטייען שוין אפן סיידער האיאָם פלענער פון סאָציאלער אנטוויקלונג פאר גאנצע יישווים.

אָבער מיט א יאָר צוועלף צוריק, אין דער מיט פון די זעכציקער, ווען מ'האָט ערשט אָנגעהויבן אייסעקן זיך דערמיט, איז צווישן די ערשטע, וואָס האָבן א טראָט געגעבן אף דער סטעזשקע פון כאווערן זיך מיט די סאָציאָלאָגן, באם אָנהייב־וועג געשטאנען באפיירעש דער פערמער טעלעפאָן־זאוואָד. מיט דער צײַט וועט נאָך געמאָלדן ווערן אף איינער פון די פאראנטוואָרטלעכע זיצונגען אין מאָסקווע, אז ביכלאל האָט מען זיך אָנגעהויבן ערנסט פארנעמען מיט דעם איניען צום ערשטן אין לענינגראַד, לוואָוו און אין פערם. הייסט עס, די פערמער סאָציאָלאָגן זײַנען געשטאנען באם וויגל פון דער באוועגונג, און דער פערמער טעלעפאָן־זאוואָד איז געוועזן פון די ערשטע ניט נאָר בא זיך אין דער היים, נאָר אויך אינעם גאנצן פארבאנד. און ווי ס'מאכט זיך אין אזעלכע פאלן, איז דאָס נײַע אופגענומען געוואָרן ניט זייער פראָסט. זאָל זײַן אפילע דערפאר, וואָס לעכאטכילע האָט מען דאָס מער בא קיינעם נאָך ניט געזען, און ס'פרעגט זיך א שײַלע, פארוואָס דאפקע אָט דער זאוואָד האָט געזאָלט ווערן דער פיאָנער? ווייניק דען פאראן גרעסערע, מער באוווסטע זאוואָדן?

יעדע שײַלע מוז האָבן אן ענטפער. דאָ דארף מען אים ווײַט ניט גיין זוכן. געוויס ליגט דערינען פיל סיבעס, נאָר צווישן זיי איז אויך פאראן די, וואָס בעראָש פונעם פערמער זאוואָד שטייט אן אויסגעצייכנטער מענטש — אי. פּ. טיטארענקאָ. ס'איז מיסטאם ניט קעדײַ אויסצורעכענען דאָס גאנצע צעטל פון זײַנע אופטוען, ס'וואָלט פארנומען צופיל אָרט. וואָס איז שײַעך אונדזער איניען, ליגט, אפּאָנעם, אין טאָך פון דער זאך זײַן אויסערגעוויינלעכע אופמערקזאמקײַט צו מענטשן. מיר גופע האָבן געהאט דאָס מאזל (אנדערש קאָן מען זיך גאָר ניט אויסדריקן) אָנקומען אונטער טיטארענקאָס אָנפירונג, ווען מיר האָבן גלײַך נאָך די הויכשולן אָנגעהויבן ארבעטן אלס אינזשעניערן. פערם איז געוועזן פאר אונדז א ווילד־פרעמדע שטאָט. ניט קיין קרויווים, ניט קיין באקאנטע. קיין ווױנונג — אוואדע און אוואדע ניט. אין יענע יאָרן באקומען א דירע אין דער געדיכט באפעלקערטער אינדוסטריעלער שטאָט איז געוועזן

גאָר ניט פון די גרינגע זאַכן. דער זאַוואָד האָט געדונגען פאַר אונדז א צײַטווײַליקע פּריוואַטע דירע. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אז שטאַרק האָפן, מע זאָל איניכן פאַרבעסערן אונדז די באַדינגונגען, איז נאָך א פאַנטאַזיע, ס'איז גע־וויס פאַראַן בילכערע פון אונדז, און מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט געדולד.

האָט זיך געטראָפן, אז ווען מיר האָבן זיך אויסגעקליבן אמאָל אין קינאָ, האָבן מיר דאָרט אין פאָיע צופעליק באַגעגנט דעם דירעקטאָר. אָפּגעגעבן אים שאָלעם און אָפּגעטראָטן דעם וועג. האָט ער אונדז אָבער דערקענט און ניט אויסגעמיטן זיך אָנפרעגן, ווי גייט עס בא אונדז, צי ס'געפעלט די אַרבעט, וו:אַזוי האָבן מיר זיך דאָ אײַנגעאָרדנט. און ער האָט אליין אונדז דערמאָנט, אז אָט בויט מען א הויז, און ווי נאָר ס'וועט פאַרטיק ווערן, וועט מען אונדז באַוואָרענען מיט א נײַער גוטער דירע. און קאַכהאַוועו! וואָס זשע איז דאָ די מײַסע? צי דען האָבן מיר אַזוי אויסגענומען מיט עפּעס? מיט וואָס? אויב אפילע אויסגענומען, איז א סוואָ־רע — בא א גוטהאַרציקן מענטשן.

דעמלט, פאַרשטייט זיך, האָט אונדז דער קאָפּ ניט געדאַרט פון אַזעלכע פּראַגעס. מיר זײַנען פּאָשעט געווען צופרידן, אינדערעמעסן גליקלעך. אָבער אצינד? איצט מעג מען שוין פּרוּוון זיך א גריבל טאָן טיפער, עפשער איז פּאָרט מעגלעך אָפּצוזוכן אן ענטפער. מאַכמעס אונדזער מאָשל איז פאַרן זאַוואָד ניט קיין צו־פאַל, דאָס איז א קלאַל. און גלאַט גוטהאַרצי־קײַט פון א דירעקטאָר — אַזוינס טויג ניט אָף אויסצופירן א קלאַל. גוט זײַן פאַר אַלעמען איז אויסגעשלאָסן! ס'איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אז דאָס וויכטיקסטע פאַר א דירעקטאָר איז אויספילן דעם מעלוכע־פּלאַן. צוליב דעם איז ער געשטעלט אָף זײַן אָרט און באַפולמעכטיקט, דאָס איז זײַן כויוו און זײַן פליכט. אַלצדינג, מיט וואָס א דירעקטאָר פון אן אונטערנעמונג באַשעפטיקט זיך, מוז אונטערגעאָרדנט זײַן צו איין ציל: קוידעמקאָל אויספילן דעם פּלאַן. און לעמײַ דאַרף מען לייקענען, ס'טרעפט נאָך, אז אָנפירער — גרעסערע, קלענערע, — שטרעבנ־דיק צו אָט דעם וויכטיקסטן ציל, פאַרגעסן דערבײַ סײַ אין די, וועמענס מי עס ווערט דערבײַ אויסגענוצט, סײַ אין די, צוליב וועמען דאָס טוט זיך. איוואַן פּיאָדראָוויטש טיטאַרענ־קאָ איז ניט פון אַזעלכע. פאַר אים איז דאָס וויכטיקסטע — דער אַרבעטסמענטש. נו, און דער פּלאַן? דער פּלאַן איז א פּלאַן. שוין א יאָר אַכט, אויב ניט מער, ווי דער זאַוואָד פאַר־נעמט אין דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג דאָס בעקאָוועדיקע אָרט.

צי קאָן דאָס אַלץ הייסן, אז אָפן זאַוואָד זײַנען שוין דערלייזט אַלע פּראָבלעמען? כאָס־וועכאָלילע! ניין און ווידעראַמאָל ניין. לאָמיר זיך דערמאָנען אין פײַנבורגן: ווידערשפּרוכן זײַנען די באַוועגערס פון דער אַנטוויקלונג. אָבער דער נאָרמאַליזירטער פּסיכאָלאָגישער קלימאַט, די גוטע שטימונג, וואָס הערשט צווישן דעם אַרבעטנדיקן אוילעם, נעמט אַראָפּ די אָנגעשטרענגטקײַט, העלפט לייזן די מער־סטע טייל פּראַגעס אָפן בעסטן אויפן.

ניט גלײַך און ניט פּאָשעט איז מען געקור מען דערצו. אין סאָף פון די פופציקער — אָנ־הייב זעכציקער יאָרן האָט דער דירעקטאָר ניט געקאָנט ניט דערפילן, אז בא דער אַרבעט ווערן שוין רײַף אַזעלכע סיטואַציעס, וועלכע פּאָשעט אַזוי, „מיט נאַקעטע הענט" ס'איז דערלייזן אומעגלעך. אַלץ שנעלער דרייען זיך די רע־דער, גיכער רוקט זיך דער קאָנווייער, אַלץ דריבנער און פּאָשעטער ווערן די אָפּעראַציעס, פלײַסיקער די באַוועגונגען. די אַרבעטער מידן זיך גיכער אײַן, פאַרלירן דעם אינטערעס צו דער אַרבעט. און די מענטשן אַליין זײַנען שוין גאָר ניט יענע, וואָס פרי:ער: יונגעלײַט, מערסטנטייל נאָך דער מיטלשול, פאַראַן הויך־געבילדעטע. זיי הייבן ערשט אָן זייער זעלב־שטענדיק לעבן און זײַנען פול מיט די בעסטע האָפענונגען. ווי האַלט מען זיי אײַן בא דער אַרבעט, ווי גיט מען זיי צו כיישעק צו פאַר־פעסטיקן זיך אָפן זאַוואָד? מיט וואָס פאַרינ־טערעסירט מען זיי? וואָס דאַרף מען טאָן, קע־דיי זייער מי זאָל זיי אַלעמען באַפרידיקן, ברענ־גען זיי פרייד, ניט קיין לײַד?

טשיקאַווע זאַכן האָבן זיך דעמלט אָפּגע־שפּילט אָפן זאַוואָד. אינמיטנדערינען, ניט גע־קוקט אָפן מאַנגל אין פּלאַץ, באַפרײַט מען דאָ א היפּש אָרט און מע גיט עס איבער אין רע־שוס פון א מאַכנע כיינעוודיקע יונגעלײַט אין ווײַסע כאַלאַטן — סאָצי:אָלאָגן פון פײַנבורגס לאַבאָראַטאָריע, פיזי:אָלאָגן פון פּראָפ. מאָגינדאָ־וויטשעס קאַטעדרע אינעם פּערמער מעדיצי־נישן אינסטיטוט, פּסיכאָלאָגן און אַנדערע ספּע־צי:אַליסטן. אוי, וואָס זיי האָבן דעראַרבעט! אָפן זאַוואָד ווערט געגרינדעט א וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אָפּטיילונג פון סאָצי:אָלאָגיע און פּסיכאָפיזי:אָלאָגיע, מיטן אָנטייל פון די יונגע ספּעצי:אַליסטן פונקצי:אָנירט אָפן זאַוואָד א ראַ־די:אָ־סטודיע און א קאַבינעט פאַר פּראָפעסי:אָ־נעלער אָרי:ענטירונג, אין זייערע אַרבעט־צי־מערן איז אײַנגעשטעלט א ספּעצי:עלע מעדיצי־נישע אַפּאַראַטור, ראַדי:אָ־אויפנעמערס, פּולטן, דער זאַוואָד מאַכט פאַר זיי אָריגינעלע מאַכ־שירים.

זיי האָבן פאַרבעטן די אַרבעטער צו זיך אין די קעמערלעך — געטעסטירט זיי, געמאָסטן די בלוט־דריקונג, דעם גראַד אײַנגעמידטקײַט, גע־שפּילט פאַר זיי פאַרשיידענע מוזיק און בייס־

מײַסע אראָפגענומען קארדיאָגראמעס, אנקעטירט זיי. ס׳האָט זיך געטאָן! פסיכאָלאָגן און פעדאגאָגן, מאָלער און שרײַבער — פאר אלעמען האָט זיך געפונען ארבעט. די פאָרשונגען האָבן געבראכט צו א גאנצער ריי נײַע אנטפלעקונגען אין דער אָרגאניזירונג פונעם פראָדוציר־פראָצעס. לעמאָשל, מוזיק קאָן ווירקן אָף דער ארבעטס־פראָדוקטיווקײַט, אָבער ניט יעדע, ניט אָן א מאָס. אין פארשיידענע וואכטעס איז איר ווירקונג פארשיידן. א נײַע באשטעטיקונג — אדאנק דעם, וואָס דאָס לעבן איז געוואָרן גרינגער און בעסער, האָבן זיך באם הײַנטצײַטיקן ארבעטער „פארביטן די יאָצרעס" — שוין גאָר ניט דער ניוואָ פונעם פארדינסט דאָמינירט הײַנט איבערן באלמעלאָכע באם דעפינירן זײַן באציִונג צו דער ארבעט. מע מוז דאָך דאָס נעמען אין כעזשבן באם אָנפירן מיט א קאָלעקטיוו, מע מוז, ווײַזט אויס, עפעס דאָרט בײַטן אין טאָך, אינעם צוגאנג.

יעדער אָנהייב, ווי באוווסט, קומט אָן שווער. מאכמעס קיין גרייטע רעצעפטן זײַנען ניטאָ. אפן זאוואָד איז אויך ניט אלץ קלאָר און פארטיק, האָט מען דעריבער געמוזט זיך נעמען צום לערנען. אלע! און דאָס לעבן האָט מיט דער צײַט דערוויזן, אז דאָס איז געווען דער בעסטער אויסוועג. ניט אָפשטעלנדיק די ארבעט, האָבן די געלערנטע זיך פארטיפט אין זייערע איניאָנים. ס׳איז דאָ ניט איבעריק אָפצומערקן, אז דער דיִאפאזאָן פון די פאָרשונגען איז געווען אזוי ברייט, אז בלויז מיט די וויסנשאפטן לויטן פאך איז קימאט ווי אומעגלעך געווען זיך צו באגיין. דעם פיזיִאָלאָג ווערע פאָליאקאָווא, לעמאָשל, איז אויסגעקומען באהערשן די פראָגראם פון א ספעציִעלער מוזיקאלער שול, הענעך סאראווײַסקי, אויך א פיזיִאָלאָג, האָט זיך פארטיפט אין ספעציִעלע טעכנישע פראָבלעמען. פאר די אָנפירער פון קאָלעקטיוון ווערט אפן זאוואָד געשאפן א ספעציִעלע שול, ווו אין משך פון צוויי יאָר האָבן די בעסטע ספעציִאליסטן פון דער שטאָט — סאָציִאָלאָגן, עקאָנאָמיסטן, יוריסטן — געלייענט לעקציעס. די ארבעטער באזוכן עקאָנאָמישע קורסן.

אָף קיין זײַטיקער הילף איז ניט שײַעך צו ווארטן: ווי באוווסט, איז קיין פאקולטעט, וואָס זאָל גרייטן ספעציִאליסטן לויט אזא פאך נאָך ניט פאראן. און די פערמער סאָציאָלאָגן, ניט געקוקט אָף דער איבערגעלאָדנקײַט, נעמען א טעטיקן אָנטייל אין גרינדן אָף געזעלשאפטלעכע יעסוידעס אינעם היגן פאָליטעכנישן אינסטיטוט א פאקולטעט פון געזעלשאפטלעכע פראָפעסיעס מיט אָן אָפטיילונג פון סאָציאָלאָגיע.

פארלויפנדיק פאָרויס, איז קעדײַ אָפצומערקן, אז לויט די מאטעריאלן פון די פאָרשונגען אפן פערמער טעלעפאָן־זאוואָד זײַנען הײַנט־צו־טאָג פארטיידיקט שוין עטלעכע דיסערטאציעס. דער זאוואָד נייטיקט זיך מער ניט אין קיין אייצעס פון „זײַטיקע" סאָציִאָלאָגן: אָט איז שוין א צײַט, זינט דאָ האָט זיך פארפעסטיקט אָן אָפטיילונג פון וויסנשאפטלעכער ארבעטס־אָרגאניזירונג מיט א שטאט אייגענע ספעציִאליסטן. זיי זײַנען פארנומען מיט פראָפעסיִאָנעלער אָריענטירונג פון די קאדרעווע און נײַ־אָנגעקומענע ארבעטער, מיט פונקציִאָנעלער מוזיק פאר די ארבעטנדיקע, מיט וויסנשאפטלעכער ארבעטס־אָרגאניזאציע און סאָציִאליסטישער פארמעסטונג. זיי נעמען א טעטיקן אָנטייל אינעם אויסארבעטן פלענער פון סאָציִאלער אנטוויקלונג פארן קאָלעקטיוו. דער ערשטער סאָציִאלער פלאן איז געשאפן געוואָרן אפן זאוואָד אלס א טעאָרעטישער סאכאקל פון דער ארבעט, וואָס עס האָבן דורכגעפירט פײַנבורגס סאָציִאָלאָגן. אָט דער סאכאקל האָט די ווערט צו באטראכט ווערן אופמערקזאמער.

ווער וואָלט, אשטייגער, געקאָנט זאָגן, וואָס עס וועט זײַן מיט די ארבעטער, וועלכע וועלן באפרײַט ווערן אין רעזולטאט פון פארבעסערן דעם פראָדוציר־פראָצעס אָדער אין רעזולטאט פון פארבײַטן די אלטע טעכניק אָף נײַער? וועמען גייט אָן, אז בא אן אנדערן זאָל אָנגעלייגט זײַן די ארבעט? אָף די און אנדערע אזעלכע פראגעס געפינען מיר אָן ענטפער אינעם קאָמפּליצירטן סאָציִאלן פלאן. אין טאָך באשטייט דער כילעק צווישן אים און די אלע איבעריקע פלענער אין דעם, וואָס דאָ ווערט פאר א מאָס גענומען לאכלוטן א נײַער, דער איינציק ווערטבארער קריטעריִ — דער מענטש. ניט סתם אָן אבסטראקטער פאָרשטייער פון דער באפעלקערונג — ניין, מע האָט בעפייִרעש אין זינען דעם קאָנקרעטן פאָרשטייער פונעם ארבעטס־קאָלעקטיוו. זײַן קיִעם ווערט באזאָרגט איינצײַטיק מיט דער אנטוויקלונג פונעם זאוואָד. מ׳האָט אײַנגעגלידערט, לעמאָשל, נײַע טעכניק — ווי רופט זיך דאָס אָפ אָף די ארבעטער? ס׳וועלן באפרײַט ווערן ארבעטס־הענט — וואָס וועט זײַן מיט זיי ווײַטער? אָט פארוואָס ס׳איז אנטשטאנען די נויטווענדיקײַט צו פארבינדן אלע פריִערדיקע פלענער אינאיינעם. אויב ס׳וועט אויסקומען איבערצופירן די אויסבאפרײַטע ארבעטער אָף נײַער, מער קאָמפליצירטער טעכניק, איז ווו און וויִאזוי וועלן זיי העכערן זייער קוואליפיקאציע? און אויב א געוויסע אָפעראציע פאָדערט דאָך די נימעס געוואָרענע האנט־ארבעט — וואָס טוט מען, די מענטשן זאָלן זיך ניט פילן באטריבט?

אינעם נײַעם פלאן איז ניטאָ קיין קלייניקײַטן, אפילע ווען דאָס האָט א שײַכעס צו די

געפילן, צום געמיט־צושטאַנד פון די מענטשן. נו, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט, דאַכט זיך, דער קאָליר פון די ווענט? לאָזט זיך אויס, אַז עס האָט יאָ אַ באַדײַטונג. און דער אינטעריער? די סאָציאָלאָגן ענטפערן קורץ: ווען דעם מענטשן גייט עפּעס אָן, דאַרף מען זיך צוהערן צו אים.

יעדער, וואָס אַרבעט שוין אַפּן זאַוואָד, און יעדער, וואָס קומט אָן אַף אַרבעט, נוצט זיך מיטן קאַבינעט פון פּראָפעסיאָנעלער אָריענטירונג. דורך פאַרשיידענע מיטלען — ספּעציעל אויסגעאַרבעטע טעסטן, פּרוּוון די סאָציאָלאָגן דעפינירן, צו וואָס פאַר אַ טעטיקײַט איז דער מענטש מערער פייִק, צו וואָס ער האָט אַ גרעסערע נייגונג און באַ וואָס פאַר אַן אַרבעט ער קאָן אַזויאַרום ברענגען מער נוץ (אַגעוו, איז דער מענטש אַליין מער פון אַלעמען פאַרינטערעסירט געוווירע צו ווערן וועגן זײַנע מעגלעכקײַטן). ער באַקומט אַ פּאַסיקן פאָרשלאָג און אָרדנט זיך אײַן ווי געהעריק. אַדאַנק דעם האָט דער קאַדרען־אָפּטייל פונעם זאַוואָד אויפגעהערט „פאַרשטופּן די לעכער" מיט אַבי־וועמען. דעם עפעקט פון אַזאַ אײַנפירונג איז ניט איבערצושאַצן.

— זאַכאַר איליטש, — פרעגן מיר באַ פײַנבורגן, — איר העלפט דאָך אויסאַרבעטן פּלענער פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין פיל געגנטן פונעם לאַנד. וועלכע שטעט האָבן זיך אַמערסטן אײַך פאַרגעדענקט?

דער פּראָפעסאָר פאַרטראַכט זיך אַף אַ קורצער ווײַלע, זײַנע אויגן צינדן זיך אָן מיט וואַרעמער שײַן:

— איך וואָלט אויסגעטיילט די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אויסגעפילט פאַר נאָרילסק.

— פאַרוואָס דאַפקע נאָרילסק?

— און איר זײַנט געווען אַמאָל דאָרט? — שטעלט ער אונדז פּלוצעם אַליין אַ פראַגע.

— יאָ, מיר האָבן געהאַט די זכיִה צו באַזוכן די ערטער.

— נו, אויב אַזוי, — זאָגט דער פּראָפעסאָר, — וועט אײַך זײַן גרינג מיך פאַרשטיין. יאַלטע, פּיצונדע דאַרפן אַוואַדע אויך האָבן פּלענער פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג, נאָר זיי קאָנען צוּוואַרטן. יאַלטע און פּיצונדע באַקומען אַזוי אויך גענוג זון...

יאָ, קעדייִ צו פאַרשטיין, וואָס פײַנבורג איז אויסן מיט זײַנע ווערטער, מוז מען טאַקע באַקאַנט זײַן מיט יענע מעקוימעס. און מיר טרײַבן קיין טראָפּן ניט איבער, זאָגנדיק, אַז מיר האָבן זוכע געווען צו מאַכן אַהין אַ לוסט־רײַזע...

אַ רײַזע צו אַ רײַזע איז ניט גלײַך, אַמאָל איז דער כילעק, ווי פון טאָג ביז נאַכט. אָט קאָן מען, לעמאָשל, אָנקומען קיין נאָרילסק מיטן עראָפּלאַן. וואָס זעען מיר דאַן אונטערוועגנס? איין אַעראָפּאָרט, אָן אַנדערן, אַ גרעסערן צי אַ קלענערן, וואָס מאַכט דאָס אויס? אַלע זײַנען זיי געראָטן איינער אינעם אַנדערן, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, דאָס האָט נאָך אַמאָל איליא ערענבורג אָפּגעמערקט. אָבער ווען מע שווימט מיט דער שיף, ווי אונדז איז געלונגען, — דאַן איז גאָר עפּעס אַנדערש.

ווײַט, זייער ווײַט, אַף הונדערטער וויאָרסט צעגיסן זיך די וואַסערן פונעם מעכטיקן יעניסיי. די טײַגע טרעט אָפּ בעהאַדראָגעדיק, ניט ווילנדיק. אירע פּרעכטיקע ביימער־מאַסיוון ווערן אַלץ מאָגערער, שיטערער, נידעריקער, בלויז ערטערווײַז טרעפן זיך נאָך ערגעץ־ווּ איינציקע, אויסגעפּאַטשטע דורך בייזע קאַלטע ווינטן אײַנגעהויקערטע, עלנטע, קרומע סאָסנעלעך, ביז זיי ווערן אויך, ענדלעך, פאַרשוווּנדן. פון ראַנד ביז ראַנד שפּרייט זיך די נאַקעטע טונדרע. איר גרינער סאַמעטענער טישטעך פון מאָך איז געדיכט באַשאָטן מיט בונט־קאָליריקע פּיצעלעך קווייטעלעך. מענגעס גנוס! וואָלקנס פון גנוס! אייביק דורכגעפרוירענע ערד. ס'וואַקסט אַף איר גאָרניט. זומער: טאָג און נאַכט אַ געלרויטער טעלער פון דער צאַפּנדיקער זון, ווי אָן אָנגעמאָלטער אַפּן גרוילעכן הימל. און ווען מע באַקלערט דאָס אַלץ, הייבט מען אָן אײַן וועג צו טראַכטן, אַז ווען נאָרילסק זאָל זיך אַנטפּלעקן — אַ שטעטל פון אַ מייִע צוויי־דרײַשטאָקיקע הײַזער, גענוג באַוואָרעמטע אַף קאָנען איבערטראָגן דעם לאַנגן בייזן ווינטער, וואָלט דאָס געוויס אויך געווען מער ווי גוט.

און דאָ שווימט ער אַרויס פונעם נעפּל — אַ גרויסער, אַ שיינער, ווי אין אַ וווּנדערבאַרן כאָלעם, אָן עמעסער קראַך, אָן קיינע האַנאָכעס. אויסגעצייכנטע פילשטאָקיקע מויערן אַף ברייטע אַספאַלטירטע גאַסן, פײַנע פּלעצער, גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן פאַר קולטור־אונטערנעמונגען און פאַר ספּאָרט. מענטשן שפּאַצירן, ווי אומעטום — שיין אָנגעטאָנענע, אַ סאַך קליינע קינדער, מאַשינעס, אויטאָבוסן. קיין ווײַסע בערן בלאָנדזשען ניט איבער די גאַסן, קיין וועלף זעט מען אויך ניט. קראָמען צעעפענען פרײַנטלעך די טירן, מע לייגט דאָרט פאָר גרינס, פרישע אייער, מאַראַנצן. פון רעסטאָראַנען איז ביכלאַל אָפּגערעדט. מעלדונגען רופן אין שול אַרײַן, אין קינאָ, אַף פאַרמעסטונגען. אַ שטאָט — ווי פיל אַנדערע, זייער אַ געמיטלעכע. אַ ווינקעלע פון לענינגראַד. פאַר אָן אָנגעקומענעם מיט דער לופט זעט דאָס אַלץ אויס טאַקע נאָר אַף צו שעפּן טײַנעג. געניסן קאָן מען דאָ, ווײַזט זיך אַרויס, פונעם בעסטן און פונעם שענסטן. מיר אָבער, און נאָך אַזוינע ווי מיר, וואָס זײַנען אָנגעקומען מיט דער שיף, זײַנען גרייט געווען באַקומען „אַבי אַ דאַך

איבערן קאָפּ" (אַף וואָס דען נאָך קאָן מען זיך ריכטן אין אָט דעם ווילדן צאַפּן?) און דער עפעקט פון באַקאַנען זיך מיטן פּערל, ניין — מיטן דימענט אין דער קרוין פון דער בויונגס־פּראַקטיק האָט די ווערט געהאַט אַלע הויצאָעס.

נאָרילסק איז אַן אוניקום. נאָך אַ צווייטע שטאָט, ווי זי, איז ניטאָ מער אין ערגעץ. זי איז אַליין אוניקאַל, און עס שטייען פאַר איר אוניקאַלע פּראָבלעמען. שוין ניט ריידנדיק דער־פון, אַז די מויערן אין נאָרילסק פאַרמאָגן ניט קיין פונדאַמענט אינעם אַלגעמיינעם פאַר־שטאַנד: דער אייביק פאַרפרוירענער גרונט דערלאָזט דאָס ניט צו מאַכן (אָבער די הײַזער שטייען פעסט!). אין אַנדערע הינזיכטן איז דאָ אויך אַלץ ניט פּאַשעט. די זון האַלט זיך באַ־האַלטן לעערעך אַ האַלב יאָר נאָכאַנאַנד. און נאָך אַ מין האַלב יאָר! ווינטן בלאָזן ווינטער אַזוינע, אַז זיי וואַלגערן פון די פיס מאַמעש, ניט אַף קאַטאָוועס, און ס'זײַנען פאַראַן ערטער, ווו, קעדיי ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן, גייענדיק צו דער אַרבעט און צוריק, מוז מען זיך האַלטן פאַר אומיסטן אָנגעצויגענע שטריק. און די אײַנוווינער גופא זײַנען אין נאָרילסק אויך ניט קיין אײַנפאַכע. טוישווים, וואָס זײַנען געוווינט צו דעם אַלעם, פאַרמאָגט די שטאָט ווינציק. אַ גרויסער טייל מענטשן לעבט דאָרט צײַטווײַ־ליק. זיי פאָרן אָן פונעם גאַנצן פאַרבאַנד צוליב פאַרשיידענע סיבעס: ווער נאָך פּאַרנאָסע, ווער אויסצופּרוּוון די קויכעס, פאַרכאַפּטע מיט ייִנגלשער ראָמאַנטיק.

ווי געפינט מען אָן אייצע באַ אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע אומשטאַנדן צו שאַפן פון אָט אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקן אוילעם אַ קאָלעקטיוו? ווי נעמט מען אים צונויף, ס'זאָל לעבן אין אַ געזעלשאַפטלעך־סאָציאַליסטישער אַטמאָספער, ניט אויסשליסלעך מיט פּראָדוציר־אינטערעסן, די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער ווײַטער ווײַ־טער שטאָט? וויאַזוי זיך דערשלאָגן, אַז לעכאַט־כילע צײַטווײַליק אָנגעקומענע אַהער מענטשן זאָלן זיך פרײַוויליק וועלן פאַרהאַלטן, באַזעצן זיך אין אָט אַ־די קאַלטע קאַנטן? ווי ברענגט מען דעם בונטן מענטשישן מישמאַש צו דער מאַדרייגע פון אַ קאָלעקטיוו, גוטשכייניש, בע־קאָוועדיק, גליקלעך לעבן? אָט וואָס פאַר אַ פּראַגעס ס'האָבן געשטעלט פאַר זיך צו דער־לייזן די סאָציאָלאָגן! אַ דערהויבענע אויפ־גאַבע.

מיר זײַנען זיכער, אַז פײַנבורגן האָט דער איניען פאַרכאַפּט ניט בלויז צוליב זײַן גרויס־וויסנשאַפטלעכן ווערט. פאַר אים פאַרקערפּערט נאָרילסק זײַן אייגענעם מענטשלעכן טרוים פון דער יוגנט, ווען ער, נאָך אַ יאַטל, איז געווען מיט זײַנע עלטערן צווישן די ערשטע בויער פון בירָאָבידזשאַן און קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור.

מיר בלעטערן דעם פּלאַן פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג פאַר נאָרילסק — אַ גאַנץ וואָגיקער גרויסער באַנד. דעם פּלאַן קאָן מען לייענען ווי אַ פאַרכאַפּנדיקן בוך. „אָביעקט פון סאָציאַלער פּלאַנירונג — דער מענטש ווי אַ פּערזענלעכ־קײַט, וואָס ווערט באַטראַכט אינעם באַשטאַנד פון פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס. דער ציל — שאַפן באַדינגונגען פאַר אַלזײַטיקער אַנטוויק־לונג פון דער פּערזענלעכקײַט". אַזוי שטייט פאַרשריבן אינעם פּלאַן שוין אינעם אַרײַנפיר. ווען מיר באַקאַנען זיך מיט אים געניוער, ווערט קלאָר, אַז די באַזונדערע קאַפּיטלען אין אים זײַנען ניט ווייניקער איבעראַשנדיק מיט זייער הומאַנישן טאָן. „די סאָציאַלע פאָלגן פון טעכ־נישן פּראָגרעס", — לייענען מיר. ניט דער פּראָגרעס אַליין, ניין, זײַנע פאָלגן — פאַרבע־סערן די אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען, באַשיצן די נאַטור, אָרגאַניזירן דעם זומערדיקן אָפּרו פאַר קינדער. אַגעוו, אַ ווינקעלע פון אַ זומער־לאַגער פאַר די נאָרילסקער שילער האָבן מיר געזען אין אַ וואַלד הינטער קראַסנאָיאַרסק, פאַרבײַפאָרנדיק מיט דער שיף. וווּנדערבאַר! אַ גאַנצע מעדינע פאַר טויזנטער פּיאָנערן!

נאָך אַ קאַפּיטל: די העכערונג פונעם קול־טור־ניוואָ און דער אָפּרו פון די אַרבעטנדיקע. מיט אַ טייל פון אָט דער אַרבעט האָבן מיר אויך באַקומען אַ מעגלעכקײַט צו באַקאַנען זיך. מ'האָט אונדז באַוויזן אַ פּראָפילאַקטאָרי, ווו אַלץ, ביז דער מינדסטער קלייניקײַט, איז אויס־גערעכנט אַף צו דערפרייען די הערצער מיט די נעשאָמעס, בייס די האַרבע נאַטור וויל דאָס אַליין ניט טאָן. אַ קײַלעכדיק יאָר בליט דאָרט אַ סאָד, אויסגעצייכנטע אינטעריערן, אַפילע אַ לעבעדיק הירשעלע האָבן מיר דאָרט געטראָפן. אָבער ניט דאָס איז דער איקער. „אַלזײַטיק אַנטוויקלען די פּערזענלעכקײַט איז מעגלעך, בייס דער אַלגעמיינער קולטורעלער ניוואָ איז געגנוג הויך. מיטעלע בילדונג מוז ווערן פאַררעכנט אַלס אַ סאָציאַלע נויטווענדיקײַט" — אָט וואָס עס אינטערעסירט הײַנט די סאָציאָלאָגן. אָבער ווי טיף דאַרף דאָס טאַקע אינטערעסירן, וויפל האַרץ דאַרף אַרײַנגעלייגט ווערן אין דעם, אַז מ'זאָל זיך דערטראַכטן ביז צו עפענען ספּעצ־ציעלע לערן־קלאַסן אין צוג פאַר דער יוגנט, וואָס אַרבעט אַפן טאַלנאַך און וווינט אין שטאָט. קיין איין שאָ צײַט פון דער נעסיע דאַרף ניט פאַרפאַלן ווערן אומזיסט.

זייער אַ וויכטיק אָרט איז אויסגעטיילט פאַרן קאַפּיטל „די אַנטוויקלונג פון סאָציאַלער אַק־טיוויקײַט פון די אַרבעטער", און ווען מ'איז זיך מאַטריעך אַ טראַכט צו טאָן, קומט מען דערצו, אַז דאָס איז, אייגנטלעך, דאָס בעסטע מאָסמיטל אַף אָפּצושאַצן די ווירקזאַמקײַט פון אַלע פּלע־נער: ווי שטאַרק דער מענטש איז אַקטיוו אינעם

סאָציִאלן זין, אף וויפל אנערקענט ער זיך גופא פאר א באלעבאָס אף זײַן אייגענער ערד. דער פלאן פארענדיקט זיך מיטן קאפיטל „די פונדאַמענטאלע פראָבלעמען אינעם פלאן פון דער אנטוויקלונג פונעם קאָלעקטיוו אף די יאָרן 1976 — 1980 (ס׳רעדט זיך וועגן דעם קאָלעקטיוו פונעם נאָרילסקער מעטאלורגישן קאָמבינאט).

עס קאָן נאָך ניט גיין א רייד וועגן א סאָכאקל: אין טאָך האלט נאָך די ארבעט אין נאָרילסק ערגעץ באם אָנהייב. ווען מיר זײַנען געקומען צו פײַנבורגן אין אינסטיטוט צו נעמען בא אים אן אינטערוויו פאר אָט דער פארצייכענונג, האָבן מיר אים אין קאבינעט ניט געטראָפן. ער איז געווען אין א זײַטיקן צימער, ווו שוין ניט קיין יונגע מענטשן — זײַנע מיטארבעטער — האָבן אים מאמעש „געריסן אף שטיקער”:

— שעף, איך דארף לויפן, שרײַבט אונטער די פלענער פארן פראָרעקטאָר...

— שעף, כ׳מוז אײַך האָבן אף עטלעכע ווערטער...

— שעף, איר טאָרט ניט אוועקגיין, ביז איר לייענט ניט דורך דאָס ארטיקל פארן זשורנאל...

— שעף...

פײַנבורג לאכט. ער האָט זייער קיין צײַט ניט, נאָר קיינער גייט פון אים ניט אוועק ניט באפרידיקט. פאר אונדז שפּאָרט ער אויך אָפּ א ביסעלע צײַט. אפן גרויסן פעלד פון זײַן שרײַבטיש ליגט לעבן דיברילן א בילעט אפן עראָפלאן. ער פליט קיין טיומען. יאָ, פאראן נאָך אין לאנד גענוג ערטער, ווו מע נייטיקט זיך אין זײַן הילף. זײַ מאצליִעך, סאָציִאָלאָג!

מיר באדאנקען הארציק דעם פראָפעסאָר, און, ווי אפצולאָכעס, פונקט באם געזעגענען קומען אוף נײַע פראגן, און מיר פארהאלטן זיך:

— אָבער, זאכאר איליטש, זאָגט כאָטש אף איין פוס, מיט וואָס פאר א מאָסן באנוצט איר זיך באם אָפּשאצן אײַער טעטיקײַט? וויאזוי דערוויסט איר זיך, אז דער סאכאקל פון א דורכגעפירטער ארבעט איז א באפרידיקנדיקער?

— אויב אונדזערע אייצעס ווערן אָנגענומען און דאָס ברענגט צו א פארבעסערונג, זײַנען מיר צופרידן. נאָר מע טאָר ניט פארגעסן, אז בעסער האָט קיין שיר ניט.

הייסט עס, מיר דארפן מאכן דעם אויספיר, אז בלײַבן אָן ארבעט דראָעט ניט די פערמער סאָציִאָלאָגן.

געאָרגי פּראַלאָוו

א רײַזע קיין ווײַסרוסלאַנד

די טראַגעדיע אינעם דאָרף באַרקי

„מענטשן גוטע, געדענקט: מיר האָבן ליב געהאַט דאָס לעבן און אונדזער היימ־לאַנד און אײַך, טײַערע. מע האָט אונדז לעבעדיקערהייט פאַרברענט אין פײַער. אונדזער באַקאָשע צו אַלעמען: זאָל פונעם ווייטעק און טרויער געבוירן ווערן אײַער מוט און קראַפט, קעדיי איר זאָלט קאָנען אײַנפירן אױף אייביק שאָלעם און רו אױף דער וועלט. זאָל אין ערגעץ און קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן דאָס לעבן אינעם ווירבלווינט פון סרייפעס!״

אויפשריפט אפן „אָנדענק־קראַנץ״ אינעם דאָרף כאטין

דאָס דאָרף באַרקי שטייט אין וואַלד ניט ווײַט פונעם שאָסיי־וועג מאָהילעוו—באָברויסק. מיט עטלעכע טעג ביז דער טראַגעדיע האָבן די פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן אױף דעם דאָזיקן וועג צוויי דײַטשישע אויטאָמאָבילן. די היטלעריסטן האָבן באַשלאָסן זיך נוקעם זײַן דערפאַר אין די היגע אײַנוווינער.

די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען דעם 15 יוני 1942, אין פינף טעג אַרום נאָך דער שוידער־לעכער טראַגעדיע אין לידיצע. נאָר דאָ, אין ווײַסרוסלאַנד, האָבן די היטלעריסטן זיך ניט פאַרנומען מיט אָפּקלײַבן א גרופּע פּרויען און קינדער אױף צו שיקן אין קאָנצלאַגער אָדער אין דער פּאָליצײַ־טפיסע, — אין באַרקי האָבן זיי דערהאַרגעט אַלעמען, ביז אײנעם, יונג און אַלט, אַפילו קינדער אין וויג. דעם 15 יוני 1942 האָבן די היטלערישע קאַטן, ווי דאָס דערציילן דאָקומענטן, אומגעבראַכט אין דעם דאָזיקן דאָרף מער פון 1800 מענטשן.

ביז דער מילכאָמע האָט באַרקי (אויסער דעם דאָרף, זײַנען אין ראַיאָן אַרײַן נאָך זעקס יִישווּוים — זאַקריניטשיע, פּראָלעטאַרסקי, דאָלגאַיע פּאָליע, דזערזשינסקי, קראַסני פּאַכאַר און כוואַטאָווקע) פאַרמאָגט העכער דרײַ הונדערט ווירטשאַפטן מיט א באַפעלקערונג פון קאַרגע צוויי טויזנט מענטשן. אין דאָרף איז געווען א צעניאָריקע שול, א גוטער קלוב, א מאַגאַזין, פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע קאָלווירטישע ביניאָנים. דער קאָלווירט האָט, ווי איצט, גע־טראָגן דעם נאָמען איליטש.

קעדיי אויספילן די „שטראָף־אַקציע״ (אַזוי האָבן די היטלעריסטן ליב געהאַט אָנצורופן א ניט באַרעכטיקטע האַריגע), האָבן זיי געשיקט דעם באַטאַליאָן פון אָסקאַר דירלע־וואַנגער[1], א ראָטע פאַרעטער, וועלכע איז געשטאַנען אַלס גאַרניזאָן אין טשעטשעוויטש, און קימאַט אַלע פּאָליצײַען פון מאָהילעוו. די געסטאַפּאָ האָט, אָפּאָנעם, באַשלאָסן, אַז די „באַ־

[1] דירלעוואַנגערס זאָנדערקאָמאַנדע, וועלכע מע האָט אויך גערופן „די בריגאַדע פון די פאַרשאָל־טענע״, איז באַקאַנט מיט אירע „שטראָף־אַקציעס״ אין פּוילן, בײַ־באַלטישע לענדער, ווײַסרוסלאַנד, סמאָלענסקער געגנט, אוקראַינע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע. א סאַך טאַליאַנים

ביקעס" (אזוי האָט מען אין דער מאָהילעווער אומגעגנט גערופן די פּאַליציײַען) מעגן שוין נעמען זיך צו דער „עמעסער מעלאָכע".

ליידער האָט ביז איצט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען אין די דײַטשישע ארכיוון שריפט־לעכע באַריכטן פון די טאַליאַנים, וועלכע האָבן אויסגעראָטן די באַפעלקערונג פון באַרקי. אָבער אין מאָהילעווער געגנטלעכן ארכיוו האָט מען מיר געגעבן איבערלייענען די 50 בענ־דער, ווו עס איז פּראָטאָקאָלירט די אויספאָר־שונג ארום די פאַרעטער, וועלכע האָבן גע־דינט באַ דירלעוואַנגערן, אויך די גוויִעס־איי־דעס פון די דאָרפישע אײַנוווינער, וועלכע זײַ־נען אלפי־נעס געבליבן לעבן.

איך בין געווען אין באַרקי, געשמועסט מיט דרײַ פרויען, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט ארויסצורײַסן זיך פון דעם פײַער. זאָלן אומע־טום די מענטשן דערוויסן זיך די שרעקלעכע טראַגעדיע פונעם דאָרף באַרקי, זאָלן זיי איבער־לייענען די דאָקומענטן וועגן די בלוטיקע פאַרברעכנס פון די פאַשיסטן, פאַר וועלכע קיי־נער וועט קיינמאָל ניט מוכל זײַן!

ג. קאַגאַן באַם דענקמאָל אינעם דאָרף באַרקי

דער פאַרזיצער פונעם קאָלווירט

שוין מער ווי צען יאָר זײַנען אוועק, זינט איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט באַרקי. שפּעטער בין איך געווען אין דעם דאָרף נאָך עטלעכע מאָל, געטראָפן זיך דאָ מיט אלעקסאַנ־דער טריפּאַנאָוויטש קוזמינען, איצט סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמ־פּאַרטיי פון ווײַסרוסלאַנד. קיין באַרקי האָבן אים אײַנגעלאַדן די היגע אײַנוווינער — יעדעס יאָר אינעם לעצטן זונטיק פון אווגוסט פאַרזאַמלען זיך אַף א מיטינג באַם דענקמאָל די באַר־קער אײַנוווינער, צוזאַמען מיט די אײַנוווינער פון שכײַנישע דערפער, מיט די קרויווים און פרײַנט פון די פאַרשניטענע.

אַפן מיטינג האָב איך זיך באַקאַנט מיטן פאַרזיצער פונעם היגן קאָלווירט אַף אילי־טשס נאָמען — גריגאָרי זאַלמאַנאָוויטש קאַגאַן. איך האָב א פאַרכושטער אויסגעהערט זײַן דערציי־לונג וועגן א יידיש ייִנגל, וואָס האָט איבערגעלעבט די שודערן פון דער היטלערישער אָקופּ־פּאַציע דאָ, אין ווײַסרוסלאַנד.

די גאַנצע מישפּאָכע פונעם דאָרפישן שמיד זאַלמען קאַגאַן האָבן די היטלעריסטן דעם 20 מאַרט 1942 דערשאָסן פון א קוילנוואַרפער. עס איז געבליבן לעבן בלויז גרישע, וואָס איז דעמלט אלט געווען צען יאָר. אים האָט אָפּגעגליקט צו אנטלויפן. ער האָט זיך אויסבאַ־האַלטן באַ גוטע מענטשן און צוזאַמען מיט זיי איבערגעלעבט די שרעקלעכע צײַט.

גריגאָרי קאַגאַן האָט מיר דערציילט, אַז ארויסגעריסן אים פון די נעגל פונעם טויט האָבן ווײַסרוסישע פרויען. העכער צוויי יאָר האָבן זיי דאָס ייִנגל אויסבאַהאַלטן פון די דײַטשן, וועלכע האָבן געניסטעוועט איבער די דערפער, און פון די אָרטיקע „באָביקעס" — פּאַליציײַען. נאָך דער מילכאָמע האָט גרישע געענדיקט דעם טעכניקום פון זשיליצקער סאָווירט, דער־נאָך די לאַנדווירטשאַפטלעכע אקאַדעמיע. ווען די יונגע ספּעציאַליסטן האָבן באַדאַרפט ארויס־פאָרן אַף ארבעט, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים שיקן אין יענע ערטער, ווו ער האָט איבער־

פון דעם דאָזיקן באַטאַליאָן האָבן ניט אויסגעמיטן דעם קריגס־טריבונאַל. אָבער דירלעוואַנגער אליין איז פאַרשוווּנדן, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור. אין דער נאָכמילכאָמעדיקער דײַטשי־שער פּרעסע האָט זיך באַוויזן א מיטיילונג, אַז דעם 7 יוני 1945 איז אָסקאַר דירלעוואַנגער געשטאָרבן אין אלטהאַוזען מיט א נאַטירלעכן טויט. שפּעטער אָבער זײַנען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע אין אינדאָכינע. אין 1957 זאָל ער זיך האָבן באַוויזן אין דער דײַטשי־שער פעדעראַטיווער רעפּובליק, נאָר דערנאָך איז ער ווידער פאַרשוווּנדן (אָנמערקונג פון דער רעדאַק־ציע).

געלעבט די מילכאָמע, קעדיי ער זאָל זײַן נעענטער צו די מענטשן, וועמען ער האָט צו פֿאַר־דאַנקען פֿאַר זײַן לעבן. און אָט איז שוין מער פֿון זעקס און צוואַנציק יאָר, ווי גריגאָרי קאַ־גאַן אַרבעט אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם היגן קאָלווירט...

דעמלט, אין 1967, האָב איך זיך געקליבן גענויער אָנשרײַבן וועגן ג. קאַגאַנען, נאָר עפּעס האָט מיר געשטערט (איך געדענק שוין ניט די סיבע) רעאַליזירן מײַן פֿאַרטראַכט. צוביס־לעכווײַז האָט די דאָזיקע טעמע אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פֿאַר אַנדערע.

נאָר מיטאָמאָל, אינגאַנצן אומגעריכט, האָב איך באַקומען אַ קאָמאַנדירונג קיין בעלגיע, ווו עס איז פֿאָרגעקומען מײַן קורצע באַגעגעניש מיט ייִדישע עמיגראַנטן אין אַנטווערפּען און בריסעל. די געשיכטע פֿון אַזעלכע עמיגראַנטן איז שוין איצט ניט קיין נײַס, ענלעכע געשיכטעס האָבן אין די לעצטע יאָרן זיך אָפּט איבערגעחזערט. אָט איז זי אינקורצן. גע־לאָזט אײַנרײדן זיך פֿון די ציִעניסטישע ווערבירער, זײַנען זיי אַוועקגעפֿאָרן קיין ייִסראָעל, אָבער אינגיכן אַנטלאָפֿן פֿון דאָרט קיין אייראָפּע, איצט וואַרטן זיי יעדן פּרימאָרגן, עס זאָלן זיך עפֿענען די טירן פֿונעם סאָוועטישן קאָנסולאַט, ווו זיי זיצן אָפּ שטיל און טרויעריק קי־מאַט גאַנצע טעג אין וואַרטצימער, האָפֿנדיק, אַז עס וועט קומען דער גליקלעכער טאָג, ווען מע וועט זיי דערלויבן זיך אומקערן אַהיים...

זאָל מיר מוחל זײַן ג. קאַגאַן, עס האָט אָבער פּאַסירט אַזוי געטראָפֿן, אַז דאַפֿקע דאָ, אין בעלגיע, האָב איך זיך אין אים דערמאָנט. דאָ, אינעם קליינעם לאַנד, וואָס פֿאַרנעמט אַ ווינ־קעלע אין סאַמע צענטער פֿון אייראָפּע, האָבן זיך רעאַל און אָפֿן צונויפֿגעשטויסן די טרײַ־הייט און נאַבלקייט, די ליכטיקע שטרעבונג צו דינען דעם פֿאָלק,— פֿון איין זײַט, און צו פֿינצטערע אומדאַנקבאַרקייט פֿון מענטשן, וואָס האָבן פֿאַרביטן זייער פֿאָטערלאַנד אויף אַ פֿרעמדן, איליוזאָרישן,— פֿון דער צווייטער זײַט.

וועגן די דערוואָקסענע וועל איך ניט ריידן. זיי האָבן באַקומען דאָס, וואָס זיי האָבן גע־וואָלט, און, ווי עס איז צו זען פֿון אַלץ, קאָשער פֿאַרדינט. אַ ראַכמאָנעס איז אויף די קינדער. עס איבעראַשט די אומבאַטראַכטקייט פֿון די עלטערן, וועלכע וואַרפֿן זיך אַרום מיט זייערע אומבאַהאָלפֿענע קינדער און פֿירן זיי אַוועק אין אָט דער פֿרעמדער און קאַלטער וועלט!

מיך האָבן דערנאָך אַ לאַנגע צײַט ניט געלאָזט רוען די אויגן פֿון די ייִדישע קינדער אין אַנטווערפּען און בריסעל. זייערע פּענעמער האָב איך שוין פֿאַרגעסן, אָבער די אויגן האָבן ווי שוואַרצע, בענקענדיקע פֿלעקן זיך פֿאַרקריצט טיף אין מײַן נעשאָמע. זיי באַאומרויִקן מיך ביז איצט...

אַפּאָנעם, אַז דאָ דאַרף מען טאַקע זוכן די סיבע פֿון מײַן אומקערן זיך קיין באַרקי, וועגן וואָס עס איז מיר לעכאָטשילע גאָר אויפֿן געדאַנק ניט געקומען, און אָנשרײַבן וועגן דעם פֿאַר־זיצער פֿונעם היגן קאָלווירט גריגאָרי קאַגאַן. זאָלן מענטשן וויסן וועגן זײַן שווערן, נאָר בעעמעס שיינעם און שטאָלצן גוירל.

איך בין זיך מודיע, אַז ס׳ווילט זיך מיר, די דאָזיקע דאָקומענטאַלע פֿאַרצייכענונג זאָלן לייענען און אַרויסזאָגן וועגן איר זייער מיינונג אונדזערע געוועזענע לאַנדסלײַט, וועלכע זײַנען אַריבערגעפֿאָרן אין אַנדערע לענדער. איך וואָלט גערן געלייענט בריוו פֿון די ערשט ניט לאַנג נאָך סאָוועטישע בירגער, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפֿן אין אַנטווערפּען און בריסעל. אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי עס לעבט זיך זיי איצט.

...אַלזאָ, איך פֿאָר ווידער קיין באַרקי. דוכט זיך, אַז דאָ האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט פֿאַר די לעצטע יאָרן. פּונקט ווי פֿריִער זעט אויס דער שאָסיי מאָהילעוו—באַברויסק, דאָס שטעגעלע, וואָס פֿירט אויף רעכטס, און דער אויפֿשריפֿט אויפֿן וועג־אָנווײַזער „באַרקי. 2 קי־לאָמעטער".

און גריגאָרי קאַגאַן, וואָס האָט מיך באַגעגנט אויפֿן איבערקרייץ פֿון די וועגן, האָט זיך, ווי מיר דוכט, אויך ניט געענדערט. ער איז עפּעשער געוואָרן אַ קאַפּעלע ברייטער, געפּאַקטער. אָבער ווי פֿריִער, איז ער יונג, דרייט פֿלינק דעם בייגל פֿונעם קאָלווירטישן אויטאָמאָביל, שרעקט זיך ניט פֿאַר דער פֿרילינגדיקער ווענגלאָזיקייט.

ער זעלבסט האָט אָן קיינע דיסקוסיעס געפּאַסקנט, אַז מיר פֿאָרן טייקעף אַהיים. וועלכע געשעפֿטן און שמועסן קאָנען זײַן איצט, ווען עס איז געקומען דער גאַסט פֿון אַ ווײַטן וועג און מע דאַרף אים קוידעמקאָל געבן אָפּעסן! דער פּרווו פֿונעם גאַסט צו זאָגן, אַז ער האָט שוין געגעסן מיטיק אין טשעטשעוויטש, האָט אַרויסגערופֿן אומצופֿרידנקייט, אַפֿילע פּראָטעסט, און דער „ווענדעכאָד" האָט גלײַך דערפֿילט די שטימונג פֿונעם באַלעבאָס: ניט אַרומפֿאָרנדיק די גריבער און לוזשעס, האָט ער מיט אַ בורטשען פֿונעם מאָטאָר זיך געטראָגן קיין שאַלייעווו־קע, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער צענטער פֿונעם קאָלווירט.

אַט איז דאָס הויז פונעם פּאַרזיצער. אַ געווייגלעכע דאָרפישע שטוב, באַלעבאַטיש געבויט און אַ ליכטיקע. די שטוב געהערט, לאָזט זיך אויס, דעם קאָלווירט, קאַגאַן וווינט אין איר ווי אַ געווייגלעכער קוואַרטיראַנט. ווען ער דערזעט, אַז איך כידעש זיך, שמייכלט ער:

— אַף וואָס דאַרף איך פּריוואַט־אייגנטום? איך האָב קיין צײַט ניט צו פאַרנעמען זיך דערמיט. לענע, מײַן פרוי, איז שטענדיק פאַרנומען אינעם קולטור־הויז, זי איז דאָרט פאַר־וואַלטערין, די קינדער לערנען, און איך... איר ווייסט דאָך אַליין, וויפל צײַט עס בלײַבט דעם פּאַרזיצער צו פאַרנעמען זיך מיט זײַנע היימישע איניאַנים...

— אַט איז מײַן באַלעבאָסטע, — דאָס פאָנעם באַ גריגאָרין ווערט אופגעלעבט און ליכטיק.

אַ שיינע פרוי מיט שוואַרצע האָר האָט זיך באַוויזן אַפן גאַנעק, צערטלעך אַ שמייכל גע־טאָן צום גאַסט און אײַנגעלאַדן אין שטוב אַרײַן. אַפן טיש האָבן זיך באַוויזן הייסע מעליקע קאַרטאָפל, אַ פײַנקוכן מיט אייגלעך, שטוביקע אוגערקעס און פּאָמידאָרן, שוואָמען, — קורץ, אַלץ, מיט וואָס מע איז אין די היגע מעקומעס מעכאַבעד אַ גאַסט.

אײַנגיכן האָבן מיר דערהערט די טראַסקערײַ פון אַ מאָטאָציקל. דאָס איז געקומען גריגאָ־ריס זון יורע, אַ שילער פון צענטן קלאַס. ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורעס, איז ער שוין אַ סטודענט פונעם מאָהילעווער מאַשינבוי־אינסטיטוט.

מיט די עלטערן איז געבליבן בלויז דער ייִנגסטער — סאַשע. ער לערנט אין פינפטן קלאַס. אַט דער שוואַרצגייגעווידיקער שטיפער האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט דעם 9־טן מײַ, אינעם יאָמטעוו פון ניצאָכן... גריגאָרי קאַגאַנס געזינד ציילט אָן זיבן מענטשן. אויסער דעם טאַטן מיט דער מאַמען, יורען און סאַשען, זײַנען פאַראַן נאָך דרײַ. אין דער היים זעט מען זיי נאָר אין דער צײַט פון קאַניקולן — זיי לערנען זיך: נאַטאַשע אין גראָדנע, אינעם מעדיצינישן אינסטיטוט, טאַניע — אין מאָהילעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, סערגיי וועט זײַן אַ זשורנאַ־ליסט, ער איז אַ סטודענט פונעם ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט.

פונעם היימישן אַרכיוו האָבן די באַלעבאַטים אַרויסגענומען פאָטאָגראַפיעס, בריוו, טע־לעגראַמעס, ערן־גראַמאָטעס און צוויי גאָלדענע מעדאַלן — דאָס האָבן נאַטאַשע און טאַניע מיט עטלעכע יאָר צוריק געענדיקט אַזוי די גריבאָווצקער מיטלשול.

אַט זײַנען די באַלוינונגען פונעם טאַטן: צוויי אָרדענס („ערן־צייכן" און רויטע אַרבעטס־פאָן) פאַר דערפאָלגרײַך אויספילן די פינפיאָריקע פּלענער, אַן ערן־גראַמאָטע פונעם מאָהי־לעווער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי און געגנט־אויספירקאָם. ער האָט זי באַקומען אין פעוו־ראַל 1977, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן זײַן 25־יאָריקע אַרבעט אַלס פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט.

25 יאָר אַ פּאַרזיצער — דאָס זײַנען 9.125 מעסלעס אָנגעשטרענגטע זאָרג און אומרוען... וויפל אומרויִקע און פרייִדיקע פרימאָרגנס האָבן אים געטראָפן אין פעלד, אַף די פערמעס, אין גאַראַזש און אין די וואַרשטאַטן! אָדער פאַשעט אַפן וועג פון איין בריגאַדע אין דער צווייטער...

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָב איך באַם פּאַרזיצער אין געזינד געזען נאָך איין מעלוכע־באַלוינונג — אַ „מוטערשאַפט־מעדאַל" פון צווייטער מאַדרייגע. גריגאָרי קאַגאַנס פרוי האָט די דאָזיקע באַלוינונג באַקומען אין 1972, פאַר געבוירן און דערצויגן פינף קינדער.

מע האָט מיר דערציילט, אַז דעם פּאַרזיצערס עלטערע קינדער, ווען זיי קומען אַף קאַ־ניקולן אַהיים, טרעטן זיי באַלד צו צו דער אַרבעט אינעם קאָלווירט באַגלײַך מיט אַלעמען. און ווי אַנדערש, אויב דער טאַטע קען גוט און האָט ליב די פויערשע מי, באַזונדערס אין דער צײַט פונעם היי־שניט. קאַיאָר, נאָכן אָנשאַרפן די קאָסע, לאָזט זיך גריגאָרי קאַגאַן צו־זאַמען מיט די פויערים באַרוועסהייט אַף דער לאָנקע, שפּאַנט מיט אַ ברייטן טראָט און שנײַדט אַף רעכטס און אַף לינקס די גראָז, ניט אָפּשטייענדיק אפילע פונעם געזינטסטן און פלינקסטן פויער.

און די מאַמע איז, ווי שטענדיק, באַשיידן. אַט די שטילע מאַמע, מיטן אייביקן אומעט אין די אויגן. זי ווערט אָבער גאָר אַן אַנדערע, מאַמעש אַ נײַ־געבוירענע, ווען אין קולטור־הויז גייט די רעפּעטיציע פונעם כאָר פון די מעלקערנס, אָדער עס טרעט אַרויס אַפן ראַיאָנעם דורכקוק פון אַמאַטאָרן־קונסט דער וואָקאַליש־אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל פונעם קאָלווירט.

איך האָב אָפּגערעדט מיט גריגאָרי קאַגאַנען, ער זאָל מיך אופוועקן וואָס פריִער, וועלן מיר צוזאַמען גייען אַף דער אַרבעט — דאָרט, ווו אײַנדערפרי קומען זיך צונויף די קאָלווירטישע בריגאַדירן, קעדיי לייזן דרינגענדיקע אופגאַבן, פּלאַנירן, קאָנטאַקטירן די וויכטיקסטע אַרבעטן פונעם טאָג.

דאָס צימער, וועלכן מע האָט מיר אויסגעטיילט, האָט געהערט עמעצן פון די סטודענטן: א בעט, א שרײַבטיש, אַן עטאַזשערקע מיט ביכער און אין צענטער — א ברייט פענצטער.

פארבליבן אליין, האָב איך זיך גענומען, לויט דער אלטער געוווינהייט, פארשרײַבן אין בלאָקנאָט די אײַנדרוקן. וויפל מאָל האָב איך זיך איבערצײַגט, אז דאָס איז זייער נייטיק צו טאָן טייקעף, ניט אָפּלייגן. איצט, ווען איך האָב איבערגעלייענט מײַנע אלטע נאָטיצן, האָב איך דערפילט, אז איך זיץ ווידער אין דער גאַסטפרײַנטלעכער שטוב פונעם קאַלווירט־פּאַר־זיצער.

אופגעכאַפּט האָב איך זיך פרי, עס האָט נאַרוואָס אָנגעהויבן טאָגן. אין ווײַטן עק פונעם הימל איז נאָך אפילע ניט געווען דאָס רויטע פאסיקל, וואָס זאָגט אָן, אז אינגיכן וועט אופגיין די זון.

נאָך דאַן, ווען איך בין געשלאָפן, האָב איך דערהערט עפּעס א מאָדנעם, באַקאַנטן וויבּ־רירנדיקן קלאַנג. דער קלאַנג איז געווען זייער נאָענט פון מיר. נאָר איך האָב ניט געקאָנט אָנשטויסן זיך, ווער מאַכט דאָס צו ציטערן א קליין גלעזעלע אין פענצטער, איבערכאַזערנדיק אַף אַן אייגענעם אופן די ערשטע קלאַנגען פונעם אָנקומענדיקן טאָג, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט געהערט.

פארוואָס האָט מיט אַזויפיל אומרו גענומען קלאַפּן מיר דאָס הארץ? אין וואָס האָט מיר דערמאָנט אַט די אַף שטענדיק פארגעסענע קלאַפּערײַ פונעם וויברירנדיקן גלאָז?

איך האָב זיך דערמאָנט די פארגאַנגענע מילכאָמע, וועלכע האָט אַזוי אומגעריכט ארײַנ־געריסן זיך אין מײַן קינדהייט, ווי עפּעס אַן אומפארשטענדלעכע געשעעניש, א ווילדע, שרעקלעכע.

דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט. איבערן שטויביקן וועג איז געפלאָסן א לאַנגער, אַן א סאַך און אַן א ברעג שטראָם פון פּליטים, וועלכע זײַנען געגאַנגען און געפאָרן אַף מיזרעך. עס האָבן געסקריפּעט די רעדער, געהירזשעט די פערד, געוויינט די קינדער. א געדיכטער שטויב, ווי א געלער נעפּל, איז פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט געהאַנגען אין דער לופט, און דורך דעם שטויב האָט מיט א בייז־אויג געשײַנט די רויטע זון, וועלכע האָט געהאַלטן באַם פארגיין.

אין די נעכט האָט דער הימל אַפן מײַרעוו זיך געבאָדן אין די פלאַמען פון סרייפעס. די דונערן פון הארמאַטן האָבן מיט יעדן טאָג זיך געהערט אַלץ נעענטער און נעענטער. און אַט האָבן זיי שוין אריבערגעשפּאַנט איבער אונדזער קליין דערפל, וואָס ליגט ווי א פארגעסנס צווישן די וועלדער און זומפּן פון ווײַסרוסלאַנד, און איצט דונערט שוין אין מיזרעך, אוועק־גייענדיק אַלץ ווײַטער און ווײַטער. אינגיכן וועט דער רויש פון די הארמאַטן אינגאַנצן אָנ־שוויגן ווערן, און בלויז איין גלעזעלע אין אונדזער פענצטער, וואָס קוקט ארויס צום מיזרעך, וועט אין די נעכט נאָך לאַנג וויברירן מיט א קליינעם קוים מערקבאַרן ציטער. נאָר אָט איז שוין אויך דאָס גלעזעלע שטיל געוואָרן...

אין די צוויי לאַנגע יאָר פון דער היטלער־אָקופּאַציע האָט דאָס גלעזעלע געשוויגן. בלויז איין מאָל, ווען אין סמאָלענסקער אומגעגנט איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן א לופט־דעסאַנט פון דער רויטער ארמיי, האָט דאָס גלעזעלע ווידער גענומען קלאַפּן מיט אומרו און האָפענונג.

פון דער געשיכטע ווייס איך איצט, אז די דײַטשן האָט זיך דעמלט אײַנגעגעבן צו פאַר־טרײַבן אונדזערע דעסאַנטלער אין א טעמפּן ווינקל. א סאַך פון זיי, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן אין דער ארומרינגלונג, זײַנען אוועק צו די פּאַרטיזאַנער, א טייל האָט זיך דורכגעריסן קיין מיזרעך און איז אריבער די פראָנט־ליניע. און אונדזער פענצטערל איז ווידער אנשוויגן געוואָרן.

אין א צײַט ארום, ס׳איז שוין געווען זומער 1943, ווען אין ראַיאָן פון אָריאָל און קורסק זײַנען געגאַנגען שווערע שלאַכטן, האָט דאָס גלעזעלע אין פענצטערל ווידער גענומען וויבּ־רירן אין די נעכט, און וואָס מער עס האָט זיך דערנעענטערט די פראָנט־ליניע, אַלץ שטאַר־קער האָט עס געקלאַפּט אין דער פענצטער־ראַם, אין אוניסאָן מיטן קלאַפּ, וואָס האָט זיך גע־הערט פון אונדזערע אויסגעבענקטע הערצער.

אָט פארוואָס, ווען עס האָט זיך נאָר דערהערט א קוים באַמערקבאַרער קלאַנג פון וויבּ־רירנדיק גלאָז, דערצו, ווי עס האָט זיך געדוכט, אָן קיין שום סיבע, האָבן א פּלייץ געטאָן דערינערונגען.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעכאַזערט אין די אלע טעג, וואָס איך האָב פארבראַכט אין קאַלווירט. קאַיאַר האָט מיך געוועקט א לײַכטער קלאַפּ אין גלאָז. און כאָטש די אלע באַטאָ־

גיקע זאַרגן, די באַגעגענישן מיט מענטשן, קימאַט אַלע מײַנע שמועסן מיט גריגאַרי קאַגאַנען האָבן זיך געדרייט אַרום ווירטשאַפֿטלעכע און שטייגער־פּראָגן, האָט אָבער באַנאַנד מיט אונדז געשפּאַנט סײַ פֿאַרבאַרגן, סײַ אָפֿן די פֿאַרגאַנגענע מילכאָמע.

אַפֿילע ווען די קאָלווירטניקעס האָבן זיך געקליבן גיין צו דער אַרבעט און אָפֿן פֿעלד האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די אָנפֿירער פֿון דער ווירטשאַפֿט, האָט מען דערמאָנט וועגן דער מיל־כאָמע, נאָר עפּעס זייער וואָכעדיק. פֿאַרוואָס? מע האָט, אַשטייגער, באַשלאָסן אויסבויען צום ניצאָכן־טאָג אַ דענקמאָל די אומגעקומענע מענטשן פֿון דאָרף, און באַלד האָט מען גענו־מען ריידן וועגן דעם, אַז צוליב דעם מוז מען אויסטיילן מולירערס, בוי־מאַטעריאַלן, מאַ־שינעס...

דעם ביניען, ווו עס האָט זיך געפֿונען די קאָלווירט־פּאַרוואַלטונג, האָט מען, אַפּאַנעם, גע־בויט קימאַט באַלד נאָך דער מילכאָמע. אַ נידעריקער ביניען, אָן קיינע באַפּוצונגען און באַק־וועמלעכקײַטן. לויט די הײַנטיקע האַסאָגעס און לויט די קאָלווירטישע האַכנאָסעס האָט מען געקאָנט אויסבויען אַ מער סאָלידן ביניען, אַ בעסערן, נאָר די הענט האָבן זיך עפּעס ניט געהויבן. ווי עס איז צו זען פֿון אַלץ, האַלט דער פֿאַרזיצער, אַז די קאַנטאָר איז ניט דער הויפּט־אָביעקט אין קאָלווירט. דעקן דעם טיש און מעכאַבעד זײַן די געסט מיט גוטע, געשמאַ־קע קנישעס קאָן מען אויך אין אַן אַלטער שטוב...

בא גריגאָרי קאַגאַנען אין קליינעם קאַבינעט זײַנען געשטאַנען אַ קאַנצעליאַרישער טיש, אַ צענדליק שטולן אַרום די ווענט, אַ גרויסער קאַנצעליאַרישער אַלמער און — גאָר. דאָ איז געווען אַלץ, וואָס איז נייטיק צו דער אַרבעט, אָבער קיין איין איבעריקע זאַך ניט.

עס איז לײַכט צו פֿאַרשטיין, אַז דער פֿאַרזיצער איז ניט געזעסן אין קאַבינעט טאָג און נאַכט. פֿאַרקערט, ער איז דאָ געווען אַ זעלטענער גאַסט. די אָרדערס אָף אַרבעט פֿאַר די קאָלווירטניקעס פֿלעגט ער צעטיילן אין דער בוכהאַלטעריע, ווו עס איז געראַמער און וואַ־רעמער.

דער קאָלווירט אָף איליטשס נאָמען געפֿינט זיך אין מיזרעך פֿונעם קיראָוווער ראַיאָן, גאַנץ ווײַט פֿון דער אײַזנבאַן און פֿון אינדוסטריעלע צענטערס. אַרום און אַרום פֿיל וועלדער, וואָס האַלטן מאַמעש אין אַ געשלאָסענעם קרײַז די קלענערע פֿעלדער, אָף וועלכע מע קאָן קײַנמאָל ווײַז אַפֿילע קיין טראַקטאָר ניט אַרויספֿירן. דער באָדן איז דאָ אַ זאַמדיקער, וואָס טויג ווייניק צום פֿאַרזיי פֿון טווע. די נאַטירלעכע פּרוכטבאַרקײַט פֿון דעם באָדן (אויב רעכענען לויט דער סיסטעם פֿון 60 באַלן) איז די סאַמע נידעריקע אינעם ראַיאָן — 24 באַלן.

קעדיי אָף אַזעלכע באָדנס אויסכאָוון אַ גוטע, שטאַנדהאַפֿטיקע גערעטעניש, דאַרף מען זיי באַזאָרגן מיט וואָס מער אָרגאַנישער און מינעראַלער באַמיסטיקונג, און דעריקער — מע דאַרף שנעל און פּאַכמעניש אויסנוצן די טעכניק אין די קאָלווירטן, וואָס פֿאַרמאָגן אַ גרויסע צאָל פֿעלדער, גאַנץ אָפּט ענלעכע אָף די קליינע ערד־כאַלאָקים פֿון די אַמאָליקע וואַלד־קאָ־טאָריאַנער.

צוקוקנדיק זיך צום פֿאַרזיצער, האָט מיך פֿאַרינטערעסירט איינע אַ באַזונדערקײַט אין זײַן אופֿירונג. אויסטיילנדיק זיך מיט זײַן אומרויִקן, אַקטיוון כאַראַקטער, איז ער צומאָל, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, צו היציק, שאַרף. אין דער זעלבער צײַט קאָן גריגאָרי קאַגאַן אַרויסווײַזן וווּנדערלעכן געדולד און פּרײַנטלעך אויסהערן זײַן מיטשמועסער.

באַם צעטיילן צווישן די קאָלווירטניקעס די אָרדערס אָף אַרבעט פֿלעגט ער זײַן אַפֿילע צו פּאַסיוו — אַלע טומלען, שלאָגן איבער איינער דעם צווייטן, האַלטנדיק זיך ווי אָף אַ מי־טינג, פּונקט ווי ניט באַמערקנדיק דעם פֿאַרזיצער, און ער, דער פֿאַרזיצער, זיצט זיך רויִק באַם טיש, גלאָצט מיט די אויגן און שווײַגט. ווו איז אַהינגעקומען, קאָן מען פֿרעגן, דעם פֿאַרזיצערס באַס, די סאָלידקײַט פֿון אַן אָנפֿירער, וועלכע ציט צו זיך צו, ווי אַ מאַגניט, באַ־רויִקט, צוימט? ווו זײַנען די „דירעקטיוון" און „ווערטפֿולע אָנווײַזונגען", וועלכע זײַנען אַרויס־געזאָגט שטרענג און פֿײַערלעך, און קיינער שטעלט זיי שוין ניט אונטער אַ סאָפֿעק, ווי דעם עמעס אין דער לעצטער אינסטאַנץ?

דער פֿאַרזיצער האָט זייער געלויפֿיק, קימאַט מיט געציילטע ווערטער אונטערגעפֿירט די סאַכאַקלען פֿון דער קאָלווירטישער פּלאַנערקע, ווי ניט זײַנע ווערטער וואָלטן געווען די

וויכטיקסטע און אנטשיידנדיקסטע. נאָר אַלץ, וואָס עס האָבן דאָ געוועדט, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, די בריגאַדירן, אַגראָנאָמען, מעכאַניזאַטאָרן...

די קענטשאַפט צו הערן, וואָס אַנדערע ריידן, איז, אַפּאָנעם, געקומען צו אים ניט מיטאַמאָל. אַזאַ כאַראַקטער־שטריך קומט נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעט, ווי רײַפֿקייט און דערפֿאַרונג.

די ערד־אַרבעטער האָבן פֿאַרגעדענקט דאָס פֿאַריקע יאָר. ס'איז געווען אַן אומרויִק און שווער יאָר. דער פֿרילינג האָט פֿאַרשפּעטיקט, און צו האַרבסט איז, ווי אַפּצולאָכעס, אויסגעקומען אײַנקלײַבן די גערעטעניש, ווען עס האָבן זיך אין די נעכט אָנגעהויבן פֿרעסטלעך. און אופֿהער האָבן פֿון הימל געפּליוכעט אויך רעגנס. און דאָך האָט דער קאָלווירט אײַנגעקליבן צו 22 צענטנער פֿון אַ העקטאַר. אַזאַ גערעטעניש איז אַ גאַנץ סאָלידע, ביפֿראַט ווען מע זאָל נעמען אין אַכט דעם שלעכטן וועטער און געדענקען, אַז דער אָרטיקער באָדן באַשטייט בלויז פֿון זאַמד און פֿאַדזאָל. עס האָט געפֿרייט די גערעטעניש פֿון קאַרטאָפֿל. פֿאַר דעם לײַן האָט דער קאָלווירט באַקומען די איבערגייענדיקע רויטע פֿאָן און אַלס פּרעמיע אַ נײַינקן טראַקטאָר „בעלאַרוס"...

אויך האַיאָר איז דער זומער געווען אַ קאַלטער און רעגנדיקער. די אַרבעט איז אָבער אין פֿולן ברען, די שטימונג — אַ גוטע. דעם פֿאַרזיצער פֿאַרשאַפֿן פֿרייד די טויִקע פֿאַרטאָגן, דער רײנער בלויער הימל איבערן קאָפּ, די וואַרעמע ווינטן, וועלכע בלאָזן פֿון דאָרעם, דער לאַרך, וואָס טראָגט זיך ווי אַ קלינגענדיק גלעקל אין די גרענעצלאָזע הייכן.

דאָס לעבן איז, ווי שטענדיק, פֿול מיט יוישער. די זאָרגן און אומרוען פֿונעם פֿאַרזיצער ברענגען אָפֿט פֿרייד. שטעלט זיך פֿאַר: גריגאָרי קאַגאַן שפּאַצירט באַם ראַנד פֿונעם קאָלווירטישן פֿעלד, ווו אַ לײַכט ווינטל פֿונעם אוועקגייענדיקן זומער ברענגט אין באַוועגונג די פֿולע שווערע זאַנגען פֿונעם טווו־פֿעלד; אָדער ער שפּאַצירט אַרום די נײַע הײַזער, וועלכע זײַנען אויסגעוואַקסן אויף דער דאָרפֿישער גאַס; אָדער זיצט אַף אַ כאַסענע באַ אַ רײַך געדעקטן פֿויערשן טיש, ווען די הייסע האַרבסט־צײַט, די שווייסיקע מיפּולע טעג און נעכט פֿון אײַנקלײַבן די גערעטעניש, זײַנען שוין פֿאַריבער. אַף דער שוועל שטייט שוין דאָס נײַע יאָר — נײַע זאָרגן, נײַע אומרוען, נײַע פֿריידן.

עס ווערט אַלץ רײַכער אונדזער מאַמע־ערד, און די מענטשן, וואָס האָבן איבערגעלעבט אַזויפֿיל ליידן און צאָרעס, שאַנעווען ניט קיין קויכעס צו מאַכן דאָס לעבן נאָך גליקלעכער, שענער...

ג. קאַגאַן (דריטער פֿון לינקס) צווישן די קאָלווירטניקעס

ברידער

היינט שטייען מיר אויף פֿריִער ווי שטענדיק — מיר האָבן זיך צונויפֿגערעדט מיט קאַגאַנען, אַז מיר וועלן צוזאַמען צופֿאָרן אין דאָרף זאַבאַלאָטיע, וואָס ליגט ניט ווײַט פֿונדאַנען, אין שכייניש ראַהאַטשאָווער ראַיאָן. דאָרט האָט אַמאָל געלעבט די גרויסע מישפּאָכע פֿונעם דור־רעסדיקן דאָרפֿישן שמיד זאַלמען קאַגאַן.

זעקס זײַנען זיי געווען, די מיטגלידער פֿון דעם געזינד — דער ראָש זאַלמען, וואָס איז אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן געוואָרן אַ קאָלווירטניק און ביזן סאָף פֿון זײַן לעבן געאַרבעט אַף דעם שפּאָן ערד, וואָס צווישן דעם בלאָזזאַק און דער קוואַלדע, זײַן פֿרוי מיריאַם — די בעסטע רינגלערן אינעם קאָלווירט „הודאָק“, אין זאַבאַלאָטיע דערמאָנט מען ביז איצט אָט די ענערגישע, אַרבעטסזאַמע פֿרוי. דרײַ קינדער: דער צעניאָריקער (אין אָנהייב פֿון דער מילכאָמע) גרישע, דער אַכטיאָריקער וואָלאָדיע און די סאַמע יִינגסטע — די פֿיריאָר־ריקע אַסיע. אַף זיי האָט אַכטונג געגעבן, וויפֿל די קויכעס האָבן דערלויבט, די אַכציקיאָריקע באָבע גאָלדע.

פֿרײַנטלעך באַהעפֿט און באַלעבאַטיש האָט געלעבט דאָס געזינד פֿונעם דאָרפֿישן שמיד, ועלכער איז געווען באַרימט מיט זײַנע גאָלדענע הענט. די קינדער זײַנען אונטערגעוואַקסן און פֿאַרשאַפֿט פֿרייד די עלטערן. קאַגאַנס שכיינים, די אײַנוווינער פֿונעם דאָרף, מיט וועמען מיר האָבן געשמועסט אין זאַבאַלאָטיע, האָבן זייער וואַרעם זיך אָפּגערופֿן וועגן דער באַשיידנ־קייט, פֿאַשטעס, אַרבעטסזאַמקייט און גוטהאַרציקייט פֿון די קאַגאַנס. ווען ווײַסרוסלאַנד איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער אָקופּאַציע פֿון די פֿאַשיסטן, האָבן די שכיינים געפּרוווט כאָטש מיט עפּעס העלפֿן די קאַגאַנס, ראַטעווען די פֿאַמיליע פֿון אומקום. און דאָס האָט זיך זיי אײַנגעגעבן ביז מאַרט 1942.

מע האָט באַדאַרפֿט כאָטש נאָך אַ ביסעלע האַלטן זיך, — עס האָט זיך דערנעענטערט דער פֿרילינג, ווען יעדער קוסט אין וואַלד איז אַ לײַבלעכער ברודער. זיי האָבן געזוכט פֿאַרבינ־דונגען מיט די פּאַרטיזאַנער, אָבער דעמלט, אין פֿרילינג פֿון 1942, זײַנען אין ראַהאַטשאָווער ראַיאָן געווען נאָך ווייניק פֿאָלקס־נעקאָמענעמער.

פֿאַרבלײַבן אין זאַבאַלאָטיע איז געווען אַ סאַקאַנע — אין דאָרף איז ווי פֿון הימל אַראָפּ־געפֿאַלן איסײַ סטאַליאַראָוו, אַ קרימינעלער פֿאַרברעכער, אַ פֿינצטערער פֿאַרשוין. שיקערער־הייט האָט ער זיך באַרימט, אַז ער איז פֿאַרבונדן מיט דער געסטאַפּאָ. איינמאָל האָט ער באַ־געגנט אין גאַס קאַגאַנען און אים געזאָגט, אַז ער און „אַלע זײַנע יאַרשים“ וועלן לאַנג ניט לעבן. מע האָט געמוזט עפּעס טאָן. ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט ביז אין שטוב וועלן זיך אַרײַנרײַסן די ראַצכים.

אויך דאָס מאָל זײַנען געקומען צו הילף די דאָרפֿסלײַט. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז גרישע מיטן טאַטן זאָלן אוועקגיין אין דאָרף סטאַרי מעזאַלאָוו, צו סטעפּאַן טוזשיקאָוון, ער האָט צוגעזאָגט אויסבאַהאַלטן זיי ביז פֿרילינג אין זײַן קעלער. גוטע מענטשן פֿון קרושינאָווקע האָבן גערופֿן צו זיך די מאַמע מיט וואָלאָדיען. באַקאַנטע פֿונעם דאָרף רעפּקי האָבן צוגע־נומען צו זיך די יִינגסטע אַסיע מיט דער באָבען.

פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף האָבן די קאַגאַנס געדאַרפֿט דעם 20 מאַרט. זיי האָבן געזאָלט אוועק־גיין פֿון זאַבאַלאָטיע ווי נאָר עס וועט ווערן פֿינצטער. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט. איין־איינציקער טאָג האָט אויסגעפֿעלט, קעדיי ראַטעווען זיך. ווען גרישע איז אַרויס אין גאַס, האָט אים באַגעגנט דער שאָכן סערגיי אַרכיפּאָוויטש דאַווידאָוו און געזאָגט אַ שטאַרק צע־רודערטער, אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן:

— גיכער גיי אוועק מיט די גערטנער, די פּאָליצײַען שפּאַנען די פֿערד אין דאָרף, זיי קלײַבן זיך אײַך אָפּפֿירן קיין ראַהאַטשאָוו...

— איך בין אוועק, — דערמאָנט זיך גריגאָרי קאַגאַן, — מיט די באַלקעס, מיט די וועלדלעך. געקומען אין דאָרף קליוטשי צו פֿראָניע זאַוואַדאָווסקאַיאַ. דאָרט האָב איך איבערגענעכטיקט און אַף מאָרגן געלאָזט זיך לויפֿן ווײַטער. כ'האָב זיך אויסבאַהאַלטן באַ אַ סאַך מענטשן. אין אַווגוסט 1942 האָט מיך גענומען צו זיך מאַריע באַלײַעוואַ פֿונעם דאָרף קראַסנאַיאַ סלאָבאָדאַ. דאָ האָב איך זיך דערוואָרט אַף דער באַפֿרײַונג...

דער טאַטע, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, איז געלאָפֿן צו סטעפּאַן טוזשיקאָוון, די מאַמע מיט די קינדער און די באָבע האָבן זיך פֿאַרוקט אינעם שטרוי אַף דער קאָלווירטישער הומנע. עס איז שוין אָבער געווען שפּעט! ווען זיי גייען אוועק פֿון זאַבאַלאָטיע כאָטש מיט איין טאָג פֿריִער!

די פּאַליצײַען אױף די פערד האָבן זיך אװעקגעלאָזט אַניאָגן דעם טאַטן. ער איז אַרײַנגעלאָפן צו סטעפּאַן טוזשיקאָװן אין הױף און באַהאַלטן זיך אין שטאַל. אינגיכן האָבן זיך דאָ באַװיזן די „באַביקעס". זײ האָבן מיט הײ־גאָפּלען דורכגענישטערט די גאַנצע הײ אין שטאַל, נאָר דעם טאַטן ניט געפונען. האָבן זײ גענומען שמײַסן מיט די שאָמפּאָלן דעם באַלעבאָס, נאָר סטעפּאַן טוזשיקאָװ האָט זיך ניט מודיע געװען. װען די פּאַליצײַען האָבן געזאָגט, אַז זײ װעלן פאַרברענען דאָס הױז און אַלע װירטשאַפטלעכע ביניאָנים, האָבן די טוזשיקאָװס אַרױסגעטראָגן פון שטוב די זאַכן און אױסגעשטעלט זיך בײַ די װענט, װאַרטנדיק אױף זײער גורל. דעם טאַטן האָבן זײ ניט אַרױסגעגעבן, כאָטש זײ האָבן געװוּסט, אַז ער האָט זיך באַהאַלטן אין שטאַל. דער טאַטע אָבער, דערהערט, אַז מע װעט צוליב אים פאַרברענען טוזשיקאָװס גאַנץ פאַרמעגן, איז אַרױס פון זײַן באַהעלטעניש. די צערײצטע „באַביקעס" האָבן זיך אַרױפגעװאָרפן אױף אים און גענומען שלאָגן מאַקעס־רעצעך מיט די ביקסן, פאָדערנדיק, ער זאָל זיך מודיע זײַן, אַז אים האָט אױסבאַהאַלטן סטעפּאַן טוזשיקאָװ. ער האָט אָבער געענטפערט, אַז, ראַטעװענדיק זיך פונעם געיעג נאָך אים, איז ער אַרײַנגעלאָפן אינעם ערשטן הױף, װעלכן ער האָט דערזען, און אױסבאַהאַלטן זיך אין שטאַל...

די פּאַליצײַען האָבן געטריבן דעם טאַטן קײן זאַבאַלאָטיע. דעם גאַנצן װעג ראַצכיש גע־מאַזיקט אים. דערנאָך האָבן זײ אונדזער גאַנץ געזינד אַרײַנגעשלײַדערט אין אַ װאָגן און אװעקגעפירט קײן ראַהאַטשאָװ. אױף מאָרגן האָט מען זײ אַלע דערשאָסן. אפילו די פּיראַריקע אַסיע האָט מען ניט געשאָנעװעט. נאָך אין זאַבאַלאָטיע, װען מע האָט אונדז געשלײַדערט אין װאָגן אַרײַן, האָט אַסיען גענומען אױף די הענט װאַסילי סערגײעװיטש דאַװידאָװ, קעדײ אָװעקטראָגן זי פונדאַנען, אָבער איסײַ סטאַליאַראָװ האָט אַרױסגעריסן פון זײַנע הענט דאָס אײפעלע און װידער אַרײַנגעשלײַדערט אין װאָגן...

דער װעג קײן זאַבאַלאָטיע. אַ געװײנלעך דאָרפיש שטעגעלע, גוט אױסגעװאַשן פון די רעגנס. דער הימל האָט זיך אָפּגערײניקט פון די װאָלקנס.

איך באַמערק, אַז גריגאָרי קאַגאַן איז אומרויִק. ער רעדט קײן װאָרט ניט, איז געװאָרן שטרענג. װײַזט אױס, ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, װאָס ער האָט דאָ איבערגעלעבט.

ניטאָ שױן אין זאַבאַלאָטיע די שטוב, װוּ עס האָט אַמאָל געװױנט דאָס געזינד פונעם דאָרפישן שמיד זאַלמען קאַגאַן. גאַנץ געבליבן זײַנען בלױז די עפּלבײמער, װעלכע זײַנען גע־װאַקסן אױף דער געװעזענער נאַכלע.

בײַ אונדזער אױטאָמאָביל האָבן זיך פאַרזאַמלט זאַבאַלאָטיער אײַנװױנער, אַרומגערינגלט גריגאָרי קאַגאַנען, אױסגעפרעגט אים װעגן זײַן מישפּאָכע, װעגן די איניאָנים פון דער קאָל־װירט־פאַרװאַלטונג. מע האָט דערמאָנט די פאַרגאַנגענע מילכאָמע — דאָ, אין זאַבאַלאָטיע, האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט געװילדעװעט ערשט גאָר ניט לאַנג צוריק. װי ערשט נעכטן װאָלט זיך דאָ דורכגעקײַקלט דער פראָנט פון מיזורעך אױף מײַרעװ, און ער דונערט מיטן ערשטן פרילינג־דונער ערגעץ אין ראַיאָן פון בערעזינע, הינטער באָברויסק...

געזעגנט זיך מיט גריגאָרי קאַגאַנס דאָרפישע שכײנים, זײַנען מיר אװעקגעפאָרן קײן ראַהאַטשאָװ. איך האָב שױן געװוּסט, אַז אַהין האָט זיך אַריבערגעקליבן יעװגעני אַנטאָנאָ־װיטש בעלײַעװ און זײַן מוטער — מאַריע אַלעקסײעװנע. דאָס האָט בײַ זײ בײס דער אָקופּאַציע און נאָך דער באַפרײַונג (ביזן יאָר 1948) געלעבט גריגאָרי קאַגאַן. פאַר אַלע פרעמדע און זײַטיקע מענטשן האָט ער געהײסן גרישע זאַכאַרקאָװיטש, אַ פּאַליט פון הינטער לענינ־גראַד, װאָס האָט פון אַן אױזאַ־באָמבע פאַרלױרן זײַנע עלטערן...

מאַריע אַלעקסײעװנע איז פרי געװאָרן אַן אַלמאָנע — אין די ערשטע יאָרן פון דער קאָ־לעקטיװיזאַציע האָבן די באַלעגופים דערמאָרדעט איר מאַן. זי איז געבליבן אַלײן מיט פיר קלײנע קינדער אױף די הענט. זי האָט ניט געשאָנעװעט איר געזונט און דאָס לעבן, אױסגע־האָדעװעט זײ, געשטעלט אױף די פיס. זי האָט אַ סאַך און גוט געאַרבעט, געװען אין קאָלװירט אַ סטאַכאַנאָװקע. האַרט ערעװ דער מילכאָמע האָט זי באַדאַרפט פאָרן קײן מאָסקװע אױף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדװירטשאַפטלעכער אױסשטעלונג — מע האָט זי געשיקט פאַר איר שלאָגלערישער אַרבעט. אָבער פאָרן קײן מאָסקװע האָט מאַריע אַלעקסײעװנע שױן ניט באַװיזן...

די ייִנגלעך — זשעניע און גרישע — האָבן געזאַמלט און אױסבאַהאַלטן דאָס געװער, װאָס איז געבליבן אױפן פעלד נאָך אַ שלאַכט, װעלכע איז פאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג. אינגיכן האָבן זײ זיך פאַרבונדן מיטן לײטענאַנט פּאַװלאָװסקי און גערן אױסגעפילט די פאַרגעבונגען

פון די פאַרטיזאַנישע קאָמאַנדירן, באַגלייט די דיווערסיע־גרופּעס צו דער אײַזנבאַן־ליניע זשלאָבין—קראַסני בערעג, געהאָלפן פירן די רעלסן־מילכאָמע.

און ווי גרויס איז געווען די פרייד, ווען זיי האָבן זיך סאָפקאָלסאָף דערוואַרט אויפן טאָג פון דער באַפרײַונג! עס האָט זיך זייער געוואָלט צוזאַמען מיט אָט די מידע, פאַרשטויבטע שלאַכטלײַט גיין ווײַטער, אויף מײַרעוו, האַרט ביז בערלין, קעדיי עס זאָל גיכער אָנקומען אויף דער היימישער ערד דער זיג. נאָר די ייִנגלעך האָט מען אָפּגעשיקט אַהיים, געזאָגט זיי באַם געזעגענען זיך: וואַקסט אונטער, קינדערלעך, לערנט זיך גוט אין שול, און איר וועט אין לעבן האָבן גענוג מעגלעכקײַטן צו באַווײַזן העלדישקײַט...

און אָט זײַנען מיר אין ראָהאַטשאָוו. עס האָבן זיך צעקושט די צוויי ברידער. יעווגעני בעלײַעוו האָט מיר אין יענעם אָוונט געזאָגט:

— גרישע איז מיר געוואָרן אַן עמעסער ברודער. איך האָב דאָך, אַגעוו, קיין ברידער ניט געהאַט — בלויז שוועסטער...

מאַריע אַלעקסייעוונאַ האָט אין יענעם טאָג אונטערגעקרענקט, נאָר ווי געלויכטן האָבן אירע אויגן פון פרייד, ווי געבליט פון סימכע האָט דאָס פּאָנעם: ס׳איז געקומען איר זון! די מוטער האָט גרישען אַרומגענומען און פעסט צוגעדריקט צום האַרצן...

אָט האָט איר די גאַנצע געשיכטע פון מײַן קורצער רײַזע קיין ווײַסרוסלאַנד, וועלכע וועט פאַרבלײַבן אין מײַן זיקאָרן אויפן גאַנצן לעבן.

א לייענער שרײַבט אונדז

מײַן זעמליאַק

אין לוואָווער פאַרלאַג „קאַמע־ניאַר" איז דערשינען אַ בוך, גע־ווידמעט די העלדן פונעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד — לוואָווער טויש־ווים. פאַראַן אין דער זאַמלונג אַ פאַרצייכענונג וועגן יעפים ציִ־טאָווסקין.

ערעוו דער מילכאָמע האָט יעפים געדינט אויף דער גרענעץ, ער איז געווען אַ סערזשאַנט, און זײַנע שלאַכטן מיט די פאַשיסטן האָט ער אָנגעהויבן דעם 22 יוני 1941. ער געפינט זיך צווישן די פאַרטיידיקער פון אָדעס און קאַווקאַז, צווישן די באַפרײַער פון קראַסנאָדאַר, כאַרקאָוו, דניעפּראָ־פּעטראָווסק. זײַן שיסער־באַטאַ־ליאָן האָט איינער פון די ערשטע פאָרסירט דעם טײַך ווײַסל, אָנ־טיילגענומען אינעם שטורעם פון בערלין.

דרײַ מאָל איז ציטאָווסקי פאַר־וווּנדעט געוואָרן, ער האָט באַקו־מען אַ שווערע קאָנטוזיִע.

יעפים ציטאָווסקי איז באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פּאָן, מיט אַן אָרדען „אַלעקסאַנדער ניעווסקי", מיט צוויי אָרדענס פון דעם רויטן שטערן און מיט צוועלף מעדאַלן.

דעם 24 מאַרט 1945 האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט אים צוגעייגנט דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד — צו די פריִערדיקע קריגס־באַלוינונגען זײַנען צוגעקומען אַ לענין־אָרדען און אַ גאָלדענער שטערן.

איצט איז ציטאָווסקי אַ פּאָל־קאָווניק אין דעמיסיע, אַרבעט אַלס דירעקטאָר פון אַ פאַבריק. פאַר זײַן ערלעכער מי איז ער באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

א נ ט א ָ ן ר א כ ל י ן, לוואָוו

פון די אויסשטעלונגס־זאַלן אין מאָסקווע

יע. לאַזאַוואַיאַ. אַן אַרבעטער

מ. סאַמסאַנאַוו. אַרבעטס־מענטשן

אי. ווירו. א גוטע גערעטעניש

ע. אַקאַס. אַף דער בויונג פון אַן עלעקטראַסטאַנציע

ס. קוזנעצאָווא. א קארנאוואל

ק. קאלינישעווא. אין אן אָפּרו־טאָג



ו. דעניסאָוו. די ארקטישע סטאַנציע

מ. רויטער. אַף דער בויונג פון א וועלאַטרעק





פּראָפּילן

פֿון

אונדזערע מיטצײַטלער

כאַים גורעוויטש

בעלאָצערקאָווער קנאָבל

זינטער נאָוואָסיבירסק, ניט ווײַט פֿונעם שאָסיי, וואָס פֿירט צו דער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע, איז אויסגעבויט געוואָרן אַ נײַער אַנסאַמבל פֿון אַדמיניסטראַטיווע געבײַדעס, וואַרשטאַטן, גאַראַזשן, שפּײַכלערס. און באַקומען די שליסלען פֿון אָט דער גאַנצערווירטשאַפֿט האָט אַן אונטערנעמונג, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט רעמאָנטירן פֿײַערלעשער־מאַשינעס. פֿריִער האָט זי זיך דיסלאָצירט דאָפּקע נאָענט פֿונעם שטאָט־צענטער, אָבער אין אַזאַ ענגן הויף, אַז די מעכטיקע אויטאָמאָבילן — „טײַפֿונען" פֿון די אַרבעטס־קאָמאַנדעס, פֿלעגן זיך אַהין קוים אַרײַנשטויסן. אויך די וואַרשטאַטן זײַנען געווען פֿאַרעלטערטע.

איצט זײַנען אַלע פּראָבלעמען געלייזט, אַזוי אַז דער אָביעקט איז טאַקע זייער אַ וויכטיקער, נאָר, דעם עמעס געזאָגט, לויטן ייִכעס איז ער ניט העכער פֿון אַנדערע צענדליקער אָביעקטן, וועלכע האָבן זיך דאָ אין נאָוואָסיבירסק אין איין צײַט מיט אים געבויט. דאָס זײַנען מיר, די בויער, געווען איבערצײַגט, אַז ער איז שיִער ניט אַזוי גראַנדיִעז און לעבנסניייטיק, ווי די בויונג פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. דעריבער קענט איר זיך שוין פֿאָרשטעלן, מיט וואָס פֿאַר אַן ענטוזיִאַזם עס איז בײַ אונדז אַוועק די אַרבעט.

אָנגעשטעקט מיט אָט דעם גוטן געפֿיל האָט יעדן פֿון אונדז איסער באַס, דער שעף פֿון אונדזער גרופּע. די זעלטענע אייגנשאַפֿט: קענען צוגעבן יעדן געוויינלעכן איניִען אַן ערשטראַנגיקע באַדײַטונג, איבערצײַגן אַלעמען, אַז דאָס, וואָס מע טוט איצט, איז דאָס סאַמע, סאַמע וויכטיקסטע, דערהייבן אַלדאָס וואָכעדיקע ביז אַ פֿײַערלעכקײַט, — איז בײַ איסער באַסן ניט קיין מאַניר, נאָר אַ טייל פֿונעם כאַראַקטער. ניט אומזיסט איז ער אין זײַן געבורטסשטאָט בעלאָצערקאָוו געווען אַ קאָמיוגישער וואָזשאַק. אין די מילכאָמע־יאָרן, דורכמאַכנדיק אין ביטערע שלאַכטן אין באַשטאַנד פֿון אַ מינענוואַרפֿער־פּאָלק דעם וועג פֿון הינטער מאָסקווע ביז קעניגסבערג, פֿלעגט ער טײַנען:

— אויף דעם ברעקעלע היימלאַנד, ווו עס שטייען אונדזערע באַטאַרייעס, איז דער צענטער פֿונעם גאַנצן פֿראָנט, און אויב כאָטש איינער פֿון אונדז וועט אַ ציטער טאָן, איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן...

אַרבעטן מיט איסערן איז אינטערעסאַנט, נאָר ניט גרינג, ווײַל מע דאַרף אים פֿאַרשטיין אויפֿן ווונק, אַלץ מוז געטאָן ווערן גיך און פּינקטלעך. גאָט באַהיט, אויב דו וועסט אין מעשעך פֿונעם טאָג ניט אויספֿילן די אויפֿגאַבע, וועלכע דו האָסט באַקומען אויף דער „פּלאַניאָרקע" — דו וועסט כאַפּן פֿון אים אַזאַ כיילעק, ער וועט דיר אַזוי „אָפּפֿרישן דעם מויעך", אַז די נויטווענדיקײַט זיך שטעלן נאָך דער אַרבעט אונטערן קאַלטן דוש וועט בעמיילע אָפּפֿאַלן.

עמעס, אַ ביסל שפּעטער וועט ער זאָגן רויִק:

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, וואָס כ'האָב אײַך פֿאַרשאַפֿן אַגמעסנעפֿעש, אָבער וואָס קאָנען מיר טאָן? אָפּלייגן אויף מאָרגן דאָס, וואָס מע האָט געמוזט טאָן הײַנט, האָבן מיר פּאָשעט קיין רעכט ניט...

דער ראַפּאָרט וועגן דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט דאַרף זײַן קלאָר און געפּרעסט, ווי אַן אַפֿאָריזם. טאָמער אָבער הייבסטו אָן ברײַען אַ מײַסע, כאַפּט ער אַראָפּ די ברילן און הייבט זיך אָן דרייען אויפֿן שטול:

— קירצער!

איסער באס

אויב דו קאָנסט אָבער אין דער רעגע זיך ניט דערקלײַבן צו דעם איקער, גייט שוין בא אים דער שטול כּאַדראָם:

— נאָך קירצער!

בלויז ווען דו גיסט אַלץ איבער אין געציילטע ווערטער, טוט ער ווידער אָן די ברילן און לאָזט צורו דעם שטול:

— אָט, איצט איז גוט.

איסער האָט זיך אין דער קינדהייט געלערנט אין א יידישער שול און מיט מיר רעדט ער שטענדיק נאָר אַף יידיש, איבערהויפּט קלינגט בא אים די מוטער־שפּראַך זייער פײַן, ווען פאַר עפּעס א כעס טוט ער מיך א נעם אין דער ארבעט...

איינמאָל, אין אָנהייב זומער, ווען די בויונג דערגרייכט דאָ אַזעלכע מאַסשטאַבן, אַז דער נאָכפרעג אַף צעמענט ווערט גוואַלדיק גרויס, האָב איך זיך אומגעקערט פונעם איסקיטימער צעמענט־זאַוואָד מיט א פּוסטער מאַשין. איך האָב שוין געוווּסט, אַז גלאַט וועט דאָס מיר ניט דורכגיין, און טאַקע ווי נאָר כ'האָב געעפנט די טיר, האָט איסער מיך גלײַך באַגעגנט:

— מע דאַרף ניט זײַן קיין סענדערל, רעב כּאַים! דו ביסט דאָך ניט געפאָרן צו דער שוויגער אַף הייסע לאַטקעס מיט קאַלטער סמעטענע. אָן צעמענט וועט אונדז דער בעטאָן־קאָמבינאַט אָנשטאָט פּליטעס געבן א פּײַג, און עס שטעלט זיך אַף דאָס גאַנצע רעדל. אַלזאָ: מאָרגן — קראַוו איז נאָסאַ. אָדער צעמענט, אָדער א מעלדונג.

מאַך איך זיך שוין א ביסל טאַמעוואַטע:

— א מעלדונג וועגן וואָס?

— מע דאַרף דיר קיין פינגער אין מויל ניט אַרײַנלייגן, דו ווייסט גאַנץ גוט, וועגן וואָס דו וועסט דאַרפן שרײַבן א מעלדונג... אַלנפאַלס, ניט וועגן דעם, מע זאָל דיר געבן אַן אומזיסטע פּוטיאָווקע אַף קוראָרט...

לעבן דער טיר שטעלט ער מיך פּלוצעם אָפּ:

— וואַרט צו, כ'האָב זיך מיסטאַמע א ביסל א היץ געטאָן, גאָר פאַרגעסן, אַז איצט איז דער סעזאָן, ווען צעמענט איז פאַר די בויער פּונקט אַזוי טײַער, ווי פאַר די געלערנטע דער לעוואַנע־גרונט. דערצו נאָך זײַנען שוין אונדזערע פאָנדן אויסגעשעפּט...

אָט אַזאַ איז איסער באַס.

צו אַלע זײַנע מײַלעס האָט ער נאָך איינע, און טאַקע אַזאַ, אַז מע מעג אים מעקאַנע זײַן: ער קאָן אַרײַנפאַלן אין היספּײַלעס פון א ליאַדע קלייניקײַט, וואָס געפעלט אים. איינמאָל, אין א יאַנוואַריקן אָוונט, זײַנען מיר געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים. דער סיבירער ווינטער האָט באַוויזן זײַן כאַראַקטער. צו אונדז האָט זיך דערטראָגן א פאַרבאָרגענער קלאַנג — פּונקט ווי פונעם פראָסט וואָלט די ערד זיך געטרעסקעט, אָדער א ווײַטער שטערן האָט געפּלאַצט ווי א נוס. ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צו א ניט הויכן מויער, האָט איסער ענערגיש אויסגעצויגן די האַנט, באַלד עפּעס פאַרקוועטשט אין פויסט און א דערפרייטער אויסגעשריגן:

— זע נאָר, זע נאָר... א פעדערל! איין קלײנינק פעדערל, און דער בייזער פראָסט איז גלײַך אָפּגעטראָטן... איז ווער זאָגט דאָס דאָרטן, אַז איין שוואַלב מאַכט נאָך ניט פרילינג?

געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי, אַז מיר האָט זיך אויסגעדאַכט: איך זע, ווי א שוואַלב זיצט אַף זײַן אויסגעצויגענער האַנט...

דער פראָסט אָבער האָט מיך מאָמענטאַל ניכטער געמאַכט, און איך האָב געזאָגט:

— פונדעסטוועגן, זײַנען אין אַזאַ ווילדער קעלט א פּאָר גוטע וואַליקעס פּראַקטישער פון דעם פעדערל, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעפלויגן פון פענצטער און זיך שוין באַוויזן אָפּקילן. אפילו פּאַטאָמסטווענע סיביריאַקעס זעט מען ניט אַפן גאַס אין אַזוינע גרינגע שיכלעך, ווי בא דיר, ביפראַט איצט, ווען די גריפּ־ווירוסן האָבן זיך צעבושעוועט ניט אַף קאַטאָוועס.

— נו, — מאַכט ער, — ערשטנס, זײַנען מײַנע שיך זייער וואַרעמע; וואָס איז שײַך די ווירוסן, האָב איך זיי אין אַרבל, דערונטער אויך יענעם... פון האָנקאָנג.

— פאַרוואָס?
— ווײַל איך עס קעסיידער קנאַבל, וועלכן עס שיקט מיר צו דער ברודער פון בעלאַצערקאָוו. דאָס איז קנאָבל פון קנאָבל־לאַנד. ער קאַשערט אויס דאָס מויל, מאַכט דאָרט אַזאַ דעזינפעקציע, אַז אַלע ווירוסן אַנטלויפן אין קאַפּעקאַל.
— נו, אויב אַזוי, שווײַג איך... איצט אַרבעט איסער באַס אין אַ בוי־טרעסט אַלס שעף פון די קאַדרען, און מיר זעען זיך שוין ניט טאָגטעגלעך.
ניט לאַנג צוריק האָב איך זיך אומגעריכט אָנגעשטויסן אַף אים באַם אַרײַנגאַנג אין צענטראַלן פּאָסטאַמט.
— איך דאַרף דאָ, — האָט ער געזאָגט, — באַקומען אַ פּאַסילקע.
— מיסטאָמע קנאָבל פון בעלאַצערקאָוו?
— קנאָבל האָב איך אַליין געבראַכט גאַנץ היפּשלעך, כ׳בין געפלויגן אַהין.
— כאָטש דאָס איז זייער אַ גוטע רפואה, אָבער אויב פּליִען נאָך קנאָבל, ווערט עס באַטרעפן טײַערלעך...
— ניין, — טוט ער אַ שמייכל, — דעם קנאָבל האָב איך געבראַכט אונטערוועגנס, און געפלויגן בין איך אַהין צו דעם פּלעמעניק אַף אַ כאַסענע.
— געוועזן אַ גרויסע כאַסענע?
— שײַעך אַ גרויסע, באַ אַ צוויי הונדערט מאַן: ייִדן, אוקראַינער, רוסן, אַן אינטערנאַציאָנאַלע כאַסענע.
— אויב אַזוי, קומט דאָך דיר אַ מאַזלטאָוו, און האַלעווײַ זאָלן מיר אויך אַף ווײַטער פּליִען אַף סימכעס.
— האַלעווײַ טאַקע!

מיריאַם לילינאַ

ריטע צאַכער

די שוידערן וועגן אַשווענטשים זײַנען דאָס ערשטע מאָל צו מיר דערגאַנגען אין 1944, ערעוו דעם סאָף פון דער מילכאָמע. איך האָב דעמלט געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר אין אַ פּאַרלאַג. מע האָט מיך באַופטראַגט צו רעדאַגירן אַ בראָשור וועגן אַשווענטשים, וועלכע איז געווען אילוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס. אַ דערשיטערטע, האָב איך געקוקט אַף די בערג קינדער־שיכלעך, פרויען־האָר... צווישן די קאַצעטניקעס פון אָט דעם לאַגער איז געווען אויך ריטע צאַכער.

באַקאַנט זיך מיט ריטע צאַכער האָב איך אין בערלין, באַ מײַנער אַ נאָענטער פרײַנדין מישקעט לעבערמאַן — אַ באַוווסטער קעמפערין קעגן פאַשיזם, אַ שרײַבערין און געזעלשאַפטלעכע טוערין. איך האָב פריִער גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן ריטע צאַכער, ניט געלייענט, וואָס מע האָט וועגן איר געשריבן אין דער פּרעסע פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. איך האָב אויך ניט געהערט דעם נאָמען הערבערט באַום, גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן זײַן אונטערערדישער גרופּע.

ווען איך בין געווען צוגאַסט באַ מישקעט, איז צו איר אַרײַן ריטע, אַ געוועזענע טוערין פון דער אונטערערדע, וואָס האָט מאַמעש מיט ניסים אַרויסגעמיטן דעם אַשווענטשימער קאַנצלאַגער. מיט רײַען איז אַרײַן אויך ריטע, וועלכע האָט געמאַכט אַף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק מיט אירע אויגן.

אין די אויגן באַ ריטע צאַכער האָב איך געזען צניעס, שעמעוודיקייט. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, אַז זייער באַלעבאָסטע איז זייער אַ באַשיידענער מענטש, זי איז קיינמאָל ניט זיכער אין זיך, טרעט אַלעמען אָפּ דעם וועג, פאַרלאַנגט פון קיינעם קיין טויווע ניט, שעמט זיך און רויטלט זיך. זי געהערט צו דעם מין מענטשן, וואָס האָט די טעווע שטענדיק צו אַנטשולדיקן זיך, אײביק דאַנקען, ווער ווייסט פאַרוואָס. זי קאָן ניט פאַרשטיין. פאַרוואָס רעדט מען וועגן איר ווי וועגן אַ העלד? ווײַל זי האָט געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט הערבערט באַום? איז זי דאָך געווען ניט די אייניציקע, ווײַל זי איז, ניט געקוקט אַף אַלע ניסיוינעס, געבליבן לעבן? נו,

דאָס איז שוין א מאַזל־זאַך, וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס צו העראָיזם?

— וועלכע אָרגאַניזאַציע? ווער איז דער הערבערט באום?

איך זיץ בא ריטען אין איר געמיטלעכער דירע. זי לייגט פאַר מיר אוועק אַן אַלבאָם מיט פאָטאָגראַפיעס. איך בלעטער דעם אַלבאָם און קוק זיך אײַן אין די יונגע, שיינע, לאַכנדיקע פּענעמער... סאַראַ ליכטיקע פּענעמער... אָט די צוויי, — ווײַזט ריטע אַף א יונגן שלאַנקן מאַנצבל מיט אַן אָפענעם קוק און אַף א מיידל מיט געדיכטע בלאָנדע האָר, — זיי זײַנען שוין מאַן און ווײַב. און אָט יענץ מיידל, א ברונעטן מיט אַזעלכע פײַנע שטריכן און צאַרטע ליפּן, איז געווען א קאַלע פון אָט דעם אין די ברילן. ביידע זײַנען זיי אַלט געווען צו 20 יאָר. עס האָט זיך געדוכט, אַז סע שטייט זיי פאָר בלויז איינס — א גליקלעך לעבן. און הערבערט באום... ער איז געווען זייער א שיינער, מיט א מוטיק, דרייסט, אינטעליגענט פּאָנעם, פול מיט באַהאַלטענע געדאַנקען. פאַרוואָס באַהאַלטענע? עפשער האָט ער דעמלט זיך אָנגעשטויסן, וואָס אים שטייט פאָר? קיינער פון זיי איז שוין ניטאָ. צו 20, 23, 25 יאָר האָבן זיי פאַרענדיקט זייער לעבנסוועג...

ריטע צאָכער איז געבוירן געוואָרן אין נאָיאַבער 1915 אין זייער אַן אָרעם געזינד. אין 1927, אין עלטער פון 12 יאָר, איז זי אַרײַנגעטראָטן אינעם ייִדישן יוגנט־פאַרבאַנד. פאַרוואָס האָט דער פאַרבאַנד געהייסן ייִדישער? די מײַסע איז, וואָס נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זײַנען אין דײַטשלאַנד אופגעקומען, ווי שוואָמען נאָך א רעגן, פאַרשיידענע קאָמיטעטן און פאַרבאַנדן פון וועטעראַנען. די ייִדישע מילכאָמע־וועטעראַנען האָבן געשאַפן זייער קאָמיטעט, און אים א נאָמען געגעבן ייִדישער. די קינדער זײַנען געגאַנגען מיטן וועג פון די עלטערן, האָבן זיי געשאַפן זייער ייִדישן יוגנט־פאַרבאַנד.

זיי האָבן זיך ניט געגרייט צו ווערן העלדן, ניט געטראַכט וועגן פירן א קאַמף — קעגן וועמען און צוליב וואָס? זיי פלעגן זיך פּאָשעט צונויפקומען, צוזאַמען לייענען ביכער, באַהאַנדלען דאָס געלייענטע. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג, ניט מיט פּאָליטיק. נאָר די פּאָליטיק האָט אַלץ אַקשאָנעסדיקער זיך אַרײַנגעריסן אין זייער לעבן. עס האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט די ערשטע וועלט־מילכאָמע, ס'איז געבוירן געוואָרן די ווײַמאַרער רעפּובליק, וועלכע האָט ניט געקענט אַרויסקריכן פון די מילכאָמע־נאָכווייענישן — פונעם כורבן, אַרבעטסלאָזיקײַט, אומגעהערטער אינפלאַציע. דאָס פּאָלק האָט געליטן. די מענטשן האָבן אַלץ פילבאַרער זיך צוגעהערט צו דער שטים פונעם אַרבעטער־קלאַס, פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער האַמבורגער אַרבעטער ערנסט טעלמאַן. אויך די בורזשואַזיע האָט ניט געשוויגן, זי האָט געשאַפן אירע פּאַרטייען. דער קלאַסנקאַמף איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז דער ייִדישער יוגנט־פאַרבאַנד צעשפּאָלטן געוואָרן, פאַר יעדן יונגן מענטשן האָט זיך געשטעלט די פראַגע — מיט וועמען גיין?

אין אָט דעם מאָמענט איז אויסגעוואַקסן די פיגור פונעם געבוירענעם טריבון, דעם ייִדישן באָכער, דעם קאָמוניסט הערבערט באום. א סאַך יוגנטלעכע האָבן אים געגלייבט און זײַנען אוועק נאָך אים צו די קאָמוניסטן.

אינעם יוגנט־פאַרבאַנד פון דײַטשלאַנד האָט געהערשט דער גײַסט פון עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם. מע האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, ווער עס איז א דײַטש, ווער א ייִד. אינעם יוגנט־פאַרבאַנד האָבן זיך אַלע געפילט אַלס מיטגלידער פון איין געזינד.

און 1933 איז צו דער מאַכט געקומען היטלער. עס האָט זיך אָנגעהויבן... עמעס, ניט מיטאַמאָל, אָבער באומס גרופּע האָט מען געמוזט פאַנאַנדערלאָזן. אירע מיטגלידער האָבן באַקומען אַן אופגאַבע אַרײַנצוטרעטן אין די פאַרשיידענע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי ניט דערווײַטערן זיך פון דער געדיכטעניש פונעם לעבן. די גרופּע איז אָבער בלויז לעפּאָנעם־וועגן פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן, פאַקטיש איז זי געבליבן ניט גערירט. קעדיי אַף אַן עמעסן זײַן פאַרמאַסקירט, האָבן אירע מיטגלידער געמוזט לעבן לעגאַל. יעדערער האָט געמוזט מיט עפּעס פאַרנעמען זיך, קעדיי קאָנען אויספילן די געהיימע אופגאַבן.

הערבערט באום איז געווען א פּרעכטיקער אָרגאַניזאַטאָר און קאָנספּיראַטאָר. אים האָבן געהאָלפן און אָנגעפירט מיט אים די עלטערע כאַווײרים. ווען באום האָט זיך געפונען אין טיפער אונטערערד, האָט ער אונטערגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט דעם צק פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון דײַטשלאַנד, וועלכער האָט זיך דעמלט געפונען אין פּראָג.

וועגן דעם אַלעם דערציילט מיר איצט ריטע צאָכער. קיינער, אויסער איר, האָט וועגן דעם אין יענער צײַט ניט געוווּסט.

אַלזאָ, יעדער מיטגליד פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד האָט געמוזט ערגעץ אײַנאָרדענען זיך, קעדיי זײַן לעגאַל און האָבן מיטלען צום לעבן. ריטע האָט געאַרבעט אין טעאַטראַלן פאַרבאַנד. א כיינעוודיק מיידל, האָט זי אַזוי אויסגעפילט אַלע אופטראָגן, וועלכע זי האָט באַקומען, אַז קיינעם איז גאָר אַפן געדאַנק ניט געקומען וועגן איר ספּעציעלן ציל.

דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד האָט געטאָן זײַן זאַך דרײסט, נאָר פאָרזיכטיק. קעדײ ניט דורכפאַלן, האָבן די מיטגלידער פונעם פאַר־באַנד גענומען ארויספאָרן הינטער דער שטאָט פאָרלעכווײַז — א באָכער מיט א מײדל, קלוימערשט פאַרליבטע. זײ פלעגן אָנטאָן ברײטע בלוזעס, פלאַשטשן, קעדײ פאַרשטעלן פון א זײַטיקן אויג די פּושקעס מיט פאַרב, די פּענדז־לעך. הינטערן שטאָט פלעגן זײ אפן אספאַלט אָנשרײַבן די ווערטער „דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד לעבט!". אויב עמעצער איז אָנ־געקומען, פלעגן זײ זיך נעמען קושן, — א פאַר־ליבט פּאָרל! דערנאָך ווידער ארײַנשפּרינגען אין די וועלאָסיפּעדן, אָפּפאָרן א ביסל ווײַטער און אפּסנײַ אָנשרײַבן די ווערטער „דער קאָמו־ניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד לעבט!"

— דאָס איז געווען געפערלעך, — דערמאָנט זיך ריטע, — ווײַל אויב עמעצער פון די פאַר־בײַגײיער וואָלט צוגעקומען נעענטער און דער־זען, אז די פאַרב איז פריש, ערשט אָנגעמאָלט, וואָלט אלץ געווען געענדיקט. נאָר ווער וועט דאָס גײן קוקן, ווען יונגע מענטשן קושן זיך... אפן שאָסײ זײַנען געווען אויך פּאַנאָרן. מיר פלעגן באַווײַזן זיך אף א רעגע לעבן א פּאַ־נאָר, אין אײן אויגנבליק צוקלעפּן צו אים א פלוגבלעטל און — נעלעם ווערן.

די געסטאַפּאָ האָט ניט גערוט. עס זײַנען געווען ניט ווייניק דורכפאַלן, ס'האָבן זיך אָנ־געהויבן ארעסטן... נאָר באַומס גרופּע איז גע־וואָרן אלץ גרעסער, שטאַרקער, דערפאַרענער.

אין יענער צײַט האָט מען אָנגעהויבן טרײַבן ייִדן אף צוואַנגס־ארבעט. אין סימענס זאַוואָדן, וווּ עס זײַנען געווען פיל ייִדן, האָבן מיר ווער־בירט נײַע מיטגלידער פון אונדזער אָרגאַניזאַ־ציע. געשאַפן נײַע אומלעגאַלע גרופּעס און ארײַנגעצויגן אין זײ די קינדער, פון יענע, וועלכע מע האָט אוועקגעטריבן אף צוואַנגס־ארבעט. זײ זײַנען געווען נאָך זײער יונג, אָבער די אופטראַגן פון דער אָרגאַניזאַציע פלעגן זײ אויספילן גלענצנדיק.

איך פרעג בא ריטען: פאַרוואָס האָט מען אין דער אָרגאַניזאַציע ווערבירט נאָר ייִדישע יוגנט? דו האָסט דאָך נאָרוואָס דערציילט, אז איר האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן דײַטשישן קאָמיוג, און איצט זאָגסטו וועגן די דײַטשן קײן וואָרט ניט. ווו זײַנען בא דיר אהינגעקומען די דײַטשישע קאָמיוגיסטן?

די דײַטשן האָט מען פאַרבאָטן צו האָבן א פּאַרקער מיט ייִדן. די ייִדן האָבן שוין געמוזט טראָגן אף זײערע בגדים געלע מאָגנדאָווידס, צו יעדער שטוב, ווו עס האָבן געוווינט ייִדן, זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט מאָגנדאָווידס.

— ווען מיר, ייִדן, פלעגן דורכפירן אן ארבעט צוזאַמען מיט דער דײַטשישער יוגנט, — דערציילט ריטע, — פלעגן מיר אראָפּנעמען די מאָגנדאָווידס. דאָס איז אָבער געווען זײער גע־פערלעך: ווען די פאַשיסטן באַמערקן, ווי ייִדן נעמען אראָפּ די מאָגנדאָווידס, וואָלטן מיר קײן לעבעדיקע ניט ארויס. די אראָפּגענומענע מאָגנ־דאָווידס האָבן, כּוץ דעם, געקאָנט שטעלן אין א געפאַר אונדזערע דײַטשישע פרײַנט.

ווי עס איז דערנאָך קלאָר געוואָרן, איז באַומס גרופּע געווען פאַרבונדן מיט אזעלכע צענ־טרען פון ווידערשטאַנד, ווי, לעמאָשל, די „רויטע קאַפּעלע". די גרופּע האָט פאַרמאָגט אן אײ־גענע דרוקערײַ, וואָס האָט געדרוקט אופרופן צו די ארבעטער, דאָקטוירים, אינזשעניערן, הויז־באַלעבאָסטעס. זי האָט אויך באַהערשט די קונסט פון ארויסגעבן פאַלשע דאָקומענטן, וועל־כע זײַנען געווען באַזונדערס וויכטיק פאַר די סאָלדאַטן, ווײַל באַם צושטעלן אזא דאָקומענט, האָט דער סאָלדאַט באַקומען אורלויב.

1941. די היטלער־אָקופּאַנטן באַלעבאַטעווען שוין קימאַט אין גאַנץ אײראָפּע. זײ זײַנען אָנ־געפאַלן אויך אפן סאָוועטנפאַרבאַנד. צו דער דאָזיקער צײַט איז די באַום־אָרגאַניזאַציע גע־וואָרן אזוי קרעפטיק, אז זי האָט געקאָנט זעלב־שטענדיק ארויסטרעטן מיט א גרויסער אקציע.

די היטלער־האָרדעס האָבן געכאַפּט די שענד־לעכע מאַפּאָלע הינטער מאָסקווע. געבעלס סטאַרעט זיך אופהײבן דעם גײַסט פונעם דײַ־טשישן באַלעבעסל. אינעם בערלינער פּאַרק ליוסטגאַרטען האָט געבעלס געעפנט אן עקל־האַפטע רעכילעסדיקע אויסשטעלונג „דער סאָ־וועטישער גאַנײדן". ער האָט ערגעץ אויסגע־קראַצט פאָטאָגראַפיעס און שטײגער־כפייצים פון די אמאָליקע פאַררעוואָליוציאָנערע רוסישע פּויערים. אָט די ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט האָט ער אָנגעגעבן אלס א בילד פון הײַנטיקן טאָג.

און דעמלט האָט די אָנפירונג פון דער אָר־גאַניזאַציע באַשטימט: די אנטיסאָוועטישע אויס־שטעלונג אין ליוסטגאַרטען פאַרברענען!

צו דער דאָזיקער אקציע זײַנען צוגעשטאַנען אויך די דײַטשישע יונגע קאָמוניסטן. צווישן זײ איז געווען א כימיקער, וואָס האָט געאַרבעט אין א געהײמער לאַבאָראַטאָריע. אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן ברענשטאָף, מאַטעריאַלן, וועלכע פלאַמען לײַכט און שנעל אוף.

צו דער אקציע האָט מען זיך געגרייט זײער אופמערקזאַם, אלץ פאָרויסגעזען. זונטיק דעם 17 מײַ 1942 האָבן עטלעכע מיטגלידער פון דער אומלעגאַלער גרופּע און עטלעכע דײַטשישע כאַווײרים זיך צונויפגעמישט מיטן עולם און ארײַן אין זאַל פון דער אויסשטעלונג. זונטיק איז א פרײַער טאָג, און אף דער אויסשטעלונג איז געווען זײער א סאַך באַזוכער. מע האָט גע־

ריטע צאַכער

דאַרפֿט, אַז גראָד זונטיק זאָל אויסברעכן די סרייפֿע. נאָר דער ערשטער פּרווו איז צוליב עפּעס דורכגעפֿאַלן. אַף מאָרגן, מאָנטיק, איז די אויסשטעלונג פֿאַרברענט געוואָרן.

גאַנץ בערלין האָט גערעדט וועגן דער סרייפֿע. זי איז דורכגעפֿירט געוואָרן לויט אַלע קלאָלים פֿון קאָנספּיראַציע. קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, ווער עס זײַנען די אָרגאַניזאַטאָרן. נאָר צווישן די פֿרײַנט, וואָס האָבן זיך פֿאַראייניקט מיט דער גרופּע, איז אַרײַנגעשיקט געוואָרן אַ היטלערישער פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט אַלץ און אַלעמען אַרויסגעגעבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די עקזעקוציע. קוידעמקאָל האָט מען פֿאַרפּײַניקט און דערשאָסן יענע, וואָס האָבן אונטערגעצונדן די אויסשטעלונג. דערנאָך האָט מען אַלס שטראָף פֿאַר דער סרייפֿע דערשאָסן 250 ייִדן אין די טויט־לאַגערן. ווײַטער — פּונקט אַזויפֿיל ייִדן, וועלכע זײַנען נאָך געווען אַף דער פֿרײַ, אויב מע קאָן אַזאַ לעבן רופֿן „אַף דער פֿרײַ".

איינער נאָכן אַנדערן זײַנען אַרעסטירט געוואָרן די מיטגלידער פֿון דער אומלעגאַלער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. פֿון אַלע יאָווקעס איז געבליבן בלויז איינע — די דירע פֿון ריטע צאַכער. ריטע איז נאָך געווען אַף דער פֿרײַ. אין איר דירע האָבן מענטשן געלעבט אומלעגאַל. עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן, וועלכע די געסטאַפּאָ האָט געזוכט. עס פֿלעגט אַהין אָנקומען געלט פֿון די דײַטשישע קאָמוניסטן, דאָס געלט האָט מען צעטיילט צווישן די געזינדן פֿון די אומגעקומענע. אייניקע מיטגלידער פֿון די אומלעגאַלע גרופּעס האָט זיך אײַנגעגעבן אַריבערפֿירן קיין אויסלאַנד. זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין דײַטשלאַנד אין 1945, נאָך דער באַפֿרײַונג.

ריטעס יאָווקע האָט זיך געהאַלטן ניט לאַנג, די געסטאַפּאָ איז געפֿאַלן אַף אַ שפּור און אַלעמען אַרעסטירט, אויך ריטען. מע האָט די „סאָוועטישע שפּיאָנען" דערשאָסן. אייניקע האָבן זיך ניט דערוואַרט אַף דער קויל, זיי זײַנען געשטאָרבן פֿון די פּײַניקונגען. אַזוי איז אומגעקומען ריטעס מאַן. אינעם דערמאָנטן אַלבאָם איז פֿאַראַן זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע. ריטע און נאָך איין אָנטיילנעמער פֿון דער גרופּע זײַנען געבליבן לעבן דורך אַ צופֿאַל.

— די פֿאַשיסטן האָבן געהאָפֿט, אַז דו וועסט זיי אַלץ דערציילן, דעריבער האָבן זיי דיך געלאָזט לעבן?

— ווײַזט אויס, אַז יאָ. אַזאַ שטילינקע, אַזאַ שוואַכינקע. זאָל זי נאָר וויסן, וואָס איר שטייט פֿאָר, וועט זי טייקעף אַלץ דערציילן...

— זיי האָבן דיך געפּײַניקט?

— שרעקלעך געשלאָגן. צעבראָכן די ביינער פֿונעם געזיכט...

מע האָט זי אָפּגעפֿירט קיין אָשווענטשים.

...ריטע געדענקט, ווי עמעצער האָט געזאָגט: זי לעבט, זי איז נאָך אַ לעבעדיקע.

— איך האָב געעפֿנט די אויגן. לעם מיר איז געשטאַנען אַ סאָוועטישער דאָקטער, קלאַווע הייסט זי. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר און געזאָגט, אַז איך לעב נאָך. ווען ניט קלאַווע און די אַנדערע כאַווערים — דײַטשן, סאָוועטישע און פּוילישע קאָמוניסטן, וואָלט איך ניט געבליבן לעבן. איך האָב קיינמאָל ניט געצווייפֿלט, ווער עס וועט זיגן אינעם קאַמף, אָבער צי איך וועל בלײַבן לעבן... מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז שוין ניט אַזוי וויכטיק. נאָר אַט זעט איר דאָך — איך בין יאָ געבליבן לעבן!

ריטע איז אין לאַגער געווען באַפֿרײַנדעט מיט סאָוועטישע פֿרויען, מיט וועלכע זי האָט זיך געפֿונען אין איין באַראַק. קלאַווע, די דאָקטערשע, איז געווען שוין ניט קיין יונגע, און די צוויי נאַטאַשעס — מע האָט זיי גערופֿן נאַטאַשע די גרויסע און נאַטאַשע די קליינע — זײַנען געווען אין איין עלטער מיט ריטען. אין 1965 האָט ריטע געטראָפֿן אין אָשווענטשים, בעשאַסן פֿאַרלייגן אַ דענקמאָל די קאַרבאָנעס, נאַטאַשע די קליינע — אין 20 יאָר אַרום...

ריטע האָט געענדיקט דערציילן. מיר זײַנען לאַנג געזעסן שווײַגנדיק. דערנאָך האָב איך זיך אַרומגעקוקט און דערזען אין ווינקל פֿונעם צימער, פּונקט אַנטקעגן דער טיר, צוויי פּאָרט־

רעטן: א יונגערמאַן מיט א צעכראַסטעטער ברוסט, פֿײַערדיקע האָר, א הויכן שטערן און דײַטלעך געצייכנטע גענזיכט־שטריכן. אַף דער צווייטער פֿאָטאָגראַפֿיע — זייער א שיין מיידעלע. לאַנגע כוואַליעדיקע האָר, גרויסע אויסדריקלעכע אויגן, א פֿריילעך, שטיפֿעריש שמייכל. אין האַנט בא איר — א בלימעלע.

— ווער זײַנען זיי? — פֿרעג איך.

— דער יונגערמאַן איז מײַן זון פֿון דער צווייטער כאַסענע, — האָט געענטפֿערט ריטע. — דאָס איז אַן אויטאָפּאָרטרעט, ער איז א סטודענט און וועט זײַן א קינסטלער. דאָס מיידעלע איז מײַן טאָכטער. זי לעבט שוין ניט, מע האָט זי דערהאַרגעט. זי איז דעמלט אַלט געווען 5 מיט א האַלבן יאָר.

— דערהאַרגעט? ווען, ווו?!

דאָס מיידעלע האָט געקוקט אַף מיר, זי האָט געשמייכלט.

— איך ווייס גאָרנישט ניט, — האָט געענטפֿערט ריטע. — ניט ווו, ניט ווען מע האָט זי דערהאַרגעט. א קינד בלײַבט דאָך נאָכן טויט אַף אייביק א קינד.

איך האָב זיך באַמיט ניט צו קוקן אַף ריטען. נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט רוט, די איבערזעצערן. זי האָט געזאָגט אַף רוסיש:

— שוין צוואַנציק יאָר, אַז די דאָקטוירים פֿאַרבאָטן ריטען צו דערציילן וועגן דעם איבערגעלעבטן. בא איר איז זייער א קראַנק האַרץ.

— פֿאַרוואָס האָט איר מיך ניט געוואָרנט?!

— וואָס רעדט איר, — האָט זיך ריטע צעשמייכלט מיט איר שטיל, ליבלעך שמייכעלע. כאָטש זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט אַף רוסיש, האָט זי אָבער זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס מיר ריידן. — דאָס איז דאָך מײַן איינציקע אַרבעט — דערציילן וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געזען. מע מוז דאָס פֿאַרגעדענקען! דעריקער — די יוגנט. זאָל די יוגנט וויסן אַלץ. איך בין פֿאַרנומען מערסטנטייל מיט דער יוגנט.

ריטע צאָכער איז איצט אַף פּענסיע, אפֿן אַזויגערופֿענעם „פֿאַרדינטן אָפּרו". אָבער זי רוט קיינמאָל ניט. מאָרגן פֿאָרט זי קיין אָשווענטשים, ווו זי וועט אַרויסטרעטן פֿאַר די געוועזענע קאַצעטניקעס. אייערנעכטן איז זי אַרויסגעטראָטן אין א שול, אין טרעפּטאָוור־פּאַרק, ווו עס שטייט דער וועלט־באַרימטער דענקמאָל דעם סאָוועטישן סאָלדאַט־באַפֿרײַער. נאָך דער אַרויסטרעטונג האָט ריטע איבערגעגעבן 90 שול־קינדער קאָמיוג־בילעטן.

— איך האָב זיי געזאָגט אָט וואָס, — דערציילט ריטע, — איר שאַפֿט אײַער וועלט, א גוטע וועלט, ווו עס איז ניטאָ קיין צוואַנג, א נײַע וועלט פֿון גוטס און יוישער. היט די דאָזיקע וועלט, זי איז אײַערע.

רוט האָט איר געזאָגט:

— באַווײַז דײַנע אָרדענס און מעדאַלן.

ריטע איז אופֿגעשטאַנען פֿון פֿאָטעל, איז אַרויס אין שכייניש צימער און אומגעקערט זיך מיט א קעסטעלע אין האַנט.

ריטע צאָכער מיט א גרופּע יוגנטלעכע

אָט איז איינע פון די העכסטע באַלוינונגען פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, דערמיט באַלוינט מען די אַנטיילנעמער פון ווידערשטאַנד. א מעדאַל „די קעמפער קעגן פאַשיזם".

אָט איז דער „בראָנזענער אָרדען פונעם פאָטערלאַנד".

א „גאָלדענע מעדאַל" אלס באַלוינונג פונעם נאַציאָנאַלן פראָנט.

און „ערן־מעדאַל" פונעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אלס אָפּצייכענונג פאר דער געזעלשאַפטלעכער ארבעט נאָך דער מילכאָמע.

זילבערנע און בראָנזענע מעדאַלן פון דער געזעלשאַפט פון דעמאָקראַטישע פרויען.

נאָך א סאַך באַלוינונגען. ריטע האָט מיט אַן אַנטשיידענער באַוועגונג צוגערוקט צו זיך די שקאַטולקע און זי פאַרמאַכט.

— א סאַך וויכטיקער איז, וואָס דאָס דײַטשישע פאָלק, אונדזער מעלוכע געדענקט און שעצט הויך דעם אומפאַרגעסלעכן הערבערט באַום, דעם אָנפירער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

גלײַך נאָכן זיג איבערן פאַשיזם האָבן פיל אונטערנעמונגען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס געגעבן זיך א נאָמען נאָך הערבערט באַום. אין בערלין איז פאַראַן א גאַס, וואָס הייסט הערבערט באַומשטראַסע. אָף הערבערט באַומס נאָמען זײַנען אָנגערופן שולן, א דאַמפּער, א פּאָלק פון דער נאַציאָנאַלער ארמיי פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק.

— גיב א קוק, — האָט ריטע מיר באַוויזן א פאָטאָגראַפיע. — אָט דער מעמאָריאַל איז אויסגעבויט געוואָרן בא דער קאַזאַרמע פונעם פּאָלק אָף באַומס נאָמען. לייען:

„הערבערט באַום, א יידישער אַנטיפאַשיסט און אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דײַטשלאַנד. ער האָט געקעמפט קעגן פאַשיזם און מילכאָמע. אין 1942 האָט זײַן אונטערערדישע גרופּע אופגעריסן אין בערלין, אין „ליוסטגאַרטען", די פאַשיסטישע רעכילעסדיקע אויסשטעלונג „דער סאָוועטישער גאַניידען". הערבערט באַום איז א קאָמוניסט־אינטערנאַציאָנאַליסט און א פּאַטריאָט פון זײַן פאָלק.

זײַן לעבן און זײַן טויט זײַנען פאר אונדז א דערמאָנונג, א פאַרפליכטונג און א רוף".

מע דאַרף צוגעבן, — זאָגט ריטע צאָכער, — אַז אין די איצטיקע היסטאָרישע פאָרשונגען, וועלכע ווערן געפירט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, איז די גרופּע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט הערבערט באַום, אָנערקענט אלס איינע פון די הויפּט־אָרגאַניזאַציעס פון דער דײַטשישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מיט איר מעג שטאָלצירן דאָס פאָלק. וועלכעס פאָלק? דאָס יידישע? דאָס דײַטשישע?— אלע פעלקער! עכטע העלדן געהערן דער מענטשהייט.



מאַטל טאַלאַלײַעווסקי

א וועטעראַן פון מי

ווען דער פאַרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט אָנגערופן דעם נאָמען פונעם איינזשעניר־פּעדאַגאָג אראָן זאַהיקע, האָבן די בײַוועזנדע מיט א באַזונדער היספּײַלעס אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. צו דער בינע איז צוגעגאַן א קליינוווקסיקער, דאַרינקער מענטש מיט א געגאָלטן קאָפּ. ער האָט, דאַנקענדיק, גענומען פון נעם פאַרזיצערס האַנט די מעדאַל „וועטעראַן פון מי", מיט וועלכער ער איז באַלוינט. די, וואָס זײַנען געקומען אָף דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג פונעם פּעדאַגאָגישן קאָלעקטיוו פון דעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָבן גוט געקענט דעם דאָזיקן באַשיידענעם מענטשן, וועלכער זעט אויס אַזוי יונג, ניט געקוקט אָף זײַנע 75 יאָר.

דער וועג צו וויסנשאַפטלעכער ארבעט איז ניט געווען אַזוי פּראָסט און גלאַטיק. דאָס סלאָוווטער באָכערל, א זון פון אַן אָרעמער מיש־

פאַכע, האָט אָנגעהויבן זײַן וועג אין לעבן דערפון, וואָס ער האָט זיך צעקריגט מיטן טאַטן פונקט אין יענעם טאָג, ווען ער, אַרעלע, איז געוואָרן באַרמיצווע...

— קוקט אים נאָר אָן, ער וויל ניט לייגן קיין טפילן! אַן אַפּיקוירעס האָט מיר גאָט צו־געשיקט...

אַרעלע איז געווען דער צווייטער זון. און געהאַט האָט די מישפּאָכע נאָך זיבן קינדער. וואָס זשע פאַר א מוסטער וועלן זיי זיך נעמען פון דעם עלטערן?

געווען איז אַרעלע דאַפקע א פלײַסיקער, ער האָט ליב געהאַט האַלטן א ביכל אין האַנט, ניט געווען קיין אַזעספּאָנעם. נאָר לייגן טפילן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. אין בעסמעדרעש גיין — אויך. און דער טאַטע זײַנער, וואָס האָט געאַרבעט אין דער בוינע, האָט דאַפקע גע־וואָלט, אַז זײַנע זין זאָלן גיין אין גאָטס וועגן.

דאָס שטעטל סלאַוווטע, וואָס איז ניט ווײַט פון שעפּעטאָווקע, האָט ניט פאַרמאָגט קיין גרויסע צאָל אינטעליגענטן... ווען אַרל זאַהיקע האָט אָנגעהויבן אויסקלײַבן זײַן אייגענעם וועג אין לעבן, איז פונקט אויסגעבראָכן די ערשטע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע. אויסהאַלטן אַזאַ גרויסע מישפּאָכע איז דעם טאַטן געווען שווער. פאַרזעצן דאָס לערנען אין כיידער האָט אַרל ניט געוואָלט. וואָס זשע וועט זײַן דער טאַכלעס? דערצו האָט מען דעם איינציקן ברויטגעבער, דעם טאַטן, צוגענומען אַף דער מילכאָמע, און אַרל, נאָכטוענדיק דעם בײַשפּיל פון זײַן עלטערן ברודער, האָט געמוזט ווערן א לערנײַנגל און שפּעטער א געהילף־מאָנטיאָר אין דער סלאַווו־טער עלעקטראָסטאַנציע, וועלכע האָט געהערט דעם גוויר איציק דערמאַן.

עס רעדט זיך: א געהילף־מאָנטיאָר... ער איז פּאָשעט געווען א שיקײַנגל, א מעשאָרעס אין שטוב, נאָר אַז מע וויל צו עפּעס דערגרייכן, — האָט געזאָגט די מאַמע, — דאַרף מען ניט מוי־רע האָבן פאַר קיין שום אַרבעט. קוק זיך נאָר גוט צו, לערן זיך, וועסטו, מירצעשעם, ווערן א מענטש!

בא איציק דערמאַנען זײַנען געווען צוויי זין. מיט איינעם פון זיי, מיט אווראָמען, האָט זיך אַרל געכאַווערט. און ווען עס איז געקומען דער ליכטיקער טאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָ־לוציע און מע האָט געדאַרפט אַפּן דאַך פונעם העכסטן מויער אײַנשטעלן א רויטן פינפ־קאַנטיקן שטערן, האָט מען די אויפגאַבע אָנגע־טרויט די צוויי יונגע כעווריע, וואָס האָבן נאָך אין דער פאַרכאָלעמטער קינדהײַט אַרומגע־רעדט דעם איניען, וויאַזוי אָפּצונעמען די מאַכט אין שטעטל בא אווראָמס טאַטן...



אַראָן זאַהיקע

אַזוי, אייגנטלעך, האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג פונעם קאָמיוגיסט־עלעקטריקער אַרן זאַ־היקע. ער איז אָנגעקומען אין דער קיִעווער עלעקטראָ־פּראָפשול. דער פאַך איז אים געווען צום האַרצן. שווערער איז אָבער געווען זיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט. די בירזשע איז איבערפולט מיט אַרבעטסלאָזע כעוורע. זאַהיקען האָט אָפּגעגליקט, ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אינעם הויז פון סאַניטאַרישער בילדונג. טאַקע דאָ האָט מען דעם פלײַסיקן מאָנטיאָר אָנגענו־מען אין דער קאָמיוגישער קאָמונע, וואָס האָט געהאַט איר אייגענע צוזאַמענוווינונג אַף זשי־ליאַנסקע־גאַס, נומער דרײַ.

צו אַרן זאַהיקען האָט מען זיך אָנגעהויבן באַציִען ווי צו אַן ערנסטן באַלמעלאָכע, וועל־כער האָט ליב דערגריבלען זיך צו די סוידעס פון א מאַשין. ער פאַרנעמט זיך מיט געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט — פון צײַט צו צײַט באַ־ווײַזן זיך אין די קאָמיוגישע צײַטונגען זײַנע נאָטיצן, אַרטיקלען. פאַר איינעם אַן אַרטיקל האָט ער אַפילע באַקומען א פּרעמיע.

פאַרענדיקט די דינסט אין דער אַרמיי, האָט ער זיך אומגעקערט קיין קיִעוו און אָנגעקומען אַרבעטן אין ענערגאָטרעסט אַלס עלעקטריקער־מאָנטאַזשניק. דאָ ווערט ער א בריגאַדיר, א פּראָראַב. מע שיקט אים קיין מאָסקווע אַף קורסן, ווו ער באַקומט די קוואַליפיקאַציע פון א טעכניקער.

ער אַרבעט און לערנט זיך אין אינסטיטוט. דעמלט איז דאָס געווען אַזוי נאַטירלעך. עמעס, ס'איז אים געווען שווער, און ער האָט געמוזט בעטן, מע זאָל אים דערלויבן נעמען אורלויב

אַף דער אַרבעט, קעדיי אָפּגעבן די עקזאַמענעס. זײַן דיפּלאָם־אַרבעט האָט אַרומגערעדט דעם איניען, וויאַזוי אויסנוצן די אויטאָמאַטיק אינעם טעכנישן פּראָצעס פון די צוקער־זאַוואָדן.

זאַהיקע ווערט אַ גרופּן־אינזשעניער אין אַ קאָנסטרוקטאָר־אָפּטיילונג, וואָס פאַרנעמט זיך מיט עלעקטראָ־אויסשטאַטונג.

בייס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מיליטער־כאָמע אַרבעט ער אין טשעליאַבינסק אַף מיליטערישע אָביעקטן. ס'האָט זיך אים געוואָלט זײַן צוזאַמען מיט זײַן ברודער וואָלאָדיע, דעם טאַנקיסט, אַפן פראָנט, נאָר די, וואָס האָבן באַזאָרגט די אַרמיי מיט אַלץ, וואָס קאָן פאַרזיכערן דעם ניצאָכן, האָבן אים פאַרהאַלטן אין טשעליאַבינסק.

ווען ער האָט זיך רעעוואַקויִרט, האָט מען אים אײַנגעלאַדן איבערלייענען אַ ציקל לעקציעס אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אַפן עלעקטראָ־עקאָנאָמישן פאַקולטעט. בא דער אָנפירונג פונעם אינסטיטוט האָט ער אויסגענומען מיט זײַן פייִקייט פאַרייניקן דאָס וויסן מיט פּראַקטישער מײַסטערשאַפט. ער האָט דער ערשטער אויסגעלערנט זײַנע סטודענטן אָנווענדן דעם מעטאָד פונעם באַרימטן עלעקטריקער קאָוואַליאָוו אין די קיִעווער אומשטענדן. טאַקע אָט די אַרבעט לויט קאָוואַליאָווס מעטאָד איז געוואָרן דער גרונט־מאַטעריאַל פון זײַן קאַנדידאַטישער דיסערטאַציע.

און אָט זײַנען אַדורך דרײַ צענדליק יאָר. העכער 1500 אינזשעניערן, און צווישן זיי גאַנץ אָנגעזעענע, זײַנען אַדורכגעגאַן אַראָן זאַהיקעס שול, זיך געלערנט בא אים, וויאַזוי בעסער צו אָרגאַניזירן די רעסורסן פון דער ענערגעטיק אין אונדזער ווירטשאַפט. טויזנטער סטודענטן ניצן אויס דעם לערנבוך, וואָס זאַהיקע, צוזאַמען מיט עטלעכע מיטאַרבעטער, האָט פאַרפאַסט, ווי אויך זײַנע העכער זיבעציק וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען, וועלכע זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין דער ספּעציִעלער פּרעסע.

ווען אים קומט אויס זיך באַגעגענען מיטן ברודער זײַנעם וואָלאָדיע, וועלכער האָט נאָך דער דינסט אין דער טאַנקען־אַרמיי זיך אומגעקערט צו זיך אַפן זאַוואָד, צי שמועסן מיטן אַנדערן ברודער, וואָס האָט אַ לעבן אָפּגעאַרבעט אַף דער אײַזנבאַן, אָדער מיט די שוועסטער, דערמאָנט מען זיך אינעם שטעטעלע סלאַוווטע, וואָס איז איצט געוואָרן אַ גרויסער ראַיאָנישער צענטער, אין די ווײַטע קינדעריאָרן, מע דערמאָנט זיך דעם האַרבסטיקן טאָג, ווען אַרעלע האָט צוזאַמען מיט אַזוינע כעווערע, ווי ער, אײַנגעשטעלט דעם לויכטנדיקן שטערן אַפן סאַמע העכסטן דאַך.

אַזוי לעבן מיר

<u>בוזי מילער</u>

דרײַ און דרײַסיק גיבורים

אַ קאָמעדיע

אין צוויי טיילן, פיר בילדער

<u>אַנטיילנעמער:</u>

טעוויע פליישמאַן — אַ פענסיאָנער.
גאָלדע — זײַן פרוי.
לאָרע — זייער אייניקל.
איסאַק מאַרקאָוויטש — אַ שאַכן.
בעלע יעפימאָוונע — זײַן פרוי.
עדוואַרד גליקבערג — אַן אינזשעניער, אַרבעט אַפן באַם.

אַ לייטענאַנט פון יאַם־דינסט.
אַ סערזשאַנט.
אַ גראָבע שכיינע.
אַ דאַרע שכיינע.
אַ שאַכן מיט אַ ליולקע.
מיידלעך פון לאָרעס בריגאַדע.
אַנטיילנעמער פון דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אונדזערע טעג.

ערשטער טייל

דאָס ערשטע בילד

אַ צימער אין אַ הײַנטיקער דירע. אַ „וואַנטל" מיט אויסגעשטעלטע קרישטאָלענע און אַנדערע קיילים. אַ ניט גרויסע פאָלקע מיט ביכער. אַנטקעגן, איבער דער גאַנצער וואַנט — אַ טעפּיך. ווייכע פאָטעלן אַרום דעם זשורנאַל־טישל. אַ קאָלירטער טעלעוויזאָר. איין טיר צום קאָרידאָר, די צווייטע — אין אַן אַנדער צימער. די בינע פּוסט. פון ראַדיאָ־דינאַמיק טראָגט זיך אַ געזאַנג:

И с ней до победного края
Ты, молодость наша, пройдешь,
Покуда не выйдет вторая
Навстречу тебе молодежь...

טעוויע קומט אַרײַן מיט אַ היפּש פּעקל צײַטונגען אין האַנט, לאָזט זיך צום זשורנאַל־טישל, נאָר דערהערט די ליד, בלײַבט ער שטיין, הערט זיך אײַן.

И в жизнь вбежит оравою
Отцов сменя.
Страна встает со славою
Навстречу дня...

אַף די שפּיץ פינגער גייט ער צו צום זשורנאַל־טישל, לייגט אוועק די צײַטונגען, הערט.

Такою прекрасною речью
О правде своей заяви.
Мы жизни выходим навстречу,
навстречу труду и любви...

גייט צו בעגנטער צום דינאַמיק.

Любить грешно ль, кудрявая,
Когда, звеня.
Страна встает со славою
Навстречу дня.

(שליסט אויס די ראַדיאָ). **א גוטע ליד. א טײַערע ליד!** (צום זאַל.) **זאָגט דעם עמעס: וואָס דערמאָנט זי אײַך, די דאָזיקע ליד? אָ, מיר דערמאָנט זי א סאַך. זייער א סאַך... אײַ־אײַ־אײַ, ווי יונג מיר זײַנען נאָך דעמלט געווען! אי מיר, אי דאָס לאַנד... טאַקע בעעמעס** (זינגט שטיל.):

Страна встает со славою
Навстречу дня...

נאָר וויפל וואַסערן זײַנען זינט דעמלט פאַרלאָפן, אַ־אַ־אָ! און נאָר וואַסערן? וויפל בלוט... אוי־אוי... (זעצט זיך אין פאָטעל, נעמט א צײַטונג.) **לאָמיר א קוק טאָן, וואָס הערט זיך אַף דער וועלט עפּעס הײַנט?** (לייגט אוועק די צײַטונג, נעמט אַראָפּ די ברילן.) **קיין אײַנהאַרע, קיין בייז אויג... שוין א קײַמעלאָן פון 33 יאָר, זינט די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, און ס'איז שאָלעם אַף דער וועלט. שאָלעם... ס'הייסט, מילכאָמעס, קלענערע, גרעסערע, ברעכן אויס דאָ און דאָרט. מענטשן קומען אום... פאַראַן נאָך שיידים אַף דער וועלט, זיי דאַרפן, עס זאָל זיך גיסן בלוט... נאָר מע צוימט זיי, מע צוימט!** (נעמט א צווייטע צײַטונג.) **אָ, ווידער דער טראַנספּאַרמאַטאָר־זאַוואָד אַפן ערשטן אָרט. גענומען די פאָן. גוט! האָדל, די עלטערע טאָכטער מײַנע, אַרבעט דאָרט אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ. און ווי זעט עפּעס אויס די טריקאָטאַזש־פאַבריק? ע, דאָס מאָל איז זי אָפּגעשטאַנען, אָפּגעגעבן די פאָן. די אַנדערע טאָכטער מײַנע, כאַווע, פירט דאָרט אָן מיט א צעך. מע דאַרף זיי זאָגן, זיי זאָלן זיך אונטערציִען. עס פּאַסט ניט, טעוויעס א טאָכטער זאָל אָפּשטיין...** (הייבט זיך אויף.) **כ'האָב זיך נאָך פאַר אײַך ניט פאָרגעשטעלט? טאָ לאָמיר זײַן באַקאַנט! טעוויע רופט מען מיך. יאָ, טעוויע. וואָס לאַכט איר? איך הער, אין זאַל האָט עמעצער געפרעגט: „טעוויע דער מילכיקער?" נו, יאָ, האָט שאָלעם־אַלייכעם עפּעס געזאָגט, איז עס אַף אייביק. וויבאַלד טעוויע, בעט זיך שוין אַליין: „דער מילכיקער". נאָר מײַן פאַמיליע איז דאַפקע פליישמאַן. און טאָמער ווילט איר שטאַרק, בין איך א האַלב לעבן, און עפּשער מער, אויך געווען א מילכיקער. אָט הערט.** (פון קאָרידאָר א טעלעפאָן־קלונג.) **איין ווײַלע!** (אַף קומט צוריק אַרײַן, טוט א קוק אין פענצטער.) **ניין, מע זעט נאָך ניט.** (אַפּ פון פענצטער.) **אייסעך, מע האָט א טאָעס געהאַט מיטן נומער. איז וואָס האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן?** (גייט צו צו דער וואַנסטענע.) **ליבע מענטשן! אויב איר ווילט, וועל איך פּרווון טרעפן, נאָך וואָס איר זײַט געקומען אהער. איר זײַט געקומען זען א קאָ־מעדיע. געטראָפן? און כ'וועל טרעפן נאָך א זאַך: איר ווילט, איר כאַלעשט זען עפּעס נײַס. איך ווייס, איר האָט ליב שאָלעם־אַלייכעמען. ווי קאָן מען אים ניט ליב האָבן? איר האָט שוין א סאַך מאָל געזען — טאַקע דאָ אין טעאַטער אויך — „200 טויזנט", און „מאַזלטאָוו", „מענטשן", און „סטעמפּעניו", און „טעוויע דער מילכיקער". איר קענט אַף אויסנווייניק אַלע זײַנע פּסוקים. נאָר ווי זאָגט דאָרט בא שאָלעם־אַלייכעמען טעוויעס מיזינקע: „האָדל האָט געלעבט אין האָדלס צײַטן, און בײַלקע אין בײַלקעס". און די צײַט האָט א טעווע — זי שטייט ניט אַף איין אָרט. זי בײַט זיך, האַלט זיך אין איין בײַטן. וואָלט זיך אײַך דעריבער זייער געוואָלט, ווייס איך, זען כאָטשבי א שטיקל נײַעס, הײַנטיקן, אַן אונדזעריקן טעוויע. האָב איך געטראָפן? נו, טאָ קוקט זיך גוט אײַן. אָט שטייט ער פאַר אײַך... וואָס, אָן א באָרד, זאָגט איר? אַלטע לײַט טראָגן הײַנט ניט קיין בערד, בערד טראָגן יונגע... די פּלייצע איז ניט גע־בויגן פון דײַגעס? פאַרוואָס דאַרף זי זײַן געבויגן? קיינער מיינט דאָ ניט, כאָלילע, טאָן קיין שלעכטס ניט מיר, ניט מײַנע טעכטער, ניט די זין און טעכטער פון מײַנע טעכטער. קיינער טרײַבט מיך ניט פון מײַן באַטקיוושטשינע.**

טאָמער ווילט איר, איז בא מיר אין לעבן געווען ניט ווייניק ענלעכס צו שאָלעם־אַלייכעמס טעוויע. אָבער אויך דאָס ענלעכע איז פאָרגעקומען גאָר אַנדערש. יאָ, דאָס, וואָס מײַן ווײַב הייסט גאָלדע און די טעכטער הייסן, ווי טעוויעס טעכטער, איז עס ניט אומיסטן, פּאַשעט א צונויפטרעף. איז אָט, א סאַך יאָרן, ביזן אוועקגיין אַף פּענסיע, האָב איך אויך געהאַט צו

טאָן מיט קי, אָבער ניט מיט אייגענע — מיט קאָלווירטישע, און מיט א ביסל מער, איידער בא יענעם טעויע, — כ'האָב אָנגעפירט מיט א מילך־פּערמע אין קאָלווירט. די פּערמע איז בא מיר שטענדיק געשטאַנען אפן ערשטן אָרט אין ראיאָן, און פאר די יאָרן, וואָס כ'האָב דאָרט געארבעט, האָט מען אָנגעמאָלקן מילך ניט קיין קליינעם יאַם... ארויס אף פּענסיע, זײַנען מיר איבערגעפאָרן אהער, אין שטאָט, ווײַל זיצן אין דאָרף און ניט ארבעטן איז ניט שײַעך. און דאָ זײַנען מיר מיט די קינדער. איז אָט, מיקויעך די קינדער. טעוויעס עלטערע טאָכטער, אויב איר געדענקט, האָט כאסענע געהאַט פאר אן אָרעמען שנײַדער מאָטל קאַמזויל. און מײַנע — פאר א פּארוואלטער מיט אן אַטעליע. כ'וועל אײַך ניט גיין שווערן, אז ער איז ניט יענעם מאָטל קאַמזוילס אן אייניקל... און מיינט איר, אז צו מײַן צווייטער טאָכטער, צו האָדלען, האָט, פּונקט ווי אין דער פּיעסע וועגן טעויען, זיך ניט געשאַדכנט א קאַצעוו? עמעס, ניט גאָר א קאַצעוו — א הויפּט־אינזשעניער פון א פלייש־קאָמבינאַט. נאָר, איר פארשטייט, ווײַזט זיך ארויס, אז אייניקע קאַצאָווישע האַסאָגעס זײַנען ניט אוועק אין דער אייביקײַט צוזאמען מיט לייזער־וואָלפן. אָט דער אינזשעניער — הויכע בילדונג, לויט אלע סימאָנים א הײַנטיקער מענטש, נאָר אין א סאך זאכן האָט אים דער אלטער לייזער־וואָלף געלאָזט גריסן... ניט מער, בא יענעם איז געווען — איר געדענקט? — א סאַמאָוואר, און נאָך א סאַמאָוואר, און א קופּערנע טאַץ, און נאָך איינע, א ווארשעווער, און זילבערנע לײַכטער, און א מענוירע, און בא דעם — צו וואָס דאַרף ער אָט די אלטע שמאָכטעלאַקעס? — בא דעם א „זאַפּאַראָזשעץ". דערנאָך האָט ער אים פארקויפט און געקויפט א „זשיגולי" און זיך געשטעלט אין ריי אף א „לאַדע". האָט אָבער מײַן האָדל געזאָגט, אז ניט דאָס מיינט זי. זי קען זיך באַגיין אָן א „זשיגולי" און אפילע אָן א „לאַדע" אויך, און האָט זיך גאָר פארליבט... אין א סטודענט, מיינט איר? געטראָפן! א סטודענט, אן אָפענער מויעך, א טײַערער יונג. דאָרט, בא שאָלעם־אליכעמען, — געדענקט איר דאָך, — איז האָדל נאָכגעפאָרן פּעפּערלען קיין סיביר, און דאָ, פארקערט, איז עדיק — אזוי הייסט מײַן איידעם — נאָכגעפאָרן האָדלען פון סיביר (ער האָט פארענדיקט דעם טאָמסקער אוניווערסיטעט) קיין ביראָבידזשאַן...

און די דריטע טאָכטער, כאווע, מיינט איר, האָט ניט נאָכגעטאָן פּינקטלעך יענער כאווען? דער מאַן אירער הייסט ניט פעדיע, אנטאָן הייסט ער. מע לעבט, ווי די טויבן, און מע האָט צוויי טײַערע קינדער. מע קלינגט! (אָפּ. ארײַן, א קוק אין פענצטער.) נאָך ניט צו זען. (צום זאַל.) וועגן וואָס האָבן מיר מיט אײַך געשמועסט? וועגן כאווען... (ווידער דער טעלעפאָן. אָפּ. און באלד ארײַן.) דאָס אייניקל. שטעלט זיך דער טאָג, הייבט מען אָן קלינגען, און אלץ — דאָס אייניקל. וואָס פאר אן אייניקל? כ'האָב אײַך נאָך ניט דערציילט? ס'איז א שיינע געשיכטע. איצט איז דאָך געוואָרן א מאָדע, וואָס אין טעוויעס צײַטן, כ'מיין אין יענעם טעוויעס צײַטן, האָט מען פון אזוינס ניט געוווּסט. טאטע־מאמע כאָוועו אויס קינדער, א נאַטירלעכע זאך. גרינג, ווי איר ווייסט, קומט עס ניט אָן. נאָר אָט, אן עק — אויסגעכאָוועט, אופגעצויגן, אויסגעלערנט, כאסענע געמאכט! דאכט זיך, געַנוג? טאטע־מאמע מעגן שוין א ביסל אָפּרוען, קומען צו־זיך? איז ניין, ערשט דאָ הייבט זיך אָן דאָס רעכטע געדיכטע. אף דער וועלט קומט מיט מאזל אן אייניקל, און אלץ הייבט זיך אָן באַנײַס א קאָן! וועט איר דאָך זאָגן: סטײַטש! זאָלן די יונגע טאטע־מאמע אליין דערציִען זייער קינד. טאקע גערעכט! נאָר וואָס וועט איר טאָן, אויב די טאטע־מאמע זײַנען נאָך ביידע — סטודענטן, זי אפן צווייטן, און ער אפן דריטן קורס? וועט איר ווידער זאָגן: ווער האָט זיי געיאָגט? געקאָנט צוווארטן, ביז מע וועט ענדיקן? הייבט זיך אָן! האקלאל, דער זיידע מיט דער באָבען פארקאשערן די ארבל און הייבן אָן פונעם אלעפבייס... וואנעלעך, ווינדעלעך, קאָלגאָטקעלעך... און אז די קינדער ענדיקן, דארפן זיי זיך אײַנאָרדענען, און ביז מע ארבעט זיך אײַן, געדויערט אויך. האקלאל, איר באַווײַזט זיך ניט ארומקוקן, דארפט איר שוין פירן דאָס אייניקל אין ערשטן קלאַס. איר, דער זיידע מיט דער באָבען, ניט טאטע־מאמע. זיי האָבן דערוף קיין צײַט ניט. און זיי מאכט ניט אויס. אי סע הייסט, אז מע האָט א קינד, אי מע האָט דערמיט קיין צאָרעס ניט... דאָס דערצייל איך אײַך ניט גלאַט טעאָריעס, טאקע וועגן מײַן אייגן אייניקל דערצייל איך אײַך — וועגן מײַן מיזינקעס טעכטערל. ווען דאָס אייניקל איז אריבער אין פינפטן קלאַס, האָט מען דעם איידעם אריבערגעפירט ארבעטן קיין מאגאדאַן. דאָס אייניקל האָט דאַפקע געוואָלט פאָרן מיט די עלטערן, נאָר דאָ, וועל איך אײַך זאָגן דעם עמעס, האָבן מיר מיט דער באָבען זיך געשטעלט קעגן, און דעריקער די באָבע... אז בעסאַכאַקל איז דאָס קינד צו אונדז געווען געוווינט מער, ווי צו די עלטערן. האָט זי פארענדיקט אכט קלאסן, דערנאָך א פּע־טע־או — א פראָפעסיאָנעל־טעכנישע שול, הייסט עס, אזוי האָט זי געוואָלט, — איצט ארבעט זי אף דער ניי־פאבריק און לערנט זיך הינטער־אויגיק אין אינסטיטוט. אן אויסגעשפּילט קינד, זאָג איך אײַך. קלוג, ווי דער טאָג, שיין, ווי די וועלט, און נעמט זי זיך עפּעס טאָן, ברענט בא איר אונטער די הענט.

דערצו נאָך — אַ טענצערן און אַ זינגערן אויך, אַז מע שמועסט, — מיט אַלע מײַלעס! (מע קלינגט. אָפּ. אַרײַן). ס'איז ניט דער טעלעפאָן — אין טיר. גאָלדע האָט פאַרגעסן די שליסל. זי וועט עס מיר באַלד אַרײַנטײלן אַ כײלעק! און וועט זײַן גערעכט! קוים וואָס זי האָט זיך דערטראָגן מיט בײדע קאָשעקעס...

גאָלדע (קומט אַרײַן, אָטעמט שווער). טעוויע...

טעוויע. וואָס איז, גאָלדע־סערדצע?

גאָלדע. אַבי דו האָסט זיך אײַנגעכאַזערט: „גאָלדע־סערדצע"... איז אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, אַז דו פֿלעגסט אַזוי זאָגן, און שפּעטער אַ ביסל, האָב איך געפֿילט דערבײַ, איז טאַקע דאָ אַ שטיקל האַרץ אויך. נאָר אַצינד, אויף דער עלטער, האָסטו שוין אײַנגעגאַנצן קײן האַרץ ניט, אַפֿילע קײן ברעקל...

טעוויע. גאָלדע־סערדצע...

גאָלדע. הער אויף צו סערדצען... אַמאָל פֿלעגסטו כאָטש האָבן אַ טעווע אַ קוק טאָן אין פֿענצטער. האָסטו געזען, איך טראָג זיך מיט די קאָשעקעס, ביסטו אַראָפּגעלאָפֿן, געהאָלפֿן זײַ מיר אַרופֿשלעפּן...

טעוויע. געקוקט, גאָלדע. כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי כ'האָב געקוקט. אָט זײַנען אײדעס... (ווײַזט אויף זאַל.)

גאָלדע (לײגט ניט קײן אַכט). ווען מע האָט ניט געדאַרפֿט, האָסטו געקוקט. און ווען מע האָט געדאַרפֿט (אַ ווונק אויף זשורנאַל־טישל). איך ווײס ניט? — האָסט זיך אײַנגעגראָבן אין די גאַזעטן...

טעוויע. איך שווער דיר, אַפֿילע ניט אַרײַנגעקוקט.

גאָלדע. ווי קומט עס?

טעוויע. געווען פֿאַרנומען, גאָלדע, שטאַרק פֿאַרנומען.

גאָלדע. מיט וואָס?

טעוויע. כ'האָב דאָ אַ ביסל זיך דורכגעשמועסט.

גאָלדע. מיט וועמען?

טעוויע. וואָס זשע, דו זעסט ניט?

גאָלדע (קוקט זיך אַרום אין צימער). איך זע דאָ קײנעם ניט.

טעוויע (ווײַזט אויף זאַל). זעעסט ניט, וואָס פֿאַר אַן אוילעם, קײן אײַנהאָרע, איז זיך צונויפֿגעקומען?

גאָלדע (פֿאַרכידעשט). זײ?

טעוויע. יאָ.

גאָלדע. זײַנען זײ געקומען צו אונדז?

טעוויע. צו וועמען דען?

גאָלדע. וואָס זשע שווײַגסטו? און איך שטײ דאָ אין מײַן וואָכעדיקן כאַלאַט...

טעוויע. ס'מאַכט ניט, דאָס זײַנען הײמישע מענטשן.

גאָלדע. נײן, אײב אַזוי, גײ איך זיך איבערטאָן. (אָפּ.)

טעוויע. נו, אָט, קענט איר שוין מײַן גאָלדען אויך. קוקט ניט, וואָס זי האָט דאָ ערשט גערעדט מיט מיר אַ ביסל ברויגעזלעך. אינדערעמעסן האָט זי אַ גאָלדן האַרץ. עמעס, ניט גאָר קײן געזונטס, נאָר זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז. זי האָט ניט ליב, אַז מע דערמאָנט עס איר. איך ווײס עס און פֿאַרלויף איר אַלע וועגן. נאָר הײַנט, זעט איר דאָך... איך בין אָבער ניט שולדיק. דאָס זײַט איר שולדיק, כ'האָב מיט אײַך זיך פֿאַרעדט... (עס קלינגט דער טעלעפאָן.)

גאָלדע (פֿון אַנדערן צימער). טעוויע, גײ צום טעלעפאָן, איך טו זיך איבער.

טעוויע. מיסטאָמע קלינגט מען ווידער דעם אײניקל. (אָפּ. קערט זיך אום.) נו, וואָס זשע? שטעלט זיך דער טאָג, הײבט זיך אָן אַ קלינגעניש: לאָרע און לאָרע! אַלע דאַרפֿן לאָרען! און אַלץ ייִנגלעך... נאָר וואָס איז דער כידעש? אָט וועט איר זיך באַקענען מיט איר, וועט איר אַלײן זען — ס'איז דאָ צו וועמען צו קלינגען.

גאָלדע (קומט אַרײַן איבערגעטאָן, צוגעפּוצט). ווער האָט געקלונגען?

טעוויע. פֿונוואַנעט זאָל איך וויסן? אַ באָכער.

גאָלדע. צו וועמען?

טעוויע. ניט צו דיר.

גאָלדע (גײט זיך דורך איבערן צימער). וואָס זשע, טעוויע, צו מיר קען מען שוין גאָר ניט קלינגען, האַ?

טעוויע (באַטראַכט זי). פֿאַרוואָס? אַז דו פּוצסט זיך נאָך צו, האַלעמײַ זאָל איך זאָגן...

גאָלדע. וואָס זשע, כ'בין שוין אײַנגעגאַנצן אויף אַרויסצוואַרפֿן, טעוויע?

ט ע ו י ע. גאָט באהיט! האלעווײַ אַף אלע ווײַבער געזאָגט געוואָרן!..

ג אָ ל ד ע. טאקע? מיינסט עס אַף אַן עמעס, טעוויע?

ט ע ו י ע. ניט אומזיסט איז פאראַן א ווערטל: „הארנא דיווקא — הארנא באבא"...

ג אָ ל ד ע. א „הארנא דיווקא" בין איך טאקע געווען. וועסט זאָגן, אַז ניט, טעוויע? נאָר „הארנא באבא"? ס'איז שוין אַז ווײַ צו דער הארנעקײַט, אַז מע ווערט א באָבע... נו, נו, וועגן אונדזער לאָרען האָסטו דאָ שוין אָנדערציילט ניסים־ווענדערפלאָעס?

ט ע ו י ע. דו וואָלסט מיסטאמע אָנדערציילט אין דרײַ מאָל מער.

ג אָ ל ד ע. וואָס זשע? אַז וויפל מע זאָל ניט דערציילן, איז ווייניק. בריוו זײַנען הײַנט געווען?

ט ע ו י ע. ניין.

ג אָ ל ד ע. קיין איין בריוו ניט?

ט ע ו י ע. קיין איינע.

ג אָ ל ד ע. א כידעש.

ט ע ו י ע. דערצייל שוין, אויב אזוי, וואָס פארא בריוו.

ג אָ ל ד ע. דערצייל דו, בא דיר וועט זיך באקומען בעסער.

ט ע ו י ע. דערצייל, דערצייל. איך האָב זיי הײַנט גענוג אָנגעדולט א קאָפּ.

ג אָ ל ד ע. איר מעגט עס אויסהערן. נו, וואָס פאר אַן אייניקל בא אונדז, האָט אײַך מײַן טעוויע שוין דערציילט. טרעפט א מײַסע, מע קומט צו זיי אַף דער פאבריק מאכן א סיאָמקע פארן טעלעוויזאָר. מע ווײַזט די פאבריק, ווי זי זעט אויס פון דרויסן, און פון אינעווייניק, און ווי עס גייט די ארבעט אין די צעכן, און ווי מע פארברענגט אפדערנאכט אין קלוב. און לאָרע — אָן איר באגייט זיך עס ניט... אומעטום איז זי פוניבן אָן! אָט ווײַזט מען, ווי זי פירט זיך אין צעך. זי באדינט זעקס ווערקשטעלן מיטאמאָל, און פון איינעם צום אנדערן ניט זי גייט — זי טאנצט באלעט! און אָט זיצט זי אין דער היים, אָט דאָ בא אונדז, הייסט עס, ארומגעלייגט מיט ביכער און גרייט זיך אָפּשיקן אַן ארבעט אין אינסטיטוט (זי לערנט זיך בא אונדז הינטער־אויגיק), און אָט טרעט זי ארויס אין קלוב אַף א קאָנצערט... דאָס אַלץ האָט מען איינגיכן באוויזן אין דער כאבאראָווסקער טעלעוויזיע. עס גייט דורך א שטיקל צײַט, און פרעגט ניט, — ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן בריוו! צוערשט אַף דער פאבריק, דערנאָך אהער אויך. אומעטום האָט מען זי געזען, אלעמען איז זי געפעלן. איינער וויל זיך מיט איר איבערשרײַבן, א צווייטער — באקענען, א דריטער — הערט א מײַסע! — באָט זיך אָן קומען צוגאַסט... ווי געפעלט אײַך? ווער עס שרײַבט, ווילט איר וויסן? ווער ניט! א גרענעצלער פון טשוקאָטקע, און א מאטראָס פון סאכאלין, און סטודענטן פון כאבאראָווסק, און אפילע אַן אינזשעניער פון מאָסקווע. ס'הייסט, א געבוירענער איז ער אין מאָסקווע, נאָר איצט ארבעט ער אַפּן באם. איך רעד שוין ניט פון ביראָבידזשאַן און פון דער געגנט...

א ש ט י ם פ ו ן ז א ל. זי ענטפערט אַף אלע בריוו?

ג אָ ל ד ע. איר פרעגט, צי לאָרע ענטפערט אַף די בריוו? א ברייִרע האָט זי? ניט אַף אלע, פארשטייט זיך, ווו נעמט מען אזויפיל צײַט און קויעך? נאָר מיט א מענטשן צען, די סאמע נאָסטירנע, שרײַבט זי זיך איבער. אוואדע! (צו טעוויען.) הער נאָר, טעוויע, דו ווייסט גאָר ניט, וואָס פאר א מעציִע כ'האָב הײַנט אײַנגעהאנדלט. (אָפּ און באווײַזט זיך צוריק מיט א גרויסן אנאנאס.) אָט! עפשער וועסטו מיר זאָגן, וואָס פאר א פיירע דאָס איז?

ט ע ו י ע (באטראכט דעם אנאנאס). אָט דאָס? כ'זאָל אזוי וויסן פון בייז...

ג אָ ל ד ע. איַי־איַי, טעוויע, ווי שעמסטו זיך ניט? ווייסט ניט אזא פּאָשעטע פיירע?

ט ע ו י ע. א פּאָשעטע? מײַן זיידע האָט עס ניט געזען, און מײַן טאטע האָט עס ניט פארזוכט.

ג אָ ל ד ע. אָט דאָס איז דאָך עס. איך שטיי נאָך מערן בא אונדז אין דער גרינס־קראָם, ערשט מע האָט ארויסגעוואָרפן אָט דעם מין...

ט ע ו י ע. ארויסגעוואָרפן?

ג אָ ל ד ע. אזוי רעדט זיך עס.... מע גיט...

ט ע ו י ע. אומזיסט?

ג אָ ל ד ע. אזוי רעדט זיך עס. ס'קאָסט דאפקע ניט ביליק. לימענעס ווייס איך, מאראנצן ווייס איך, באנאנען אויך. אָבער דאָס? פרעג איך. זאָגט מען — אנאנאס.

ט ע ו י ע. א זאך צום נאשן? (נעמט דעם אנאנאס אין האנט.) אָט די פיירע, ווי איך זע, מוז שטאמען פון די גאָר ווײַטע און גאָר וואַרעמע מעקוימעס. נאָר וואָס איז דער כידעש — ווו די וועלט האָט אַן עק, דאָרט פארמאָגן מיר פרײַנט.

ג אָ ל ד ע. אָבער מיט וואָס עסט מען עס, האָב איך זיך געשעמט צו פרעגן.

טעוויע. אַט וועט קומען לאַרע, וועט זי אונדז זאָגן.
גאַלדע. פונוואַנען זאָל וויסן לאַרע, אַז מיר וויסן ניט?
טעוויע. ע, גאַלדע, די אייער זײַנען איצט קליגער פון די הינער. (גייט צו איר נעענטער.) דו ווייסט גאָר ניט, גאַלדע, וואָס פאַר אַ לידמע האָט דורך ראַדיאָ איבערגעגעבן הײַנט אינדערפרי, ווען דו ביסט אוועקגעגאַנגען.
גאַלדע. וואָס פאַר אַ ליד?
טעוויע (זינגט שטיל די מעלאָדיע.)
גאַלדע. ס'איז דאָך די ליד וועגן „ווסטרעטשני"! אַ־האַ, זיך דערמאָנט, ווען די באָבע איז אַ קאַלע געווען...
טעוויע. ניין, האָסט אַ טאָעס, גאַלדע־לעבן. מײַן קאַלע ביסטו דעמלט נאָך ניט געווען. איך האָב ערשט אָנגעהויבן אַרײַנגיין צו דיר אין שטוב. איך האָב שוין דאַפקע געוואָלט, דו זאָלסט זײַן מײַן קאַלע, נאָר דו האָסט נאָך געשוויגן, געשוויגן ווי אַ פיש...
גאַלדע. און בײַ דיר איז די נעשאָמע אויסגעגאַנגען, אַזוי האָסטו געוואָלט וויסן, וואָס איך וועל זאָגן...
טעוויע. ווי זשע?
גאַלדע. זעסט... און איצט בין איך בײַ דיר אַ פּראָסטער מיטוואָך.
טעוויע. ניין, גאַלדע, ביסט איצט בײַ מיר אויך ניט קיין פּראָסטער מיטוואָך. געדענקסט, מיר האָבן געקוקט מיט דיר דעם דאָזיקן פילם „ווסטרעטשני". נאָך דער „פּוטיאָווקע אין לעבן" איז ער געווען דער צווייטער פילם שוין ניט קיין שטומער. און דאָרטן האָט מען געזונגען אָט די ליד. (זינגט.)

Любить грешно ль, кудрявая,
когда звеня...

גאַלדע. געדענקסט אָבער?
טעוויע. ווי זאָל איך ניט געדענקען? (נעמט אַרום גאַלדען.) דעמלט טאַקע, גײַענדיק פון קינאָ, — געדענקסט? — האָב איך דיך אַ קוש געטאָן... צום ערשטן מאָל... (וויל זי אַ קוש טאָן.)
גאַלדע (מאַכט זיך אַוועק). גיי שוין גיי...
טעוויע (גייט אָפּ צום זשורנאַל־טישל, נעמט אַ צײַטונג, וויקלט זי פאַנאַנדער, פון איר טוען זיך אַ שאָט בריוו). זע נאָר, גאַלדע!
גאַלדע. וואָס האָב איך דיר געזאָגט?
טעוויע. געוויינלעך לייגט מען די בריוו באַזונדער. הײַנט האָט מען זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ צײַטונג.
גאַלדע. צו וועמען די בריוו? (קוקט דורך די קאָנווערטן.) אַלע — צו לאַרען.
טעוויע (קוקט אויך דורך). אַלע צו איר.
גאַלדע (מיטן פּעקל בריוו אין האַנט). ווי מײַנסטו, טעוויע, קיין דעפּיציט אָף כאַסאַנים וועט ניט זײַן?
טעוויע. איך מיין, גאַלדע, אַז ניט...

פאַרהאַנג.

דאָס צווייטע בילד

לאַרע (אַליין אין צימער. שפּעט. די שײַן פון אונטערן אַבאַזשור פאַלט אָף איר פּאָנעם, אָף די ביכער און העפטן. דאָס גאַנצע צימער — פאַרטונקלט. זי שרײַבט. פאַרטראַכט זיך, הייבט אויף דעם קאָפּ). איבערמאָרגן דאַרף מען אָפּשיקן די אַרבעט אין אינסטיטוט. זי איז בײַ מיר נאָך אָף קיין העלפט ניט פאַרטיק. (שרײַבט. הייבט ווידער אויף דעם קאָפּ.) אָף הײַנט גענוג! עמעצער פון די גרויסע האָט געזאָגט: „אָפּרוען באַטײַט: נעמען זיך פאַר אַן אַנדער אַרבעט". (גייט אַרויס פון הינטער טיש, שליסט אײַן די ראַדיאָלע.) שטיל, שטיל... ניט אויפוועקן קיינעם... אײַנגיכן דער קאָנצערט אין קלוב. מײַן טאַנץ האָב איך נאָך ווי געהעריק ניט אויסגעאַרבעטירט. אָט אַזוי... (טאַנצט און זינגט אָן ווערטער.) אָט אַזוי...
גאַלדע (אָפּן שוועל. לאַרע זעט זי ניט, טאַנצט). מיר פאַר דײַנע יונגע ביינדעלעך...
לאַרע (דערשראָקן). באָבע, דו? כ'האָב דיך אויפגעוועקט?

גאָלדע. ניין, האָסט מיך ניט אופגעוועקט. כ׳בין סײַווי ניט געשלאָפֿן.
לאָרע. און דער זיידע?
גאָלדע. דער זיידע שלאָפֿט. צײַט, דו זאָלסט אויך אָפּרוען.
לאָרע. עפּעס ווילט זיך ניט, באָבע. א סאַך ארבעט. איינגיכן דער קאָנצערט, איך טאַנץ דאָרט, ווייסט?
גאָלדע. וואָס זשע, איך ווייס ניט? אָדער דו טאַנצסט, אָדער זו זינגסט, אָדער דו טוסט ביידע זאכן...
לאָרע. ניין, בעעמעס, באָבע! (טאַנצט.) דאָס רעפּעטיר איך. גוט, וואָס דו ביסט ארײַנגעקומען. איך דאַרף טאַקע א פּאַרטניאָר. (טוט א כאַפּ די באָבע, דרייט זיך מיט איר האַסטיק איבערן צימער.)
גאָלדע. אוי, לאָז אָפּ, איך האָב קיין קויעך ניט. געפֿין זיך שוין א בעסערן פּאַרטניאָר. (טוט א פאל אין פאָטעל.)
לאָרע (טאַנצט אליין). כ׳וועל געפֿינען, כ׳וועל געפֿינען, באָבע...
גאָלדע. דו האָסט פון וואָס אויסצוקלײַבן.
לאָרע. דו מיינסט — די בריוו?
גאָלדע. וואָס זשע? א ווערטעלע אויסצורייד, אזויפיל בריוו! הײַנט איז דאָך אָנגעקומען עפּשער נאָך א צענדליק.
לאָרע. כ׳האָב געזען. און ווייסטו פונוואַנען אײנער א געאָלאָג שרײַבט מיר?
גאָלדע. פונוואַנעט?
לאָרע. פונעם אינדזל שיקאָטאַן.
גאָלדע. ווו איז עס ערגעץ?
לאָרע. אף די קורילן.
גאָלדע. אזוי ווײַט? אהין דערגייט אויך די כאַבאַראָווסקער טעלעוויזיע?
לאָרע. כ׳ווייס ניט, באָבע. ער שרײַבט, אז די טראַנסלירונג האָט ער געזען אין כאַבאַראָווסק, ער איז געווען דאָרט פאַרבײַפאָרנדיק. און געקומען אפן אָרט, האָט ער באַשלאָסן מיר אָנשרײַבן. און ער בעט מיך...
גאָלדע. וואָס בעט ער דיך?
לאָרע. איך זאָל זיך מיט אים איבערשרײַבן.
גאָלדע. א נײַס! וועגן דעם בעטן דיך אלע.
לאָרע. יאָ, אלע, באָבע. וואָס זשע זאָל איך טאָן?
גאָלדע. וואָס דאַרפסטו טאָן?
לאָרע. וואָס הייסט? מענטשן שרײַבן, דאַרף מען ענטפערן.
גאָלדע. וועדליק איך ווייס, האָסטו שוין אייניקע געענטפערט.
לאָרע. אינגאַנצן א מענטשן צען.
גאָלדע. נו, גענוג.
לאָרע. וואָס גענוג?
גאָלדע. אויב פון די צען וועט בלײַבן איינער, איז אויך גענוג.
לאָרע. איינער?
גאָלדע. יאָ. זאָג מיר, ווען מע לייגט דיר פאָר פון אָט די אלע, וואָס שרײַבן דיר, אויסקלײַבן איינעם, וואָלסטו אויסגעקליבן?
לאָרע (טוט זיך א טוליע צו דער באָבען). דאַכט זיך, יאָ, באָבע...
גאָלדע. ווער איז ער?
לאָרע. אן אינזשעניער.
גאָלדע. פונוואַנעט?
לאָרע. פון טינדאַ.
גאָלדע. טינדאַ? ווו איז עס?
לאָרע. אפן באַם.
גאָלדע. מיט וואָס זשע האָט ער בא דיר אזוי אויסגענומען?
לאָרע. אוי, באָבע, ווען דו ווייסט, סאַרא בריוו ער שרײַבט... סאַרא בריוו...
טעוויע (אפן שוועל. מע באמערקט אים ניט). וואָס עפּעס פאַרא סודעס אָן מיר?
גאָלדע. אוי, איבערגעשראָקן אף טויט! א האַסאַגע פון א מענטשן! ביסט דאָך געשלאָפֿן?
טעוויע. טאַקע געשלאָפֿן. נאָר, ווי זאָגט דאָרט בא שאָלעם־אלייכעמען יענער טעוויע: איך בין געשלאָפֿן, און מיטאַמאָל — כאָלוים כאָלסומטי... האָט זיך מיר געכאָלעמט א כאָלעם... אוי, א כאָלעם...

גאָלדע. אַ כאַלעם?

לאָרע. וואָס פאַר אַ כאַלעם?

טעוויע (צו לאָרען). דערלאַנג מיר אַ טרונק, ס'איז מיר איבערגעטריקנט אין האַלדז. (זעצט זיך.)

לאָרע (דערלאַנגט). דערציל, זיידע! (זי און גאָלדע אַרום אים.)

טעוויע. איר מעגט עס אויסהערן. ס'איז קאַיאָר... די זון איז נאָרוואָס אופגעגאַנגען, דער הימל לויטער, אָן איין וואָלקנדל. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך פונויבן אַ דונערן... פונוואַנעט, פון וואָס? און דאָס דונערן ווערט שטאַרקער, שטאַרקער... איך טו אַ קוק, אָף דער ערד לאָזט זיך אַראָפּ — אַ פויגל ניט קיין פויגל, אַן אעראָפּלאַן ניט קיין אעראָפּלאַן — עפּעס אַזאַ גרויס און אַ שײַנענדיקס, ווי אַ שטיק זון... און עס עפנט זיך אַ טיר, מע שטעלט אַרויס אַ לייטער, און איבערן לייטער גייען אַראָפּ — ניט איינס, ניט צוויי, ניט דרײַ... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, — יונגע, שיינע, שטאַלטנע — דרײַ און דרײַסיק — קיין איינער ניט מער, קיין איינער ניט ווייניקער — דרײַ און דרײַסיק גיבוירים...

גאָלדע. אַזוי?

לאָרע. און ווײַטער?

טעוויע. ווײַטער? איך שטיי ניט טויט, ניט לעבעדיק און קוק אָף דעם אַלעם. צוביסלעך נעם איך זיך אָן מיט מוט און וויל אַ פרעג טאָן: ווער זײַט איר? פונוואַנעט קומט איר? וואָס דאַרפט איר?

גאָלדע. טאַקע...

טעוויע. נאָר איך באַווײַז ניט עפענען דאָס מויל, ווי זיי אַלע צוזאַמען טוען אַ פרעג בא מיר, און אַזוי, אַז יעדער וואָרט הילכט אָפּ, ווי אַ דונער...

גאָלדע. וואָס זשע, טעוויע, האָבן זיי געפרעגט?

לאָרע. וואָס?

טעוויע. וואָס? אָט הערט... (דאָס ווײַטערדיקע הילכט, פאַרשטאַרקט דורך אַ הויכריידער.)

— ווו איז לאָרע ריזנטול?

— מיר דאַרפן לאָרע ריזנטול!

— דערלאַנגט אונדז לאָרע ריזנטול!

לאָרע. אוי...

טעוויע. דערהערט אַזוינס, בין איך פאַרציטערט געוואָרן. איך ווייס ניט, זאָג איך, ווו איז לאָרע ריזנטול. „עס קאָן ניט זײַן, — זאָגן זיי, — ביסט דאָך איר זיידע. און וואָס האָסטו מוירע? מיר מיינען ניט צו טאָן איר קיין שלעכטס". אויב אַזוי, זאָג איך, ווייס איך. „ווו זשע איז זי?" „אָף דער אַרבעט." און איך ווײַז זיי אָן, וווהין צו גיין. זײַנען זיי ניט פויל און טוען — אַלע דרײַ און דרײַסיק, קיין איינער ניט מער, און קיין איינער ניט ווייניקער — זיך אַ לאָז אַוועק איבער בירָאָבידזשאַן צו לאָרען אָף דער אַרבעט.

גאָלדע. נו, ווײַטער, ווײַטער...

טעוויע. עס דויערט ניט לאַנג, איך טו אַ קוק, זיי גייען. און ניט פּאַשעט זיי גייען. אַלע מיט פאַרהויבענע הענט, און אָף די הענט — אַ טישטעך, ניט קיין טישטעך, אַ טעפּיך, ניט קיין טעפּיך, — עפּעס גרויס' און שײַנענדיקס, און אָף דעם שטייט... ווי מיינט איר, ווער שטייט?

גאָלדע. טאַקע? ווער?

לאָרע. ווער?

טעוויע. און אָף דעם, לאָרע, שטייסטו... דו...

לאָרע. איך?

גאָלדע. אונדזער לאָרע?

טעוויע. יאָ. דרײַ און דרײַסיק גיבוירים טראָגן זי, און זי שײַנט אַראָפּ, ווי די זון...

לאָרע. וווּהין זשע טראָגן זיי מיך, זיידע?

טעוויע (שווײַגט.)

גאָלדע. צי ניט די נעשאָמע...

טעוויע. וואָס זאָל איך דיר זאָגן? זיי האָבן זי צוגעטראָגן צום פויגל, צום אעראָפּלאַן, הייסט עס, און ס'האָט קיין רעגע ניט געדויערט, זײַנען זיי אַלע מיט איר אַרײַן אינווייניק, און...

גאָלדע. און וואָס, טעוויע?

טעוויע. און האָבן זיך אַ הייב געטאָן אין הימל און פאַרשוווּנדן... ס'איז אַפילע קיין שפּור ניט געבליבן...

גאָלדע. אוי...

טעוויע. איך שרײַ: לאָרע! לאָרע! קיינער...

גאָלדע. און ווּ בין איך געווען, טעוויע?

טעוויע. איך ווייס? גוט, וואָס דו ביסט דערבײַ ניט געווען...

גאָלדע. וואָס איז?

טעוויע. וואָלסט נאָך געכאַלעשט...

לאָרע. נו, און ווײַטער?

טעוויע. ווײַטער האָב איך זיך אופגעכאַפּט.

גאָלדע (אנטוישט). און שוין?

טעוויע. און שוין. איך כאַפּ זיך אוף און טו א קוק: דו, גאָלדע, ביסט אויך לעבן מיר ניטאָ. האָב איך זיך שוין גאָר דערשראָקן. מיילע, טראַכט איך, מע האָט אויסגעכאַפּט לאָרען, דאָס קען מען נאָך פאַרשטיין. אָבער דיך? בין איך אוועק זוכן. ערשט — מע זיצט און מע שושקעט זיך...

לאָרע. אוי, א שיינער כאַלעם, זיידע...

טעוויע. איך זע, האָסט ניט קעגן, וואָס דיך האָבן אויסגעכאַפּט דרײַ און דרײַסיק גי־בוירים?

לאָרע. האלעמײַ זאָל איך זאָגן...

גאָלדע. אָבער וווּהין האָבן זיי זי אוועקגעפירט? וווּהין?

לאָרע. זיידע, ווייסט, ווען דו מוזסט דערציילן דײַן כאַלעם?

טעוויע. ווען?

לאָרע. איסאַק מאַרקאָוויטשן.

טעוויע. אונדזער שאָכן?

לאָרע. יאָ, און טאַקע שוין.

טעוויע. אינמיטן דער נאַכט?

לאָרע. דו קענסט דען ניט איסאַק מאַרקאָוויטשן? וועק אים אוף אינמיטן דער נאַכט און בעט אים מאַכן אַן אימפּראָוויזאַציע...

טעוויע. לאָמיר עס פונדעסטוועגן אָפּלייגן אַף מאָרגן. (גענעצט.) און איצט דאַרף מען גיין שלאָפן. קום, גאָלדע־לעבן...

גאָלדע (גענעצט). שוין לאַנג צײַט. אזא כאַלעם... און דו, לאָרעטשקע?

לאָרע. איך וועל נאָך א ביסל זיצן. איבערמאָרגן דאַרף איך אָפּשיקן אַן אַרבעט אין אינ־סטיטוט, און זי איז בא מיר נאָך אַף קיין העלפט ניט פאַרטיק.

גאָלדע. זע, פאַרזיץ זיך ניט. שלאָפן דאַרף מען אויך. א גוטע נאַכט!

טעוויע. א גוטע נאַכט!

לאָרע. א גוטע נאַכט, באָבע! א גוטע נאַכט, זיידע! א גוטע נאַכט!

טעוויע און גאָלדע אָפּ.

לאָרע (זעצט זיך צום טיש. פאַרטראַכט זיך, פּרוּווט אַרײַנקוקן אין איין בוך, אין א צווייטן. וויל עפּעס פאַרשרײַבן, לייגט אָפּ די פען). ניין, דערצו דינט מיר שוין הײַנט אינ־גאַנצן ניט דער קאָפּ. (הייבט זיך אוף, עפנט דאָס פענצטער.) סאַראַ פרישקייט... (הייבט אוף דעם קאָפּ.) שטערן... אוי, וויפל שטערן... ניט צו זיי האָבן מיך אוועקגעטראָגן דעם זיידנס גיבוירים? ס'איז קיל... (מאַכט צו דאָס פענצטער. גייט צו צום טיש. נעמט איבערקלײַבן די בריוו.) פון פּעטראָפּאַוולאָווסק־אַף־קאַמטשאַטקע... קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור... בעלאָגאָרסק... סאַלנעטשני... טשעגדאָמין... טינדאַ... (דעם לעצטן בריוו לאָזט זי אין האַנט, קוקט זיך אײַן.) טינדאַ. טינדאַ — א סטאַנציע אַפן באַם... טינדאַ, באַם, טינדאַ... ווי עס קלינגט. דאַכט זיך, דאָס זײַנען קלאַנגען פון א שפּאָגל־נײַער שפּראַך. אַף אָט דער שפּראַך האָבן געקאָנט ריידן די גיבוירים פונעם זיידנס כאַלעם. טינדאַ, באַם... טינדאַ, באַם... טינדאַ, באַם... (נעמט אַרויס פון־נעם קאָנווערט א בריוו.) פון אַלע בריוו, וואָס איך באַקום, איז אָט דער — דער סאַמע ליבער. (לייענט.) „איר זײַנט אליין א שיינע (אויך מיר!), און א נאָמען איז בא אײַך א שיינער. ווען איך זאָג „א שיינע", מיין איך ניט נאָר אײַער אויסערלעכן אויסזען, דאָס אליין וואָלט געווען ווייניק. אין אײַערע אויגן איז צו זען, אז איר לעבט מיט א רײַך אינערלעך לעבן..." טשודאַק! (לייגט אוועק דעם בריוו, נאָר נעמט אים באַלד צוריק, לייענט.) „א שיינער נאָמען בא אײַך — לאָרע. פונוואַנען שטאַמט ער? ניט פון לאָרעלײַ? בא העגריך היינע איז פאַראַן אזא ליד. איר האָט געלייענט העגריך היינע?" אוי, א ביזאָיען! איך ווייס ניט אזא ליד „לאָרעלײַ". מאָרגן

דאַרף מען זיך אָנפרעגן אין ביבליאָטעק. הענריך היינע... טינדא... באם... (שליסט אויס די ראַדיאָלע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט שטיל געשפּילט.) מאַרגן צו דער אַרבעט! (שליסט אויס דעם טיש־לאַמפּ.) שלאָפן, שלאָפן...

פאָרהאַנג.

צווייטער טייל

דאָס דריטע בילד

טעוויע (שטייט באַם פענצטער, טוט עס אָן עפּן, שרײַט אַרויס צו דער גאַס). איסאַק מאַרקאָוויטש! בעלע יעפימאָוונע! איר האָט זיך נאָך ניט אָנגעשפּאַצירט? אַ גאָלדענער טאָג היינט! אַז איר ווערט אַרופגיין, קומט אַרײַן אַף אַ ווײַלע צו אונדז. גלאַט אַזוי. איר גייט? וואַרט איך אַף אײַך. (אַפּ פון פענצטער. צום זאַל.) ווילע מענטשן, איר מעגט זיך מיט זיי באַקענען. אַמאָל האָבן ביידע געאַרבעט אין טעאַטער. דערנאָך אין אַ מוזיק־שול. איצט איז מען שוין לאַנג אַף פּענסיע, נאָר אָן אַרבעט זיצט מען ניט. מע העלפט צוגרייטן אַ קאָנצערט פון שילער, מע פירט אָן מיט אַ קרײַזל אין קלוב, און אַמאָל טרעט מען נאָך אַרויס אין היגן פאָלקס־טעאַטער אויך, און גאָר ניט שלעכט! אַף דער עלטער איז ער געוואָרן אַ קאָמפּאָזיטאָר. ס׳הייסט, קיין מיטגלידס־בילעט פונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד האָט ער ניט, נאָר מיר דאַכט, אַז ער מאַכט עס אָפּט ניט ערגער פון אייניקע, וואָס האָבן יאָ אַ בילעט. עס טרעפט, אַז צו קאָמ־פּאָזיציעס פאַרפאַסט ער אַליין ווערטער. און זי, בעלע יעפימאָוונע, זינגט. איר קאָנט זיי אָפּט הערן אַרויסטרעטן באַ אונדז דורך ראַדיאָ. כ׳האָב ליב אַזעלכע מענטשן. מענטשן, וואָס גיבן זיך ניט אונטער דער עלטער. זיי טראָגן באַ זיך אין האַרצן עפּעס אַי פאַר זיך, אַי פאַר יענעם...

איסאַק מאַרקאָוויטש (אַרײַנקומענדיק). שאָלעם־אַלייכעם, רעב טעוויע!

טעוויע. שאָלעם־אַלייכעם! אַלייכעם־שאָלעם! ווו האָט איר פאַרלוירן אײַער בעלע יעפי־מאָוונע?

איסאַק מאַרקאָוויטש. זי איז אַרײַן אין קיך צו אײַער פלויגעסטע. ווײַבער האָבן זייערע איניאָנים. און איר, רעב טעוויע, ווערט באַלד באַשטראָפט ווערן.

טעוויע. פאַרוואָס קומט עס מיר, איסאַק מאַרקאָוויטש?

איסאַק מאַרקאָוויטש. פאַרן אַרײַנרופן מיך אָט איצט אַהער, צו אײַך.

טעוויע. אַ גרויסע שטראָף קומט מיר דערפאַר?

איסאַק מאַרקאָוויטש. אַ גאַנץ היפשע! (נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ פּײַפּיאַל, הייבט אָן שפּילן.)

עס קומען אַרײַן גאָלדע און בעלע יעפימאָוונע.

בעלע יעפימאָוונע. איסאַקעלע, איך בעט דיך, מאַטער ניט קיין מענטשן! גענוג, וואָס איך לײַד פון דיר באַטאָג און באַנאַכט.

איסאַק מאַרקאָוויטש. מע קאָן מיינען!

בעלע יעפימאָוונע. וואָס זשע, ניט? וועסט שפּילן, ווען די זאַך וועט זײַן פאַרענ־דיקט.

גאָלדע. בעלע יעפימאָוונע, וואָס האָט איר צו אײַער איסאַק מאַרקאָוויטשן? מיר האָבן שטענדיק פאַרגעניגן פון זײַן שפּילן.

איסאַק מאַרקאָוויטש (צו בעלע יעפימאָוונען). אָט, זעסט! (שפּילט.)

עס קומען שטיל אַרײַן און שטעלן זיך אוועק באַ דער שוועל שכיינים: אַ גראָבע פרוי, אַ דאַרע פרוי, אַ מאַנצבל מיט אַ ליולקע.

די דאַרע שכיינע. לאָזט מיך אויך כאָטש צושטעלן אַן אויער...

די גראָבע שכיינע. ס׳אַ כּיעס צו הערן...

דער שאָכן מיט דער ליולקע. ער קען, ער קען די מעלאָכע!

איסאַק מאַרקאָוויטש (פאַרענדיקט שפּילן, באַמערקט די שכיינים). אַ, כ׳האָב גאָר ניט געזען, סאַראַ אַאודיטאָריע!

די גראָבע שכיינע. כ'האָב אײַך שטענדיק האַלט צו הערן, איסאַק מאַרקאָוויטש.

די דאַרע שכיינע. אוי, אײַער שפּילן, איסאַק מאַרקאָוויטש...

דער שאַכן מיט דער ליולקע. איר קענט, איר קענט די מעלאָכע!

איסאַק מאַרקאָוויטש. זאָגט זשע מיר, בעט איך אײַך, וואָס האָב איך אָקאָרשט דאָ אויסגעשפּילט?

בעלע יעפּימאָוונע. עפּעס גרינגערס האָסטו שוין ניט געפֿונען, וואָס בא זיי צו פֿרעגן?

טעוויע. איר ווייסט דאָך, איסאַק מאַרקאָוויטש, קיין גרויסער יודייע־נאַגן בין איך ניט. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איר האָט אויסגעשפּילט עפּעס אַזוינס...

די גראָבע שכיינע. יאָ, עפּעס אַזוינס...

טעוויע. אַ לעבעדיקס...

די דאַרע שכיינע. יאָ, אַ לעבעדיקס...

טעוויע. אַ פֿריילעכס.

דער שאַכן מיט דער ליולקע. אָט־אָט, אַ פֿריילעכס...

טעוויע. אַ פֿרילינגדיקס...

איסאַק מאַרקאָוויטש. (נעמט אַרום טעוויען). איר זאָלט אַזוי לעבן, ווי איר האָט געטראָפֿן! (צו אַלעמען.) און איר אויך! פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרשטייט זיך! וואָס דאַרף דען האָבן אַ גאָש־בראַט, אַ קלעזמער? אַ גוט וואָרט... און דאָס וואָרט קלעזמער אַליין — אַ מין גוט וואָרט, האַ? איך בין דאָך אַ קלעזמער בען קלעזמער. פֿון טאַטנס צאַד שטאַם איך, פֿון עטלעכע דוירעס קלעזמאָרים, און פֿון דער מאַמעס צאַד — פֿון עטלעכע דוירעס באַדכאָנים. און געגנען, אוי, די געגנען, זיי לאָזן זיך לאַנג דערקענען... איז וואָס, זאָג איך, דאַרף האָבן אַ גאָש־בראַט? צוויי זאַכן: מע זאָל אים אויסהערן און מע זאָל אים פֿאַרשטיין. דרײַ מענטשן זײַנען פֿאַר אים שוין אַן אוילעם. און אַפֿילע איינער, אויב ער פֿאַרשטייט...

טעוויע. איינער? (ווײַזט אַפּן זאַל.) זעט, וואָס דאָ טוט זיך!

איסאַק מאַרקאָוויטש. אַזוי גאָר? אויב אַזוי, וועל איך ערשט שפּילן! (שפּילט, פֿאַרענדיקט, באַהאַלט דעם פֿײַפֿיאַל. צום זאַל.) פֿאַר דער מילכאָמע נאָך, געדענקט איר, האָט מען באַוויזן אַ פֿילם „דער גרויסער וואַלס". יאָ, מיר זײַנען דעמלט מיט אײַך אַלע געווען אַ סאַך יינגער... האָט איר ניט פֿאַרגעסן — ווי קען מען דען אַזוינס פֿאַרגעסן? — וו׳אַזוי דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר פֿאַרפֿאַסט זײַן „וואַלס פֿונעם ווינער וואַלד"? איר געדענקט? — ס'איז פֿאַרטאָג. ער פֿאָרט אין וואַלד מיט אַ יונגער זינגערן. עס קומען אויף בא אים די ערשטע טאַקטן, צע־וואַקסן זיך, און אַלץ גייט אין זיי אַרײַן: די שטראַלן, וואָס שנײַדן דורך דאָס געבלעטער פֿון די ביימער... און דאָס קלאַפּן פֿון די טלאָען פֿון דעם פֿערד... און דער לײַכטער קנאַל פֿונעם באַלעגאָלעס בײַטש, און דער איבערוף פֿון די פֿייגל אויף די צווײַגן... און דאָס קאָל פֿון דער זינגערן. אַלץ, אַלץ גיסט זיך צוזאַמען אין דער מעלאָדיע, וואָס אָט דאָ, פֿאַר אונדזערע אויגן, ווערט זי געבוירן... מאַלט אײַך, קענגן אים, דעם גרויסן יאָהאַן שטראַוס, בין איך אַפֿילע ניט קיין קליין שטרויסעלע... נאָר אָט האָב איך הײַנט שפּאַצירט מיט מײַן בעלע יעפּי־מאָוונע, ניט אין וואַלד, פֿאַשעט אין גאַס... האָט זי מיר געוואָלט עפּעס אָנהייבן דערציילן, זאָג איך איר: „שווײַג". ווייסט זי שוין. „דיר, אַז עס קומט אָן!" — זאָגט זי. און איך פֿיל, ווי אין מיר ווערט עפּעס געבוירן, און אַלץ גיסט זיך צוזאַמען: פֿון אײַזצעפּלעך טריפֿן טראָפּנס. טריף... טריף... אַ גראָב אײַזצעפּל טוט מיטאַמאָל זיך אַ רײַס אַראָפּ — בריאַזג — און צעשפּרינגט זיך אויף שטיקלעך... אַ ריטשקע פּליוצט... אַ קינד לאַכט... און איך פֿיל — כ'וועל פּלאַצן, אויב איך וועל דאָ אַפּן אָרט דאָס אַלץ ניט אויסשפּילן... אָט דאָס טאַקע האָב איך געשפּילט אײַך דאָ אויף מײַן פֿײַפֿיאַל...

גאָלדע. אויף אונדז אַלעמען אַזאַ יאָר!

די גראָבע שכיינע. איך, אַז איך הער אײַך שפּילן, איסאַק מאַרקאָוויטש, — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, — ווער איך ברייטער, ווי לענגער...

דער שאַכן מיט דער ליולקע. מע זעט, מע זעט...

די דאַרע שכיינע. אוי, און בא מיר, איסאַק מאַרקאָוויטש, ציט איר אַרויס די גאַנצע נעשאָמע...

דער שאַכן מיט דער ליולקע (צום זאַל). גיי ווייס, אין וואָס איר נעשאָמע האַלט זיך...

די דאַרע שכיינע. איר האָט עפּעס געזאָגט?

דער שאַכן מיט דער ליולקע. כ'האָב געזאָגט, מיט אַזאַ דינער נעשאָמע, ווי בא אײַך, טאָר מען זיך ניט וואָרפֿן...

גאָלדע. עפּשער, ליבע שכיינים, וועט איר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן?
די גראָבע שכײנע. אַ דאַנק, כ׳האָב שוין געפֿרישטיקט. זײַט געזונט!
די דארע שכײנע. אַ דאַנק, אַ דאַנק, איך אײַל זיך. צום ווידערזען!
דער שאַכמיט דער ליולקע. פֿאַר מיר איז גענוג איסאַק מאַרקאָוויטשעס קיבעד. אַ גוטן טאָג!

אַלע דרײַ אָפּ.

גאָלדע (צו איסאַק מאַרקאָוויטשן און בעלע יעפּימאָוונען). עפּשער וועט איר עפּעס נעמען אין מויל?
בעלע יעפּימאָוונע. וואָס רעדט איר? אַ דאַנק!
גאָלדע. פֿרישע קרעפּלעך מיט קעז, ערשט אָפּגעקאָכט.
איסאַק מאַרקאָוויטש. קרעפּלעך? פֿרישע?
בעלע יעפּימאָוונע. מיר זײַנען אָף אַ דיִעטע.
גאָלדע. געפּרעגלטע פֿיש?
איסאַק מאַרקאָוויטש. געפּרעגלטע?
בעלע יעפּימאָוונע. מיר מעגן נאָר געקאָכטע.
גאָלדע. אַ גלאָז טיי מיט שטרודל?
איסאַק מאַרקאָוויטש. מיט שטרודל?
בעלע יעפּימאָוונע. דער שטרודל איז מיסטאָמע זיס?
גאָלדע. ווער דאַרף זויערן שטרודל?
בעלע יעפּימאָוונע. קיין זיסן טאָרן מיר ניט.
גאָלדע. נו, פּאַשעט אַ גלאָז טיי?
איסאַק מאַרקאָוויטש (צו בעלע יעפּימאָוונען). נו, פּאַשעט אַ גלאָז טיי?
בעלע יעפּימאָוונע. נו, פּאַשעט אַ גלאָז טיי מעג מען...
גאָלדע. באַלד! (אָפּ. קומט צוריק מיט טיי און שטרודל, איז מעכאַבעד). טרינקט, פֿאַרזוכט!
איסאַק מאַרקאָוויטש (מיט דער הייסער גלאָז טיי אין האַנט). נו, און לאָרעטשקעס אײַערע באַקומט נאָך אַלץ בריוו?
טעוויע. ערשט הײַנט אוואָדע נאָך אַ צענדליק.
איסאַק מאַרקאָוויטש. פֿונוואַנען?
גאָלדע. פֿונוואַנען איר ווילט!
איסאַק מאַרקאָוויטש. און עפּעס ווילע בריוו?
גאָלדע. פֿרעגט ניט! אַלע ווילן זי זען, אַלע ווילן זיך מיט איר באַקענען, אַלע, כ׳ווייס...
בעלע יעפּימאָוונע. און זי ענטפֿערט אָף די בריוו?
גאָלדע. אַלעמען ענטפֿערן איז אוממעגלעך, נאָר אײנס איבער צען שרײַבט זי. ווי זשע?
בעלע יעפּימאָוונע. און פֿאַראַן מיסטאָמע בריוו, וואָס זײַנען איר מער צום האַרצן?
גאָלדע. אָ, פֿאַראַן אײנער...
בעלע יעפּימאָוונע. ווער איז ער?
גאָלדע. אַן אינזשעניער.
בעלע יעפּימאָוונע. פֿונוואַנען?
גאָלדע. פֿון טינדאַ.
בעלע יעפּימאָוונע. טינדאַ? ווו איז עס?
טעוויע. אַ סטאַנציע אָפֿן באַם.
איסאַק מאַרקאָוויטש. יאַ, יאַ, אָפֿן באַם. (שטעלט אָפּ די טיי.) טינדאַ... באַם... (פֿאַרטראַכט זיך.) טינדאַ... באַם... איר ווייסט, איך אָט די ווערטער איז עפּעס פֿאַראַן... טינדאַ... באַם... אײַך דאַכט זיך ניט, אַז זיי בעטן זיך, אָט די ווערטער, נו, מאַמעש זיי בעטן זיך אָף מוזיק?
טעוויע. זאָגט מיר, איסאַק מאַרקאָוויטש, באַ אײַך איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיך ניט בעטן אָף מוזיק?
איסאַק מאַרקאָוויטש. האַלעמײַ זאָל איך זאָגן, רעב טעוויע, פֿאַראַן. אָט ווען מײַן בעלע יעפּימאָוונע נעמט מיר אויסרעכענען, וואָס איך טאָר ניט עסן און וואָס איך טאָר ניט טרינקען, לייגט זיך עס ניט אָף קיין שום מוזיק... נאָר אָט דאָס... טינדאַ... באַם... דאָס בעט זיך מאַמעש.

טעוויע. ווען איר ווייסט, איסאַק מאַרקאָוויטש, וואָס פאַר א כאַלעם מיר האָט זיך געַ־כאָלעמט...

איסאַק מאַרקאָוויטש (פאַרטראַכט). א כאָלעם?

טעוויע. זינט כאַלוימעס האָבן זיך געכאָלעמט, האָט נאָך אזא כאָלעם זיך ניט אויסגעַ־כאָלעמט. לאָרעטשקע זאָגט, אז איך מוז אים אײַך דערציילן.

איסאַק מאַרקאָוויטש. א כאָלעם, זאָגט איר? יאָ, יאָ, נאָר ווייסט איר וואָס? ניט איצט, אָן אנדערשמאָל... און איצט (זינגט אונטער פאַר זיך.) טינדאַ, באַם, אײַ־באַם־באַם. איצט מוז איך אפגיך עפּעס פאַרשרײַבן, סע זאָל ניט אנטלויפן. אײַ־באַם־באַם! (דערטרינקט ניט די טיי, אָפּ.)

בעלע יעפימאָוונע. ער איז שוין פּאַרטיק. אלעמאָל אזוי. פון גאָרניט, דאַכט זיך, פון דער העלער הויט, הייבט אין אים אָן זינגען, און אז עס הייבט אין אים אָן זינגען, איז אויס! וועט ער א טאָג ניט עסן און א נאַכט ניט שלאָפן. כ׳וועל אויך גיין. (הייבט זיך אויף).

גאָלדע. וואָס אײַלט איר זיך?

בעלע יעפימאָוונע. כ׳וועל גיין פאַרקאָכן אים קאָפע. בא דער ארבעט האָט ער ליב, מײַן איסאַקעלע, א זופּ טאָן קאָפע.

גאָלדע. און קאָפע מעג ער?

בעלע יעפימאָוונע. אָט דאָס איז דאָך עס! איך טײַנע צו אים: „האָסט דאָך א קראַנק הארץ”... זאָגט ער: „וויל עס, דאָס הארץ, אין דעם זאָל זיך אויספּיקן כאָטשבי נאָך איין ליד, איז עס ניט קראַנק געזונט צו זײַן... אזוי זאָגט ער. (אָפּ.)

טעוויע. א טײַער פּאָרפאָלק!

גאָלדע. אַף אונדז אזא יאָר! (מע קלינגט אין טיר.) ס׳איז אָפן, ארײַן!

אפן שוועל א סערזשאַנט — א גרענעצלער.

סערזשאַנט. אנטשולדיקט.

טעוויע. ביטע, איר דאַרפט עמעצן?

סערזשאַנט. יאָ.

טעוויע. וועמען, אשטייגער?

סערזשאַנט (טרעט איבער פון איין פוס אפן אנדערן, שווײַגט).

טעוויע. זאָגט, שעמט זיך ניט.

סערזשאַנט. כ׳בין ניט קיין שעמעוודיקער.

טעוויע. דאָס זעט מען. וועמען זשע דאַרפט איר?

סערזשאַנט. לאָרע ריזנטול. דאָ וווינט לאָרע ריזנטול?

טעוויע (צו גאָלדען). דאָ וווינט לאָרע ריזנטול?

גאָלדע. דאָ, דאָ. (צום סערזשאַנט.) איר קענט זיך מיט איר?

סערזשאַנט. יאָ, אוואַדע, ס׳הייסט, ניין, כ׳האָב באַקומען פון איר א בריוו.

גאָלדע. פון איר א בריוו?

סערזשאַנט. יאָ, איר פאַרשטייט...

גאָלדע (קוקט זיך איבער מיט טעוויען). וואָס פלוצעם האָט איר באַקומען פון איר א בריוו?

סערזשאַנט. ס׳הייסט, פריִער האָב איך איר אָנגעשריבן א בריוו...

גאָלדע. אזוי זשע זאָגט. און וואָס פלוצעם האָט איר אָנגעשריבן א בריוו?

סערזשאַנט. ניט פלוצעם.

גאָלדע. ווי זשע?

סערזשאַנט. כ׳האָב זי געזען.

גאָלדע. ווו האָט איר זי געזען?

סערזשאַנט. אין טעלעוויזאָר.

גאָלדע. נו, איז וואָס?

סערזשאַנט. האָב איך איר אָנגעשריבן.

גאָלדע. הא, הייסט עס, האָט איר אָנגעשריבן?

סערזשאַנט. יאָ...

טעוויע. און זי?

סערזשאַנט. און זי האָט מיר געענטפערט.

טעוויע. און ווו דינט איר?

ס ע ר ז ש א נ ט. ניט ווײַס, אַף טשוקאָטקע.

ט ע וו י ע. טאַקע ניט ווײַס. זײַט איר ספּעציעל געקומען?

ס ע ר ז ש א נ ט. ניט ספּעציעל.

ט ע וו י ע. ווי זשע?

ס ע ר ז ש א נ ט. בא אונדז אין טייל האָב איך זיך אויסגעצייכנט, האָט מען מיר געגעבן א קורצטערמיניקן אורלויב. דאָס פאָר איך איצט אהיים.

ג אָ ל ד ע. ווו איז אײַער היים?

ס ע ר ז ש א נ ט. ניט ווײַט, אין קעשענעוו.

ט ע וו י ע. ס'איז אויך ניט ווײַט.

ג אָ ל ד ע. זײַט איר א קעשענעווער?

ס ע ר ז ש א נ ט. יאָ.

ג אָ ל ד ע. ווּעמען זשע האָט איר דאָרט, אין קעשענעוו?

ס ע ר ז ש א נ ט. וואָס הייסט, — א טאַטן מיט א מאַמע, א זיידן, א באָבע און אן עלטער־באָבע אויך.

ג אָ ל ד ע. וואָס שטייען מיר אַף דער שוועל? קומט אַרײַן, זיצט.

ס ע ר ז ש א נ ט. ניין, דערווּף האָב איך קיין צײַט ניט. הײַנט באַנאַכט דאַרף איך זיך נאָך אומקערן קיין כאַבאַראָווסק. גאַנצפרי פלי איך אַרויס. ווו זשע איז לאָרע?

ג אָ ל ד ע. לאָרע איז אַף דער אַרבעט. זי וועט קומען אַזייגער זעקס. וואַרט צו.

ס ע ר ז ש א נ ט. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך נאָכאַמאָל אַרײַנגיין. און דערווײַל וועל איך א ביסל א קוק טאָן אַף ביראָבידזשאַן.

ג אָ ל ד ע. ווי איר ווילט.

ס ע ר ז ש א נ ט. וועל איך אַרײַנגיין. (די האַנט צום דאַשעק, א דריי אַף די קנאָפּל, אָפּ.)

ט ע וו י ע. וואָס זאָגסטו, גאָלדע?

ג אָ ל ד ע. און דו, טעוויע, וואָס זאָגסט?

ט ע וו י ע. הײַנטיקע יונגעלײַט! טשוקאָטקע איז בא אים ניט ווײַט. קעשענעוו — נאָענט.

ג אָ ל ד ע. פליען איז ניט ווײַט. נעכטן איז ער געווען אַף טשוקאָטקע, הײַנט — אין בי־ראָבידזשאַן, און מאָרגן וועט ער זיך צעקושן מיט דער עלטערבאָבען אין קעשענעוו.

ט ע וו י ע. מע פליט גיך. מע באַקענט זיך גיך. מע האָט כאַסענע גיך. און מע צעגייט זיך גיך.

ג אָ ל ד ע. ווײַזט אויס, אָט דעם קעשענעווער באָכער האָט זי אויך געענטפערט, לאָרע?

ט ע וו י ע. ווי זשע, אַנדערש ווי וואָלט ער געוווּסט דעם אַדרעס? (מע קלינגט אין טיר.) ס'איז אָפן, אַרײַן!

אַפן שוועל — א לייטענאַנט פון יאַם־דינסט. אין דער פולער אוניפאָרם, מיט א קאָרטיק.

ל ײ ט ע נ א נ ט. דאָ וווינען די ריזנטולס?

ט ע וו י ע. ניין, דאָ וווינען ניט די ריזנטולס.

ל ײ ט ע נ א נ ט. ווער זשע וווינט דאָ?

ט ע וו י ע. דאָ וווינען די פליישמאַנס.

ל ײ ט ע נ א נ ט. אַנטשולדיקט. (די האַנט צום דאַשעק, דרייט זיך אויס צום אַוועקגיין.)

ט ע וו י ע. כאָוועט מאַריאַק, וועמען, אייגנטלעך, דאַרפט איר?

ל ײ ט ע נ א נ ט. איך דאַרף לאָרע ריזנטול.

ט ע וו י ע. אַזוי גאָר? לאָרע ריזנטול?

ל ײ ט ע נ א נ ט. איר קאָנט מיר עפּשער אונטערזאָגן, ווי זי צו געפינען?

ט ע וו י ע. מע קאָן, אַוואַדע קאָן מען.

ג אָ ל ד ע. זי איז אונדזער אייניקל.

ל ײ ט ע נ א נ ט. אײַער אייניקל? ווי קאָן איך זי זען?

ג אָ ל ד ע. זי איז איצט אַף דער אַרבעט. זי וועט קומען צו זעקס. איר דאַרפט זי בײַטיק?

ל ײ ט ע נ א נ ט. איך האָב באַקומען פון איר א בריוו.

ג אָ ל ד ע. פון איר א בריוו?

ל ײ ט ע נ א נ ט. ס'הייסט, פריִער האָב איך איר אָנגעשריבן א בריוו.

ג אָ ל ד ע. וואָס פלוצעם האָט איר אָנגעשריבן איר א בריוו?

ל ײ ט ע נ א נ ט. ס'איז געווען נאָך איינער א טעלע־טראַנסלירונג, איר ווייסט?

טעוויע, גאָלדע (צוזאמען). מיר ווייסן, מיר ווייסן.

לייטענאנט. איך בין דאָ פארבײַפאָרנדיק, האָב איך באשלאָסן...

גאָלדע. ביטע, ביטע,ווארט צו.

לייטענאנט. ניין, איך דארף נאָך זײַן בא א כאָווער. אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך קומען זעקס אזייגער. צום ווידערזעהן! (אָפּ.)

גאָלדע. וואָס זאָגסטו, טעוויע?

טעוויע. וואס זאָל איך זאָגן, גאָלדע? א מענטשן צען, זאָגסטו, האָט זי געענטפערט? ס'וואָלט געוועזן שיין, הערסטו, ווען אלע צען טוען זיך א יאָווע ארײַן...

גאָלדע. וואָס זשע מיינסטו? (מע קלינגט אין טיר.) ווער זאָל עס זײַן?

טעוויע. א גרענעצלער פון טשוקאָטקע איז שוין געוועזן. א מאָריאַק פונעם שטילאָקעאַנישן פלאָט אויך. איצט מוז זײַן ניט אנדערש, א שטורמאַן אָדער א פּילאָט. ס'איז אָפן. ארײַן!

אפּן שוועל — א ציוויל געקליידטער יונגערמאַן.

יונגערמאַן. אנטשולדיקט!

טעוויע. ביטע!

יונגערמאַן. מע קאָן בא אײַך פרעגן?

טעוויע. פרעגט.

יונגערמאַן. כ'ווייס ניט, צי האָב איך ריכטיק געטראָפן?

טעוויע. קוקנדיק, ווען איר וואָלט געוואָלט טרעפן!

יונגערמאַן. לאָרע ריזנטול וווינט דאָ?

גאָלדע. דאָ, דאָ.

יונגערמאַן. מע קאָן זי זען?

גאָלדע. ניין, זי איז איצט אף דער ארבעט.

יונגערמאַן. און ווען וועט זי זײַן?

גאָלדע. צו זעקס אזייגער.

יונגערמאַן. אנטשולדיקט, וועל איך זעקס אזייגער ארײַנגיין נאָכאמאָל.

טעוויע. מע קאָן ווייסן, ווער איר זײַט?

יונגערמאַן. אנטשולדיקט, כ'האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, עדוארד.

טעוויע. און ווײַטער?

יונגערמאַן. עדוארד גליקבערג.

טעוויע. און פונוואַנען זײַט איר?

עדוארד. פון דער סטאַנציע טינדא.

טעוויע. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, איז עס אפּן באַם.

עדוארד. יאָ, אפּן באַם.

טעוויע. און וואָס טוט איר דאָ?

עדוארד. איך א קאָמאַנדירונג.

גאָלדע. פונוואַנען קענט איר אונדזער לאָרען?

עדוארד. זי האָט מיר אָנגעשריבן.

גאָלדע. זי — אײַך?

עדוארד. ס'הייסט, איך איר, דערנאָך זי מיר. דערנאָך... מיט איין וואָרט, מיר שרײַבן זיך איבער. וועל איך זעקס אזייגער נאָכאמאָל ארײַנגיין, אויב איר דערוווידערט ניט...

טעוויע. מאכטייסע.

גאָלדע. קומט, קומט ארײַן!

עדוארד. געזעגן איך זיך ניט. (אָפּ.)

גאָלדע. וואָס זאָגסטו, טעוויע?

טעוויע. וואָס זאָל איך זאָגן? וואָס זאָגסטו, גאָלדע?

גאָלדע. נא דיר אזוינס! אלע מיטאמאָל. ס'איז, זאָג איך דיר, ווי אין עמעסער קאָמעדיע.

טעוויע. א שיינע קאָמעדיע! מיר דארפן מיט דיר באלד פארקאַשערן די ארבל און גרייטן א גוטע וועטשערע — אזא אוילעם! אלע וועלן קומען צו זעקס, און יעדערער וועט מיינען, אז ער איז איינער, און מער קיינער... נו, נו, לאָרען האָט אזוינס אפילו זיך ניט געכאלעמט...

ג אַ ל ד ע. דערפאַר האָט זיך דיר געכאַלעמט, טעוויע.

ט ע ו ו י ע. וואָס זשע מיינסטו, גאָלדע? האָסט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט אַפן פויסער פונעם כאַלעם. אַט האָסטו דיר דעם פויסער: דריַ און דריַיסיק גיבוירים! דריַ האָסטו שוין געזען. און, דייַגע ניט, עס וועלן זיַין נאָך דריַיסיק...

מע קלינגט אין טיר.

ג אָ ל ד ע. אָט...

ט ע ו ו י ע. ס'איז אָפן, אַריַן! (ביידע שטייען אין דערוואַרטונג.).

פ אַ ר ה אַ נ ג.

דאָס פערטע בילד

אין פאַיע פון קלוב. עס שפּילט א יוגנטלעכער אנסאמבל. די בינע — אין א וויכער פון וואלס. אָט מיטן סערזשאַנט פון טשוקאָטקע, אָט מיטן לייטענאַנט פונעם יאַם-פלאָט, אָט מיט דעם אינזשעניער פון באַם — טאַנצט ל אָ ר ע. צווישן דעם אוילעם — ט ע ו ו י ע, ג אָ ל ד ע, א י ס א ק מ א ר ק אָ ו ו י ט ש, ב ע ל ע י ע פ י מ אָ ו ו נ ע, די ש כ י י נ י ם. דער וואלס איז פארענדיקט.

ל אָ ר ע (הייבט זיך אוף אַף די ברעטלעך, ווו עס זיצט דער אנסאמבל). כאַוויירים, שטי־לער! צו מיר זיַינען היַינט געקומען געסט. אומגעריכטע, טיַיערע געסט. איך וואָלט זיי גע־קאָנט אופנעמען אין דער היים, נאָר איך האָב זיי איַינגעלאַדן אהער, וויַיל, ערשטנס, בין איך דאָ פארנומען אינעם קאָנצערט, און צווייטנס... צווייטנס, האָב איך געוואָלט, אז די געסט זאָלן זיך באַקאַנען מיט מיַינע כאַווערטעס פון דער וועבער־בריגאַדע. און נאָך וויל איך, עס זאָלן וויסן אונדזערע געסט — די בריגאַדע אַרבעט שוין אַפן כעזשבן פון מיַי פון דעם קו־מענדיקן יאָר...

ג ל י ק ב ע ר ג. זיַיט איר, הייסט עס, אַף אַ יאָר עלטער פון זיך אליין?

ל אָ ר ע. אַזוי באַקומט זיך.

ג ל י ק ב ע ר ג. און איר האָט גאָר ניט מוירע פאַר דער צײַט אַלט ווערן?

ל אָ ר ע. אזוי אַלט ווערן מאַכט ניט אויס! ריכטיק, מיידלעך?

מ י י ד ל ע ך. ריכטיק, ריכטיק!

ל אָ ר ע. און נאָך וויל איך, אז די געסט זאָלן וויסן: אונדזערע מיידלעך קענען ניט נאָר גוט אַרבעטן. אַפן שטאָטישן קונסט־פעסטיוואַל האָבן זיי פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. איצט האָבן מיר צוגעגרייט א נײַעם קאָנצערט. די טעג פאָרן מיר ארויס מיט אים אין קאָלווירט, איבער וועלכן מיר האַלטן שעפטום. היַינט באַוויַיזן מיר דעם דאָזיקן קאָנצערט צום ערשטן מאָל.

עס גייט דער קאָנצערט, מוזיקאַלע נומערן, א וואָקאַלע גרופּע. לאָרעס טאַנץ. א „פריילעכס״. איסאַק מאַר־קאָוויטש גייט צו צו לאָרען, רוימט איר עפּעס אײַן, זי שאָקלט באַווילִיקנדיק מיטן קאָפּ.

ל אָ ר ע. און איצט באַקומט א וואָרט אונדזער כאָשעווער קאָמפּאָזיטאָר און פּאָעט איסאַק מארקאָוויטש!

א י ס א ק מ א ר ק אָ ו ו י ט ש (באַם ראָיאַל). לאָרע האָט מיך פאַר איַיך דאָ צו הויך רע־קאָמענדירט: א קאָמפּאָזיטאָר, א פּאָעט. ניט אין דעם גייט עס.

ל אָ ר ע. אין וואָס זשע, איסאַק מארקאָוויטש?

א י ס א ק מ א ר ק אָ ו ו י ט ש. עס גייט אין דעם, וואָס ספּעציִעל פאַר דער היַינטיקער באַ־געגעניש מיט איַיערע געסט האָב איך צוגעגרייט א נײַע ליד. אָט וועל איך א פּרווו טאָן זי אויסשפּילן און דורכזינגען, ווי איך קען. אויב די ליד וועט איַיך געפעלן, וועלן מיר נאָכדעם זינגען אַלע אינײַנעם.

ש ט י מ ע ן. ביטע, ביטע!

א י ס א ק מ א ר ק אָ ו ו י ט ש (זעצט זיך צום ראָיאַל, שפּילט און זינגט).

לעבט א באַכער, לעבט א שיינער,
לעבט און אַרבעט אַפן ב אַ ם, —
איַי־באַם־באַם!
איַי־באַם־באַם!

און ער לעבט דאָך דאָרט ניט איינער,
אזא ווילער, אזא שיינער, —
איַי־באַם־באַם,
איַי־באַם־באַם!
בריקן בויט מען און טונעלן,
צוגן יאָגן דאָרטן שנעלע, —
איַי־באַם־באַם,
איַי־באַם־באַם!
ס'איז דער באָכער מיר געפעלן,
אוי, דער באָכער פונעם ב א ם,
איַי־באַם־באַם,
איַי־באַם־באַם!

א הילכיקע פאַטשעריַי.

א י ס א ק מ א ר ק אָ ו ו י ט ש (הייבט זיך אויף, פארנייגט זיך). **זינגען מיר איינינעם?**
ש ט י מ ע ן. מיר זינגען, מיר זינגען!

איסאַק מאַרקאָוויטש זעצט זיך צום ראָיאַל. אלע זינגען די נײַע ליד.
עס לאָזט זיך אראָפּ א מיטלסטער דורכזיכטיקער פאָרהאַנג. הינטער אים — טאַנצנדיקע פּאָרן, צווישן זיי לאָרע און גליקבערג.

ט ע ו י ע (פארן פאָרהאַנג). **דאָרט הייבט זיך ערשט אָן... יונגע לײַט! ווער פון די יונגע עס וויל, קאָן אויך ארופגיין אהין... מע וועט נאָך דאָ זינגען און טאַנצן ביז עט־עט... און מיר, עלטערע לײַט, קאָנען גיין אהיים. ווײַל איינס פון די צוויי: אָדער גיי טאַנצן, אָדער גיי שלאָפן... וואָס זשע זיצט איר? וואָס לויפט איר ניט אין גאַרדעראָב נאָך די מאַנטלען? א, איך פארשטיי, איר ווילט וויסן, וואָס ווײַטער וועט זײַן? ווער נאָך וועט קומען צו לאָרען? און מיט וועמען נאָך וועט זי זיך איבערשרײַבן? און מיט וועמען פון זיי וועט עפשער טאַקע עפּעס זיך אויספיקן אויך? און ווי וועט עס ווײַטער גיין מיטן אינזשעניער פונעם באַם? איך זע, איר ווילט א סאַך וויסן. כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: איך וויל עס אויך וויסן ניט ווייניקער פון אײַך... נאָר, ווי זאָגט דאָרטן טעוויע בא שאָלעם־אַלייכעמען — ביטאָכן! ווי איר ווייסט, הייס איך אויך טעוויע און איך האַלט אויך פון דעם דאָזיקן פּאָסעק — ביטאָכן! מיר וועלן מיט אײַך לעבן און געזונט זײַן, און מיט דער צײַט האָף איך אײַך אַלץ דערציילן — וואָס און ווען און וויאַזוי, — כאָלילע קיין זאַך פון אײַך ניט באהאַלטן. און איצט, מײַנע ליבע פרײַנט, זײַט מיר געזונט און שטאַרק! א גוטע נאכט!**

פ אָ ר ה א נ ג.

ביראָבידזשאַנצעס: איין פעלקער־מישפּאָכע

1. צוויי שלאָסערס באַם רעמאָנט פון טראַקטאָרס מ. רעזניק (רעכטס) און נ. וואָסטרוגין

2. דער מײַסטער פון דער ביראָבידזשאַנער זאָקן־פאַבריק ל. בלינדער שמועסט אין צעך מיט די שטריקלערנס א. קאָזלאָוואַ (אין צענטער) און ר. ווײַנשטיין

בוך פון ארבעטס־רום

פונעם צענטן פינפיאר

פאר די דערפאלגן, וואס זיינען דערגרייכט אינעם אויספילן די מעליבעפלענער אין סאציאליסטישע פארפליכטונגען פון 1978 יאר, ווערן פארשריבן אינעם בוך פון ארבעטס־רום פון געגנט אט עפעס געגנטס־פירמעס, געגנטלעכע פראפאראנגלאט אין געגנטאט אלעקום, אין די צייטונגען „ביראבידזשאנסקאיא זוועזדא" און „ביראבידזשאנער שטערן".

קאזלאווא וואלענטינא יאקאוולעווגא — בריגאדיר פון די מאלערס פון דער בוי־פארוואלטונג נומ. 254 פון טרעסט „ביראבידזשאנבוי", שלאגלערן פון קאמוניסטישער מי, וועלכע האט אויסגעפילט די סאציאליסטישע פארפליכטונגען פאר דער ערשטער העלפט פון יאר אף 135 פראצענט.

★

ווײנשטיין מאריע לעאנידאוונא — נייטערין מאטאריסטקע פון דער ביראבידזשאנער טריקאטאזש־פאבריק, שלאגלערין פון קאמוניסטישער מי, מיטגליד פונעם צענטראלן פראפאריינס קאמיטעט, וועלכע האט אויסגעפילט די סאציאליסטישע פארפליכטונגען פארן ערשטן האלביאר אף 120 פראצענט.

1978

3. די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" טראַגט אַרײַן אינעם „בוך פון אַרבעטס־רום פונעם צענטן פינפיאָר" די כּאַשעווסטע מענטשן פון דער געגנט. דאָ זעען מיר די פּאָרטרעטן פונעם בריגאַדיר פון די מאָלערס פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי", דער שלאָגלערן פון קאָמוניסטישער מי וואַלענטינאַ דאָרמאָדעכינאַ און פון דער נייטערן־מאָטאָריסטקע, שלאָגלערן פון קאָמוניסטישער מי מאַריע קאָמפּאַנייעץ

ביראָבידזשאַנצעס: איין פעלקער־מישפּאָכע

4. דעלעגאַטן פון דער XXI גענגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ (פון רעכטס אַף לינקס) אי. גינזבורג — שעף פון ניקאָלײַעווקער פאַרבינדונגס־קנופּ, העלד פון סאָציאַליסטישער מי וו. ווורובלעווסקי — מאַשיניסט פון א רונד־אויוון אין טעפּלאָאָזיאָרסקער צעמענט־זאַוואָד, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יע. לאָפּאַטין — הויפּט־אינזשעניער פונעם אָקטיאַבערישן סאָווירט, העלד פון סאָציאַליסטישער מי מ. פּאָקאָטילאָ — בריגאַדיר פון פּיציכטלער אינעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן״, העלד פון סאָציאַליסטישער מי כ. קאַראַסיק — נייטערין־מאַטאָריסטקע פון דער ביראָבידזשאַנער טעקסטיל־ און ניי־פאַבריק

5. אַף דער ביראָבידזשאַנער ניי־פאַבריק אַרבעטן אין איין צעך די הויך־קוואַליפיצירטע נייטערנס (פון רעכטס אַף לינקס) פאַניע באַהעלפער, בראָניע לוריק און נאַדיעזשדאַ סיידעלניקאָווא

6. דער פאַרדינסטפולער בויער פון רספּסר יעווסיי פּיפּקין (אין צענטער) און די אַרבעטער א. טשומאַקאָוו (רעכטס) און א. טרעמבאַק



7. אין די ביראָבידזשאַנער רעמאָנט־וואַרשטאַטן פון „סעלכאָזטעכניקאַ״. באַם רעמאָנט פון רויפּן־טראַקטאָרס די שלאָסערס (פון רעכטס אַף לינקס) א. מוכאַ, ל. עסטערקין און נ. ליפּאַטאָוו

ד ײַ ז ע =

נאָטיצן

שירע גאַרשמאַן

די לאַנגע נעסיע

סימפעראָפּאָל

געוועזן איז דאָס מיט העכער פערציק יאָר צוריק. די קאָמונע, סאַקי, יעווּפּאַטאָריע, דזשאַנקאָי, סימפעראָפּאָל — ערטער, אָנגעזאַפּטע מיט יונגע יאָרן, אָנגעפּראָפּטע מיט האָרעוואַניע. אין סימפעראָפּאָל פלעג איך זײַן זייער אָפט, דאָרט האָב איך זיך היינטער־אויגיק געלערנט אָף זאָאָטעכנישע קורסן, אַהינצו פלעג איך פאָרן אָפּגעבן עקזאַמענעס.

איך האָב אַן אײַזערנעם געזעץ — קיינמאָל ניט ווױנען בא קיין פרײַנט, נאָר אין האָטעל. אַזוי האָב איך באַשלאָסן צו טאָן אויך אין סימפעראָפּאָל, אָבער מײַן זון האָט געגעבן אַ טעלעגראַמע פּייסעך בעקמאַנען, דעם קאָמונאַר, ער זאָל מיך באַגעגענען. אָט איז דער באַן געקומען קיין סימפעראָפּאָל. ער האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט ווי עס דאַרף צו זײַן, און בעקמאַן מיט זײַן ווײַב זײַנען שוין אין וואַגאָן. האָט, פאַרשטייט זיך, געפּלאַצט מײַן באַשלוס, ס׳האָט קיין שום רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן פאָרן אין האָטעל.

אַ גערامע דירע בא די בעקמאַנס, פאַרשטייט זיך, מיט שיין מעבל, עס פעלן אויך ניט קיין טעצעלעך מיט קיין קריגעלעך און קיין גלאָזוואַרג אין בופעט. בעקמאַנס ווײַב, מאַניע בערעזאָווסקע, אויך אַ קאָמונאַרקע, בעט מיך, איך זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָרעם זי מוז שוין אַוועקלויפן צום זון. ער און די שנור זײַנען לערער פון מוזיק, זיי נעמען אַקוראַט איצט אָפּ עקזאַמענעס, און די אייניקלעך זײַנען געבליבן אַליין, ווײַל זי, מאַניע, איז געגאַנגען מיך באַגעגענען. זי זאָגט אָן זייער שטרענג פּייסעכן, וואָס פאַר אַ פרישטיק און וואָס פאַר אַ מיטיק ער זאָל מאַכן. עס ווערט מיר קלאָר, אַז קיין הונגער דראָעט מיר ניט. נאָך מיטיק הייבט זיך אָן: „דו געדענקסט? דו געדענקסט?”. פּייסעך געדענקט אַלץ. איך קוק אָף אים, און ס׳איז מיר שווער צו דערקענען אין אים יענעם פּייסעכן מיט די בלויע אויגן און פלאַקסענע האָר, מיט דער מאָגערער פיגור און ראָזע באַקן, ווי בא אַ מיידל.

— שירע, קוק ניט אַזוי אָף מיר, ס׳קאָן מיר שאַטן אַ בייז אויג. מיין ניט, אַז איך פאַרשטיי ניט דײַן קוק. הער אויף, אַניט וועל איך נעמען קוקן אָף דיר.

געוויס דריקט אויס מײַן מינע אומצופרידנקײַט. פּייסעך ווערטלט זיך:

— אַזוי איז דאָס, שירע, מע וואַקסט אַרום מיט מעבל, מיט טעפּיכער, מיט שמאַטעס... מע לערנט זיך אויסרעכענען די הוצאָעס, מע ווערט אַ מייוון אָף גוטע פּלודערן, מע כאַפּט דעם שניט, ווי אַזוי זיך אַמפּערן מיט דעם ווײַב. ליובען געדענקסטו? מײַן שוועגערן. זי איז געווען אין דריטן קלאַס, בייס מיר זײַנען געווען קאָמונאַרן. כ׳האָב געקראָגן די טעלעגראַמע פון דײַן זון, האָב איך גלײַך געגעבן צו וויסן ליובען, זי וועט אין אָוונט קומען. — ער שווײַגט אַ ווײַלינקע און טרייסט מיך. — דו זעסט אויס גאַנץ גוט. כ׳האָב געמיינט אַ סאַך ערגער.

— האָסט ריכטיק געמיינט. און וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן. לאָמיר בעסער אַרויסגיין אין שטאָט.

אַזוי טוען מיר טאַקע נאָך מיטיק. די שטאָט איז ניט צו דערקענען. אַ סאַך נײַע שטיבער, אומעטום — גרינס. מער פון אַלץ פרייט מיך, וואָס ס׳זײַנען, קיין אײַנהאָרע, דאָ אַ סאַך שיינע

מיידלעך און פּול-לײַביקע, אויך שיינע, יונגע פרויען. אָנגעטאָן זײַנען אַלע מאָדערן, נאָך א זאַך פריִיט מיך: די שפּעפּע אין די קלײטן, פון אַלדאָס גוטס.

פּייסעך האָט צוגעגרייט א וועטשערע מיט קאַלטע קאָטלעטן, געגרויכערטע פיש, פּוטער, קעז, האָניק. מאַניע איז געקומען פונעם זון, מיר האָבן ראַיעל אָפּגעגעסן, און ס'איז ווידער אוועק א סעדרע: „דו געדענקסט? דו געדענקסט?״. צום ווייפלטן מאָל דערציילט מאַניע:

— דער דײַטש שפּאַרט, זאָג איך צו מײַנע סעגעל: „וואָס זיצסטו? נעם צונויף א ביסל זאַכן און די קינדער, און לאָמיר גיין״. מאַכט זי צו מיר: „די דײַטשן וועלן קיין שלעכטס מיר ניט טאָן. איך רייד דײַטש, ווי אן עמעסע דײַטשקע!״ אָט אזוי, ווי איך זאָג דיר, שירע. מיר האָבן זיך עוואַקויִרט אײַנײנעם מיט דער טשערעדע שאָף, און זי איז געבליבן. און זי ליגט מיט אירע קינדער און מיט סאָרקע טאַבאַטשניקס ייִנגל און מיט מיריאַמס מיידעלע אין אַרטעזיאַן־ברונעם. אזוי האָבן די דײַטשן פאַרשטאַנען איר דײַטש. ס'וואָלט בעפּייִרעש געווען ניט שלעכט צופאַרן אין דער קאָמונע. אָבער דאָרט איז קיין סימען ניט געבליבן פון דעם, וואָס איז געווען. ס'איז דאָרט א גרויסער סאָווכאָז, זייער א סאַך ווײַנגערטנער און פּרוקט־סעדער. מיר זײַנען דאָרט געווען פאַראַיאָרן. זאָג איך, אז דאָ איז אין די דרײַסיקער יאָרן געווען א ייִדישע קאָמונע, האָט מען אונדז אָנגעקוקט, אקוראַט מיר טראַכטן עפּעס אויס. ס'איז צו ריידן און צו ריידן, אָבער דו דאַרפסט זיך דאָך אָפּרוען פון וועג, מאָרגן וואַרט אַף דיר זאַליע מיט דעם ווײַב.

אַפּמאָרגן אינדערפרי איז שוין מאַניע ניטאָ אין דער היים, פּייסעך איז די באַלעבאָסטע. די שטימונג איז עפּעס א מאָדנע: „אָט דער ייִד מיטן גלאַנציקן פּליך, מיט די גרויע פרענדזלדיקע האָר אַרום פּליך, מיט די צעקנייטשטע, בלײַכע באַקן, מיטן אויסגעצויגענעם מויל אַרום די אַרײַנגעשטעלטע צײן — דאָס איז פּייסעכקע?..״ ער דערפילט עס און טוט א געשריי:

— כ'האָב דאָך אָפּגעמאַכט מיר דיר, זאָלסט ניט קוקן! — און ער צעלאַכט זיך אזוי, ווי מיט פערציק יאָר צוריק אין עסצימער פון דער קאָמונע.

ווען ער גייט אוועק אין קיך וואַשן דאָס געפעס, כאַפּ איך א קוק אין שפּיגל...

פאַר די אויגן שווימען אויף די אַמאָליקע פּייסעך און מאַניע. איך זע, ווי מאַניע לויפט מיטן עמער מילך צו די בידאָנעס. וויפל מאָל פלעגט טרעפן, אז זי צעלאַכט זיך פלוצעס, אָבער אזוי שטאַרק, אז איך פלעג שיר ניט אומפאַלן מיטן עמער מילך. און ווען איך פלעג זי פרעגן: „וואָס לאַכסטו?״, האָט געקלונגען א נאָך מער הילכיקער געלעכטער. און איצט זײַנען די קיינגריבעלעך אין אירע באַקן צעקנייטשט, אזיווי פּיצינקע שיסעלעך מיט סעטשקע. עמעס, זי איז נאָך זייער ספּריטנע, גייט גיך, טוט אַלץ געשווינד.

איר גאַנצע בעריעשאַפט קאָן מען זען, ווען מע קומט צו איר זון מיט דער שנור מיט די אייניקלעך אין דער דירע אַף קורטשאַטאָוו־גאַס.

דער טיש זעט דאָ אויס, ווי א פאַרביקער טעפּיך. אַלץ, וואָס מאַניע האָט געקאָנט קריפן, האָט זי געקויפט. שיין זײַנען די ווײַסע רעטעכלעך אין א טיפער ברוינער שיסל. אַפן גרויסן פּאָלומעסעק ליגן גאַנצע צוויי ענטלעך. זייי גלאַנצן פון געל-ברוינעם זאַפט און זײַנען אַרומ־געלייגט מיט געבראָטענע עפּל און ראָזע קאַרשן. מאַניע אַליין איז פאַרהאַוועט. דער זון און די שנור זײַנען נאָך אין מוזיק־שול. ביז זיי וועלן קומען, קאָן איך גוט באַטראַכטן זייער דירע. די אויסשטאַטונג איז אזא, ווי בא אינטעליגענטע מענטשן. א סאַך ביכער, ווינציק גלאָזוואַרג, מאָדערנע מעבל, אַלץ ברוין פּאַלירט און גרינג געבויגן.

דער זון מיט דער שנור קומען גאַנץ שפּעטלעך, אזייגער נײַן אָדער האַלב צען. פּייסעך האָט שוין אָפּגעקאָרקעוועט פלעשער ווײַן און מינעראַלע וואַסער, אזוי, אז דאָס יונגע פּאָרל זעצט זיך צום טיש, ווי געסט. דער שמועס איז א ביסעלע טויבלעך, ווײַל דער זון מיט דער שנור זײַנען זייער מיד, זיי האָבן צו מיר א טײַנע, וואָס איך בין געקומען אין מײַ און ניט אין יון. ווען איך קום אין יון, וואָלט מען א ביסל געקאָנט אַרומפאָרן, ווײַל ס'ווײַזט זיך אַרויס, אז דער זון האָט אן אויטאָמאָביל.

ווען מיר גייען אַהיים, זאָגט מאַניע צו מיר:

— ווי געפעלט דיר דאָס אַלץ, שירע? מײַן זון איז ווי בא זיך אין דער היים בא בעטהאָ־ווענען, בא מאָצאַרטן, בא באַכן, בא פּראָקאָפיעוון און בא טשײַקאָווסקין. האָסט געזען די שטובּ? אַף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן. די שאַפּעס זײַנען אָנגעטאָפּטשעט מיט לײַלעכער און טישטעכער און מיט וואָס ניט. מיינסט עפּשער, אז זיי זײַנען צופרידן, די קינדער? ס'הייבט זיך גאָר ניט אָן. מע האָט א „זשיגולי״, וויל מען א „וואָלגע״. נאָר וואָס האָב איך זיי צו באַ־ריידן, אז איך אַליין בין גאָר ניט די, וואָס געווען. זאָלסט ניט לאַכן. פּייסעך קאָן אויסגיין גאַנץ סימפּעראָפּאָל, אבי ער זאָל נאָר קריגן דאָס אָף, וואָס אים געפעלט. הײַנט, ווען דו וועסט זײַן בא ליובען, וועסטו זען, ווי זי לעבט. אַליין זיך אויסגעסטראָיעט א שטוב און געמאַכט אײַזער־

נע טויערן. ווי געפעלט עס דיר, שירע? און יאשע שטייט שוין ניט באַם קלאָץ, ער איז א בריגאַדיר באַ די קאַצאָווים. קורץ גערעדט, ס'איז א לעבן, אַז בעסער דאַרף מען ניט! מאַניע איז געוויס גערעכט. וויפל מע האָט, איז ווייניק.

אַז מיר זײַנען געקומען צו ליובען אַף מאָרגן, האָבן די אויגן מײַנע ניט געגלייבט. די ווענט און די פּאָדלאָגעס אין טעפּיכער. די עלטערע טאָכטער איז אין דעקרעט. אַז די ייִנגערע גייט אַרויס אַף א ווײַלע אין קיך, טוט ליובע א זיפץ און זאָגט דרײַ ווערטער: „ווו נעמט מען?" איך פאַרשטיי, די טאָכטער איז שוין אַלט מער ווי צוואַנציק יאָר, און מע דאַרף טאַקע א כאָסן. די עלטערע טאָכטער, וועלכע איז אין דעקרעט, איז א פּראָוויזאָר. זי זאָגט וועגן איר אַרבעט:

— וואָס כ'האָב געוואָלט, האָב איך אויסגעפּירט. איך האָב א ריינע אַרבעט, און מײַנע רע־פּוּעס היילן מענטשן.

זיכער האָט ליובע אויך געמאַכט א שיינעם טיש: מיט א סאַך געבעקס און ווײַן און אײַנ־געמאַכטס. דער איידעם איז געזעסן מיט אונדז אײנייִנעם, ער האָט געשמאַק צוגעביסן און קיין איין וואָרט פאַר דער גאַנצער צײַט ניט אַרויסגעבראַכט. בײַס ליובע האָט אונדז באַגלייט, האָט זי ווידעראַמאָל געזיפצט און שטיל צו מיר געזאָגט:

— קיין שלעכטס קאָן איך אַף אים ניט זאָגן. ער איז ניט קיין גראָבער־יונג, לערנט זיך גוט, מאַכט שוין דעם דיפּלאָם, און איך בין זיכער, אַז ער וועט זײַן א גוטער אינזשעניער. אָבער דאָס שווײַגן איז עפּעס א קלאָלע פון גאָט. קיין וואָרט ניט! איך מאַך צו דער טאָכטער: „מיט דיר רעדט ער דאָך מיסטאָמע יאָ?" מאַכט זי צו מיר: „מאַמע, נערוויר זיך ניט. ווי מײַנ־סטו, ער וועט ווערן א טאַטע דאָס צווייטע מאָל און אַלץ שווײַגנדיקערהייט?" טראַכט איך שוין: אַבי ער רעדט מיט איר.

אַזוי גייען מײַנע טעג באַ בעקמאַנען מיט מאַניען. כאָטש עס פּאַסירט, דאַכט זיך, גאָרניט, אָבער דער אומרו לאָזט זיך פילן. מע דאַרף ניט זײַן פאַרשלאָפן. ס'איז נאָך דאָ וואָס צו טאָן. מאַלע וואָס די האָר זײַנען גראָ און די צײַט שטייט ניט אַף אַן אָרט. אין סימפעראָפּאָל בין איך אַף קיין זאַוואָדן ניט געגאַנגען. שטוב און שטייגער, שמועסן וועגן אַמאָל. דער הײַנט איז אָבער גאָר אינגאַנצן אַנדערש. די באַדערפעניש זײַנען אַנדערע, און די שטרעבונגען זײַנען אַנדערע. איך מיין, אַז דאָס איז ניט ערגער. דאָס איז טאַקע נאָר אַנדערש. אין דער רויקײַט דרייט זיך אַרײַן אין איינעם אַן אָוונט פּייסעכס א פּרײַנט מיט זײַן פרוי. ער דערציילט לאַנג, וויאַזוי זיי זײַנען אין ווינניצע געווען אין געטאָ. קיין שום אַנטפּלעקונגען זײַנען אין זײַנע רייד ניטאָ, עס איז זייער ענלעך אַף דעם, וואָס ס'איז שוין געהערט געוואָרן א סאַך מאָל. איין זאַך איז נאָר צו באַוווּנדערן, וואָס איינער א רומענער האָט אָפּט אַרײַנגעטראָגן א לאָבן ברויט. איצט איז פּײַוול סיניצער א הויכער גראָוער מאַנצבל. זײַן ווײַב מאַניע איז זייער א כיינעוו־דיקע און שמייכלט די גאַנצע צײַט. איר גוטסקײַט און געמיטלעכקײַט האָט באַשטעטיקט א גרויסער ווײַסער לעקעך, וועלכן זי האָט געבראַכט, בײַס זי איז געקומען אַף דער אווטאָבוס־סטאַנציע מיך באַגלייטן קיין זאַפּאָראָזשיע.

אָפּאָנעם, ס'איז מיר קאַרג געווען די דערמאָנונגען פון דער קאָמונע, וועל איך איצטער האָבן צו דערמאָנען און צו דערמאָנען פּייסעכן און מאַניען, זייער זון זאַליע מיט זײַן פרוי, דעם זונס מיידעלע מיטן ייִנגעלע, ליובען מיט איר גאַנצער מישפּאָכע. דאָס אַלץ איז אי פריי־דיק, אי פול מיט נאָגעניש. מע זאָגט, א ברודער, א שוועסטער. פּייסעכס אויגן זײַנען גע־וואָרן פול־פול, ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין אווטאָבוס. איך האָב אויך געפילט, ווי די טרערן זידן אויף אין מיר, „שטאַרק צונויפגעשמאָלצן זײַנען מיר, קאָמונאַרן", — טראַכט איך.

זאַפּאָראָזשיע

זיץ איך שוין אין אווטאָבוס, און ס'איז מיר, באַרעכהאַשעם, צוגעקומען נאָך א פּעקל — דער ווײַסער גרויסער לעקעך, וואָס ס'האָט געבראַכט די אַנדערע מאַניע.

ביסלעכווײַז רוקט זיך אָפּ סימפעראָפּאָל, עס ציִען זיך ראַכוועסדיקע פּליינען מיט סעדער. שוואַרצע גראַקן און סאָראָקעס פליִען אינדערלופטן. אָט בין איך שוין פאַרבײַגעפאָרן קלי־מאָוקע, אינגיכן האָב איך דערזען א פאַרכאַפּנדיק בילד: א גרינלעכער, ברייטער הימל האָט זיך געשפּרייט איבער א טײַך. ניט זייער קיין ברייטער טײַך, אָבער אַזוי באַרוט איז ער גע־לעגן צווישן די פּריש־גרינע ברעגן. גאַנץ נידעריק איבערן וואַסער האָבן געשוועבט כמאַרעס טײַך־שוואַלבן. דער אווטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, איך האָב געפרעגט באַ דער פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן מיר:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּרעכטיקער טײַך?

— איך ווייסט ניט? דאָס איז דאָך דער דניעפּער!

ס'איז מיר געוואָרן זייער אומבאַקוועם, וואָס איך האָב אים ניט דערקענט. אָבער דאָס בילד איז געווען פאַר מײַנע אויגן, און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „נאָר צוליב אָט דעם גריי־נעם הימל, צוליב די מילד־פּליעסקענדיקע כוואַליעכלעך באַם ברעג און די צוויטשערנדיקע וואַסער־שוואַלבן איז קעדײַ געווען צו קומען אַהער".

אַזייגער צען אין אָוונט בין איך שוין אין זאַפּאָראָזשיע. פון דער אויטאָבוס־סטאַנציע האָב איך אָנגעקלונגען לייע טרובניאַקאָווען און זיך זייער דערפרייט, דערהערנדיק איר שטים. כ'האָב ניט באַוויזן איר זאָגן, ווו איך וועל וואַרטן — אויפן וואָקזאַל אָדער אויף אַ באַנק אין דרויסן, — ווי זי האָט אויסגעשריגן: „איך קום גלײַך אײַך נעמען". און אַזוי איז טאַקע געווען. אײַנגיכן בין איך שוין געווען אין לייעס אײַנצימערדיקער דירע — אַ ציכטיקע, געמיטלעכע, ניט זייער קיין געראַמע.

פונעם ערשטן קוק האָב איך גלײַך דערפילט, וואָס פאַר אַ מענטש לייע איז. אירע בלויע אויגן בײַטן זיך גיך און אָפט, און מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט אַ סאַך אויגן. איר געזיכט איז פריש און ראָז, די הענט — בייגעוודיק, די פינגער — לאַנגע און אויך די נעגל לענגלעכע. כוץ דעם, וואָס זיי זײַנען זייער שיין, זײַנען זיי שטאַרק רירעוודיק, זיי פליִען מאַמעש איבער דעם, וואָס לייע טוט. ס'איז מיר אויך זייער צום האַרצן, וואָס זי האָט ניט קיין טעווע אויס־צורעכענען, וואָס זי דאַרף אָדער וואָס זי האָט שוין אָפּגעטאָן. זי לויפט פון קיך אין צימער און צוריק, און אָט עסן מיר שוין אַ געלבלעכע פּיורע פון קאַרטאָפל מיט אַ זויערער אוגערקע, אַ ביסל איז מיר ניט באַקוועם, וואָס לייע מאַכט מיר דאָס געלעגער אויף דער סאָפע, און אַליין לייגט זי זיך אויף דעם דאַטשע־בעטל.

אײַגנטלעך, האָב איך לייען געקענט אַ סאַך פריִער, איידער איך האָב זי געזען. איר שוועסטער מאַלקע, מיט וועלכער איך בין געווען אין קאָמונע, האָט מיר דערציילט וועגן איר. אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זי איז אַזוי מאַיעסטעטיש, כיינעוודיק, פרײַ אין פאַרקער, אָן אַ סאַך רייד, און, ווי ס'איז מיר דערנאָך קלאָר געוואָרן, אָן קיין שום פאָרור־טיילן. איך האָב געוווּסט, אַז זי האָט אָפּגעאַרבעט באַ דרײַסיק יאָר אין „זאַפּאָראָזשסטאַל". כ'האָב אויך געוווּסט, אַז זינט איר מאַן, עליע וועלשטיין, איז אומגעקומען אויף דער מילכאָמע, לעבט זי אַליין. אַמאָל האָט מיר מאַלקע געזאָגט, אַז באַ לייען ליגן עליעס לידער און זייער אַ סאַך בריוו. געוויס האָט זיך מיר זייער געוואָלט אַרײַנקוקן דערין. אָבער איך האָב אַ טאָ־קאַנע, הויפּטזאַכלעך, ווען איך בין אונטערוועגנס, ווינציק פרעגן און געדולדיק וואַרטן. כ'האָב געוווּסט, אַז די גאַנצע מישפּאָכע טרובניאַקאָווס זײַנען געווען ייִדישע פּויערים אין שטערנ־דאָרף, וועלכע האָט אַמאָל געהייסן נעוול, קליין סיידעמענוכע, קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, כערסאָנער געגנט. כ'האָב אויך געוווּסט, אַז עליע וועלשטיין האָט געענדיקט די ייִדישע אָפּטיילונג פונעם מאָסקווער „צווייטן אוניווערסיטעט", אַז ער האָט זיך געדרוקט אין ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן און בײַס דער מילכאָמע — אין דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ".

בײַס איך כאַפּ אַ קוק אויף לייען, זע איך, ווי ס'ריזלט נאָך איצטער אין איר אַ ניט־אויס־געשעפּטע מוטערלעכקײַט און ווײַבלעכקײַט. קיין איין וואָרט האָב איך ניט געהערט פון איר וועגן דעם, ווי איר לעבן איז געגאַנגען. נאָר אַנומלטן אין אָוונט האָט זי ווי אַרויסגעשלוכצט:

— בײַס כ'האָב זיך עוואַקויִרט מיטן זאַוואָד, איז מײַן מירעלע אויסגעגאַנגען באַ מיר אויף די הענט. כ'האָב זי געהאַט אַקוראַט דאַן, ווען די פאַשיסטן האָבן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן זאַפּאָראָזשיע.

נאָר דאָס, און מער וועגן דערויף קיין וואָרט ניט ביז מײַן אַוועקפאָרן.

אָבער אַז מע וואַרט, דערוואַרט מען זיך. אַ פּאָר טעג פאַרן געזעגענען זיך זע איך, ווי לייע לייגט אַוועק אויפן טיש אַ פּאַפּקע, איבערגעבונדן מיט סטענגעס. און זי טוט צו מיר אַ זאָג:

— אויב איר ווילט, קאָנט איר דאָס אַ קוק טאָן, איך וועל גיין מאַכן אָוונטברויט.

איך נעם אַרויס דעם ערשטן העפט, און אויפן ערשטן זײַטל לייען איך:

עפּשער וועט אַ גריסעלע
אָנשרײַבן מיר לייעלע.
אײַנעם בלויען שיסעלע
שווימט אַרום אַ טייעלע.
אײַנעם בלויען שיסעלע...

וואָס זשע עפּעס, לייעלע,
שרײַבסטו ניט קיין גריסעלעך
עפּשער ניט קיין איידעלע
מײַנע בריוו צו דיר?
האָס מיך ניט, מײַן מיידעלע,
זײַ ניט באַרוגעז, טײַערע,
כ'בין פון וואַרטן מיד געוווּן,
כ'האָב געבאַלעשט, לייעלע,
פון דײַן האַרץ א בריוועלע,
מײַן נעשאָמע, לייענען.

און נאָך דערויף א קורץ בריוועלע: „טײַערסטע לייעלע! איך בין שטאַרק אומרויִק, וואָס איך האָב שוין העכער צוויי וואָכן פון דיר קיין בריוו ניט. שרײַב מיר דעם עמעס, עפּשער ביסטו ניט געזונט?"

און ווײַטער — נאָך א ליד:

עס איז בא אונדז א יאָמטעוו הײַנט:
מיר האָבן אָפּגעיאָגט דעם פײַנט.
— — — — — — — — —
איך בין נאָך איצט פון קנאַלן טויב,
עס וואָלט פון מיר געבליבן שטויב,
ווען איך וואָלט צופעליק פאַר זיך
דאָס אָרט ניט בײַטן גרײַלעך־גיך.

און ווידער א בריוו מיט איין און דער זעלביקער טײַנע: „איך ווייס וועגן דיר גאָרניט, איך ריר זיך פון זינען. שרײַב מיר, צי איך בין שוין א טאַטע. האָב ראַכמאָנעס, שרײַב". און א ליד:

אַף סטעזשקעלעך,
אין באַלקעלעך,
אַף בריקעלעך,
אַף גאַנעקלעך —
א שנייעלע.
א גוטער יאָר דיר, לייעלע!
און מאָטעלען,
און מאַלקעלען,
און הערשעלען,
און מוישעלען,
און סראָליקן!

און נאָך איין קורץ בריוועלע: „ליבע און טײַערע! מײַן זאָרג איז גרויס און ביטער וועגן אײַך, לייעלע, דו מיט מײַן פּיצל — איר זײַנט אַלץ, מיט וואָס מײַן האַרץ איז רײַך". און ווידער א ליד:

שוין געראָנען הייס מײַן בלוט איז
אינעם פלאַם פון שלאַכטן.
קאָן דען טרעפן זיך, מײַן גוטע,
אַז דו זאָלסט ניט וואַרטן!
יענער טראָגט קיין נוץ דער וועלט ניט,
וווּ ער עס לעבט אַף גרייטן.
דאָס, וואָס דיר און מיר געפעלט ניט, —
זוך ניט אין קיין צווייטן.
הייליק איז דער כויוו פון קריגער,
פונעם שלאַכט דעם האַרבן
וועל איך קומען, ווי א זיגער,
אָדער העלדיש שטאַרבן.

און דערנאָך, דערנאָך ווערט הערן:
ניט קיין סאך געבליבן.
און אויב איך וועל אויך זיך קערן,
וועלן מיר נאָך ליבן.
און מײַן קינד און מײַן מישפּאָכע
זען איך וועל אין פּאָנעם.
אַלע פלאַפלער אַפּצולאָכעס,
און א טויט — די סאָנים.
דו האָסט אַלעמאָל פון ליידן
מיך געשטערבט פּאַרהיטן,
ווארט, מײַן ווײַב, צוליב אונדז ביידן,
ווארט צוליב דעם דריטן.

די ליד האָט עליע וועלשטיין אָנגעשריבן אין 1942. אים איז ניט באַשערט געווען צו באַקומען לייעס בריוו, ווײַל מע האָט אים אָפּט איבערגעשיקט פון איין אָרט אפן צווייטן, און אירע בריוו האָבן אים ניט געקענט דעריאָגן.

וויפל כ'האָב געקענט, האָב איך איבערגעשריבן פון דער פאַפקע. לייע האָט פאַרבונדן די בענדעלעך, דערנאָך די פאַפקע איבערגעבונדן מיט סטענגעס, ווי עס איז געווען, און אוועקגעלייגט אין דער טומבאָטשקע, אַף וועלכער דער טעלעוויזאָר שטייט. כ'האָב געהאַט א געפיל, אַז אָט וועט די טומבאָטשקע נעמען שרײַען מיט אומענטשלעכע האַרצרײַסנדיקע געשרייען.

שוין הארט פאר מײַן אוועקפאָרן איז צו לייען געקומען איר ברודער, מוישע טרובניאַקאָוו. א גוטער מעטאַלורג, האָט ער א סאך יאָרן מאָנטירט מאַרטען־אויוונס, געווען אויך א מעכאַניקער פון דאָמנעס. מוישע האָט געמאכט אַף מיר אַן אײַנדרוק, ווי ער וואָלט נאָך איצטער אויך געאַרבעט אין א הייסן צעך. ער האָט זייער ווייניק גערעדט, נאָר אָנומלטן, בײַס לייע איז ניט געווען אין שטוב, האָט ער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַדויערט: „אַזאַ לייע, זי איז געווען אײַנע אין שטערנדאָרף, וויפל באָכערים וואָלטן געווען גליקלעך! און אַזוי איז אוועק איר לעבן. ס'מאַכט זיך אַמאָל אין א ווינטערדיקן אָוונט, איך קום אַרײַן, וואָס זשע, מײַנט איר, טוט זי: זיצט בא דער פאַנאַנדערגעבונדענער פאַפקע!..."

עס גייען די טעג, לייע שרײַבט אויס די אַרטיקע צײַטונג, זי לייענט מיר פאָר די נעמען פון וועטעראַנען, וואָס זײַנען באַלוינט פאַר לאַנגע יאָרן אַרבעט אַפן זאָוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל". אין דער רעשימע איז דאָ ראַיסע גאָרעליק פונעם טעכנישן קאָנטראָל, און נאָך א סאך מענטשן, מיט וועלכע לייע האָט איינמאָל געאַרבעט. זי שטעקט נאָך אַפן זאָוואָד, זי איז זייער צופרידן מיר פאַרצולייענען די אַרטיקלען פון דער אָרטיקער צײַטונג, זי איז מאַמעש גליקלעך, ווען מע רופט אָן נעמען פון אַרבעטער, וועלכע זי קען און וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער מי.

ענדלעך, קומט דער טאָג, ווען מוישע און לייע באַגלייטן מיך צום פּאַרט, פונדאַנען שווים איך מיטן „מעטעאָר" קיין כערסאָן.

ווען די שיף איז אָפּגעגאַנגען פונעם ברעג, זײַנען לייע מיט מוישען נאָך לאַנג געשטאַנען און געפּאָכעט מיט די הענט.

דער „מעטעאָר" איז געפלויגן ביזן שליוז, דערנאָך האָב איך „זיך געשליוזעוועט". דאָס האָב איך ניט געפילט, די שיף איז קימאַט אומבאַוועגלעך. לעבן מיר זיצט א פרוי מיט אַזעלכע וואַרעמע קאַרע אויגן, אַז ווי נאָר זי טוט א קוק אַף מיר, ווערט מיר גרינג אַף דער נעשאָמע. אַפּאָנעם, זי דערפילט דאָס און דערציילט מיר, אַז זי איז א לערערן, געקומען קיין זאַפּאָראָזשיע עפּעס אײַנקויפן. אַליין וווינט זי אין דאָרף מאַלאַיאַ לעפּעטיכאַ. „וואָס איז דאָס פאר א מאַלאַיאַ לעפּעטיכאַ?". „אַ, דאָס איז זייער א טשיקאַווע זאַך. בײַס יעקאַטערינאַ די גרויסע איז געפאָרן קיין קאַטערינאָסלאַוו, איז זי גראָד דורכגעפאָרן דורך אונדזער דאָרף, זײַנען אַלע הײַזעריק געוואָרן פאַר שרעק, האָט מען א נאָמען געגעבן דעם דאָרף מאַלאַיאַ לעפּעטיכאַ"...

מײַן מיטפּאָרערן האָט מיר געגעבן איר אַדרעס, איר פאַמיליע־נאָמען איז טאַטיליעוווסקאַיאַ, און רופן רופט מען זי אַנאַ סטעפּאַנאָוונאַ. ס'קאָן גרײַלעך זײַן, אַז איך זאָל צופאָרן אַהין, זי האָט אַזוי געלויבט דאָס דאָרף!

ערשט איצט באַווײַזן זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל פאַר מײַנע אויגן לייע און מוישע, און בעקמאַן, און ליובע, און מאַניע בעקמאַן, און די אַנדערע מאַניע, וואָס איז געקומען מיטן לעקעך אַף דער אויטאָבוס־סטאַנציע מיך באַגלייטן און האָט אַפילע צוליב עפּעס געהאַלטן דאָס טיכעלע בא די אויגן.

כערסאָן

געקומען קיין כערסאָן, דאַרף מען די ערשטע זאַך האָבן א דאַך איבערן קאָפּ. לייע האָט מיר געזאָגט, אַז „קיִעוו" איז ניט קיין שלעכטער האָטעל. פאַר איך אהין. דאָרט פעלן אָבער ניט קיין געסט אכוץ מיר. די דאַמע, וואָס זיצט הינטערן באַריער, וווּנדערט זיך: „איר ווייסט דען ניט, אַז כערסאָן איז אַלט געוואָרן צוויי הונדערט יאָר?"

ס'איז טאַקע אַן אוולע — כ'האָב אַפילו ניט אָנגעהויבן צו וויסן. איצט האָב איך זיך אָנ־געשטויסן, פאַרוואָס אַזויפיל מענטשן פאַרפּלייצן דעם וועסטיביול. אָבער דאָס האָט מיר ניט געשטערט צו מעלדן דער דאַמע, אַז איך האָב ניט וווּהין צו גיין. זי האָט ווידער עפּעס א זאָג געטאָן, דאַן האָב איך אוועקגעלייגט פאַר איר מײַן שרײַבער־בילעט און די קאָמאַנדירונג.

אויסגעפּילט די אַנקעטע, געקראָגן א פּראָפּוסק, גיי איך מיר אַפן דריטן שטאָק אין מײַן צימער. א וווילער צימער, מיט א טעלעפאָן, מיט באַקוועמלעכקײַטן. דערזען דעם טעלעפאָן, קלינג איך גלײַך אָן דעם דיכטער אווראָם קאַצעוו. כ'האָב ניט באַוויזן אָפּצושווענקען דאָס פּאָנעם, ווי מע קלאַפּט אין טיר. קאַצעוו איז שוין דאָ!

אַפן שיפבוי־זאַוואָד האָט מען אונדז באַקאַנט מיט פּאַוועל מאַטוויִעוויטשן, אַזוי רופט מען אים אין צעך, נאָר הייסן הייסט ער פּייסעך, און ער אַרבעט אַלס קאָמפּלעקטאָווטשיק זעקס און צוואַנציק יאָר. ער זאָגט: „איך קלאָג זיך אַף גאָרניט. עס פעלט מיר קיין זאַך ניט. מײַן פרוי אַרבעט אַף דער שוך־פאַבריק. מיר פאַרדינען סײַ אָוואַזשעניע, סײַ צום לעבן..." און נאָך אַן אַרבעטער גייט צו — אַראָן קאַווקאַן. ער איז א קאָמוניסט און איז אויך פיל יאָרן אַפן זאַ־וואָד. יאַקאָוו פּערסידסקי אַרבעט בײַ עלעקטראָן־ווערקשטעלן. ער זעט אויס זייער גוט, שמייכלט די גאַנצע צײַט און פּאַרענטפערט זיך, אַז ער האָט קיין צײַט ניט צו שמועסן מיט אונדז, וואָרעם די סמענע לאָזט אים ניט אָפּ. דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט וויקטאָר מישטשענקאָ ברענגט פון זײַן צעך נאָך אַן אַרבעטער, באָריס יאַקאָבסאָנען, ער איז אַלט 45 יאָר, פאָרעמט אויס דעטאַלן אין גיפּס (ערשט דערנאָך ווערן געבוירן מעטאַל־דעטאַלן פאַר דער שיף). מיט א קורצער צײַט צוריק איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „סלאַווא" פון דער דריטער מאַדרייגע. „מײַן ווײַב, — זאָגט ער, — איז דער הויפּט־בוכהאַלטער אין ראַיאָנישן בילדונגס־אָפּטייל. אויב איר האָט כיישעק, קומט צו גיין צו מיר, וועט איר זען מיט אײַערע אויגן, ווי עס לעבט א גיפּסאָווטשיק, וואָס מאַכט קאָראַבעלנע דעטאַלן. צוויי זין האָב איך. דער עלטערער לערנט אין אוניווערסיטעט, דער צווייטער איז אין זעקסטן קלאַס"...

דער צעך — דאָס איז א גראַנדיִעז בילד. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס יעדערער טוט. און נאָר א גרויסע שיף, וואָס איז געשטאַנען אַף א מין בריק, האָט ווי גע־רעדט צו מיר: „אַלץ, וואָס עס קלאַפּט, רוישט, זשומעט, די פונקען, וואָס פליִען פון אונטער די עלעקטרישע שווייס־לאָמפּן, — דאָס אַלץ איז פון מײַנעטוועגן". די שיף איז געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן נאַקעט. די אײַזערנע ווענט — צוגעדעקט מיט זשאַווער, און דאָס האָט מיך א ביסעלע געשראָקן.

איך בין אַרויס פונעם צעך און האָב זיך זייער דערפרייט מיטן הימל, מיט די ביימער, מיט די אויסגעפּוצטע מענטשן, וואָס האָבן געווימלט איבער די גאַסן. איך בין אוועק צום דענקמאָל פון די סאָוועטישע שלאַכטלײַט אַפן פּלאַץ פונעם 13־טן מאַרט. פון דאָרט בין איך צוגעפאָרן מיטן טראָליייבוס צום פּראָספּעקט פון די טעקסטילשטשיקעס. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו דער יאַם־שול אַפן נאָמען פונעם לייטענאַנט שמידט, צום אושאַקאָוו־דענקמאָל, וואָס שטייט לעבן טעכניקום אַף זײַן נאָמען...

כערסאָן איז געווען ראַשיק און אויסגעפּוצט, אָנגעזאַפּט מיט סימכע און מיט פײַערלעכער יאָמטעוודיקײַט. עס איז געווען אָנהייב יוני, שוין צײַט א טראַכט צו טאָן וועגן פאָרן קיין ניקאָלײַעוו...

ניקאָלײַעוו

אין ניקאָלײַעוו איז דאָ א האָטעל „ניקאָלײַעוו”. דאָרטן קריגן אן אָרט איז אויך געווען ניט גרינג. זיך אײַנגעאָרדנט, האָב איך אָנגעקלונגען צו יאַקאָװו הויזן. דאָס איז אויך אן „אײַגע־נער”, מיר זײַנען געבליבן עטלעכע קאָמונאַרן, צעוואָרפענע איבערן גאַנצן לאַנד. יאַקאָוו איז געקומען צו מיר מיט זײַן ווײַב קלאַרען. איך בין, פאַרשטייט זיך, אויך צו זיי געגאַנגען. דאָס איז גאָר אן אַנדער שטוב, איידער אין סימפעראָפּאָל בא בעקמאַנען. קלאַרע פאָרט ניט אַרום צו דער טאָכטער אַלע טאָג. זי פירט זייער אן אײַנגעאָרדנטע באַלעבאַטישקײַט, די טאָכטער מיטן איידעם האָבן א קאָאָפּעראַטיווע דירע. אַלע טאָג בין איך בא זיי אָדער זיי בא מיר.

אָבער דעריקער איז דאָך שיפּבוי, גאַנץ ניקאָלײַעוו בויט שיפּן. דאָס, וואָס כערסאָן איז אַלט געוואָרן 200 יאָר, פילט זיך אין ניקאָלײַעוו אויך. אין דער אָרטיקער שרײַבער־אָפּטיילונג איז פּוסט, אַלע זײַנען אַפּן יאָמטעוו אין כערסאָן. די טעכנישע סעקרעטאַרשע סוועטע, א יונג מיידל, האָט מיר אָפּגעמערקט די קאָמאַנדירונג, און גאָר. אַפן טשאָרנאָמאָרסקער שיפּבוי־זאַ־וואָד קאָן איך זיך ניט דורכשלאָגן — פון דאָרט איז אויך אוועקגעפאָרן א דעלעגאַציע קיין כערסאָן, אָבער ס׳זײַנען פאַראַן אין ניקאָלײַעוו נאָך זאַוואָדן, און צווישן זיי דער זאַוואָד אָפן נאָמען פון „61 קאָמונאַרן”. דער סעקרעטאַר פונעם דאָרטיקן פּאַרטקאָם איז לאַבער — א פרײַנט פון קלאַרעס טאָכטער און פונעם איידעם, אָבער ער איז אין אורלויב. פאָר איך אַפן זאַוואָד אַליין און באַגעגן זיך מיט זייער אינטערעסאַנטע מענטשן: מיט מאַריע ניבאַרטשיק, וואָס אַרבעט אַלס קאָמפּלעקטאָווש טשיצע, און מיט ייִצחאָק קעמפּער. ייִצחאָק זאָגט וועגן זיך:

— איך בין א וועטעראַן. אַלע יאָרן, וואָס איך אַרבעט אַפן זאַוואָד, פיל איך זיך ווי א גלײַכער צווישן גלײַכע. און איך האָב ניט אַף וואָס זיך צו זשאַלעווען. האַלעווײַ וואָלט איך געקאָנט אַזוי גרינג זיך אן אייצע געבן מיט מײַן איידעם, ווי איך קאָן זיך אן אייצע געבן בא דער אַרבעט...

— וואָס איז מיטן איידעם? — פרעג איך.

— וואָס זאָל זײַן מיטן איידעם? ער האָט ליב מײַן טאָכטער, ניט מיר... ווען ניט דאָס, וואָלט קיין גליקלעכערער פון מיר אַף דער וועלט ניט געווען. — אַזוי פאַרענדיקט ער דעם קורצן שמועס, טוט א רוק דעם העלם צום נאַקן און גייט אַוועק.

מאַריע ניבאַרטשיק זיצט די גאַנצע צײַט און שמייכלט. זי איז א פרוי אין די מיטעלע יאָרן און זי האָט זעלטן שיינע ציין. ס׳קאָן זײַן, אַז טאַקע דערפאַר שמייכלט זי. דאָס איינ־ציקע, וואָס זי זאָגט, איז:

— האָט אַף מיר קיין פאַריבל ניט, איך האָב ניט קיין צײַט צו זיצן מיט אײַך, כאָווערטע פּיסאַטעלניצע.

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פונעם צעך פאַר מעטאַל־באַאַרבעטונג פירט מיך אַוועק אין מוזיי. דער מוזיי איז טאַקע דאָ, באַם זאַוואָד. אים האָבן געגרינדעט אַלטע אַרבעטער, און זיי באַדי־נען אים. עס זײַנען אויסגעשטעלט שיפּן — פונעם פאַבריקן יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַט. מײַן אויפמערקזאַמקײַט ציט צו א מעמאָריאַלע ברעט פון די 61 קאָמונאַרן, צווישן זיי בליס, גיפעלד, בעלסאָן, פעלדמאַן, רעזווין, יעווונטאָוו... דער מענטש וואָס באַגלייט מיך, טוט א זאָג:

— אַלעמען האָט אומגעבראַכט דער דעניקינישער גענעראַל סלאַשטשאָוו...

פונעם מוזיי גיי איך אין צעך פון מעטאַל־באַאַרבעטונג. ס׳איז אַזאַ טראַסקערײַ, אַז איך הער קוים, וואָס מײַן באַגלייטער זאָגט מיר. דאָ שטייט אויך אַף א מין בריק א שיף, און נאָך א שיף. אָט אַזוי זעען זיי אויס, איידער מע פאַרטיקט זיי אויס, מע פאַרבט זיי אָפּ, און זיי שווימען אַוועק איבער די יאַמען.

ווען איך גיי אַרויס פונעם צעך, שפּאַן דורך דעם הויף, טרעף איך ווידעראַמאָל ייִצחאָק קעמפּערן. ער טוט צו מיר א פאָכע מיט דער האַנט און ווערט פאַרשוווּנדן.

ווען איך קום אַרײַן צו יאַקאָוו הויזס טאָכטער רימע, זע איך, אַז עס איז עפּעס א גרויסער יאָמטעוו.

— וואָס קומט דאָ פאָר?

— הײַנט איז רימעס געבורטסטאָג.

שפּעטער האָט זיך געיאַוועט א פאָרפאָלק מיט א טאָכטער. יולי גודקין אַרבעט אין א פּאַר־רייניקונג, וואָס פּראָיעקטירט שיפּן.

— שיפּן, וואָס קאָנען גוט שווימען... — שמייכלט ער. — דער באַלעבאָס אַרבעט אויך אין אינסטיטוט מיטן זעלבן פּראָפיל.

דער באַלעבאָס — דאָס איז רימעס מאַן, עדיק.

יאַקאָוו אַליין איז זייער אַ כאַשעוועד מענטש אין זײַן הויז־פּאַרוואַלטונג, ער איז אַ מיט־גליד פֿון דעם כּאוועדישן געריכט און האָט נאָך אַ סאַך געזעלשאַפֿטלעכע דײַגעס. קלאַרע איז פּאַרנומען, עמעס, בלויז מיט איין דײַגע — זיך דערוויסן, וואָס פֿאַר אַ לטע מענטשן עס וווינען אין איר ראַיאָן און וואָס זיי נייטיקן זיך. און כאָטש זי האָט קנאַפּ דערציילט, איז געווען קלאָר, אַז ניט איין מענטש האָט זי ארויסגעהאָלפֿן פֿון אַ צאָרע.

זייער פֿײַן האָבן מיר פֿאַרבראַכט בײַ רימען און בײַ עדיקן. רימע פּאַרוואַלטעט מיט אַן אַפּטייק, און זי האָט אונדז געהאַלטן אין איין „הײַלן" מיט אירע פּרעפּאַראַטן. פֿאַרשטייט זיך, מע האָט אוועקגעשטעלט פֿלאַסטינקעס מיט ייִדישע לידער, און ערשטן שפּעט אין אָוונט זײַנען מיר פֿון דאָרט אוועק.

מיר זײַנען פֿונדעסטוועגן נאָך צוגעפֿאָרן צו די הויזס. קלאַרע איז אַ גרויסע באַלעבאָסטע. זי האָט אַ לײַדנשאַפֿט צו מאַכן אײַנגעמאַכטס פֿון אַזוינע פּיירעס, וועלכע מע לייגט נאָר אין באָרשטש: אײַנגעמאַכטס פֿון קליינע פּאָמידאָרן, געקאָכטע אין האָניק, פֿון מערן מיט אינגבער און נאָך אַזוינע מינע זאַכן. זי האָט געהאַט עמעסע ערגערנישן, וואָס כ'האָב געגעסן ווינציק פֿון די דאָזיקע מײַכאָלים.

עס איז אָנגענעם צו קוקן, ווי די הויזס זײַנען גוטהאַרציק איינער צום אַנדערן, ווי זיי שמייכלען און ווערטלען זיך. בײַס יאַקאָוו קומט צו מיר אין האָטעל, פֿאַרזאַמט ער זיך ניט. ער זאָגט מיר אַ צוויי־דרײַ ווערטער וועגן דערוף, אַז איך פֿאַרגעס די סעדרע קאָמונע, טוט זיך אַ הייב פֿון שטול און מאַכט צו מיר:

— כ'דאַרף לויפֿן, קלאַרע איז דאָרטן איינע אַליין. איצטער איז דער סעזאָן פֿון פּעטרעש־קע־ און אוקראָפּ־זאַגאָטאָווקע, עס טוט זיך כוישעך.

אַזאַ געטרײַער טאַטע, אַזאַ גוטער מאַן און אַזאַ פֿרײַנט, ווי יאַקאָוו הויז, איז שווער צו געפֿינען. איצטער איז ער פֿאַרדײַגעט, וואָס איך האָב נאָך ניט קיין בילעט קיין קלײַפּעדע. ענדלעך, איז ער דערפֿרייט, וואָס איך האָב שוין יאָ אַ בילעט, נאָר דער סימפֿעראָפּאָלער צוג, וועלכער שטעלט זיך אָפּ אין ניקאָלײַעוו, גייט אָפּ דרײַ אַזייגער מיט צען מינוט באַגינען. גע־וויס האָט רימע צוגעגרייט אַ סינטעטישע טאָרבע מיט עסנוואַרג. געוויס איז יאַקאָוו געפֿאָרן מיט מיר צום באַן, און ניט אַליין — מיט עדיקן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט יאַקאָוו געהאַט אַן אינפֿאַרקט. איז מיר אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ, וואָס ער פֿאָרט מיט מיר צום באַן. כ'האָב זיך געבעטן בײַ אים, ער זאָל דאָס ניט טאָן. „מײַלע, — זאָגט איך, — עדיק פֿאָרט, קיין בייזן ניט. ער איז יונג, קיין אײַנהאָרע, געזונט, אָבער וואָס דאַרפֿסטו זיך שלעפּן, אַלטער שקראַב?" — לאַכט ער, יאַקאָוו, און מאַכט צו מיר: „הער אויף, שירע, ביסט ניט בריגאַדיר אין קאָשטאַל, שרײַ ניט...". מיטאַמאָל האָט זיך מיר נאָך אויסגעדוכט, אַז אויף מײַן בילעט איז ניטאָ דער נומער פֿונעם וואַגאָן. איז עדיק געגאַנגען אין ספּראַוואָטשנע, און דאָרט איז קלאָר געוואָרן, אַז אויפֿן בילעט איז אַלץ אָנגעשריבן, נאָר איך האָב דאָס ארויסגעלאָזט פֿון אויג. דערויף האָט מיר עדיק אויסגעדריקט אויף זײַן ייִדיש־רוסישן דיאַלעקט זײַן מיינונג וועגן מײַן פֿאַרשטיין אין די איניאָנים פֿון באַן־בילעטן. דערבײַ האָט ער זיך געוויצלט:

— יאַקאָוו אָסיפּאָוויטש, איר זײַנט ווסיאַ־טאַקי מאַי שווער. סטעסניאַיע איך זיך, וואָס איך וועל אײַך דאַרפֿן טראָגן דאָמאַי פּעשקאָם.

נאָר אָט האָב איך זיך אַרײַנגעזעצט אין באַן, און ווי אומרויק ס'איז מיר ניט געווען אויפֿן האַרצן פֿון דער באַגלייטעכץ, איז מיר געוואָרן נאָך שווערער פֿונעם געדאַנק, אַז איך פֿאָר לאָז אָט די ליבע מענטשן.

קלײַפּעדע

איך פֿאָר קיין קלײַפּעדע. דער פּופּצנטער וואַגאָן, וועלכער איז געווען אָנגעוויזן אין מײַן בילעט, איז געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַן אַלגעמיינער וואַגאָן. די פּלאַצקאַרטנע ערטער און די דורכגאַנג זײַנען געווען פֿול מיט פּאַסאַזשירן. וווהין זיך אַהינטאָן, ווו זיך זעצן, איז אין אָנהייב געווען אומעגלעך צו פֿאַרשטיין. אויף מײַן אָרט זײַנען געלעגן צוויי קינדער, אויף דער העכערער פּאָליצע האָבן זיך געזען צוויי ריזיקע פּיס, געוווענדעטע צום צושויער. ווײַ־טער איז געווען אומעגלעך עפּעס צו באַאָבאַכטן. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין עוואַקואַציע־קאַלאַריט. ביסלעכווײַז האָט זיך יעדערער געפֿונען אַן אָרט, נאָר פֿאַר מיר איז קיין אָרט ניט געווען. און איך בין געזעסן צופֿוסנס בײַ ביידע קינדער.

וואָס מער דער צוג איז געגאַנגען, אַלץ אינטענסיווער האָבן געכראָפּעט עטלעכע פּאַסאַזשירן. ענדלעך האָב איך אויך געכאַפּט אַ דרעמל. גאַנצפרי האָט זיך געלאָזט הערן אַ מילדע שטים: „קעפיר, בולקעס, פּאַסטילאַ, וווּרשט!” ערשט איצט האָב איך זיך געפרייט מיטן זעקעלע שפּײַז, וואָס רימע האָט מיר מיטגעגעבן. ווי נאָר ס׳איז אַוועק דאָס מיידל מיטן קאָרב בולקעס און קעפיר, איז אַראָפּגעקראָכן פון דער אייבערשטער פּאָליצע דער באַלעבאָס פון די פּיס. דאָס איז געווען אַ מעכטיקער מאַנצבל מיט אַ פּאָר יאַדאַיִם, וועלכע האָבן אַ נעם געטאָן אין איין רעגע איין קינד נאָכן אַנדערן און זיי באַלייגט אַף דער אייבערשטער פּאָליצע, פון וועלכער ער איז אַראָפּגעקראָכן. דערזען אַזאַ יעשוע, בין איך אַוועק און גענומען בעטגעוואַנט בא דער פּראָוואָדניצע, ווײַל עס איז געווען פאַר מיר די ריכטיקע צײַט צו מאַכן נאַכט. איך האָב זיך צוגעלייגט.

דער מאַנצבל איז געקומען מיט צוגעקעמטע נאַסע גראָווע האָר, ער האָט אויסגעשפּרייט אַ צײַטונג אַפן טישל, אַוועקגעלייגט עטלעכע אייער, אַ רעכטע שטיק וווּרשט, אַן אוגערקע, די לענג ניט ווייניקער פון אַ האַלבן מעטער, און אַ קעסטעלע פון שוועבעלעך, אַ פּולס מיט זאַלץ, ערשט דערנאָך — אַ שוואַרץ לעבל ברויט. ער האָט אַזוי געאַרבעט, אַז דער שלאָף איז פון מיר אַנטרונען געוואָרן. ער האָט געטאָן די זאַך רויִק, געמאָסטן, יעדע מויצע ברויט האָט ער צעשניטן אַף קלייניניקע פּירקאַנטיקע שטיקעלעך. ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך עפּעס פאַרגעסן. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ ליטערדיקן סלאָיִק, אַ פּולס מיט פּוטער. אַף יעדעס שטיקעלע ברויט האָט ער איצט געלייגט פּונקט אַזאַ שטיקל פּוטער און זײַן פאַרמערטן אַפּעטיט אויסגעלאָזט צו די האַרטע אייער. זיי זײַנען גאַנצערהייט פאַרשוווּנדן צווישן זײַנע גראָווע וואָנצעס, איינס־און־צוויי. לענגער האָט ער זיך געייסעקט מיט דעם ברייטן שטיק וווּרשט. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַרווונדערט אָנגעקוקט דאָס ברויט, פון וועלכן ס׳איז געבליבן ווינציקער פון אַ העלפט. און אַקוראַט, ווען ער האָט אַרויסגעוואָרפן די אייער־שאָלעכץ מיט דער צײַטונג, האָט די וואַגאָן־באַגלייטערן געבראַכט טיי. נאָר וויאַזוי ער האָט געטרונקען, האָב איך שוין ניט געזען. ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, האָט ער געהאָדעוועט די קינדער און דערבײַ געזאָגט צו אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אונדז:

— איך האָב פײַנט עסן איבעינעם מיט די אייניקלעך. אָדער איך עס פריִער, אָדער שפּעטער...

דער באַן איז געגאַנגען מיט אַ קלענערן אַפּעטיט, ווי דער שאָכן האָט געגעסן. מיר זײַנען דורכגעפאָרן מינסק, מאָלאָדעטשנע, סמאָרגאָן. מײַן שאָכן, וואָס האָט ליב צו עסן באַזונדער פון זײַנע אייניקלעך, זאָגט מיר, אַז ער פאָרט אויך קיין קלײַפּעדע און אַז ס׳איז בעסער זיך איבערזעצן אין שאַוול, ניט אין ריגע. אַף מאָרגן טו איך טאַקע אַזוי. איך גיי מיט מײַן שאָכן און מיט זײַנע אייניקלעך אַרויס פון צוג, און איך זע דעם שאַוועלער וואָקזאַל. אײַנגיכן איז געקומען דער ווייטיקער צוג, און ער ברענגט אונדז אין צוויי שאָ אַרום קיין קלײַפּעדע. דאָ האָט שוין געוואַרט אַף מײַן שאָכן מיט די אייניקלעך אַ יונגערמאַן מיט אַ „וואָלגע”. זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן, ווי די פּריצים. איך האָב אַ היפּשע ווײַלע צוגעוואַרט, ביז כ׳האָב געקראָגן אַ טאַקסי. דער טאַקסיסט האָט מיר געזאָגט, אַז „קלײַפּעדאַ” איז אַ גוטער האָטעל, און אַהינצו פאָרן מיר.

אַף מאָרגן האָב איך אָנגעקלונגען מאַטוויי גריגאָריעוויטש קאַטקאָוון. מאַטוויי — דאָס איז פּראָסט מוישע, גערשנס זון, מענדל גאָרשמאַנס, אָלעוו האַשאָלעם, אַ גלידשוועסטערקינד, און ער איז דער הויפּט־עקאָנאָמיסט אַפן שיף־זאַוואָד „באַלטיִאַ”. בייס ער פאָרט אַראָפּ קיין מאָסקווע, איז ער מײַן גאַסט, און אויב ער קומט שפּעט, ווייס איך שוין, אַז ער איז געווען אַף אַן אופנאַם באַם מיניסטער אָדער באַם מיניסטערס שטעלפאַרטרעטער.

אַז מוישע האָט דערהערט מײַן שטים, האָט זײַן קאָל מאַמעש אופגעשפּילט. און איך בין שוין אין קלײַפּעדע ניט געווען עלנט און איינזאַם.

אַפן זאַוואָד בין איך אויך געווען. כ׳האָב דאָרטן געזען אַזוינע גראַנדיִעזע צעכן, אַזויפיל טאָוולען שטאָל, פאַרשיידענע רערן, עלעקטראָן־ווערקשטעלן, אַזעלכע מעכטיקע טראַולערס, וואָס ווערן אויסגעפאַרטיקט, אַז ס׳איז שווער צו פאַרגעסן. מאַמעש אַ כידעש, ווי מאַטוויי גריגאָריעוויטש גייט זיך אַרום איבערן צעך, און גאָרנישט. ער איז אַ שיפבויער זײַן גאַנץ לעבן. בייס דער מילכאָמע האָט מען אים עוואַקויִרט מיטן שיפבוי־זאַוואָד פון ניקאָלײַעוו קיין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור, איצט איז שוין העכער צען יאָר ווי ער וווינט אין קלײַפּעדע.

טאַקע ער האָט מיר אונטערגעזאָגט, איך זאָל זיך באַגעגענען מיט אַרקאַדי אוואַדאָוויטש ליכטנשטיין, דעם שעף פון דער קלײַפּעדער האַנדלס־נעץ. אָבער גראָד די טעג, וואָס איך בין געווען אין קלײַפּעדע, איז אַרקאַדי אוואַדאָוויטש געווען אין אַ קאָמאַנדירונג, און איך האָב ניט געקאָנט זיך באַגעגענען מיט אים. כ׳האָב אָבער דעם 10 יון איבערגעלייענט אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ” זײַנס אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן „טאָוואַר וו אופּאַקאָווקע”. דאָס מיינט — „סכוירע אין פּעקלעך”, ווו עס איז געווען אַזאַ אַבזאַץ: „אין קלײַפּעדע ווערן איצט

אינסטאלירט נײַע פאקן און וואש־לינייעס. א העלפט פון אלע שפּײַז־פּראָדוקטן וועלן די מאגאזינען קריגן בעסער אײַנגעפּאקט. צום סאָף פונעם פינפיאָר וועט פארפולקומט ווערן די מי פון די האנדלס־ארבעטער, און דאָס וועט באַדײַטנדיק אופהייבן די מעגלעכקײַט קולטורעל צו באַדינען דעם געברויכער״.

מוישע האָט מיר אויך געוויזט, איך זאָל זיך באַגעגענען מיטן שעף פונעם האפן — מיט באטאן סאָלאָמאָנאָוויטש קוואשא. צום באַדויערן, איז קוואשא אויך געווען אין א קאָמאנדירונג. אָבער צי דען דארף מען אויסזופן א סאך וואסער פון יאם, קעדיי וויסן, אז דאָס וואסער אין יאם איז געזאלצן? געַנוג, אז איך האָב זיך דערוווסט, וואָסערע שטעלעס עס פארנעמט קוואשא, ליכטנשטיין, מאטוויי גריגאָריעוויטש קאטקאָוו, אז אין „באלטיא״ ארבעטן יידן־אינזשעניערן, און זיי האָבן ניט קיין שלעכטע אויסקומעניש.

קלײַפּעדע גופא איז מיר ניט זייער געפעלן געוואָרן. א סאך הײַזער האָבן א פּרײַסישן אָנבליק. ווען ס׳איז קאלט (און אזוי איז טאקע געווען, בײַס איך האָב זיך געפונען אין קלײַפּעדע), איז דאָרט זייער ניט געמיטלעך. דער האָטעל „קלײַפּעדא״, ווו איך בין אײַנגעשטאַנען, איז אויך ניט קיין געמיטלעכער, כאָטש אין די וועסטיבולן זעט מען טײַערע האָלצשניצונג.

ס׳איז דאָ איינע א מערקווירדיקע גאס אין אָט דער שטאָט, זי באשטייט דורכויס פון בייטן מיט בלומען און הייסט „די אלייע מאזשווידאסא״. אף דער גאס פאָרן ניט קיין מאשינעס, מע זעט זעלטענע דורכגייער. דאָרט געפינט זיך א קינדער־קאפע, וועלכע רופט זיך „די קאפע פון צוויי הענער״, זייער א געמיטלעכע, א פארטונקלטע, דער עס־זאל איז געמאכט ווי א פּירקאנטיקע סאזשלקע, ווו עס ריזלען קליינע פאָנטאנעלעך, ס׳איז זייער שטיל. מיט קאטקאָוון בין איך איינמאָל דאָרט געווען, אָבער מער האָב איך שוין ניט געקאָנט אהין ארײַנדרינגען, ווײַל איך האָב ניט געהאט קיין קינד מיט זיך. קאָן זײַן, אז דער שווייצאר, ווען איך בין ארײַנגעגאנגען מיט מאטוויי גריגאָריעוויטשן, האָט מיך אופגענומען ווי זײַנס א קינד...

דעם 14 יון האָט מיר קאטקאָוו אײַנגערעדט צוצופאָרן קיין פאלאנגע.

איך האָב ניט זייער ליב ארומגעשוירענע קוסטעס, אָפּגעגאָלטע לאָנקעלעך, פּירקאנטיקע טעפּיכער מיט „אניוטעס אייגעלעך״. דאָס מאָל האָב איך דערצו נאָך געהאט ראכמאָנעס אף די קוראָרטניקעס, וועלכע האָבן געשלײַכט אף דער צענטראלער גאס אין מאנטלען, אין ווארעמע קורטקעס, מיט שאלן ארום די העלדזער, וואָרעם אין דרויסן איז געווען גוט קיל. אין פּארק אף א סאזשלקע האָבן ארומגעבלאָנקעט עטלעכע פּאוועס מיט צעשויבערטע עקן, און א דרײַ־פיר שוואנען. צווישן צוויי דערוואקסענע שוואנען, אפּאָנעם א פּאָרפאָלק, זײַנען געשווומען פיר פּיצינקע פּוך־קנײַלעכלעך. און די מאמע, די שוואנעכע, האָט פריִער איינס, דערנאָך א צווייטס געגלעט מיטן שנאָבל.

פונעם פּארק זײַנען מיר אוועק אין בורשטין־מוזיי. עס איז געווען א ראכמאָנעס צו קוקן אף די ווײַבער מיט די מיידלעך, וועלכע זײַנען געשטאַנען בא די צירונג־וויטרינעס. זייערע אויגן האָבן מאמעש געשלונגען דאָס אלץ, וואָס עס האָט געשײַנט הינטער דעם גלאָז.

שוין גוט פארנאכטלעך האָט דער אווטאָבוס אונדז אומגעקערט קיין קלײַפּעדע. אין וועג האָב איך געזען טשערעדעס שווארץ־ווײַסע קי און נעסטן מיט באָטשאנעס. ס׳זײַנען מיר אויך געפעלן געוואָרן די מיסט־אורנעס, די געפארבטע בענק באם ראנד פון שאָסיי. עס מאכט דעם אײַנדרוק, אז מע געדענקט וועגן מידע מענטשן.

באקוקט נאָכאמאָל קלײַפּעדע, געגנאָסן ווי עס געהער צו זײַן פון מאטוויי גריגאָריעוויטשעס און זײַן פרויס גאסטפרײַנטלעכקײַט, געווען בא זיי אין שטוב, ווי בא זיך אין דער היים, אָבער אין דער היים איז פאָרט בעסער. דערפאר טאקע און אויך דערפאר, וואָס ס׳איז שוין צײַט, גייט מיט מיר קאטקאָוו דעם 16 יון אפן וואָקזאל נאָך א בילעט. אף מאָרגן, דעם 17־טן, באגלייט ער מיך צום צוג קאלינינגראד—מאָסקווא.

אין צוג בין איך ווידער מיט בעקמאנען, מיט לייע טרובניאקאָוועץ, מיט אווראָם קאצעווון, מיט יאקאָוון און מיט קלארען, מיט די גודקינס, מיט רימען און מיט עדיקן, מיט די קאטקאָווס, און ווידעראמאָל זיץ איך מיט מײַנע באגלייטערס אף דער באנק אין סקווער לעבן ביקאָלײַעווער וואָקזאל, און איך קאָן זיך שוין ניט דערווארטן אף מײַן צוג, און זאָל שוין נעמען א סאָף צו דער באגלייטעניש...

אַזוי לעבן מיר

מאקס ריזאנט

ס'איז נאָך ווײַט צום סאבאקל

א טשיקאווע זאך: וואָס מער מע ווייסט וועגן א מענטשן, אַלץ שווערער איז צו דערציילן וועגן אים. מיט עפּעס א ניט זיכערן געפיל האָב איך זיך א היפּשע צײַט ארומגעטראָגן, א פארהאוועטער, מיט מײַן פולגעפּאקטן בלאָקנאָטל, טראכטנדיק וועגן שײַע פויגעלמאנען.

בא אונדז אין סאמארקאנד פירט זיך שוין אזוי: וועגן א מענטשן דערציילט מען ניט גלאט אבי־ווי, נאָר מיט אלע מינדסטע פּראָטים, וואָס זײַנען פארבונדן מיטן היגן קאנט און מיט די אָרטיקע מינהאָגים.

פּראווועט מען א כאסענע, צי מע מאכט א בריס, רופט מען צונויף ניט נאָר די אייגענע און קרויווים, נאָר אלע שכייניםפונעם הויז. מע זעצט זיך אויס אין דרויסן אונטערן אָפענעם הימל בא די לאנגע טישן מיט אָן א שיר געשמאקע מײַכאָלים. און וואָס איז שײַעך דעם אוזבעקישן פּלאָוו, וואָס מע דערלאנגט אין גרויסע פּאָלומעסקעס, איז עס גאָר טאם־גאניידן, יעדעס רײַזעלע איז אָנגעקוואָלן און צעגייט זיך מאמעש אין מויל. א גאנצע נאכט שפּילן די קלעזמאָרים, מע קלאפּט אין די פויקן — א סימכע אף דער גאָרער גאס. איך אייצע אײַך: כאפּט זיך אראָפּ אמאָל אין א יאָמטעוו אהער. קיין כאראָטע וועט איר ניט האָבן.

נו, און אצינד איז די רעכטע צײַט זיך נעמען פאר דער עצעם מײַסע, מיין איך.

ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט שײַע פויגעלמאנען, א הויכן מאנספּארשוין מיט פעסטע אָדערדיקע הענט און קלוגע כיינעוודיקע אויגן, האָט זיך מיר באלד אויסגעדאכט, אז ערגעץ האָב איך אים געזען. נאָר ווו, בא וועלכע אומשטענדן? מיר הייבן אָן אויסרעכענען די שטעט און דערפער, ווו מיר זײַנען אויסגעוועזן בייס דער מילכאָמע, די שפּיטאָלן, ווו מיר האָבן געהיילט אונדזערע ווונדן.

— כאָווער פויגעלמאן, און אין ביראָבידזשאן זײַנט איר אמאָל געוועזן?

די דיוויזיע, ווו שײַע פויגעלמאן האָט געדינט, איז אין פינף־און־פערציקסטן יאָר אריבערגעוואָרפן געוואָרן פון מײַרעוו אפן יאפּאָנישן פראָנט.

— פאָרן מיר, הייסט עס, אין עשעלאָן, — דערציילט ער, — פריילעכע, מונטערע, ווי עס פּאסט פאר זיגער. פארבײַ די וואגאָן־פענצטער לויפן אײַליק דורך דערפער, פּאָלוסטאנקעס. און אָט שטעלן מיר זיך אָפּ. עמעצער שרײַט אויס: „ביראָבידזשאן!". איך כאפּ זיך באלד אראָפּ אפן פּעראָן, און אין די אויגן ווארפט זיך א שילד, געשריבן מיט גרויסע אויס:יעס אף אונדזער מאמעלאָשן. א פרייד האָט מיך ארומגעכאפּט, ווי איך וואָלט זיך געטראָפן מיט אָן אלטן גוטנפרײַנט. און איך האָב זיך טאקע געטראָפן, געדענק איך, מיט איינעם א יונגנמאן, געהאט די האנאָע א שמועס טאָן אף ייִדיש.

ער טוט מיר א פריילעכן ווונק אונטער:

— עפשער זײַנט איר דאָס געוועזן?

— אויסגעשלאָסן. ערשט אין א יאָר ארום האָב איך זיך אומגעקערט פון דער ארמיי...

אָבער ווער ווייסט, עפשער האָבן מיר זיך ערגעץ יאָ באַגעגנט, זעט אויס אַף א קורצער רגע, צופעליק. אַזוי צי אַנדערש, נאָר אַזאַ געזיכט, ווי בא שײַען, האָט זיך מיר טיף פאַר־קריצט אין זיקאָרן.

ווען שײַע פויגעלמאַן איז געקומען מיט די עלטערן פון אוקראַינע, פון דער שטאָט באַלטע, קיין סאַמאַרקאַנד, איז אים געגאַנגען דאָס צוועלפטע יאָר. ער געדענקט גוט, ווי דער טאַטע, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אין א ווײַסן פאַרטעך, פלעגט גאַנצענע טעג שטיין אין יאַטקע און האַקן פלייש, וואָס מע האָט געבראַכט פון דער בוינע. די ווײַבער אין מאַרק פלעגן זיך מאַמעש כידעשן:

— יאַנקל, ווּ טוסטו אַהין די ביינער, האַ?

דער אַלטער קאַצעוו האָט געשפּאַסט:

— איך גיב זיי אַוועק מײַן עטלען, זי האָט ליב שעלטן אין די ביינער אַרײַן...

אַנומלטן, ווען ער איז געקומען א מידער אַהיים, האָט אים זײַן ווײַב עטל דערלאַנגט א בריוו. ער האָט צוגערופן דעם זון:

— שײַע, טו נאָר א לייען, וואָס דאָ איז געשריבן.

שײַע האָט זיך שוין דעמלט געהאַט געלערנט אין פערטן קלאַס, אין דער היגער ייִדישער שול, און דערצו נאָך א ביסל אין כיידער. דער טאַטע האָט פון אים געקליבן נאַכעס און זיך פאַר לײַטן באַרימט: „מײַן זונעלע וואַקסט בא מיר א הײַנטיקער מענטש און א לאַמדן”...

דער בריוו איז געווען פון עטלס ברודער, מוישע דעם טאַנדעטניק, אַזש פון סאַמאַרקאַנד. מיט א פאָר יאָר צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן אין א „מעשונע־ווײַטער מעדינע”, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, און איז נעלעם געוואָרן, ניט געגעבן וועגן זיך צו וויסן מיט קיין איין וואָרט. איצט — נאַ דיר! א פריידיקע בסורע. ער לעבט גאָר פײַן און וויל, אַז עטל מיט יאַנק־לען און די קינדער זאָלן זיך אויך אַריבערפעקלען אַהין.

„א זוניקע מעדינע, — האָט ער געשריבן, — און ווילע מענטשן וווינען דאָ, אוזבעקן, זיי פאָרן אַף אייזלען, און, קיין אײַנהאָרע, אויך א היפּש ביסל ייִדן זײַנען פאַראַן, זיי ריידן דאַפקע ניט אַף אונדזער לאָשן, בוכאַרער ייִדן רופן זיי זיך, נאָר האַלטן האַלטן זיי זיך בא אונדזערע מינהאָגים און יאָמטויוועם. און פּאַרנאָסע האָט מען דאָ אויך. אַז מע איז ניט פויל, האָט מען אין מויל. דאַנקען גאָט, ניט צו פאַרזינדיקן”.

א שווער שטיקל צײַט איז דאָס געווען — אויס יאַטקע, אויס בוינע, אַפן מאַרק — א יאַק־רעס. און יאַנקל האָט ניט לאַנג געטראַכט, צונויפגעקליבן דאָס ביסל האָב־און־גוטס און זיך געלאָזט אין דער ווײַטער נעסיִע, זוכן מאַזל.

שוין באַלד פערציק יאָר, ווי שײַע פויגעלמאַן וווינט אין סאַמאַרקאַנד. דאָ האָט ער פאַרענ־דיקט דעם אַרבפאַק, געוואָרן א לאַבאָראַנט אין א כימישער לאַבאָראַטאָריע און דערנאָך אָנגעקומען זיך לערנען אינעם היגן מעדיצינישן אינסטיטוט.

אין אינסטיטוט איז געווען ראַשיק. א קליינינקײַט, די ערשטע סטודענטן פאָרן אַפן פראָנט! א היפּשע גרופּע כעוורע, צווישן זיי אויך שײַע פויגעלמאַן, זײַנען שוין אין דעם זעלבן טאָג געזעסן אין די טעפּלושקעס.

— זײַט געזונט, קערט זיך אום מיט זיג אַהיים! — האָבן זיך געטראָגן איבערן וואָקזאַל־פּלאַץ אויסרופן, פאַרטויבנדיק דעם ווייטעקדיקן געוויין פון טאַטע־מאַמע, קרויווים און פרײַנט.

שײַע איז געוואָרן א קאַפּיטאַן פון מעדיצינישער דינסט. אין מעדסאַנבאַט האָט מען אים באַשטימט אַלס עלטערן דאָקטער און אין א קורצער צײַט אַרום — אַלס כירורג. אַלץ, וואָס אין לעבן טרעפט צום ערשטן מאָל, פאַרגעדענקט זיך אַף אייביק. די ערשטע אָפּעראַציע אין מעדסאַנבאַט — ווי קאָן מען עס פאַרגעסן?

אין וואַלד שטייען עטלעכע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס, ווּ מע נעמט אוף די פאַרוווּנדעטע. נאָרוואָס האָט זיך דורכגעטראָגן א דײַטשישער באָמבאַרדיר־עראָפּלאַן. די ערד ציטערט פון אופרײַסן. נאָר די אָפּעראַציעס ווערן ניט איבערגעריסן. עטלעכע סאַניטאַרן האַלטן איבער שײַעס קאָפּ א ברייטן ווײַסן לײַלעך, עס זאָל זיך ניט שיטן פון אויבן. ער האַלט אין די הענט דעם סקאַלפּעל. די מעדשוועסטער ווישט אָפּ פון זײַן שטערן דעם שוויס. ער האָט שוין דער־טאַפּט באַם פאַרוווּנדעטן דעם שפּליטער, וואָס ליגט לעבן סאַמע האַרצן...

דערנאָך האָט ער געשריבן אַהיים:

„מײַנע טײַערע עלטערן! איך געפין זיך אַפן דאָרעם־פראָנט, דער סוינע רײַסט זיך צו סטאַלינגראַד, נאָר מיר שלאָגן אים מיט אַלע קויכעס. פאַר מיר זאָרגט זיך ניט, איך טו מײַן

זאַך ראַיעל, ווי מע האָט מיך געלערנט. עס טרעפֿט, אַז צו עטלעכע מעסלעס נאָכאַנאַנד שטיי איך באַם אָפּעראַציע־טיש. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס, אַבי אומקערן אונדזערע סאָלדאַטן דאָס לעבן, זיי זאָלן קאָנען ווײַטער גיין אין שלאַכט און שלאָגן דעם סוינע".

שײַע פֿויגעלמאַן איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן און שווערן פֿראָנט־וועג — פֿון ראָסטאָוו ביז בודאַפּעשט און ווין. צוויי מאָל פֿאַרווונדעט געוואָרן, אַהיים זיך אומגעקערט — אַן אינוואַליד, מיט אַן אָרדען פֿון רויטן שטערן, מיט אַן אָרדען פֿון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און מיט עטלעכע מעדאַלן. אין 1943, אין סאַמע ברען פֿון אונדזערע אָנגרײַף־שלאַכטן אויפֿן אָריאָל־קורסקער בויגן, איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פֿויגעלמאַן דערמאָנט זיך אײנע אַ שלאַכט באַ טערנאָפּאָל. דער מעדסאַנבאַט איז געשטאַנען ניט ווײַט פֿון די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. פֿון גאַנצפֿרי אָן האָבן די היטלעראָווצעס ניט אויפֿגעהערט צו אַטאַקירן. און אָט קומט צו לויפֿן אין מעדסאַנבאַט אַ סאָלדאַט:

— דעם קאָמאַנדיר פֿון אונדזער ראָטע האָט מען דערהאַרגעט, די "פֿריצן" רײַסן זיך אַהער...

שײַע פֿויגעלמאַן האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט אַן אָפּעראַציע. ער האָט באַפֿוילן:

— אַלע לײַכט־פֿאַרווונדעטע נאָך מיר!

צוזאַמען מיט די פֿאַרבליבענע פּעכאָטינצעס האָבן די פֿאַרווונדעטע אָפּגעוואָרפֿן דעם סוינע פֿון אונדזערע פּאָזיציעס.

פֿאַר אָט דער שלאַכט האָט פֿויגעלמאַן טאַקע באַקומען דעם אָרדען פֿונעם רויטן שטערן.

די קאָלעגן אינעם מעדסאַנבאַט האָבן זיך געוויצלט:

— אַלעקסאַנדער יאַקאָוולעוויטש האָט פֿאַרטיידיקט אַ מעדיצינישע דיסערטאַציע און באַקומען דעם ראַנג פֿון ראָטע־קאָמאַנדיר...

אַ צווייט מאָל איז געשען גאָר אַן אַנדער פֿאַל. אין מעדסאַנבאַט האָט מען געבראַכט צו טראָגן אַ קוים לעבעדיקן "צונג". מע האָט אים געמוזט טייקעף אָפּערירן, אַנדערש וואָלט געוועזן אומזיסט די טירכע פֿון די אויסשפּירער. נאָר שײַע פֿויגעלמאַן האָט עס ניט געקאָנט טאָן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע אייגענע פֿון באַלטע — די פֿאַשיסטן האָבן זיי ראַצכיש דערמאָרדעט, און די טײַערע מומע ביילע פֿון אָדעס האָט מען אין אַ ברענענדיקן פּראָסט אַרויסגעפֿירט אין הויף, אָפּגעגאָסן מיט וואַסער און אַ פֿאַרפֿרוירענע אופֿגעהאַנגען.

אין אים האָט געציטערט יעדער אייווער. ניין! ער קאָן דאָס ניט. זײַנע געניטע כירורגישע פֿינגער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו דינען. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז אויב מע וועט אים באַפֿוילן, וועט ער מוזן פֿאָרט אָפּערירן. אַ באַפֿעל איז אַ געזעץ, ביפֿראַט נאָך אויפֿן פֿראָנט.

נאָר קיינער האָט אים ניט באַפֿוילן עס צו טאָן. מע איז זיך פּאַשעט באַגאַנגען אָן אים.

— עפּשער האָב איך דעמלט געטאָן ניט גאָר ריכטיק, — פֿאַרענטפֿערט זיך איצט פֿויגעלמאַן. — אַ דאָקטער טאָר ניט אַרײַנפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו זײַנע אייגענע איבערלעבונגען און געפֿילן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן מעדיצינישער הילף. נאָר, צוריק גערעדט, ווי האָב איך געקענט ראַטעווען אַ פֿאַשיסט? זיי זײַנען דען ווערט, מע זאָל אויף זיי ראַכמאָנעס האָבן? נעמט, לעמאָשל, די הײַנטיקע מערדער פֿון טשילי, מע קאָן דען מויכל זײַן זיי פֿאַר די בלוטיקע מײַסים?

אינעם ניט גרויסן קאַבינעט, ווו מיר זיצן זאַלבעצווייט, גייט אַרײַן אַ פּולבלעכע פֿרוי, עלעגאַנט אָנגעטאָן, מיט אַ געדיכט פֿאַרקעמטן פֿײַנעם קאָפּ האָר.

— מײַן טײַערע פֿלוינעסטע, סימע. זי זיצט באַ דער מעלוכע אויף קעסט, אַ פּענסיאָנערקע, הייסט עס, און ניאַנטשעט די אייניקלעך.

— און מער קיינעם ניט? — שמייכלט סימע. — און דיך ניאַנטשע איך ניט?

— סדאַיוס... — ציט אויס אויף אַ קאָל שײַע און הייבט אויף אין אַ שפּאַס ביידע הענט.

סימע איז אויך פֿון באַלטע. נאָר באַקאַנט האָבן זיי זיך נאָך דער מילכאָמע אין אָדעס. כאַסענע געהאַט אין סאַמאַרקאַנד. זי האָט אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע, אוועק פֿרײַוויליק אויפֿן פֿראָנט, געדינט אין פֿלאָט אין דער יאַם־וואַך. איר פֿאָטער איז אומגעקומען אין שלאַכט. די מוטער און ביידע אירע ייִנגערע שוועסטערלעך האָבן זיך געהאַט עוואַקוירט, נאָר אין וועג זײַנען באַפֿאַלן דײַטשישע דעסאַנטלער און אַלעמען צעשאָסן...

עס דערהערט זיך אַ קלונג אין טיר. די קינדער זײַנען געקומען צוגאַסט. די ערשטע לויפֿט אַרײַן און שטעלט זיך אָפּ באַ דער שוועל אַ קליין זשוואַוו מיידעלע אין אַ געבלימלט קורץ קליידעלע.

— וואָס שטייסטו, עלינאָטשקע, ווילסט גאָר צום זיידן ניט צוגיין?



שײַע פֿויגעלמאַן

עלינאָטשקע לויפֿט צו און זעצט זיך אוועק אױף זײַנע קני.

— צוויי אייניקלעך האָבן מיר, זי איז די קלענערע, אַ נאָמען נאָך מײַן מאַמע עלקע.

ער נעמט עלינאָטשקען מילד אַרום, טוט איר אַ קוש אין שטערן.

— נו, און אין די בעקעלעך? — זי טוט אַ קער דאָס קעפּעלע אױף רעכטס, דערנאָך אױף לינקס.

— די מיזינקע אײַערע פֿאַרשטייט ייִדיש?

— ווי איר זעט, — שמייכלט דער זיידע. — אַז מע לערנט אַ קינד, פֿאַרשטייט עס.

איך כאַפּ אַ קוק אױפֿן גרויסן גלעזערנעם ביכער־שראַנק, וואָס פֿאַרנעמט קימאַט די גאַנצע וואַנט. שײַע פֿאַרשטייט וואָס איך מיין און וואַרט ניט אױף קיין פֿראַגן.

— ביכער פֿון די ייִדישע שרײַבער האָבן מיר אויך. שאָלעם־אַליכעם, בערגעלסאָן, יעכיעל פֿאַליקמאַן, שמועל גאָרדאָן... באַזונדערס האָב איך ליב דיכטונג.

— און אָט דאָס האָט איר? — באַווײַז איך אים מענדל ליפּשיצעס נײַ ביכעלע לידער.

— „אַ זון מיט אַ רעגן", — לייענט ער איבער. — עס קלינגט פֿײַן! ווּ האָט איר עס געקראָגן?

— אין ביכער־מאַגאַזין אױף דער לעניִן־גאַס. טאַקע נאָרוואָס, גייענדיק צו אײַך.

ער בעט מיך עפּעס איבערלייענען פֿונעם ביכעלע.

— עפּשער וואָלט איר אַליין דאָס געטאָן? — זאָג איך אים.

— באַ אײַך וועט זיך עס בעסער באַקומען, איר שרײַבט דאָך לידער, איך האָב געזען אין זשורנאַל...

איך טו אים צוליב.

— לייענט, לייענט, — בעט ער מיך נאָך, און איך מיש אױף נאָך אַ בלעטל.

ער שווײַגט אַ ווײַלע און רעזיומירט האָפֿערדיק:

— גוטע פּאָעזיע איז ווי צירונג אין לעבן, ווײַל שיינקײַט קוויקט דאָס מענטשלעכע האַרץ, מאַכט עס באַגאַבטער און רײַכער.

שײַע באַווײַזט מיר גערן אַלע ביכער, וואָס זיי בײדע, ער און סימע, האָבן לעצטנס אײַנגעשאַפֿט. און בעעמעס דערפֿיל איך, וואָס פֿאַר אַ גרויסע ליבהאָבער פֿון ליטעראַטור זיי זײַנען, מיט וואָס פֿאַר אַ זאָרגזאַמקײַט באַציִען זיי זיך צו ביכער — ווי צו געוווּנטשענע פֿרײַנט.

באַ דעם גרויסן אַריק בין איך אַרויס פֿון אויטאָבוס און לעבן די טויערן פֿונעם טראַוומאַטאָלאָגישן שפּיטאָל געטראָפֿן אַ גרופּע סטודענטן אין ווײַסע כאַלאַטן.

— אַלעקסאַנדער יאַקאָוולעוויטש איז נאָך באַ זיך? — האָב איך אַ פֿרעג געטאָן באַ איינעם אַ יאַטל, אַן אוזבעק.

— אָקאָרשט פֿאַרענדיקט מיט אונדז די לימודים.

— ראַכמאַט, — האָב איך אים באַדאַנקט און בין אַוועק זוכן אין שפּיטאָל שײַע פֿויגעלמאַנען. דאָ איז ער, כוץ אַ כירורג, אויך אַסיסטענט אױף דער קאַטעדרע פֿון אָרטאָפּעדיע, טראַוומאַטאָלאָגיע און מיליטערישער פֿעלד־כירורגיע. איך בעט אים שענקען מיר אַ ביסל צײַט.

— אַז מע דאַרף — מוז מען, און אַז מע מוז — דאַרף מען, — טוט ער אַ שמייכל. — איר וועט דאָך סײַווי־סײַ פֿון מיר ניט אָפּטרעטן, אַן אַנדער ברירה האָב איך?

מיר שמועסן וועגן זײַן אַרבעט, וועגן זײַנע פּאַציִענטן און סטודענטן, וועגן מעדיצינישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע ער איז איצט פֿאַרנומען.

— וואָס זאָל איך אײַך, טײַערינקער, זאָגן? מיר, כירורגן, גלייבן ניט אין ניסים. מיר האָבן דאָך צו טאָן מיט לעבעדיקע מענטשן און ניט מיט לאָטעריי־בילעטן. אויסגעוווינען באַם מאַלכאַמאָוועס מוזן מיר טאָמיד, דערצו ניט קיין קלייניקײַט, נאָר דאָס סאַמע טײַערסטע, דאָס לעבן...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט שײַע פֿויגעלמאַן זיך פֿאַרטראַכט איבער איינער אַ וויכטיקער מעדיצין־פּראָבלעם. ער האָט גענומען אויספֿאָרשן די הייל־אייגנשאַפֿטן פֿון מומיִאַ,



שייַע פֿויגעלמאַן מיט זייַנע סטודענטן

דעם אַזויגערופֿענעם „אוראַלטן באַלזאַם”. אין דער פֿאָלקס־מעדיצין ווענדט מען אים אָן שוין פֿון לאַנג אָף צו היילן ביינער־איבערבראָכן, אייַטערנדיקע וווּנדן, הויט־שניטן און האַרץ־קראַנקייַטן. מומיִיאָ האָט אַן אויסזען פֿון שוואַרצער סמאָלע, וואָס אַנטהאַלט זיך אין די פֿעלדזיקע באַרג־שפּאַלטן. שייַע פֿויגעלמאַן האָט אויסגעפֿאָרשט אין אָט דער רעפֿוע זעקס און צוואַנציק פֿאַרשיידענע מיקראָעלעמענטן און דערוויזן, אַז מומיִיאָ איז דאָס בעסטע מיטל אָף צו פֿאַרצײַען די וווּנדן, ווען מע בריט זיך אָפּ. אָף אָט דער טעמע האָט ער אָנגעשריבן אַ דיסערטאַציע און גלענצנדיק זי פֿאַרטיידיקט אָפֿן געלערנטן־ראַט פֿונעם סאַמאַרקאַנדער מעדיצינישן אינסטיטוט. די אָפֿיציִעלע אָפּאָנענטן, צווישן זיי דער באַוווּסטער מאָסקווער פּראָפֿעסאָר מ. אי. דאָלטינאַ, ווי אויך די דאָקטוירים, וואָס האָבן צוגעשיקט זייערע אָפּרופֿן פֿון אַנדערע שטעט, האָבן געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג פֿויגעלמאַנס וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישער אַרבעט, און אים איז צוגעאייגנט געוואָרן דער טיטל קאַנדידאַט פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן.

האַיאָר האָט מען אין סאַמאַרקאַנד פֿייַערלעך אָפּגעמערקט שייַע פֿויגעלמאַנס 60־יאָריקן געבורטסטאָג. ס'איז געווען ווי אַ מין סאַכאַקל: באַ 2 טויזנט אָפּעראַציעס, 36 וויסנשאַפֿטלעכע ווערק. צו זייַנע פּראָנט־באַלוינונגען איז צוגעקומען נאָך איינע — אַן ערן־גראַמאָטע פֿונעם פּרעזידיִום פֿון אויבער־סאָוועט פֿון דער אוזבעקישער סאָוועטן־רעפּובליק. אַ סאַכאַקל? ניין, ער איז דאָך נאָך פֿול מיט פּלענער — אַבי געזונט.

אַזוי ווי מיר זיצן און שמועסן, קומט אַרייַן דער פּראָרעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט, פּראָפֿעסאָר לערנער. מע באַגריסט זיך היימיש, ווי אַלטע גוטעפֿרייַנט, פֿויגעלמאַן זאָגט:

— ווערסט פֿאָרן באַלד מיט אונדז!

— וווּהין?

— האָסט שוין פֿאַרגעסן? איך האָב צוגעזאָגט דיך מעכאַבעד זייַן מיטן שענסטן אוזבעקישן פּלאָוו.

און אָט זיצן מיר שוין אינדרייַען אין אַ נייַ־ינקן אווטאָמאָביל „זשיגולי” און טראָגן זיך איבער דער ברייטער גלאַט־אויסגעפּלאַסטערטער גאַס צום רעגיסטאַן־פּלאַץ.

די פֿויגעלמאַנס לעבן אין אַ קאָאָפּעראַטיווער דירע פֿון פֿיר צימערן. פֿייַן מעבל. ציכטיק און געמיטלעך. זיי זייַנען איצט זאַלבעצווייט. ביידע טעכטער זייַנען שוין אויסגעגעבענע. די עלטערע, פֿאַיִנע, האָט פֿאַרענדיקט דעם סאַמאַרקאַנדער מעלוכע־אוניווערסיטעט, זי איז אַ פֿילאָלאָג, לעבט שוין אַ לענגערע צייַט אין מאָסקווע. איר מאַן איגאָר מאָרגונאָווסקי איז אַן אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר און פֿאַרנעמט זיך מיט מאַשינבויונג. די ייִנגערע טאָכטער, זשאַנע, האָט מוזיקאַלע בילדונג און פֿירט דעם קלאַס פֿון פֿאָרטעפּיאַנע אין דער סאַמאַרקאַנדער מוזיק־שול. איר מאַן וואָלאָדיע דובינסקי איז אַ בויער און לערנט זיך הינטער־אויגיק אין היגן אַרכיטעקטור־אינסטיטוט. זיי וווינען אויך באַזונדער, האָבן אַן אייגענע דירע.

— אָן די קינדער איז אומעטיקלעך, — טוט אַ זיפֿץ סימע.

— וואָס זאָל מען טאָן, אַזוי פֿירט זיך שוין. זיי פֿליִען זיך פֿאַנאַנדער, ווי די פֿייגל...

ס׳צעקלינגט זיך דער טעלעפֿאָן. שײַע נעמט דאָס טרײַבל:

— פּונוואַנען, זאָגט איר, פֿון מאָסקווע? הא, פֿאַינע, דאָס ביסטו, טאָכטערקע? וואָס מאַכסטו? און יולינקע, מײַן טײַער אייניקל, געזונט זאָל זי זײַן... אָט וועט די מאַמע באַלד ריידן מיט דיר.

אָף סימעס געזיכט צעגיסט זיך א ליכטיקער שמייכל. די זעלבע פֿראַגן, דער זעלבער סיידער, וואָס בא שײַען, נאָר מיט עפּעס א באַזונדערער אינערלעכער ווארעמקײַט, ווי נאָר א מוטער קאָן.

— מיר האָבן מיטן טאַטן באַרעכנט, אַז אַזוי וועט זײַן בעסער... מאָרגן פֿלי איך ארויס צו דיר, טאָכטערקע, וועלן מיר זיך מעיאַשעוו זײַן אָפֿן אָרט.

זי לייגט אוועק דאָס טרײַבל.

— ווייסטו, שײַע, וואָס דײַן טאָכטער פֿרעגט?

— אַדעראַבע, וואָס?

— וויאַזוי וועסטו פֿאַרבלײַבן אָן מיר אליין.

— כ׳וועל זיך מוזן אָפּגעוווינען... ווי א זויג־קינד... נאָר וואַרף מיך, טײַערינקע, אינגאַנצן ניט אוועק!

און ביידע שמייכלען זיי.

— ווייסט, סימע, — זאָגט ער שוין ערנסט. — מע דאַרף צוגיין צו די מעכוטאָנים, פֿאָרסט דאָך אוועק.

— ביסט גערעכט, שײַע.

לאַנג זאַמט מען זיך ניט. מיר גייען אינײַנעם ארויס אין דרויסן. די זון האָט זיך שוין גענומען אראָפּזעצן. אָף דער אָנגעגליטער ערד האָבן זיך אויסגעצויגן לאַנגע שאָטנס. די ארומיקע סעדער און ווײַנגערטנער שמעקן מיט ווײַניקע געשמאַקע רייכעס, און פֿון דער פֿאַרבאַכטיקער מעכײַעדיקער קילקײַט איז גרינג און געמיטלעך אָפֿן האַרצן.

כראָניק

אוניקאַלע עקספּאָנאַטן

דער ביראָבידזשאַנער קאַנטקענטעניש־מוזיי האָט לעצטנס זיך באַרײַכערט מיט פֿיל נײַע עקספּאָנאַטן, וועלכע דערציילן וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. די באַזוכער באַקענען זיך מיט צײַטונגען פֿון די דרײַסיקער יאָרן. אין איינער פֿון זיי איז פֿאַרעפֿנטלעכט א נאָטיץ פֿון אַן ערשטן איבערוואַנדערער דאָוויד ראָטענשטיין. „מיר זײַנען געקומען אַהער, — שרײַבט ער, — אָף דער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ באַנאַכט, אין מײַ 1928. קיין גאַסן זײַנען נאָך ניט געווען, בלויז עטלעכע הילצערנע הײַזקעס און פּאַלאַטקעס. דאָס האָט אָבער אונדז ניט אָפּגעשראָקן. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זײַנען געקומען אַהער בויען א נײַע סאָציאַליסטישע שטאָט אָף דער בירע...״

אָפֿן ווײַטן מיזרעך זײַנען געקומען שנײַדער, שוסטערס, שמידן, בעקער. מיט זײַן אייגענער נײַ־מאַשין איז געקומען פֿון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק עליע ווײַסערמאַן. אַצינד איז די דאָזיקע מאַשין געוואָרן אַן עקספּאָנאַט פֿונעם מוזיי.

די אויפֿמערקזאַמקײַט פֿון די באַזוכער ציט צו א סעריע פּאָטשט־קאַרטלעך, וועלכע מע האָט ארויסגעלאָזט אין יענע יאָרן אין מאָסקווע. אָף זיי זײַנען באַוויזן איינע פֿון די ערשטע גאָרקיכן פֿון ביראָבידזשאַן, דער ערשטער טעלעפֿאָן אינעם קאָלווירט „איקאָר״ פֿון סמידאָוויטשער ראַיאָן, דער ערשטער אעראָפּלאַן „ביראָבידזשאַנעץ״ און אַנד.

ארײַנקוקנדיק אין יענער צײַט, זעט מען באַזונדערס בוילעט די פֿריידיקע ענדערונגען, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען אין ביראָבידזשאַן פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע יאָרן.

צוויי הויכע באַלוינונגען באַפּוצן די פֿאָן פֿון דער געגנט — דער לענין־אָרדען און דער אָרדען פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט.

י ע. ז ש ו ק אָ וו א

פונעם זשורנאַליסטישן בלאָקנאָט

בער האלפּערן

א נײַער ראַיאָן אַנשטאָט שניפּישאָק

איבערן פאנאנדערצעשפרייטער נידעריקן ברעג ווילי׳ע אנטקעגן דער גרויסער שטאָט, האָט שניפּישאָק זיך אופגעפירט כיטרע: ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך אָנגערופן א טייל פון ווילנע, און ווען ער האָט געוואָלט, האָט ער געוויזן א פײַג די ווילנער קאָהאָלשע קאָכלעפל און געפראווועט שאבעס פאר זיך. גע־האט אן אייגענעם ראָוו, אייגענע קלויזן, אייגענע כעוורעס, וואָס האָבן אָן קיינעמס הילף געשטוקעוועט און געלאטעוועט זייערע קליינשטעטלדיקע בודזשעטן.

„די רעזידענץ פון מאָטקע כאבאד, שניפּישאָק, האָט אויסגעלאכט די ווילנער קלייקוידעש און באלגײַוועס. דער ראיאָן פון געדיכטע האָרעפּאשנע מאסן האָט געשיקט זײַנע זין און טעכטער אָף דעמאָנסטראציעס אין דער שטאָט. בא צוזאמענשטויסן מיט דער פּאָליציי האָט זיך שניפּישאָקער בלוט אויסגעמישט אפן ברוק מיט ווילנער...

אין ווילנע איז אויסגעוואקסן און זיך אָנגעגאָסן מיט פּראָלעטארישן צאָרן הירש לעקערט. אין שניפּישאָק האָט דער צאריזם אים אופגעהאנגען נאָך דעם, ווי ער האָט געשאָסן אינעם ווילנער גענעראל־גובערנאטאָר.

מיט זײַנע שמאָלע גאסן, נידעריקע, צורמיינסטנס הילצערנע הײַזלעך אונטער שינדלענדיקע, מיט מאָך באוואקסענע דעכער, מיט קויטיקע הויפן, אָנגעשפּיקעוועטע מיט שטאלן, שטעלכעלעך און אָפּטריטן, איז שניפּישאָק געווען א מין ווארי׳אציע פון קאבצאנסק — א שטעטל, ווי הונדערטער אזעלכע אין ליטע. דער קאָסטיאָל פון איין זײַט גאס, דער בעסמעדרעש פון דער אנדערער זײַט זײַנען געווען די „גײַסטיקע" צענטרען, וואָס האָבן שארף צעטיילט די אײַנוווינער אף צוויי באזונדערע טיילן. דער גרויסער מארק מיט זײַן שטענדיקן הו־הא און טומל האָט זיי פאראייניקט אין איין צאפּלדיקן אָרגאניזם, וואָס פירט א פארביטערטן קאמף פאר דער כאיונע.

די נאָענטקײַט צו ווילנע האָט ארויסגערופן צום לעבן ווארשטאטן און ווארשטאטלעך, וואָס האָבן געארבעט פאר דער שטאָט. נאָר די עקספּלואטאציע אין אזוינע קלויִמערשטע פאבריקלעך איז געווען נאָך גרעסער ווי אין די שטאָטישע. די נאָענטקײַט צו ווילנע האָט אויך געמאכט פון שניפּישאָקער באלעבעסלעך מענאכעם־מענדלס, וואָס האָבן „זיך גערדרייט" באטאָג אין דער שטאָט ארום זייערע לופט־פּארנאָסעס און אהיים קיין שניפּישאָק געקומען מער ניט ווי איבערצונעכטיקן. דער דאלעס האָט געפײַפט אין אלע לעכער, און דאָ האָט ארויסגעהאָלפן דער קליינשטעטלדיקער נוסעך: אין אײַנגעפאלענעם שטעלכל אפן הויף איז געשטאנען א ציג, אפן קויטיקן הויף האָבן געקוואָכטשעט הינער און אין גערטנדל הינטער דער שטוב איז געוואקסן בולבע און געשפּראָצט א רעטעכל.

די ניט־ברוקירטע גאסן און געסלעך האָבן באגעגנט דעם דורכגייער זומער מיט וואָלקנס שטויב, פרילינג און הארבסט — מיט א פעטער אומדורכקריכבארער בלאָטע.

דאָס לעבן האָט זיך דוירעסלאנג געשלעפּט א לאנגזאמס, א קליינשטעטלדיק־טראדיציאָנעלס, א דורכגעזאפּטס מיט דער דושנער בעסמעדרעש־לופט און מיטן זויערן טשאָלנט־רייעך. נאָר דער הייסער אָטעם פון דער שטאָט האָט דערגרייכט אויך צו די נידעריקע הײַזלעך פון דער פאָרשטאָט, און די אימפּעטדיקע יוגנט פון שניפּישאָק האָט זיך געריסן צו ליכט, צום נײַעם לעבן. די רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פון ווילנע ציילט א סאך נעמען פון שניפּישאָק.

איציק וויטענבערג, דער קאָמוניסט און אַנ־פירער פון דער קאַמפּס־גרופּע אין ווילנער גע־טאָ, איז געווען אַ שניפּישאָקער.

אָפּטמאָל איז דאָס דאָזיקע אימפּעטדיקע רײַסן זיך צו דער נײַער וועלט באַגלייט געווען מיט טראַגעדיעס. מוישע באַסין, אַ הויכטאַלאַנ־טירטער פּאָעט, דער זון פונעם שניפּישאָקער ראָוו, האָט זיך געריסן צו ליכט, אָבער ניט פאַר־מאָגט אין זיך דעם קויעך אַריבערצושפּרינגען די שוועל פון דער דושנער ראַבאָנישער שטוב. אין איינעם אַ האַרבסטיקן טאָג איז ער, פאַר די אויגן פון אַ גרויסן אוילעם, וואָס האָט ניט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, אַרײַן אין דער ווילִיע און געגאַנגען צו דער מיט פון טײַך, ביז די וואַסערן האָבן אים צוגעדעקט און ער איז פאַרשוווּנדן.

די סאָוועטישע מאַכט האָט באַקומען שניפּי־שאָק ווי אַ שווערע ירושע. שניפּישאָק איז לאַנגע יאָרן געלעגן ווי אַ פּראַגעצייכן, ווי אַ כאַלעם וועגן דער פאַרגאַנגענער ווינטער־נאַכט. דער צענטער פון ווילנע אויפן לינקן ברעג ווי־ליע מיט זײַנע קרומע געסלעך און אַלטע מויִ־ערן און דורכהויפן איז רעסטאַווירירט געוואָרן. די מויערן האָבן באַקומען זייער אַלטערטימ־לעכן אויסזען, די געסלעך זײַנען אויסגעפלאַס־טערט געוואָרן מיט פּליטעס, די דורכהויפן באַ־גרינט און די העקדעשן, ווו ס'האָט פריִער גע־לעבט אַ געדיכטע ווילנער אָרעמקייט, זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאָדערנע קאָמפאָר־טאַבעלע דירעס. אויפן רעכטן ברעג ווילִיע, גע־גרענעצט מיט שניפּישאָק, זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי נײַע מיקראָ־ראַיאָנען, זשירמונײַ און לאַז־דינײַ, מיט ברייטע גאַסן און פּילעטאַזשיקע מאָ־דערנע ווױנהײַזער. ביידע ראַיאָנען — זשירמו־נײַ מיט אַ צען יאָר צוריק און לאַזדינײַ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק — זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט די העכסטע אַלפאַרבאַנדישע פּרעמיעס פאַר שטאָט־בוי. אָבער שניפּישאָק איז נאָך אַלץ גע־לעגן צווישן אָט די ביידע ראַיאָנען אין איר בע־ריישעסדיקן צושטאַנד, ווי אַ שטומער פאַרוואָרף דער אַלטער וועלט.

רעסטאַווירירן שניפּישאָק? אָבער די איינ־געזונקענע אין דער ערד הײַזקעס האָבן ניט קיין היסטאָרישע און אַרכיטעקטור־ווערט. די לייזונג איז אַ פּאַשעטע און איינציק מעגלעכע. אַראָפּטראָגן שניפּישאָק אינגאַנצן און אויסבויען אַף זײַן אָרט אַ נײַעם צענטער, וואָס וועט זײַן שוין ניט שניפּישאָק, נאָר אַן אָרגאַנישער טייל פון ווילנע.

דער אַלטער ווילנער בעסוילעם, וואָס האָט זיך געפונען אין שניפּישאָק, איז שוין גלײַך נאָך דער מילכאָמע אַריבערגעפירט געוואָרן אַף אַ נײַ אָרט (דעם אויהעל פונעם ווילנער גאָען און אַנדערע היסטאָרישע דענקמעלער האָט מען אַריבערגעטראָגן אַפן נײַעם ייִדישן בעסוילעם אין דעמבאָוווקע).

איצט איז געקומען די ריי פון שניפּישאָק. אַף דער ווילקאָמירער גאַס, מיטן פּאָנעם צו דער ווילִיע, אַפן אָרט, וועלכן ס'האָבן פריִער פאַרנומען צוויי קוואַרטאַלן, איז לעצטנס אויס־געוואַקסן אַ ריזיקער אוניווערמאַג מיט אַלע אַטריבוטן פון דער מאָדערנער האַנדלס־אינדוס־סטריע. לעבן אים, דאָרט, ווו ס'איז געשטאַנען דער אָנדערהאַלבנעטאַזשיקער בעסמעדרעש (איין עטאַזש פאַר די מאַנצבלען, אַ האַלבער עטאַזש פאַר דעם „נידעריקן מין", פאַר די ווײַ־בער) וואַקסט אין דער הייך אַ מאָדערנער האָ־טעל פאַר טוריסטן.

און די אומראַכמאָנעסדיקע בולדאָזערס באַ־וועגן זיך ווײַטער אין אַ ברייטער אַטאַקע אַף שניפּישאָק.

אַ ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש נאָך די הײַזלעך מיט זייערע בלאָטיקע הויפן, מיט זייערע שטאַלן און שטעלכעלעך.

אַ ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש נאָך דער ייִדישער ציג, וואָס איז מיט איר בערדל אַזוי ענלעך געווען אַף איר מענאַכעם־מענדלשן באַלעבאָס, נאָר אונטערשיידט זיך פון אים דערמיט, וואָס זי איז טאַקע געווען די עמעסע שפּײַזערן פון דער מישפּאָכע.

אַ ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש נאָך די אומצאָ־ליקע קרעמלעך, ווו מע האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט אַ גראָשנדיקן הערינג און מיט אַ קווערטל קעראָסין.

אַ ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש נאָך אַ קליינ־שטעטלדיקן לעבן, ווו דער בעסמעדרעש האָט געגעבן „גײַסטיקע קויכעס" אַף צו זײַן אַ מע־נאַכעם־מענדל.

אַ ייִסגאַדאַל וועייִסקאַדאַש נאָך שניפּישאָק.

קומט, ייִדן, לאָמיר לעבן אין דעם נײַעם ראַיאָן אַף די ברעגן פון דער ווילִיע.

5—696



באַריס מאַגילנער

קרוווים

אן אומגעריכטער קלונג אין טעלע־פאָן: מע לאַדט מיך איַין אין רעסטאָראַן „או־ראל" אף א צוזאמענטרעף פון די דערצויגלינ־גען פונעם געוועזענעם מאָסקווער ייִדישן קינ־דערהיים.

גיין צי ניט גיין? כ׳האָב דאפקע געהאַט אנדערע פּלענער, נאָר ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון א געלעגנהייַט זיך צו באגעגענען מיט אומ־באקאַנטע מענטשן?

באם רעסטאָראַן אף דער טשערנישעווסקי־גאַס האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט, פאַרן אריַינגיין אהין, א פּאָר צענדליק באַיאָרטע פרויען און מאַנצבלען. א פולבלעכע פרוי באַטראַכט מיך, טוט א קנייטש מיט די אַקסל:

— עפּעס דערקען איך איַיך ניט.

יאָ, אוואַדע מיינט מען, אַז איך בין אויך א דערצויגלינג פונעם קינדערהיים און די צײַט האָט מיך אַזוי געענדערט...

— ס׳איז דען א כידעש? — עסט מיך מיט די אויגן איינער פון די מאַנצבלען. — פּופּציק יאָר דורכגעלאָפן.

— גאָר א קלייניקייַט, א האַלבער יאָרהונ־דערט, — איז מיט אים מאַסקים נאָך איינער.

— פונדעסטוועגן, ווער זײַנט איר?

איך מאַך קלאָר דעם איניען און נעם זיך באַקאַנען.

— אידע שרייַער־צימערמאַן, — דריקט מיר די האַנט די פולבלעכע פרוי, און ווייַל זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיט מיר פאַר־פירט א שמועס, הייבט זי אָן פאָרצושטעלן די איבעריקע.

מייַן אופמערקזאַמקייַט ציט צו אַן אַלטיטש־קע מיט א לעניןֿ־אָרדען אין לאַץ. אַלע קוקן אף איר מיט פאַרליבטקייַט. איך פרעג בא שרייַער־צימערמאַן, ווער איז דאָס, און יענע ענטפערט:

— דאָס איז די כאַווערטע פאַניע, די פאַר־וואַלטערן פון דער שול, אין וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט.

צו אונדז גייט צו א פרוי מיט א שטראַלנ־דיק פּאָנעם, אף וועלכן אַלץ טיילט זיך אויס:

דאָס כיין־גריבעלע אינמיטן קין, די רויטלעכע באַקן, גלייַך מע וואָלט זיי בעקיוון געקניפּט, די פאַרב זאָל שטיין, די שייַנענדיקע אויגן. מיַין נייַע באַקאַנטע, ליובע דיווינסקאַיאַ, האָט מוי־רע, אַז איך וועל ניט געגוג אָפּשאַצן, וואָס פאַר א מענטש עס איז זייער לערערן. דערקלערט זי מיר:

— אַזעלכע, ווי די כאַווערטע פאַניע, איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין אָן זייער אַרבעט, אָן די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי זיַינען געווען טעטיק...

אינעם געשפּרעך האָבן זיך אריַינגעמישט מיטאַמאָל עטלעכע מענטשן. עס האָבן שוין גע־רעדט צו מיר אי ריַיע קאָרעצקאַיאַ, אי ליזע לערמאַן־שטיינבערג, אי נאָך איין ליזע — בלוושטיין, אי א דריטע ליזע — זעליגער, אי אַנאַטאָלי דון, אי בראָניע פּריצקער, וועלכע זיַינען געשטאַנען דערנעבן. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז די צונויפגעזאַמלטע זיַינען גרייט צו דערציילן ניט בלויז וועגן דער כאַווערטע פאַ־ניע, וועלכע האָט א היפּשן כיילעק פון אירע 86 יאָר אָפּגעגעבן זיי, נאָר אויך, און עפּשער טאַ־קע ניט ווייניקער, וועגן זיך, וועגן זייערע אייגענע גויראָלעס.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן האָבן איבער די וועגן און אומוועגן פון אונדזער לאַנד, באַזונדערס אין די מיַירעוו־שטעטלעך, כאָרעוו געוואָרענע אין די שלאַכטן און פּאָג־ראָמען, אַרומגעוואָגלט פאַריאָסעמטע קליינע קינדער. דעמלט טאַקע האָט מען באַשאַפן פאַר אָט די יעסוימים קינדערהיַיזער. אין מאָסקווע זיַינען געווען עטלעכע ייִדישע. ליובע דיווינ־סקאַיאַ דערמאָנט זיך זייערע אַדרעסן: לעבן די יאַוזע־טויערן, אף דער באַכמעטיעוו־גאַס, אין טרובניקאָוו־געסל, א לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע אין מאַלאַכאָווקע. די כאַווערטע פאַניע גיט צו, אַז פאַר די אָפּגעשוואַכטע קינדער האָט עקזיסטירט א ספּעציעלע ייִדישע וואַלד־שול אין כימקי. דאָרטן האָבן די יעסוימים געוווינט און זיך געלערנט. שפּעטער האָבן אַלע ייִדישע מאָסקווער קינדערהיימען זיך פאַרייניקט, און

פ. ס. דייפּט (לינקס) מיט איר שילערן וו. מינסקאַיאַ

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פּיאָנערן־הויז אַף דער סעלעזניאָווקע־גאַס, 19.

געלערנט האָבן זיך די דערציוגלינגען פון אַט דעם פּיאָנערן־הויז אין דער ייִדישער שול אַף דער באַכמעטיעוו־גאַס. ווו עס פלעגן באַקומען בילדונג אויך די קינדער פון ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע האָבן געוווינט דערנעבן, אין די אַרומיקע ראַיאָנען.

איך הער זיך צו, מיר איז אינטערעסאַנט. אַלנפאַלס, כ׳דערוויס זיך וועגן אַ סאַך אַזוינס, וואָס עס לוינט פאַרגעדענקען. מײַנע מיטשמועסער זײַנען אַרײַנגעטאָן אין זייערע זיכרוינעס, און ניט בלויז און ניט הויפּטזאַכלעך מיט פאַקטן אָפּערירן זיי, נאָר טעאָרעטיזירן, מאַכן פּאַראַלעלן, גענעראַליזירן, מאַכן פאַראַלעל־געמיינערונגען.

פ. דייפּט (כאַווערטע פאַניע): „אונדז איז אויסגעקומען איינצײַטיק לייזן פיל פּראָבלעמען: סײַ פאַריכטן דאָס געזונט בא די קינדער, אויסגעצערטע און אָפּגעשוואַכטע, און דאָס איז ניט געווען קיין פּאָשעטע זאַך אין די ערשטע הונגעריקע יאָרן פון דער רעוואָליוציע, סײַ צווּעקמעסיק אײַנאָרדענען די לערן־אַרבעט, אָרגאַניזירן די קינדערשע זעלבסטפאַרוואַלטונג, דערצײַען אַרבעטס־געוווינהײַטן. די דערציוגלינגען פלעגן אַליין זיך באַדינען, געאַרבעט האָבן זיי אינעם שנײַדער־וואַרשטאַט. בא אונדז איז געווען אַ קרײַזל פון מאָלערײַ, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט די לערערן א. ענגעל, מאַרק שאַגאַלס אַ שילערן, עס האָט פונקציאָנירט אַ דראַמקרײַזל אונטער דער לייטונג פונעם אַרטיסט פון דעם ייִדישן טעאַטער בינימין זוסקין. קימאַט אַלע לערער האָבן געוווינט אין פּיאָנערן־הויז צוזאַמען מיט די קינדער, און אַלע אינײנעם זײַנען מיר געווען איין גרויסע מישפּאָכע”.

א. דון: „יאָרן אין קינדערהיים האָבן זיך מיר פאַרגעדענקט ווי איין דורכויסיקער יאָמטעוו. מיסטאָם איז עס בא אַלע מענטשן אַזוי: קלײַניטשקע אומאַנגענעמלעכקײַטן, פאַרדראָסן און צאָרעס פאַרגעסן זיך, עס בלײַבט בלויז דער דער געפיל פון פרייד. דוכט זיך, אַ פּאַראַדאָקס: אין לאַנד איז אַ שווערע עקאָנאָמישע לאַגע, אַ גוואַלדיקער מאַנגל אין פּראָדוקטן, און בא אונדז אין פּיאָנערן־הויז איז קימאַט אַלץ פאַראַן. אין דער שול, ווו מיר האָבן זיך געלערנט, פלעגן אונדז מעקאַנע זײַן פיל שילער „פון נאַרמאַלע מישפּאָכעס”. טוט אַ קוק אָט אַף יענעם גראַוון יונגערמאַנטשיקל. דאָס איז יוזיק באַראַנאָוו, ער וועט מיך ניט לאָזן זאָגן אַ ליגן. ביז איצט געדענק איך, ווי ער, יוזיק, האָט מיר איינמאָל מיט קינע געזאָגט:

— דיר איז גוט, דו ביסט אַ יאַסעם!

מיר איז טאַקע געווען אינעם קאָלעקטיוו גוט. און ניט נאָר מיר — אַלע דערציוגלינגען פונעם קינדערהיים. דער יעסאָד פון אָט דער גוטסקײַט איז, לויט מײַן מיינונג, באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס פּיאָנערן־הויז האָט אונדז אויסגעלערנט אַרבעטן. מיר האָבן געאַרבעט אַלע — קליין און גרויס. געווען זײַנען בא אונדז פאַרשיידענע רינגען: אַ רינג פון שפּײַז־באַזאָרגונג, אַ סאַניטאַרן־רינג, אַ קולטור־רינג, און נאָך און נאָך. באַדינט האָבן מיר זיך אַליין אין אַלע הינזיכטן. אויסער דעם, האָט מען אין פּיאָנערן־הויז געלערנט פאַרשיידענע מעלאָכעס. אַפילע רוען האָבן מיר זיך ניט דערלויבט מיט אָראָפּגעלאָזטע הענט. כ׳דערמאָן זיך, אַשטייגער, אין אַזאַ פאַל. נאָכן פאַרענדיקן דעם זיבעטן קלאַס האָט מען אונדז פּרעמירט מיט אַ רײַזע קיין קרים. אָן אייגנאַרטיקע פּרעמיע איז עס געווען: צוויי וואָכן האָבן מיר געאַרבעט אין אַ ייִדישן קאָלווירט לעבן דזשאַנקאָי און פאַרדינט געלט, קעדיי אין די ווײַטערדיקע צוויי וואָכן זיך אַליין פינאַנסירן און האָבן אַ מעגלעכקײַט צו בראָטן זיך אַף דער זון באַם שוואַרצן יאָם”...

ר. קאָרעצקאַיאַ: „פאַרשטייט זיך, אַז ניט ווייניק צײַט איז אין קינדערהיים אויסגעטיילט געווען אַף פאַרווײַלונגען. מע פלעגט אונדז אַ סאַך לייענען, דערציילן... אַלערליי קרײַזלעך זײַנען בא אונדז געווען, אָבער אויך די אַזויגערופענע פרײַע צײַט איז אויסגענוצט געוואָרן אַף עפּעס צו טאָן. ביכלאַל וואָלט מען בא אונדז קיין ליידיקגייער באַטאַג מיט קיין ליכט ניט אָפּגעזוכט. אַרבעט — דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער צושטאַנד אונדזערער. אַ בײַשפּיל אין דעם פּראַט פלעגן באַווײַזן אונדזערע דערציער, בא וועמען זיך לערנען האָבן מיר געהאַט...”

ל. דווינסקאַיאַ: „אָנגעפירט מיטן קינדערהיים האָבן אינגאַנצן עטלעכע מענטשן — אַף צו איבערציילן זיי וועלן קלעקן די פינגער אַף איין האַנט: דער דירעקטאָר, דער פאַרוואַלטער פון דער ווירטשאַפט, דער קעכער, אַ וואַזשאַ־



א. דון אין זײַן עלעקטראָטעכנישער לאַבאָראַטאָריע

טע. און זעלבסטפאַרשטענדלעך — די לערער. דאָס פּיאָנערן־הויז און די שול, אין וועלכער מיר האָבן זיך געלערנט, שטעלן מיר זיך איצט פאָר ווי א גליקלעכן צווילינג. דאָרט זײַנען מיר געוואָרן מענטשן, דאָרט האָט מען אונדז דערצויגן אין גײַסט פון ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד, געכאָוועט אין אונדז ערלעכקײַט, קאָלעקטיוויזם, פרײַנטשאַפט, דאָרט האָט מען אונדז אויסגעלערנט זעלבשטענדיק צו לעבן, אויסשטיין שוועריקײַטן און ניסיוינעס. מיר האָבן געהאַט גוטע שעפן: די פאַבריק אָף נאָגינס נאָמען, דער מאָסקווער יידישער טעאַטער. מיר פלעגן פון זיי באַקומען הילף. אויך מאַטעריעלע. דער טעאַטער האָט אײַנגעאָרדנט א ריי קאָנצערטן לעטוויוועס אונדז, און די בילעטן אָף די קאָנצערטן פלעגן מיר אליין פאַרשפּרייטן...״

ב. פריצקער: „ס׳איז גאָר ניט קיין כידעש, וואָס מיר באַגעגענען זיך איצט ווי נאָענטע קרוויוים. דאָס פּיאָנערן־הויז האָט אונדז פאַרייניקט אין איין מישפּאָכע. ווען מע זאָל מיך איצט פרעגן, וואָס עס איז בא אונדז געווען דאָס סאַמע אומפאַרגעסלעכע, וואָלט איך געזאָגט: די זעלבסטפאַרוואַלטונג. אונדזערע כאַראַקטערס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַדאַנק איר״.

ל. זעלינגער: „בא מיר זײַנען געווען עלטערן, איך האָב געלעבט אין א מישפּאָכע, נאָר אין פּיאָנערן־הויז פלעג איך גיין, ווי צו זיך אהיים. און אזוי אלע שילער. די דערציִער האָבן זיך צו אלעמען באַצויגן, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען אונדזערע לײַבלעכע טאַטע־מאַמע. האָט עמעצן אינטערעסירט טעאַטער, פלעג ער באַזוכן דעם דראַמאַטישן קרײַז, מיטן טאַנץ־קרײַז האָט אָנגעפירט די באַלערינע ווערע שאַבשײַ. ווילסטו — נעם א האַק צי א זעג אינעם סטאָליער־וואַרשטאַט און פאַריכט דעם טיש, אָדער א בענקל. אויב עס געפעלט דיר שלאָסערײַ, זײַנען פאַראַן אלע נייטיקע אינסטרומענטן אינעם שלאָסער־וואַרשטאַט. מיר האָבן געקאָנט באַקומען די ערשטע געוווינהײַטן אין אזעלכע פאַכן, ווי נייען, צושנײַדן, אײַנבינדן. מע האָט אונדז גאַסטפרײַנטלעך אויפגענומען אויך אָף דער טריקאָטאַזש־פאַבריק״...

ל. בלוושטיין: „אונדזערע ייִנגלעך האָבן באַזונדערס ליב געקראָגן דאָס ראַדיאָ־קרײַזל. מיך פערזענלעך האָט באַגײַסטערט די „בלויע בלוזע״, אַצינד רופט מען עס — אַגיטבריגאַדע. פריילעך, לוסטיק, טרעפלעך פלעגן מיר אַרויסטרעטן מיט אייגנאַרטיקע פּראָגראַמען, מערסטנטייל מיט בופאָנאַדעס. בא מיר האָט זיך פאַרהיט א טאָגבוך, וועלכן כ׳האָב געפירט אין יענע יאָרן. אָף ייִדיש, פאַרשטייט זיך. אהין האָב איך אַרײַנגעשריבן א קופּלעט, מיט וועלכן כ׳האָב אָנגעהויבן אײנע פון אונדזערע פאָרשטעלונגען:

מיר זײַנען רויטע האַלדזטיכער —
מיר טרעטן דאָ אַרויס,
מיר ווייזן אלע פעלערן
פון פּיאָנערן־הויז...

מיט אָט דער בופאָנאַדע זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן אין 1928 אָף דער אַלפאַרבאַנדישער ראַדיאָ. דער ראַדיאָ־צענטער פונעם לאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען אָף דעם אָרט, ווו עס שטייט איצט דער קינאָטעאַטער „ראָסיִיאַ״. בעת שאַס אונדזער אַרויסטרעטונג זײַנען דאָרט פונקט געווען וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי און מאַקסים גאָרקי. מאַיאַקאָווסקי האָט געלייענט זײַן ליד „לינקער מאַרש״. ער האָט זיך געסטאַרעט, געדענק איך, אַרײַנריידן יעדעס וואָרט דירעקט אין מיקראָפאָן, צורירנדיק זיך דערבײַ צו אים מיט זײַנע פולבלעכע ציטערנדיקע ליפּן. ער האָט אויך געפאָכעט מיט דער האַנט, פונקט ווי אַרײַנגעקלאַפּט אין עפּיר די שורעס, ווי טשוועקעס. יענער טאָג האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אויך דערמיט, וואָס נאָך דער אַרויסטרעטונג האָט מען אלעמען אוועקגעשטעלט א געשמאַק מײַכל — א סוף מיט וואַרנעטשקעס און פּאַסאַליעס״...

ל. לערמאַן־שטיינבערג: „מיר האָבן ליב געהאַט אונדזערע לערער. אָן אויסגעצייכנטע לערערן איז געווען די כאַוועריטע ריימאַן, זי האָט אונטעריכט פיזיק, כימיע און ביאָלאָגיע. עס האָט אונדז, ווײַזט אויס, פּאַשעט אָפּגעגליקט מיט גוטע פּעדאַגאָגן. און זיי זײַנען אויך מיט אונדז געווען צופרידן. אָט שטייט דאָ דערנעבן אַנאַטאָלי דון. אײַניינעם מיט אים זײַנען מיר, אַגיטאַטאָרן, אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאַפּט אין די טירן פון די ייִדישע מישפּאָכעס, אײַנגעטײַנעט, מע זאָל אָפּגעבן דאָס



Moskau, d. 21. VIII. 1927

Moskau.

Geehrte Genossen,

In der Hoffnung keine Fehlbitte zu tun,
danke ich Euch im Voraus herzlich u.
mit kommunistischen Gruss

Clara Zetkin

קלאַרע צעטקינס בריוו וועגן כאַנעלע קראַסנאַיאַ

קליינוואַרג אין שול אַרײַן — דעמלט איז נאָך די לער ניט געווען קיין אָבליגאַטאָרישע, און אַקטיווע טעטיקײַט האָבן מיר געפירט אין דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע. מיך האָט מען אין 1929 אויסגעוויילט אַלס דעלעגאַט פונעם ערשטן אַל־פאַרבאַנדישן פּיאָנערן־צונויפפלי. עפּעס אַ קליי־ניקײַט — פינף הונדערט כעווראַ פון אונדזער ראַיאָן האָבן געשיקט אַף דעם יאָמטעוו פון די יונגע לענינצעס דרײַ פאָרשטייער, און צווישן זיי — מיך. נאָך מער, מע האָט מיך אויסגעוויילט אין פּרעזידיום. די זיצונגען פונעם צונויפפלי זײַנען פאָרגעקומען אינעם גרויסן טעאַטער. ווען מיר האָבן צוגעייגנט דעם טיטל ערן־פּיאָנער לונאַטשאַרסקין, איז מיר אויסגעפאַלן דאָס גליק אים אָנטאָן דעם רויטן האַלדזטוך. אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זײַנע צוגעזשמורעטע אויגן דורך די פּענסנע: „איך זאָג צו, אַז כ׳וועל זײַן אַ גוטער פּיאָנער...״

צום געדעקטן טיש אין גערעמען זאַל פונעם רעסטאָראַן האָב איך זיך צוגעזעצט אַזוי, אַז ס׳זאָל מיר זײַן באַקוועם צו באַאָבאַכטן מײַנע נײַע פרײַנט.

דעם ערשטן לעכאַיִם האָט געזאָגט אַנאַטאָלי דון. אופהייבנדיק דעם בעכער, האָט ער פאָר־געלייגט זיך אומקערן צו יענער צײַט, ווען די מענטשן, וואָס זיצן דאָ באַם טיש, האָבן איינער דעם אַנדערן געדוצט... און זאָל אָט די באַגעגע־ניש זײַן ניט די לעצטע.

כאָטש אַלערלייִק האָבן אויסגעזען די וועגן, מיט וועלכע יעדערער איז געקומען אין פּיִאָ־נערן־הויז, זײַנען זיי אין טאָך געווען ענלעך איינער אַפן צווייטן.

אַנאַטאָלי דונס וועג ציט זיך פונעם שטעטל ראָדניע, מאָגיליאָווער גובערניע. אין 1919 איז אומגעקומען דער פאָטער, אין אַ יאָר אַרום איז געשטאָרבן די מאַמע. טאָליע, צוזאַמען מיט דער קלענערער שוועסטער, קומט אָן אין קינדער־היים פונעם ווײַסרוסישן שטעטעלע גאָרקי און פון דאָרטן — אין דעם מאָסקווער פּיִאָנערן־הויז.

מײַן שכיינע פון לינקס איז כאַנע קראַס־נאַיאַ. איר מישפּאָכע איז אומגעקומען בייסן פּאָגראָם. אויך זי איז געווען פאַרוווּנדעט, דרײַ מעסלעס אָפּגעלעגן אין קעלער צוזאַמען מיט די געהאַרגעטע. געראַטעוועט האָבן זי די רויטע פּאַרטיזאַנער. מע האָט זי געפונען אַ קוים לע־בעדיקע, אָפּגעמינטערט, איבערגעבונדן איר די ווונדן.

אַ צוג מיט בעזשענצעס האָט געבראַכט כאַ־נעלען קיין אומאַן, פון דאָרט אין דער נעמי־ראָווער יִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָ־ניע, ווו מע האָט די קינדער געלערנט פּאַשען פי, גראָבן גערטנער, מעלקן בעהיימעס. דער־נאָך האָט זיך אָפּגעזוכט כאַנעס עלטערע שוועסטער אין מאָסקווע. אינעם קליינעם שמאָלן צימערל, ווו די שוועסטער האָט געוווינט מיט איר מאַן דעם בולגאַר, אַ מיטאַרבעטער פון פּראָפינטערן, האָט מען געקאָנט אוועקשטעלן בלויז איין בעטל... אין קינדערהיים האָט מען צוערשט כאַנען ניט אַרײַנגענומען. זײַנען די שוועסטער און איר מאַן אוועק אַף אַן אופנאַם צו קלאַרע צעטקין. די אַלטע דײַטשישע קאָמו־ניסטקע האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אָנגעשריבן אַ בריוו אין מאָסקווער געגנטלעכן אָפּטייל פון פאָלקסבילדונג, געבעטן, מע זאָל כאַנעלען אַרײַנעמען, אַלס אויסנאַם, אין פּיִאָ־נערן־הויז אַף סעלעזניאָווקע. אָט דער בריוו ווערט אָפּגעהיט אין כאַנעס מישפּאָכע ווי די טײַערסטע רעליקוויע. אָט אַזוי האָט זיך אינעם גורל פון אַ פאַריאָסעמט יִדיש מיידעלע אַרײַנ־געריסן דער ברויזנדיקער געוויטער פון דער רעוואָליוציע מיט זײַנע געשריבענע און ניט געשריבענע טאַקאָנעס פון מענטשן־פרײַנט־שאַפט און פעלקער־פרײַנטשאַפט. איך האַלט אין די הענט קלאַרע צעטקינס בריוו, און בײַ מיר איז אַזאַ געפיל, אַז איך ריר זיך צו צו דער געשיכטע אַליין.

שפּעטער, אין יאָרן ארום, וועט כאנע קראסנאיא ביַיזיַין אף קלארע צעטקינס לעוויַע, זי וועט פארומערט שטיין אף דעם רויטן פלאץ אין מאָסקווע, ביטערע טרערן וועלן ריינען איבער אירע באקן, זי וועט דאָס צווייטע מאָל דערפילן דעם שוידער פון פאַריאָסעמט ווערן...

עפּעס ענלעכס איז פאָרגעקומען מיט פאניע רודשטיין פונעם וויַסרוסישן דערפל קאָכאנאָוואָ הינטער אָרשע. כאָטש עס האָט זי, די קיַילעכדיקע יעסוימע, אראָפּגעבראכט קיין מאָסקווע דער פעטער, ובאָר ווינען איז ניט געווען ווו, איַינאָרדענען פאניען אין קינדערהיים האָט זיך אויך ניט איַינגעגעבן. איז מען אוועק אין פאָלקאָמבילד אף טשיסטיִע פרודי, צו נאדיעזשדא קרופסקאיא. נאדיעזשדא קאָנסטאנטינאָוונע האָט ווי א ליַיבלעכע מוטער געקראָגן פאר פאניען אן אָרט אף דריַי כאדאָשים אין פּיאָנערלאגער הינטער מאָסקווע, דערנאָך, גליַיך פון דאָרט, איז דאָס מיידעלע שוין אָנגעקומען אין קינדערהיים.

בראָניע פּריצקער פון בעלאָצערקאָוו האָט צוערשט געלעבט בא דער שוועסטער אין א סטודענטישער צוזאמענוווינונג, דערנאָך, שוין אין קינדערהיים, איז זי א לאנגע ציַיט אויך געשלאָפן מיט נאָך א מיידעלע אף איין בעטל — עס האָט פּאָשעט ניט געקלעקט קיין אָרט פאר איר...

באם פארוואָרלאָזטן מישע ביים פונעם דאָרף איוואנאָווקע הינטער מעליטאָפּאָל זיַינען געווען אנדערע שוועריקיַיטן. ביזוואנען ער איז דערגאנגען צום קינדערהיים, לאכלוטן ניט מיט קיין גרינגע וועגן, האָט ער פארגעסן צו ריידן אף ייִדיש, און אין קינדערהיים האָט ער זיך געדארפט לערנען, וויִאזוי דוכצוריידן זיך מיט זיַינע כאווײרים פון דער גרופּע. אויסגעלערנט האָט ער זיך אויך צו זיַין א באראבאנשטשיק. דאָס פּיַיקל איז געווען זיַין ליַידנשאפט.

א ביסל אנדערש זעט אויס דער וועג צום פּיאָנערן־הויז בא די ברידער סקורקעוויטש — עליע און סיאָמע. זייער פאָטער איז געווען א פּאָליט־עמיגראנט פון ליטע. אין פּיאָנערן־הויז האָבן, לויט דער שטאדלאָנעס פון מאָפּר, זיך דערצויגן א סאך קינדער פון פּאָליט־עמיגראנטן. ווערע מינסקאיאס עלטערן זיַינען געשטאָרבן פון הונגער.

זעליק אלשיצן און זיַין שוועסטער טיַיבעלע האָבן אין פּיאָנערן־הויז אויך געבראכט טראגישע געשעענישן — זייער פאָטער איז אומגעקומען בייס א פּאָגראָם, די מוטער — אין א סרייפע.

ליובע באסאָק, יאָסל שמוץ, הערשל דובין — מיט איין וואָרט אלע דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים, מיט וועלכע איך האָב זיך באקאנט בייס דער באגעגעניש, זיַינען אריַינגעפאלן אין פּיאָנערן־הויז מאכמעס שווערע אומשטאנדן. און אָט אזוי זיַינען זיי געוואָרן קרויווים, נאָענטע און ליַיבלעכע. אז דאָ האָט זיך צונויפגעזאמלט איין גרויסע מישפּאָכע, איז מיר געוואָרן באזונדערס קלאָר, ווען אנאטאָלי דון האָט פאָרגעלייגט באגריסן זייער לערערן דייפּט — די כאווערטע פאניע — זייער אלעמענס מאמע.

פאניע סאָלאָמאָנאָוונע איז פאמעלעך אופגעשטאנען. אלץ, וואָס איר זיקאָרן האָט פארהיט, וועגן וואָס זי האָט דערמאָנט, איז געווען אלעמען נאָענט, בא יעדערן האָבן דערביַי אופגעוואכט אייגענע זיכרוינעס...

דערנאָך רעדט מיַין „אלטע באקאנטע" אידע שריַיער־צימערמאן. ווען זי איז געגאנגען אהער אף דער באגעגעניש, האָט זי געקלערט, אז זי וועט קיינעם ניט דערקענען. דערקענט! קימאט אלעמען. בלויז דאָווידקע אראָנאָוון האָט זי ניט געקאָנט אָפּזוכן. דאָווידקע איז געווען איר ערשטע ליבע. דאָס איז זי צו אים געלאָפן אף איר ערשטן ראנדעוווּ אין קינאָ־טעאטער, וווּ מע האָט דעמאָנסטרירט דעם פילם „די פרוי פונעם באָקסיאָר"...

יונגע ליבעס זיַינען אינעם פּיאָנערן־הויז געווען גענוג, שפּעטער זיַינען א סאך פון זיי איבערגעוואקסן אין ריַיפע מענטשלעכע געפילן און מיט דער ציַיט באשאפן גליקלעכע מישפּאָכעס. טאקע בא אָט דעם טיש זיצן זיי, די אמאָליקע יונגע פארליבטע: מישע ביים און ווערע מינסקאיא, יאָסל שמוץ און ליובע דיווינסקאיא. ניט בא אלע מישפּאָכעס איז דער גוירל געווען א מאזלדיקער. כאנע קראסנאיא, אשטייגער, האָט איבערגעלעבט א דראמאטישע ליבע, איר מאן, וועלוול שניידער, אויך א דערצויגלינג פונעם קינדערהיים, איז פריציַיטיק אוועק פון דער וועלט. אידע שריַיערס ערשטע ליבע איז, ווי פיל אנדערע, געווען טראגיש. איר געליבטער האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע. ווען אידע האָט זיך אָנגעפרעגט, צי דאָוויד אראָנאָוו וועט קומען אף דער היַינטיקער באגעגעניש, האָט מען איר געענטפערט, אז ער וועט היַינט דאָ ניט זיַין, ער וועט שוין קיינמאָל ניט זיַין...

מישע ביים רייסט מיטאמאָל איבער אידעס טאָסט, ער טוט זיך האסטיק א הייב אוף און מיט אימפּעט, וועלכער זאָגט איידעס, אז ער איז אמאָל געווען א ליַידנשאפטלעכער פּויקער, זאָגט ער:

— לאָמיר דערמאָנען די געפאלענע — אלע די, וועלכע זיַינען שוין ניטאָ מיט אונדז!

דאָס שטיל־שוויַיגן גדויערט מער, ווי געוויינלעך אין אזעלכע פאלן, פיל מער, ווי א מינוט. די צונויפגעזאמלטע איַילן זיך ניט איבעריַיסן דעם אופגעוועקטן ווייטעק, ס'איז פּא-

אף דער באַגעגעניש פון די געוועזענע דערצויגלינגען פונעם קינדערהיים

ראַן, צום באַדויערן, וועגן וועמען צו טראַכטן אין אָט די רעגעס, אָנהייבנדיק פון דער ווײַ־טער ווײַטעניש, פון טאַטע־מאַמע, פון יענע בלוטיקע כאַדאָשים און טעג, וועלכע האָבן די קינדער פאַרוואַנדלט אין יעסוימים. איין מינוט איז בעפּייִרעש ווייניק אַף צו דערמאָנען אַלע־מען... נייִן, גאָרניט פאַרגעסט מען ניט, קיינער איז ניט פאַרגעסן.

פונעם קריג זײַנען ניט געקומען צוריק די ברידער פינדריקאָוו — איציק און בערל; דרײַ ברידער ליאַק; דאַוויד אַראַנאָוו; אווראָם רייכ־מאַן; באָרע שאַכטמייסטער; צוויי געוועזענע פאַרוואַלטערס פונעם קינדערהיים — לייפּמאַן און גאָלדבערג; זאַגאַלסקי, דימאַרסקי, ראַבי־נאָוויטש...

אַנאַטאָלי דון האָט צוגעמאַכט די אויגן, טרויעריק פאַרקלעמט די ליפּן. עטוואָס שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, וועגן וואָס ער האָט אין אָט דער ווײַלע געקלערט: אַלע זײַנע קרוי־ווים אין ווײַסרוסלאַנד, אַלע פרײַנט, וועלכע זײַנען דאָרט פאַרבליבן, האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט... (א מאָדנע זאַך — דער גוירל. אַנאַטאָלי דון האָט א שוועסטער. עס זײַנען אומגעקומען איר מאַנס אַלע אַכט ברידער, האָ־גאַם קיינער פון זיי האָט ניט געדינט אין דער אַרמיי. בלויז ער, דער שוועסטערס מאַן, האָט מילכאָמע געהאַלטן אַלע פיר יאָר, און ער איז געבליבן לעבן...).

פאַניע סאָלאָמאָנאָוונע דייפּט זאָגט, קוקנדיק אַף אירע געוועזענע שילער מיט פײַכטע גלאַנצנדיקע אויגן:

— גליקלעכער פון מיר איז היינט דאָ קיי־נער ניטאָ. איך זע, אַז יעדערער פון מײַנע דערצויגלינגען האָט דערגרייכט זײַן ציל. עכטע סאָוועטישע בירגער, ערלעכע האָרעפּאַשניקעס האָבן מיר דערצויגן. אַרבעטער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, געלערנטע, אַפילע א מיניסטער אָן אייגענעם האָבן מיר, דעם כאַווער דובין...

— נייִן, קיין מיניסטער בין איך ניט, — דערווידערט מיט א שמייכל הערשל דובין. — בלויז דער שעף פון א גלאַווק, מיטגליד פון דער מיניסטעריום־קאָלעגיע, ניט מער...

— אַלץ דערעסט דעם מענטשן... — שפּאַסט מיכאַיִל קאָטליאַר.

— ביסט ניט גערעכט, — זאָגט ליובע די־ווינסקאַיאַ. — פיר יאָרצענדליקער אָפּגעאַרבעטן אין פּאָליגראַפיע, זײַן א לינאָטיפּיסטקע קאָן, דוכט זיך, דערעסן, אָבער איך טראַכט פון דעם ניט קיין קאָפּעטשקע. מײַן באַשיידענע מי פאַרשאַפט מיר טאָמיד פרייד.

מע האָט גערעדט, ווי געוויינלעך אין אַזעל־כע פאַלן, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אַנ־דערן, סײַ היציק, סײַ מיט היספּײַלעס, אָבער מיט דערעכערעץ צו זיך און צו די כאַווייריִם. דער לייטמאָטיוו איז געווען: דער קינדערהיים האָט אַלעמען אויסגעלערנט אַרבעטן, זײַן מיט מענטשן גלײַך. זעליק אַלשיץ איז דאָ ניט לאַנג באַלוינט געוואָרן מיט א מעדאַל „פאַר רומפולער מי". ער איז א לײַדנשאַפטלעכער פילאַטעליסט: וועגן דער בראָנזענער מעדאַל, וואָס ער האָט באַקומען אַף אַן אויסשטעלונג אין בעלגיע, האָט די צײַטונג „וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ" מיטגעטיילט דעם 19 אַפּרעל 1978.

בראָניע פּריצקער האָט 37 יאָר אָפּגעאַרבעט אַף דער אײַזנבאַן. העכער דרײַ צענדליק יאָר האָט כאַנע קראַסנאַיאַ אָפּגעגעבן דער מאָסקווער קינאָסטודיע „מולטפילם" — געווען דאָרטן א קינסטלערין. אַלס קאַסירן אַרבעטן איצט בעלע זעלינגער און ליזע בלוושטיין. טײַבל אַלשיץ

איז א לאנגע צײַט געווען א דיספעטשער אינעם מאָסקווער מעטראָפּאָליטען, באדינט די פארבינדונגס־אפּאראטן. ליובע באסאָק האָט נאָכן קינדערהיים געענדיקט אן עקאָנאָמישן טעכניקום און איז אוועקגעפאָרן אפן ווײַטן מיזרעך.

ניט אלעמען איז באשערט געווען צו דערלעבן ביז אָט דעם יאָמטעוו. ליזע לערמאנס ברידער — זיאמע, וואָווע און כאַיִם זײַנען אומגעקומען אפן פראָנט. דער פאָדעם אָבער שפּינט זיך ווײַטער. ליזעס טאָכטער האָט געענדיקט דעם מאָסקווער אוויִא־אינסטיטוט, זי איז א קאָנסטרוקטאָר; ליזעס זון איז אן אספּיראנט. קינדס־קינדער וואקסן שוין אונטער...

די דערצויגלינגען פונעם מאָסקווער ייִדישן קינדערהיים אײַלן זיך ניט אוועקצוגיין אף פּענסיע. מישע ביים, וועלכער האָט קימאט צוויי צענדליק יאָר אָפּגעדינט אין דער ארמיי אלס אָפיצער (ער איז באלוינט מיט צוויי אָרדענס פונעם רויטן שטערן און מיט מעדאלן), ארבעט אלס שעף פון אן אָפּטייל אין א בוי־טרעסט. איצט שאפט זײַן טרעסט דיספעטשערישע פּארייניקונגס־מיטלען פאר די קאָמפּלעקסן, וועלכע מאָסקווע גרייט צו דער אָלימפּיִאדע־80. סעמיאָן סקורקאָוויטש איז אין צענטראלן אינסטיטוט פון געמאטאָלאָגיע אין מאָסקווע א פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון מעדיצינישע וויסנשאפטן. רײַע קריוואָשיי איז אָנגעקומען אפן ערשטן מאָסקווער זייגער־זאוואָד אין 1933 און ארבעט דאָרט ביז הײַנט־צו־טאָג. זי איז א שטאמפּאָווששיצע, גרייט אף א שטאמפּ־מאשין די ציפערבלאטן פאר זייגערס. אידע שרײַער איז א דאָקטער אין דער מאָסקווער פּאָליקליניק נומער צוואנציק. אין מעשעך פון זעכצן יאָר איז זי דער פאָרזיצער פונעם פּראָפאריינישן קאָמיטעט. אנאטאָלי דון ארבעט אף איין און דעם זעלבן זאוואָד שוין פינף און דרײַסיק יאָר. גלײַך נאָכן קינדערהיים איז ער אָנגעקומען אין אן ארבפאק, דערנאָך געענדיקט דעם פיזישן פאקולטעט פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. אצינד איז דון דער שעף פון א לאבאראטאָריע אפן מאָסקווער זאוואָד פון אווטאָטראקטאָר־עלעקטראָאפּאראטור.

ניין, איך האָב ניט קיין כאראָטע, וואָס דער גוירל האָט מיך צונויפגעפירט מיט די דערצויגלינגען פונעם געוועזענעם מאָסקווער ייִדישן קינדערהיים. איצטער דוכט זיך מיר שוין, אז זיי זײַנען קרויווים ניט נאָר צווישן זיך, נאָר אויך מײַנע קרויווים.

דאָרע כײַקינע

א בריוו צו די קאָמענדיקע דורות

אין אָקטיאבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" פארן פאָריקן יאָר האָב איך דורכגעלייענט א ליד פון אן אומבאקאנטער דיכטערן — קלארע פּעשטשאנסקע. איך האָב אופמערקזאם באטראכט איר פאָטאָגראפיע אינעם לינקן ווינקל פונעם זשורנאל־זײַטל, און ס'האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן איר אומעטיקער שמייכל.

כוץ דעם שמייכל, האָב איך אף איר געעלטערטן געזיכט געזען צוויי קלוגע און גוטע אויגן. לויט דעם, ווי זי האלט דעם גראָוון קאָפּ אירן, האָב איך דערפילט, אז זי איז בעלי־סאָפעק אן ענערגישע פרוי. די טיפע קנייטשן אף איר הויכן שטערן, לעם די אויגן, בא די ליפּן האָבן אײדעס געזאָגט ניט בלויז וועגן אירע לײדן און איבערלעבונגען, נאָר אויך וועגן איר מוט.

ווען כ'האָב איבערגעלייענט דאָס קורצע ארײַנפיר־וואָרט צו איר פארעפנטלעכטער ליד „דער טרוקענער ברונעם", האָב איך מיט דאנקבארקײַט א טראכט געטאָן: גוט, וואָס די לייענער זעען זי א שמייכלענדיקע. די געוועזענע קאצעטלערן פון דרײַ פאשיסטישע קאָנצלאגערן בײַס דער צײַטווײַליקער אָקופּאציע פון אוקראִינע דארף שמייכלען. אפצולאָכעס די פאשיסטן. אפצולאָכעס די נעאָפאשיסטן. אפצולאָכעס אלע

פראַניע לוזשאַנסקע (לינקס) אין דער יוגנט

סאָנים פון דער מענטשהײַט און פון שאָלעם אף דער וועלט!

ס'האָט מיך דערפרייט, ווען איך האָב זיך דערוווּסט, אַז קלאַרע פּעטשאַנסקע איז אַ קיִעַווער אײַנוווינערן.

קימאַט אין אַ האַלב יאָר אַרום האָב איך זיך ווידער באַגעגנט מיט איר נאָמען אף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אינעם אָפּטייל „עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן", האָט דער ראַט פונעם דאַרניצער פאָלקס־מוזיי — דער פאָרזיצער אַנע יוריעוונאַ אוסטינאָוואַ, די ראַט־מיטגלידער מ. פעלדמאַן, מ. זילבערשטיין, פּ. קאַן־יערשאָווע — לויט דער ביטע פון פיל לייענער מיטגעטיילט גענויער וועגן פּעטשאַנסקעס ביזמילכאָמעדיקן לעבן און וועגן איר אויסקומעניש אין די שרעקלעכע דרײַ פאַשיסטישע קאָנצלאַגערן, ווו זי האָט ניט בלויז געמוטשעט זיך, ווי אַלע אסירים, נאָר אויך געקעמפט.

איך האָב פאָרגענומען די געהעריקע שריט אַף צו באַקאַנען זיך מיט דער מוטיקער פרוי. ס'איז דורכגעגאַן אַ שטיקל צײַט, און אין איינעם אַ טאָג האָט בא אונדז אין שטוב זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן:

— איך בין קלאַרע פּעטשאַנסקעס אַ באַקאַנטע. זי איז איצט קראַנק. דערלויבט מיר קומען צו אײַך.

דערלאַנגענדיק מיר די האַנט, האָט קלאַרעס שאַליעך זיך פאָרגעשטעלט:

— פּערל קאַן־יערשאָווע. דעם 17 מאַרט איז פּעטשאַנסקעס געבורטסטאָג, — האָט פאָרגעזעצט די אַרײַנגעקומענע, — עס קלײַבן זיך בא איר צונויף אייניקע געוועזענע קאַצעטלער, אירע פרײַנט, וועלכע זײַנען באַשעפטיקט אינעם דאַרניצער פאָלקס־מוזיי. איר וועט קומען?

איך האָב באַדאַנקט פאַר דער אײַנלאַדונג, צוגעזאָגט אַרײַנקומען.

— איר ווילט איבערלייענען קלאַרעס אייניקע נײַע לידער?

מיט גרויס אינטערעס און האַנאָע האָב איך איבערגעלייענט די לידער, וועלכע עס האָט מיר דערלאַנגט פון איר טאַש די גרוי־אויגיקע, מילדע פרוי. די לידער האָב איך איבערגעדרוקט אף מײַן שרײַב־מאַשינקע (אײַנגיכן האָב איך זיי, אויך מיט אַ האַסקאָמע פונעם ראַט פון דעם דאַרניצער פאָלקס־מוזיי, דערזען אין „ביראָבידזשאַנער שטערן").

נאָכדעם ווי מײַן גאַסט האָט צוריק באַשטאַט די לידער אין איר טאַש, האָט זי גענומען דערציילן וועגן קלאַרע פּעטשאַנסקעס אויסקומעניש אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

— די קאַצעטלער אינעם דאַרניצער פאַשיסטישן לאַגער האָבן זי גערופן מאַמע. ווען אַ מענטש אינעם באַראַק פלעגט גויסען פון דיזענטעריע צי דיסטראָפיע און שעפּטשען: „מאַמע... מאַמע...", פלעגט זי טייקעף אויסוואַקסן לעבן אים, אַרופלייגן איר אויסגעדאַרטע קליינע האַנט אף יענעמס מיט שווייס באַגאָסענעם געלן שטערן, גלעטן זײַנע אומרײַנע, צונויפגעקלעפּטע, ווי פּאַקליע, האָר, זיך אָנבייגן נאָענט־נאָענט און זאָגן אים: „קינד מײַנס, איך בין דאָ... איך שטיי לעבן דיר... כ'בין דײַן מאַמע". זי איז דעמלט אַלט געווען דרײַ און פערציק יאָר, אָפּט ווייניקער, איידער די, וועמען זי האָט גערופן „זון מײַנער". דער שטאַרבנדיקער פלעגט פיבערדיק זוכן איר האַנט, קעדיי צוטוליען זי צו די פון ווייטעק צעביסענע ליפּן. טויזנטער קאַצעטלער האָט זי אין דער לעצטער רעגע פון זייער לעבן געזאָגט: „כ'בין דײַן מאַמע".

מאַמע האָבן זי אויך גערופן די, וועלכע האָבן געהאָפט בלײַבן לעבן, און די, וואָס זײַנען טאַקע לעבן געבליבן. זי פלעגט צונויפקלײַבן אף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער פאַרשיידענע שמאַטעס — צעפליקטע, צעריסענע, פאַרבלוטיקטע שינעלן, גימנאַסטיאָרקעס, וועש, און דאָס אַלץ אויסוואַשן. פון אייניקע אויסגעוואַשענע שמאַטעס האָט זי צונויפגעשטוקעוועט לענגעכיקע פּאַסן אף איבערבינדן די ווונדן, פון אַנדערע אופגענייט עפּעס ענלעכס אף וועש, ציכלעך, לײַלעכער.

מאַמע האָט מען זי גערופן אויך דערפאַר, ווײַל פאַרטאָג, אַרײַנקומענדיק אינעם באַראַק, וווּהין די וועכטער האָבן מוירע געהאַט גיין, ווײַל מע האָט געקאָנט זיך אָנשטעקן מיט דיזענטעריע, פלעגט זי גלײַך פון שוועל זאָגן:

— אַ גוטמאָרגן, כאַווײרים. די פאַשיסטן האָבן בא אונדז זייער אַ סאַך צוגענומען. אָבער אונדזער מענטשלעכע ווירדע, אונדזער כאַווערשאַפט, אונדזער פרײַנטשאַפט — זײַנען געבליבן מיט אונדז. איז — אַ גוטמאָרגן, כאַווײרים.

וואָס אַ מאָל, אַלץ מערער שטימען און אַלץ דרייסטער פלעגן ענטפערן:

— אַ גוטמאָרגן, כאַווערטע־מאַמע...

מיט קיין רעפּועס האָבן די פאַשיסטן ניט באַזאָרגט די כאַלאָיִם — אָבער דאָס וואָרט „כאַ־ווײרים" איז פאַר פיל קאַצעטלער געוויס געוואָרן אַ רעפּוע.

די באַלאַנדע — אָן אומריינע, לעבלעכע פלי־סיקײַט — פלעגט פאַנאַנדערפירן אַ קאַצעטלער. ער האָט געשטאַמט פון טיף רוסלאַנד, אַ קלו־גער, אַפילע אין לאַגער פאַרבליבן אַ פריילע־כער באָכער, איוואַן סטאַריקאָוו. אומעטום, וווּ ער פלעגט טרעפן קלאַרען, צי באַם וואַשן די שמאַטעס אין דער קאַליוזשע, צי אינעם באַראַק פון די כאַלאָיִם, אינעם פרויען־באַראַק, פלעגט ער שטענדיק, ווי אַ געשאַנק פאַר אירע מײַסים־טויווים, זי בעטן: „ניע פּאָמיראַי, גאָלובקאַ" (שטאַרב ניט, טײַבעלע). אין לאַגער האָט זי זיך אָנגערופן קלאַוודיאַ גאָלובקאָוואַ. אַגעוו, איז גאָלוב איר מיידלשע פאַמיליע. כאָטש די פאַשיסטן האָבן די פאַרוווּנדעטע און קראַנקע אסירים מיט קיין רעפּועס ניט באַוואָרנט, אָבער אינגאַנצן אָן רעפּועס זײַנען זיי ניט געבליבן. אין אַ דערבײַיִקן דאָרף, ניט ווײַט פון קיִעוו, האָבן פויערים אַרויסגעגראָבן, אונטער כורוועס פון אַ צעבאָמבירט הויז, אין וועלכן ס'איז ביז דער מילכאָמע געווען אַן אַפּטייק, פאַרשיידענע מעדיקאַמענטן, וואַטע, מאַרליע און געבראַכט צו טראָגן דעם אויצער צום שטעכדראָט פונעם דאַרניצער פאַשיסטישן קאָנצלאַגער. און אין איינעם אַ טאָג האָט איוואַן סטאַריקאָוו כוץ דער באַלאַנדע איבערגעגעבן דעם פעלדשער, אויך אַ סאָוועטישן קריגסגעפאַנגענעם, די מעדיקאַ־מענטן.

בײַס די פּערציקגראַדוסדיקע פראָסט האָבן די פאַשיסטן צוגעטראַכט אַזאַ אַכזאָריעס: צו די לאַסטמאַשינעס, פון פאָרנט און פון ביידע זײַטן, האָבן זיי צוגעשמידט גראָבע אײַזערנע פּרענ־טעס, אײַנגעשפּאַנט צו צוועלף קריגסגעפאַנגע־נע, וועלכע האָבן, האַלטנדיק די פּרענטעס, גע־שלעפּט די לאַסטמאַשינעס. ווער פון די אסירים עס פלעגט אומפאַלן צי אין אָנמאַכט אָפּלאָזן די פּרענטעס, האָט מען יענע גלײַך אָפן אָרט גע־טייט. די, וואָס זײַנען ניט אומגעפאַלן, ווע‌מען די פיס האָבן נאָך געהאַלטן, פלעגן ניט קאָנען אָפּרײַסן פון די אָנגעגליטע פון פראָסט פּרענ־טעס זייערע הענט.

„וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?" — האָט געטראַכט די מאַמע און צוגעטראַכט: פון אַ צע־פּליקטער שינעל האָט זי אויפגענייט הענטשקעס און איבערגעגעבן זיי מיט איוואַן סטאַריקאָוון פאַר די אסירים — אין די הענטשקעס וועלן כאָטש די הענט ניט צופרירן צום אײַזן.

— ניע פּאָמיראַי, גאָלובקאַ, — האָט ער איר ווידער אָנגעזאָגט.

באַטאָג און באַנאַכט, באַנאַכט און באַטאָג האָט די מאַמע געניייט הענטשקעס.

אַ נאָמען פירט מען מיט זיך מיט. קלאַרע פעשטשאַנסקע האָט דעם נאָמען מאַמע געבראַכט מיט זיך אינעם סלאַוווּטער לאַגער פאַר די סאָ־וועטישע קריגסגעפאַנגענע, וווהין די פאַשיסטן האָבן זי אַריבערגעפירט נאָך דער ליקווידאַציע פונעם דאַרניצער לאַגער. צווישן פיל אירע נײַע קינדער האָט זיך צו איר געטוליעט אַ שוואַרץ־כײַנעוודיק מיידל, עטערי.

אינגיכן האָט עטערי געזאָגט דער מאַמען, אַז זי גרייט זיך אַנטלויפן. אין עטלעכע טעג אַרום, שפּעט אין אָוונט, האָט זי אײַנגערוימט אָפן אויער קלאַרען:

— הײַנט באַנאַכט לויף איך. פאַרגעדענק, מאַמע, מײַן אַדרעס: טביליסי, צערעטעלי־גאַס, נומער 8, איך הייס טאַמאַרע ליסיציאַן. אַז אונ־זערע וועלן צעקלאַפּן די פאַשיסטן, שרײַב אָן צו די מײַניקע אַ בריוו. דערצייל זיי וועגן מיר.

אין יאַנוואַר 1944, ווי נאָך קלאַרע האָט זיך אומגעקערט אינעם באַפרײַטן קיִעוו, האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו קיין טביליסי. זי האָט באַ־קומען צוויי ענטפערס: פון טביליסי האָט מען איר געגעבן צו וויסן, אַז טאַמאַרע ניקאָלײַעוונע איז געזונט און אַרבעט אַלס רעזשיסער אָפן „מאָספילם". פון מאָסקווע האָט זיך אָנגערופן טאַמאַרע אַליין. איצט קומט אָפט דער רעזשיסער טאַמאַרע ליסיציאַן צו פאָרן קיין קיִעוו, באַזוכט די מאַמע ווי אַ געטרײַע טאָכטער.

אַ פרײַער אָוונט האָט שוין פון לאַנג אַרײַנ־געקוקט אינעם צימער, פאַרטונקלט די ווײַטע ווינקלען זײַנע, אײַנגעשלונגען די קאָנטורן פּר־נעם מעבל. איך האָב ניט אָנגעצונדן די שײַן, ניט געוואָלט צעשטערן די ביינהאַשמאָשעסדיקע געמיטלעכקײַט. מיר האָבן פאַרגעזעצט שמועסן, געשמועסט, ווי אַלטע, גוטע באַקאַנטע. אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, איז אונדז ביידן געווען נאָענט, אייגן, טײַער.

קלאַרע פעשטשאַנסקעס שאַליך, די עט־לעכע־און־זעכציקיאָריקע פערל קאָן איז גע־בוירן געוואָרן אין וואַרשע, אין אַ מישפּאָכע פון אַ גאַרבער. צו נײַן יאָר איז זי אוועק אַרבעטן אין אַ נײַ־וואַרשטאַט. זי איז אָבער דאָרט אינעם נײַ־וואַרשטאַט געווען ניט אַזוי באַשעפטיקט מיט שנײַדערײַ, ווי מיט ניאַנטשען דער באַלעבאָסטעס קינד.

ניט זעלטן, ווען די באַלעבאָסטע פלעגט ער־געץ אוועקגיין, האָבן די נייטערקעס געבעטן פערעלען, זי זאָל „שפּילן טעאַטער". זי האָט נאָכגעמאַכט זייערע קונדן, די רײַכע, קאַפּריזע דאַמען, באַוויזן דאָס געשטאַלט פון דער באַלע־

באָסטע. א סאַך פרייד האָט פּערעלע פאַרשאַפט די פאַרהאַרעוועטע נייטערקעס מיט אירע אימ־פּראָוויזירטע אָרויסטרעטונגען. צו צוועלף יאָר האָט זי שוין אָנטיילגענומען אין א זעלבסטע־טיק דראַמאַטיש קרײַזל. אין א צײַט אַרום האָט זי אַפילו אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אינעם באַ־רימטן וואַרשעווער ליטעראַטן־הויז אויף דער טלאָמאַצקי־גאַס, 13. זי פלעגט נעמען אָנטייל אין אײַנאַקטערס, דעקלאַמירן די לידער פון מאָריס ווינטשעווסקי, אַווראָם רייזען, מאַני לייב. באַזונדערס צום האַרצן זײַנען איר געווען יצחק־לייבוש פּרעצעס ווערק.

איינמאָל — איר איז שוין דאַן געגאַנגען דאָס זעכצנטע יאָר — איז צו איר אין ליטעראַטן־הויז צוגעגאַנגען א מענטש, וועלכן זי האָט גע־זען צום ערשטן מאָל, און געזאָגט:

— אויב דו וועסט זיך לערנען, וועסטו זײַן אַן אַקטריסע. און לערנען וועסטו האָבן א מעג־לעכקײַט בלויז אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד. איך בין פּערעץ מאַרקיש.

זי איז געבליבן שטיין א מעוווּלוועלע. פּע־רעץ מאַרקיש, וועמענס לידער זי האָט גע־לייענט און זיי זײַנען איר אַזוי געפעלן גע־וואָרן, האָט גלײַך געטראָפן, וועגן וואָס זי טרוימט! פונעם 1924־טן יאָר שרײַבט זי זיך איבער מיטן שנײַדער־יונג דזשאַמאַנטן, אַן אָנ־טיילנעמער פון זייער דראַמאַטישן קרײַז, וועל־כער איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד. דזשאַמאַנט איז דאָרט אָנגעקומען זיך לערנען אינעם קיִע־ווער ייִדישן פּעדטעכניקום און מיט דער צײַט געוואָרן דער אָנפירער פונעם זעלבסטעטיקן דראַמאַטישן קאָלעקטיוו „מעשולאכעס״ (פיל פון די אָנטיילנעמער פונעם דאָזיקן דראַמקרײַז זײַ־נען נאָכדעם געוואָרן ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן).

...דער צוג „וואַרשע—אָסטראָג״ האָט זי גע־בראַכט צו דער גרענעץ. זי האָט צוגעוואַרט, ביז עס איז געוואָרן נאַכט, און זיך געלאָזט אין וועג. בעשאָלעם אַריבער די גרענעץ, איז זי ביז שעפּעטאָווקע געגאַנגען צופוס. אין שעפּעטאָוו־קע האָט זי זיך אַרײַנגעזעצט אין צוג און געקו־מען צו פאָרן קיין קיִעוו. זי איז גלײַך אַוועק אינעם ייִדישן פּעדטעכניקום, אָפּגעזוכט דזשאַ־מאַנטן. ער האָט זי באַקאַנט מיט זײַנע נײַע כאַווײרים. די מיידלעך האָבן זי גלײַך באַוואָרנט מיט אַלעם נייטיקן אויף דער ערשטער צײַט. אין צוויי כאָדאָשים אַרום האָט זי באַקומען אַן אַפּי־ציִעלע דערלויבעניש פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען פאָרן קיין מאָסקווע זיך לערנען אין דער טעאַטראַלער סטודיע.

נאָכן פאַרענדיקן די סטודיע האָט זי עטלעכע יאָר געאַרבעט אין מינסק, אינעם ייִדישן מעלו־כע־טעאַטער. ווי א שוישפּילערן מיט פּײַיקייטן פון רעזשיסור, האָט מען זי געשיקט זיך לער־נען אינעם אַלפאַרבאַנדישן אינסטיטוט פאַר קי־נעמאַטאָגראַפיע.

בייס די קאָניקולן האָט פּערל געאַרבעט אין דער קינאָסטודיע „בעלאַרוספילם״. אין א פילם וועגן בירגערקריג האָט אָנטיילגענומען א מי־ליטערישע טייל. איינעם מיט די רויטאַרמייער איז געקומען דער קאָמאַנדיר זייערער וויקטאָר יערשאָוו. ער איז געוואָרן פּערלס מאַן. נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט איז זי געווען א רע־זשיסער אין דער מאָסקווער סטודיע פון וויסנ־שאַפטלעך־פּאָפּולערע פילמען. דערנאָך האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע...

אין מאָסקווע, אינעם מוזיי פון דער רויטער אַרמיי, שטייט די שווערע האַוביצע נומ. 3922, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעקריצט: „פאַלקאָווניק יערשאָוו״.

פּערלס מאַן וויקטאָר יערשאָוו איז געווען קאָמאַנדיר פון דער רומפולער 142־טער ברי־גאַדע, א העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. אַלע יאָר, אינעם טאָג פון זיג, קלײַבן זיך צונויף די יער־שאָוועס לעבן זייער האַוביצע. אויף דער באַגע־געניש קומט צו פאָרן פון קיִעוו פּערל קאָן־יערשאָווע, דעם פאַלקאָווניקס אַלמאָנע, מיטן זון יורע — א קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנ־שאַפטן, מיטן אייניקל איגאָר.

— איר ווייסט וואָס, — איז אײַנגעפאַלן קאָן־יערשאָווען א געדאַנק, — לאָמיר אײַך אײַנ־קורצן דערציילן וועגן די געסט, מיט וועלכע איר וועט מאָרגן זיצן בײַ איין טיש. אינעם דאָ־זיקן טאָג קומען מיר זיך צונויף אַלע יאָר ניט־געבעטענערהייט, ווי גאָר נאָענטע מענטשן. איי־ניקע געסט פאַרקאָטשען די אַרבל און גרייטן אײַניינעם מיט דער באַלעבאָסטע דעם קיבעד.

אַנע אויסטינאָווא, דער פאַרזיצער פונעם ראָט פון דעם דאַרניצער פאָלקס־מוזיי, האָט אין 1921 יאָר געאַרבעט אין א לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע, דערנאָך אין א שאַכטע, אויף א וועבער־פאַבריק. אויפן יענאַקיִעווער זאַוואָד איז זי געווען רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „פאַר מעטאַל״. נאָך דער מילכאָמע — טעטיק אין אויפשטעלן אונטערנעמונגען פון דער לײַכטער אינדוסטריע.

צו קלאַרעס געבורטסטאָג וועט אויך קומען גאַלינע מאַטוזאָווא, וואָס שטאַמט פון אַן אָרע־מער ייִדישער מישפּאָכע. דער טאַטע איז גע־ווען א גלעזער. א שטיק צײַט איז זי צוזאַמען מיט קלאַרען געווען אינעם דאַרניצער קאָנצלאַ־גער, דערנאָך האָט מען זי אַריבערגעפירט אין ראַווענסבריק. דאָרט איז זי געווען א בעדערן. אין לאַגער האָט מאַטוזאָווא זיך דערוווּסט, אַז אין איינעם פון די בלאָקן געפינט זיך ראָזע טעלמאַן — ערנסט טעלמאַנס פרוי, און אין א צווייטן — די טאָכטער אירמע. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן ניט געוווּסט איינע וועגן

אפן מיטינג באם דארניצער מעמאריאל. קלארע פעשטשאנסקע (פינפטע פון לינקס), זינאידע זילבערשטיין
(פערטע פון רעכטס)

דער אנדערער. מאטוזאָװאַ האָט זיי אײַנגע־
אָרדנט א באַגעגעניש — אַף א גאַנצער נאַכט
פאַרשפּאַרט זיי אין דער ראַװענסבריוקער באַד.
אין די זעכציקער יאָרן האָט אירמע טעלמאַן
אײַנגעלאַדן קיין בערלין מאַטוזאָװען, און אין
1971 איז טעלמאַנס טאָכטער געקומען קיין
קיִעװ. עס האָבן זיך װידער באַגעגנט צװיי גע־
װעזענע קאַצעטלערנס פונעם ראַװענסבריוקער
פאַשיסטישן גענעם — די טאָכטער פונעם אומ־
געקומענעם פירער פון דער דײַטשישער קאָמו־
ניסטישער פּאַרטיי און די טאָכטער פונעם קאַ־
זעלעצער ייִדישן גלעזער, באַגעגנט האָבן זיי
זיך װי שװעסטער.

און נאָך א געהויבענעם און טײַערן גאַסט
האָט געהאַט גאַלינע מאַטוזאָװאַ — די געװע־
זענע קאַצעטלערין פונעם ראַװענסבריוקער לאַ־
גער מאַרטאַ דעריוּמאַ, איצט מיטגליד פון פּאָ־
ליטביוראָ פון דער פראַנצויזישער קאָמוניסטי־
שער פּאַרטיי. אין 1973, זײַענדיק צוגאַסט אין
סאָװעטנפאַרבאַנד, איז זי אַף עטלעכע טעג גע־
קומען קיין קיִעװ, קעדיי זיך זען מיט גאַלינע
מאַטוזאָװאַ.

ס'װעט קומען צו קלאַרען פראַניע לוזשאַנ־
סקע. פראַניע איז געװאָרן א מיטגליד פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי עטלעכע שאָ פאַר דעם,
װי עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אָקטיאַ־
בער־רעװאָליוציע. אינעם דאָזיקן היסטאָרישן
טאָג האָט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פונעם קיִע־
װער זאַװאָד „אַרסענאַל" אַרײַנגענומען די
פערצניאָריקע פראַניע לוזשאַנסקע אין אירע
רייען...

איך האָב ליב סימכעס, איך האָב ליב פּראַ־
װען יאָמטויװים באַ זיך אין שטוב און האָב
ליב זײַן א גאַסט באַ פרײַנט אַף סימכעס. װען
איך בין אָבער געגאַנגען צו קלאַרע פעשטשאַנס־
קען אַף דער פײַערונג פון איר געבורטסטאָג,
האָט צום פרײדיקן פאָרגעפיל פון פײַערלעכ־
קײַט, דערהויבנקײַט זיך צוגעמישט א געפיל
אויך פון אָנשטרענגונג, מאַכמעס פּערזענלעך
בין איך ניט באַקאַנט ניט מיט דער באַלעבאָ־
סטע, ניט מיט די געסט. כאָץ דעם, האָבן אומ־
געריכט אין מויעך אופגעלעבט שורעס, װאָס
פלעגן אין מײַן פרײַער יוגנט מיך אָפּט רעגן.
דאָס זײַנען געװען לידער פון דיכטער, װעלכע
האָבן די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע באַגעגנט
אינעם עלטער פון זיבן־אַכט יאָר, און האָבן
נאָכדעם אופריכטיק באַדויערט, װאָס זיי זײַנען,
„װי קעסטקינדער, געקומענע צום גרייטן".

קיינער פון יענע דיכטער איז דערנאָך באַם
לעבן ניט געװען קיין „קעסטקינד". יעדער איי־
נער פון זיי האָט זיך געטרײַ געמיט דאָרט, װוּ־
הין דאָס לעבן האָט אים געשטעלט. און װען
ס'האָט אויסגעבראָכן די גרויזאַמע מילכאָמע
קעגן די פאַשיסטן, האָט ניט איינער פון יענע
„קעסטקינדער" אָפּגעגעבן זײַן אייגן לעבן,
פּאַרטיידיקנדיק אונדזער היימלאַנד. עפּעס ענ־
לעכס צום געפיל פון א „קעסטקינד" האָב איך
אומגעריכט, מיט גאָר א היפשער פאַרשפּעטי־
קונג דערפילט, גייענדיק אַף דער באַגעגעניש
מיט די אַלטע באָלשעװיקעס.

װי װעלנדיק פאַרטרײַבן דעם דאָזיקן געפיל,
האָב איך זיך אַליין געפרעגט:

אינטערעסאַנט, צי װעל איך דערקענען, װער
פון קלאַרע פעשטשאַנסקעס געסט איז באַם
אָנהייב פונעם לעבנסװעג געװען אַן אונטער־
ערדלערן, אַן אויסשפּירערן, און בייס דער גרוי־
סער פאָטערלענדישער מילכאָמע א קאָמיסאַר
פון א האָספּיטאַל? צי װעל איך דערקענען, װער
פון זיי איז פראַניע לוזשאַנסקע, װאָס האָט גע־
האַט צװיי בלאָנדע, לאַנגע צעפּ, און װעלכע
ס'איז פאַרפלאָכטן געװען א סטענגע, און אַף
דער סטענגע איז געװען אָנגעשריבן א װיכטי־

קע יעדיע וועגן דער לאַגע פונעם קעמפנדיקן אַטריאַד אַרסענאַלצעס אַף דער סלאָבאָדקע; דער סוינע האָט אַ גאַנצע נאַכט געהאַגלט מיט פײַער איבער דער סלאָבאָדקע — אַ קיִעווער פאַרשטאָט הינטער דאַרניצע, — די פאַרבינדונג מיטן שטאַב פון „אַרסענאַל" האָט זיך איבער־געריסן, מע האָט געדאַרפט צו וויסן געבן אין שטאַב וועגן דער לאַגע, און אין דער דאָזיקער שליכעס האָט מען געשיקט פראַניע לוזשאַנסקע; אַזױוי זי האָט מוירע געהאַט, אַז זי וועט ניט פאַרגעדענקען אַלץ, וואָס מע האָט געדאַרפט דערציילן אין שטאַב, האָט מען עס אויפגעשריבן אַף דער סטענגע, מיט וועלכער ס'זײַנען געווען פאַרבונדן אירע צעפּ.

פון אַלע געסט, מיט וועמען כ'וועל זיך באַלד טרעפן, האָב איך געקענט בלויז פּערל קאַן־יערשאָווען. עמעס, אויך קלאַרע פעשטשאַנס־קען, האָב איך זיך אַליין באַרויִקט, וועל איך געוויס דערקענען לויט דער פאָטאָגראַפיע אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

ס'איז אָבער פאָרגעקומען ניט אַזוי, ווי כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט. ניט באַוויזן נאָך עפּענען די טיר, האָב איך דערהערט פּערלס שטים:

— באַקאַנט זיך, כאַווײרים...

און כ'האָב זיך גלײַך דערפילט ווי אַן איי־גענע צווישן אייגענע. אַנטקעגן מיר איז געזעסן די באַלעבאָסטע אַ שמייכלענדיקע, ווי אַף דער פאָטאָגראַפיע.

ס'איז אויפגעשטאַנען אוסטינאָווא, ניט קיין הויכע דאַרלעכע פרוי, און זיך געווענדט צו אַ מיטלוועקסיקער פרוי מיט אַן עטוואָס געהויר־קערטער פּלייצע, ווי באַ אַ מענטשן, וואָס האָט לעבנלאַנג געשלעפּט שווערע מאַסעס:

— פראַניע, דערצייל אונדז, ווי מע האָט דיך איבערגעלאָזט אין דער באָלשעוויסטישער אונטערערד נאָך דעם, ווי אונדזער אויפשטאַנד אין אָקטיאַבער 1917 איז דערשטיקט געוואָרן. דערצייל, ווי דו ביסט לויט דער פאַרגעבונג פון דער פּאַרטיי אוועק אַרבעטן אין אַ נײַ־וואַר־שטאַט אַף דער ניקאָלסקער סלאָבאָדקע. און גיין אַהין האָט מען געדאַרפט דורך אַ בריק, וועלכע די פּעטליוראָווצעס האָבן באַוואַכט. פאַרגעס ניט דערציילן, אַז אײַער וואַרשטאַט פלעגט זיך פאַרנעמען מיט רעמאָנטירן די סאָלדאַטישע מאַלבושים, און אַן אַלטער אַרבעטער יאַקאָוו־לעוו פלעגט דיר ברענגען באָלשעוויסטישע פלוגבלעטלעך, און דו פלעגסט זיי אַרײַנלייגן בישטיקע אין די קעשענעס פון די שינעלן, גימ־נאַסטיאָרקעס, הויזן, וועלכע מע פלעגט אָפּ־שיקן אַפן פראָנט.

— וואָס זשע זאָל איך דערציילן, אַז דו אַליין האָסט שוין אַלץ דערציילט? — האָט גע־שמייכלט פראַניע.

— ווי:אַזוי האָסטו געזען און געהערט לעני־נען?

פראַניע לוזשאַנסקע איז אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן פײַערלעך צו ריידן:

— אינעם 1919, ווען דעניקין האָט צײַט־ווײַליק פאַרנומען קיִעוו, זײַנען מיר, אַ גרויסע גרופּע קאָמוניסטן, געפאָרן קיין מאָסקווע, וווּ עס האָבן זיך פאָרמירט פרײַוויליקע מיליטערי־שע טיילן, קעדיי אָנטיילצונעמען אין די שלאַכטן קעגן די סאָנים פון דער ראַטן־רעפּו־בליק. מײַן קאָמאַנדירונג, וואָס כ'האָב דעמלט באַקומען, איז איצט עקספּאָנירט אינעם דאַרני־צער פאָלקס־מוזיי. פון קיִעוו ביז מאָסקווע האָט דער וועג געדויערט אַ פּאָר וואָכן. געקומען קיין מאָסקווע, זײַנען מיר אוועק אין רעוואָלוציאָ־נערן מיליטערישן ראַט. אַלעמען פון אונדזער גרופּע האָט מען פאַרשריבן אין אָטריאַד, און מיר האָט מען געזאָגט:

— ביסט צו יונג. אַפן פראָנט קאָנען מיר דיך ניט נעמען. מירן דיך שיקן זיך לערנען.

וויפל כ'האָב זיך ניט געבעטן, וויפל די כאַ־ווײרים האָבן זיך ניט אײַנגעשטעלט פאַר מיר — עס האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. קעדיי מיך באַרויִקן, האָט מען מיר געזאָגט:

— דעם 16 אָקטיאַבער פיר אַזייגער באַטאָג וועסטו קאָנען הערן לענינען. באַם סאָווודעפּ וועט זײַן אַ מיטינג...

איך בין געקומען נאָך פאַר דער אָנגע־מערקטער צײַט. עס האָבן אָנגעהויבן גיין קאָ־לאָנעס פרײַוויליקע און מאָביליזירטע אַרבע־טער־קאָמוניסטן. איך בין אַרײַן אין אַ קאָלאָנע, וווּ עס זײַנען געגאַנגען יונגע פרויען, און מיט זיי אינאיינעם שטיין געבליבן אַנטקעגן דעם הויז פון סאָוודעפּ. אינגיכן האָט אַפן באַלקאָן זיך באַוויזן לענין. מיר האָבן אָנגעהויבן שטאַרק אַפּלאָדירן, דערנאָך איז געוואָרן שטיל, און לענין האָט אָנגעהויבן ריידן. געזאָגט האָט ער פּראָסטע, פאַרשטענדלעכע ווערטער, וועלכע איך האָב פאַרגעדענקט אַפן גאַנצן לעבן:

— כאַווײרים, פון די צײַטונגען ווייסט איר, סאַראַ גרויסע געפאַר עס דראָעט אונדזער לאַנד. עס גייען אַף אונדז דעניקין און יודעניטש. נאָר דער באַוווּסזיניקער פּראָלעטאַריאַט און דאָס האָרעפּאַשנע פּויערטום וועלן פאַרטיידיקן די דעראָבערונגען פון דער סאָוועטנמאַכט... מיר וועלן זיגן.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געזען לענינען דעם 7 נאָיאַבער 1919 אַפן רויטן פּלאַץ. איך בין שוין דאַן געווען אַ קורסאַנטקע פון אַ מי־ליטערישער שול און אָנטיילגענומען אינעם פּאַ־ראַד לעקאָוועד דעם צווייייאָריקן יובילײ פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. לענין איז געשטאַנען אַף אַ טריבונע און באַגריסט די דעמאָנסטראַנטן. איך בין דורכגעגאַנגען ניט ווײַט פון דער טרי־

בונע און געזען ווי לענין שמייכלט און באַגריסט אונדז מיט אַן אופגעהויבענער האַנט.

...שפּעט אין אָוונט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער גאַסטפרײַנטלעכער באַלעבאָסטע.

פאַר מיר האָט זיך דער יאָמטעוו ניט געענדיקט. כ'האָב אים מיטגענומען מיט זיך, ער האָט געוואוימלט אין מײַן האַרצן, געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן, געוועקט געדאַנקען און געפילן. עס לעבן צווישן אונדז באַיאָרטע פרויען, וועלכע טיילן זיך אויסערלעך מיט גאָרנישט ניט אויס פון אַנדערע, זיי קומען אונדז אָן אַנטקעגן, יאָגן אונדז אַריבער, גייען ערגעץ באַ דער זײַט, און מיר וויסן ניט, וואָס זיי האָבן אופגעטאָן אין לעבן, אַז זיי האָבן געטאָן אַלץ, קעדיי דאָס לעבן אַרום אונדז זאָל זײַן אָט אַזאַ, ווי עס איז, און מיט דער צײַט זאָל עס ווערן נאָך שענער.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געשטאַנען לעבן אַ מויער, צו וועלכן עס איז צוגעפעסטיקט אַ מעטאַלענע שילד: „דאַרניצער פאָלקס־מוזיי“. כ'האָב געעפנט די טיר און דערזען פאַר זיך קאָן־יערשאָווען, וועלכע האָט דערציילט עפּעס די עקסקורסאַנטן.

ס'איז גרויס דער דאַרניצער פאָלקס־מוזיי, רײַך מיט עקספּאָנאַטן, און וויפל זאָלסט ניט שטיין באַ די סטענדן, וועסטו אַלעמאָל געפינען פאַר זיך עפּעס נײַס. אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט מיר. כ'האָב באַמערקט אַף אַ סטענד אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן אַרטילעריע־הילזע מיט אַן אופשריפט: „אַ בריוו צו די קומענדיקע דורות. איבערלייענען אין 100 יאָר אַרום“. עטוואָס נידעריקער איז געווען אַ דערקלערונג: די אַרטילעריע־הילזע האָט מען געפונען אינעם דאַרניצער וואַלד נאָך דער באַפרײַונג פון קיִעוו.

דעם 7 מײַ 1967 האָט דער פאָרזיצער פונעם דאַרניצער ראַיויספּירקאָם איינעם מיט אַ גרופּע קאָמיוגיסטן און פּיִאָנערן פון דאַרניצער און דנעפּראָווער ראַיאָנען באַהאַלטן אינעם סקווער פון זיג, צופוסנס דעם קורגאַן פון אומשטערבלעכקײַט, אָט דעם ניט געוויינלעכן בריוו.

דער סקווער געפינט זיך ניט ווײַט פונעם מוזיי. ער איז אַ יונגער, ייִנגער פונעם מוזיי. אַ יונגער איז אויך דער קורגאַן פון אומשטערבלעכקײַט. די ערד פאַרן קורגאַן האָבן מילכאָמע־וועטעראַנען געבראַכט אַהער פון אונדזערע העלדן־שטעט. עס האָט זיך אין אים אויסגעמישט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין אַ מאָנאָליט די ערד פון לענינגראַד און סעוואַסטאָפּאָל, אָדעס און נאָוואָראָסיִיסק, קערטש און קיִעוו... אינעם הייליקן קורגאַן איז אָנגעשאָטן ערד פון קוואָרים, וווּ עס האָבן געפונען זייער אייביקע רו די אומשטערבלעכע העלדן אונדזערע — זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקע, אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָוו, וויקטאָר טאַלאַליכין, און ערד פון ברידער־קוואָרים, אין וועלכע עס שלאָפן מיט אַן אייביקן שלאָף סאָוועטישע זעלנער.

שטייענדיק באַם קורגאַן פון אומשטערבלעכקײַט, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַ ווײַטן טאָג פונעם 7 מײַ 2067 יאָר. באַ דעם דאָזיקן, אַצינד נאָך יונגן קורגאַן, וועלן זיך פאַרזאַמלען יאָמטעוודיק־אויסגעפּוצטע מענטשן, הײַנט־צו־טאָג נאָך ניט קיין געבוירענע, אָדער אַזעלכע, וועמען די מאַמעס פירן נאָך אין די וויגעלעך. די כאָשעווסטע פון זיי וועלן מיט שטילע טריט צוגיין צום קורגאַן, צעגראָבן באַ זײַן צופוסנס די ערד, אַרויסבאַקומען די הילזע, דערלאַנגען דעם בריוו, און איינער פון זיי וועט אַרוף אַף אַן אימפּראָוויזירטער טריבונע, אויסגלײַכן דעם בויגן פּאַפּיר און אָנהייבן לייענען.

איך שטעל זיך פאָר, ווי אופמערקזאַם, פאַרטײַענדיק דעם אָטעם, וועט מען אופכאַפּן יעדן קלאַנג, זיך צוהערן צו יעדעס וואָרט, וואָס וועט אַרויסגעבראַכט ווערן אין יענעם קינפטיקן, ווײַטן, בעלי־סאָפּעק שיינעם מײַ־טאָג. אין אַ טאָג, ווען ביימער וועלן זײַן באַדעקט מיט צוויט, ס'וועלן גרינען יונגע גראָזן, און דער הימל וועט זײַן אַ ליכטיק־בלויער.

איך האָב אַ באַקאָשע צו די לייענער פון דער דאָזיקער פאַרצייכענונג: ווי אַן עסטאַפעטע גיט איבער אײַערע אייניקלעך און אוריינקלעך, און זיי זאָלן איבערגעבן זייערע קינדער, אַז דעם 7 מײַ פונעם 2067 יאָר — וווּ זיי וועלן אין יענעם טאָג ניט זײַן, זאָלן זיי אומבאַדינגט קומען קיין קיִעוו און אינעם פּאַרק פון ניצאָכן בלײַבן שטיין באַם קורגאַן פון אומשטערבלעכקײַט, קעדיי אויסהערן אונדזער בריוו, זיי זאָלן וויסן, ווי־אַזוי מיר האָבן געלעבט, וואָס מיר האָבן געטאָן, וואָס האָט אונדז געפרייט, וואָס האָט אונדז באַאומרויִקט, וואָס מיר ווינטשן און וואָס מיר פאַרלאַנגען פון די לייענער פון אונדזער בריוו, פון די קומענדיקע דורעס. און זאָלן זיי, איבערלייענענדיק אונדזער בריוו, אויך אָנשרײַבן אַפן אָרט אַ בריוו, וואָס זאָל אויך אַ יאָרהונדערט וואַרטן אַפן אַדרעסאַט. זאָל עס זײַן אויך אַ גליקלעכער בריוו, און זאָל ניט איבערגעריסן ווערן די דאָזיקע דורעסדיקע פּאָטשט. אָבער פאַרכאַסמעט זאָלן שוין זײַן די ווײַטערדיקע בריוו ניט אין קיין אַרטילעריע־הילזעס...

הירש רעלעס

וואָלאָזשינער בילדלעך

אין רעסטאָראַן

פון מינסק קיין וואָלאָזשין איז צוויי שאָ פאָרן מיטן אויטאָבוס, אַראָפּ־באַרג, אין דער נידער, ווו עס לויטערט א געדיכטער ווײַסער נעפּל, — דעם שאָפער קומט אויס דאָ אפילו אײַנשליסן די פאַרעס, און באַרג־אַרויף, ווו וואָס העכער, ווערט אלץ לויטערער און לויטערער, ביז דו דערזעסט אין העל־בלויען הימל די ליכטיקע זון.

דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ בא א גרינ־נער געבײַדע מיט א גרויסער שילד. דאָס איז די סטאַנציע. לעבן איר איז אויסגעראַבן א היפּשער קאָטלאָוואַן — מע פאַרלייגט א פונדאַ־מענט פאַר א נײַעם אויטאָ־וואָקזאַל. מע זעט אַרום־און־אַרום בעטאָנענע ראַמען, פּאַנעלן, שטיינער, ציגל און אנדערע בוי־מאַטעריאַלן.

— א האָטעל איז בא אײַך פאַראַן? — טו איך א פרעג אן אומבאַקאַנטן פאַרשוין אין א רעגנמאַנטל.

— די איינציקע אכסאַניע שטייט אַף יענער זײַט באַרג. הייבט זיך אויף אַף אים, וועט זיך פאַר אײַך אַנטפּלעקן די גאַנצע שטאָט.

אָפּגעזוכט די אכסאַניע, האָב איך דאָרט באַ־קומען א באַזונדער צימערל, און אָט איז שוין פאַרנאַכט, און איך שפּאַציר איבער די שמאָלינ־קע זײַטיקע געסלעך, וואָס ציִען זיך אויך באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ.

אין צענטער שטאָט, ניט ווײַט פונעם אוני־ווערמאַג, וואַרפט זיך אין די אויגן א לאַנגע צווייִשטאָקיקע ווײַסע געבײַדע. באַם אַרײַנ־גאַנג — א שילד: „רעסטאָראַן". א ברייט הילצערן בריקל פירט צום צווייטן שטאָק, צום ערשטן, ווו ס'איז א סקלאַד פון פּראָדוקטן, קאָן מען טרעפן דורך א זײַטיק געסל, — עפּעס א מאָדנע געבײַ! דערפאַר אָבער איז אינווייניק דער רעסטאָראַן אויסגעפּורעמט לויט דער לעצ־טער מאָדע. ניט ערגער, ווי אין א גרויסער שטאָט.

איך פאַרנעם אן אָרט בא א פאָדערשט טישל, קעדיי ניט זײַן אָפּגעזונדערט פון איבע־ריקן עולם.

קעגנאיבער, בא א טישל, אָנגעשטעלט מיט ווײַן און פאַרבײַסעכץ, זיצן צוויי שוין ניט יונ־גע פאַרשוינען: אײנער מיט א גראָוו שפּיציק בערדל, דער צווייטער — ריין ראַזירט. זיי פירן א היציקן שמועס, דער ראַזירטער איז מיר עפּעס באַקאַנט, נאָר איך קאָן זיך ניט דערמאָנ־נען, ווו ס'איז מיר אויסגעקומען זיך טרעפן מיט אים. ניט אַנדערש, א מינסקער און געפינט זיך דאָ אין א קאָמאַנדירונג. איך ווענדע זיך צו אים:

— עפּעס זײַט איר מיר זייער באַקאַנט.

— א גוטנאַוונט! — ענטפערט ער, — געוויס זײַנען מיר באַקאַנט! ביטע אין אונדזער קאָמ־פּאַניע, וועט איר פאַרגרינגערן די לאַגע פון מײַן כאַווער, וואָרעם אים קומט אויס צו האַ־רעווען סײַ פאַר זיך, סײַ טײַלוויַז פאַר מיר. איך בין, ניט פאַר אײַך געדאַכט, א שוואַכער טרינקער.

— אויב אַזוי, זײַנען מיר א גלײַכע פּאָר.

איך זעץ זיך צו און נעם באַטראַכטן די מעניו.

דער בערדיקער קוקט אַף מיר אויפמערק־זאַם:

— אַבראַשע, — ווענדט ער זיך צום כאַ־ווער, — פונוואַנען קענסטו זיי?

— דאָס וועלן זיי אליין דיר זאָגן, — ענט־
פערט אבראשע.

און דאָ טוט מיר א בליץ אין געדאנק, אז ס'איז דאָך דער מענטש אינעם רעגנמאנטל, מיט וועלכן איך האָב זיך הײַנט אינדערפרי גע־טראָפן אָף דער סטאנציע.

— א מאָדנע קאָנסטרוקציע פונעם היגן רעסטאָראן, — זאָג איך, — א גרויסער קאָנט־ראסט צווישן אינערלעכן און אויסערלעכן אויסזען...

— וואָס שײַעך דער געבײַדע, — דערקלערט מיר דער בערדיקער, — איז עס א גאנצע גע־שיכטע. די דאָזיקע ווענט האָבן געהערט ביא־ליקן און אנדערע ייִדישע שרײַבער.

— סיאָמע, וואָס דרייסטו זיי א קאָפּ? — שלאָגט איבער אבראשע, — פונוואנען ווייסן זיי, ווער ביאליק איז!

— זיי ווייסן, מעגסט זײַן רויִק, — ענטפערט סיאָמע הארטלעך.

— ווער ביאליק איז, ווייס איך. ס'איז בא־וווסט, אז ער האָט געלערנט אין וואָלאָזשינער יעשיווע, וועלכע האָט עקזיסטירט בא הונדערט יאָר, נאָר וואָס פאר א שײַכעס האָט ער מיטן היגן רעסטאָראן?

— טאקע דאָ, אין דער געבײַדע, איז געווען די יעשיווע, — דערקלערט מיר סיאָמע, — און אונטן איז געווען דער שול־הויף, עטלעכע באָ־טעמעדראָשים זײַנען דאָרט געשטאנען. האָבן די פאשיסטן זיי פארברענט צוזאמען מיט די ייִדן...

— די וואָלאָזשינער ייִדן איז אויסגעפאלן דער גוירל פון באָאייש.

— די פאשיסטן פלעגן אָנטרײַבן א פול הויז מיט ייִדן און אונטערצינדן, — זעצט פאָר דעם געשפרעך אבראשע, — הארצרײַסנדיקע גע־שרייען האָבן זיך געטראָגן אזש ביזן הימל. סיאָמען איז עס אויסגעקומען זען עס און הערן. ער וועט אײַך דערציילן...

— מער קיין וואָרט ניט וועגן דעם! — שרײַט אויס סיאָמע. מיט ציטערדיקע הענט פילט ער אָן די בעכערלעך. ער טשאָקעט זיך ניט מיט אונדז און טרינקט אויס זײַנס מיטאמאָל. נאָכ־דעם פארזשמורעט ער זיך, טוט א טרייסל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן פארטרײַבן פון זיך דעם אָנפלוס פון שווערע געדאנקען, שפארט אָן די קינבאקן אין די פויסטן, און זיצט פארגלײַ־ווערט.

— א סאך ייִדישע מישפאָכעס וווינען איצט אין וואָלאָזשין? — פרעג איך אבראשען.

— בא א צוואנציק. צווישן זיי אייניקע גע־מישטע.

ער דערמאָנט דעם פארטרעטער פונעם הויפט־רעדאקטאָר פון דער היגער ראיאָנער צײַטונג שימען שטיין, דעם פארוואלטער פון דעם טובדיספאנסער איסאק רוטבערג, דעם לע־רער מוישע וויטקין, די פארוואלטערן פון דעם לערן־טייל אין דער היגער מיטלשול נינע גאָל־דינא, דעם דירעקטאָר פונעם לאנדווירטשאפט־לעכן טעכניקום פיאלקאָ און אנדערע. צווישן די ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראטור האָט ער אָנגערופן דעם מוליער יעווסיי שמער־קאָוויטש — בא אים זײַנען פאראן אלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד".

ארום די טישלעך זעצן זיך אויס יונגע־לײַט — באכערים און מיידלעך. א שווארצכײ־נעוודיקער יאַט מיט א געדיכטער פאטלע גע־קרײַזלטע האָר, וועלכע פארדעקן די פאָטילני־צע און הענגען אראָפ אזש איבער דער פלייצע, גייט צו צום מאגניטאָפאָן, וואָס שטייט אין ווינקל, ווארפט ארײַן אין „קאָפילקע" א מאט־בייע, און איבערן גאנצן זאל צעהילכט זיך די ליד „ארלעקינא" וועלכע עס פילט אויס די פאָ־פולערע זינגערן אלא פוגאטשאָווא.

סיאָמע באָמקעט אונטער און קנאקט צו מיט די פינגער. פון דער זײַט קוקט מען אָף אים און מע שמייכלט.

— דאָס איז דאָך אן אמאָליקע ייִדישע ליד, — דערקלערט מיר סיאָמע.

— א פארגלײַכונג! — דערווידערט אבראַ־שע, — די ליד האָט א שײַכעס צו ייִדישקײַט, ווי וואָלאָזשין צו ריאָ־דע־זשאנייראָ.

— ניטאָ מיט וועמען צו ריידן! — טוט א זאָג סיאָמע און, אָנווײַזנדיק אָף מיר, זעצט ער פאָר, — זיי פארשטייען מיך גראָדע יאָ.

צום טישל גייט צו דער שווארצכײַנעוודי־קער יאַט, וואָס האָט באשטעלט די ליד.

— ליאָווע! — שרײַט אויס סיאָמע, — ביסט שוין א גאנצער קאוואליער געוואָרן. כ'האָב דיר קוים דערקענט.

— וויפל ע... וועט זײַן דאָ איר ע... טעג? — פרעגט בא אים ליאָווע אָף א געבראָכענעם ייִדיש.

— איך וועל דאָ פארברענגען בא א וואָך, — ענטפערט סיאָמע, — מיר וועלן זיך נאָך זען. ניט אנדערש, ווי דו ביסט דאָ מיט א מיידל, איז פארהאלט איך דיך ניט. מאָרגן אין דער צײַט זאָלסטו זײַן באם פעטער אבראשע, דאָרטן וועלן מיר זיך טרעפן.

ליאָווע ווערט גלײַך נעלעם.

אין זאל טראָגן זיך מאָדנע קלאנגען פון עפעס א מעלאָדיע, און יונגע פאָרלעך שפרינ־גען איינער קעגן דעם אנדערן, צוקנאקנדיק דערבײַ מיט די פינגער. וואָס ווײַטער ווערט די שפרינגערײַ אלץ האסטיקער.

סיאָמע הייבט זיך אוף פון אָרט, נעמט ארויס פון קעשענע א מאטבייע און גייט צום מאגני־טאָפאָן.

— דאָס וועט ער באשטעלן נאָך עפּעס פון זײַנע באליבטע לידלעך, — דערקלערט מיר אבראשע, — אין דער קינדהייט איז ער געווען א מוזיקאנט און האָט געקאָנט גוט זינגען. ווען די רויטע ארמיי האָט אין 1939 יאָר באפרײַט מײַרעוו־ווײַסרוסלאנד, האָט מיט אים דאָ געקערט די וועלט. ער פלעגט ארויסטרעטן אַף קאָנצערטן. מע האָט אים געוואָלט שיקן שטודירן אין א קאָנסערוואטאָריע. די היטלעריסטן זײַנען אָנגעפאלן, און ער האָט ניט באוויזן זיך עוואקוירן. גענוג, נעבעך, זיך אָנגעליטן. אין דעם טאָג, ווען מע האָט אומגעבראכט אלע ייִדן, האָט זיך אים אײַנגעגעבן אנטלויפן. ער איז אוועק צו די פּארטיזאנער און פלעגט אָנטיילנעמען אין די רעידן. ניט איין פאשיסט האָט ער מעשאלייעך געווען אַף יענער־וועלט. נאָך דער מילכאָמע האָט ער פארוואָרפן די מוזיק און איז אוועקגעפאָרן קיין מינסק, אײַנגעאָרדנט זיך אלס טאָקער אַף א זאוואָד.

סיאָמע קערט זיך אום צום טישל, און עס יאָגט אים אָן א ליד וועגן דעם, ווי אזוי ציגײַנער האָבן געגאנוועט א מיידעלע, אויסגעלערנט עס טאנצן. דאָס מיידעלע וואַרפט אַף קאָרטן און טרעפט, וואָס מיט יעדערן איז געווען און וואָס עס וועט מיט יעדערן זײַן. נאָר וואָס מיט איר אליין איז פאָרגעקומען, האָט זי ניט געדענקט, און וואָס עס וועט ווײַטער מיט איר פּאסירן, וועט זי ניט וויסן.

— נו, עפשער וועסטו זאָגן, אז דאָס איז אויך ניט קיין אמאָליקע ייִדישע ליד? — פרעגט סיאָמע בא זײַן כאווער.

— פּלאפּלסט גלאט אין דער וועלט ארײַן, — ענטפערט אים אבראשע, — ניט אנדערש, דו ביסט שוין גוט אונטערן גלעזל.

— זײַט אזוי גוט, דערקלערט איר אים, — בעט מיך סיאָמע.

— האָסט זיך צוגעטשעפּעט צו א מענטשן, וואָס דו ווייסט ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז...

— וואָס הייסט, איך ווייס ניט, ווער זיי זײַנען? דאָס איז דאָך א ייִדישער שרײַבער! זיי זײַנען מיט נאָך שרײַבער ארויסגעטראָטן בא אונדז אַפן זאוואָד. נאָר די פאמיליע קאָן איך זיך ניט דערמאָנען.

— אויב אזוי איז דאָך גאָר אנדערע רייד, — זאָגט אבראשע און פּילט אָן די גלעזלעך.

— מיסטאָמע, זײַט איר דאָ אין קאָמאנדירונג? — פרעגט סיאָמע.

— יאָ, — באשטעטיק איך.

— איז ראָט איך אײַך באזוכן ביאליקס בארג. אדהײַיעם רופט ער זיך אזוי. אַפן דאָזיקן בארג פלעגט ביאליק שאפן זײַנע שירים און פארברענגען די פרײַע צײַט. דאָרט האָט ער פארפאסט „האציפּויר“. ניט נאָר די ייִדן, נאָר אויך די ווײַסרוסן רופן זי „ביאליקאָווא האָרא“.

— אוי, אָט איז דאָך מײַן געוועזענער שאָכן מיקאָלע! — ווײַזט אָן סיאָמע אַף א געזונטן מאן מיט געלע וואָנצעס, וואָס זיצט ניט ווײַט פון אונדז בא א טישל, אָנגעשטעלט מיט פלעשלעך ביר.

יענער גיט א קער דעם קאָפּ אין אונדזער זײַט און ווערט אופגעלעבט.

— סיאָמע, דו?

ער נעמט די עטלעכע פלעשלעך ביר, די פּאָר טאראנקעס, וואָס ער האָט, קאָנטיק, געבראכט מיט זיך, און זעצט זיך בא אונדזער טישל.

— שוין לאנג ניט געזען זיך, — זאָגט מיקאָלע אַף ייִדיש.

— קימאָט בא א יאָר, — באשטעטיקט סיאָמע.

אבראשע גיסט אָן נאָך א בעכערל ווײַן — פאר מיקאָלען.

— געדענקסט, מיקאָלע, די ייִדישע ניגונים און לידער, וואָס פלעגן זיך הערן אין די געסלעך פון וואָלאָזשין? — פרעגט סיאָמע.

— אוואדע געדענק איך! דו אליין פלעגסט דאָך שפּילן אַפן פידל און זינגען, ביז איצט געדענק איך „צען ברידער זײַנען מיר געווען“, „אַפן גאנעקל“, „אווראָמעלע מאראוויכער“...

— פונוואנען קענט איר אזוי גוט ריידן אַף ייִדיש? — פרעג איך בא מיקאָלען.

— וואָס פאר א וווּנדער? דאָ האָבן דאָך געלעבט א סאך ייִדן.

— און די ווערטער פון די לידער געדענקסטו? — פרעגט בא אים סיאָמע.

— פארגעסן.

— עך, בילאָ ניע בילאָ! — שרײַט אויס סיאָמע. ער הייבט זיך אוף פון אָרט, פארלייגט א האנט אַף דער פּאטיליצע, דעם קאָפּ פארהויבן, דאָס בערדעלע פּאָרויס, און שווימט ארײַן אין דער טאנצנדיקער ראָד. די ראָד ווערט ברייטער און ברייטער, און ער טאנצט אינמיטן. דערנאָך, א מידער און צעהיצטער, קערט ער זיך אום צום טישל און טוט א זאָג:

— נו, אלטוואַרג, לאָמיר זיך פארקײַלעכיקן, ס'איז שוין האלבע נאכט...

גערעטעוועטע פון זאברעדזשי

גייסט ארײַן אין א טויער און ס'אנטפּלעקט זיך פאר דיר א שמאָלער לאנגער הויף, ווו עטלעכע הײַזער שטייען אין א ריי, איינס פונעם צווייטן אַף א היפּשן מעהאלעך. בא יעדן הויז — א גאָרטן און א סאָד. אין וואָלאָזשין טרעפן זיך אָפט אזעלכע הויפן.

אַף איינעם פון זיי, בא דער צענטראַלער גאַס, געפינט זיך דאָס הויז, ווו ס'וווינט טעמע סטאַראָדוואָרסקאַיאַ.

„די ניצל געוואָרענע" רופט מען זי, ווײַל פון די הונדערט און צוואַנציק יידן, וועלכע זײַנען אין זאַבאַרעדזשער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די היטלערישע אָקופּאַנטן, איז זי די איינציקע, וואָס איז געבליבן לעבן.

א געוויסע ראָליע האָט געשפּילט אין דעם איר ניט־יידישער אויסזען און די ניט־יידישע פאַמיליע.

אין שטוב בא איר איז טומלדיק. עס געפינען זיך דאָ אָף קוואַרטיר מיידלעך — סטודענטקעס. און אין איין צימער מיט טעמען לעבט אירע א כאַווערטע, א פאַרמאַצעווטקע.

קוואַרטיראַנטקעס האַלט סטאַראָדוואָרסקאַיאַ ניט אַזוי צוליבן דירע־געלט, ווי צוליב דעם, עס זאָל זײַן לעבעדיקער אין שטוב. איינזאַמקײַט קאָן זי ניט איבערטראָגן. ווען זי בלײַבט אַליין, קאָן זי זיך קיין אָרט ניט געפינען.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם ציל פון מײַן וויזיט, האָט זי מיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין צימער.

— די סטודענטן גרייטן זיך צו די לעקציעס, דאַרף מען זיי ניט שטערן, — וואָרנט זי מיך, — און וואָס שײַעך דעם איניען, וועלכער אינטערעסירט אײַך, איז קימאַט ווי ניט קעדײַ אין אים זיך שפּיגלען. גלייבט מיר, אַז עס איז דאַן מיר אַפילע ניט געגאַנגען אין ראַטעווען מײַן לעבן. שטעלט זיך פאָר, אין וועלכן צושטאַנד מע איז, ווען מע ווערט אַליין אויסגעלייזט, נאָר מע פאַרלירט די קינדערלעך, דעם מאַן, די עלטערן, די ברידער, שוועסטער, קרובים, פרײַנט...

פלוצלינג ווערט זי אויפגעלעבט און לייגט מיר פאָר:

— ווייסט איר וואָס? דאָ, אין דער היגער מיטלשול, איז פאַראַן א לערער איליאַ באַגדאַן, א טײַערער מענטש. די שילער האָבן אים ליב, אַז איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר! אָט וועגן וועמען ס'איז קעדײַ צו שרײַבן.

איך ווייס שוין, ווער עס איז באַגדאַן און פאַרוואָס זי זאָרגט זיך, אַז איך זאָל וועגן אים שרײַבן. בא זײַנע עלטערן, וואָס זײַנען שוין איצט אָף דער וועלט ניטאָ, האָט טעמע זיך אויסבאַהאַלטן אין די יאָרן פון דער אָקופּאַציע. אילוישע איז געווען נאָך א קליין ייִנגל. ער האָט געציטערט, די דײַטשן זאָלן זיך ניט דערוויסן, אַז בא זיי אין שטוב באַהאַלט זיך אויס א יידישקע. עמעס, די שטוב איז געשטאַנען אין א כוטאָר, ניט ווײַט פון וואַלד. די דײַטשן פלעגן זעלטן־ווען אַהין אַרײַנקוקן. נאָר פאַליצײַען האָבן אַרומגעשנאָרעט, ווי די הינט.

ווען אילוישע האָט געדאַרפט ערגעץ גיין, פלעגט ער זיך אַלץ אַרומקוקן, צי ברענט ניט זייער שטוב, וואָרעם ווען די פאַשיסטן האָבן זיך דערוווּסט, ווו עס באַהאַלט זיך אויס א ייִד, פלעגן זיי אונטערצינדן די שטוב און פאַרברענען דעם ייִד צוזאַמען מיט די, וואָס באַהאַלטן אים אויס.

— אילוישע פלעגט טראָגן טעמען דאָס עסן אין באַהעלטעניש און דערציילן, וואָס עס גיט איבער די מאָסקווער ראַדיאָ.

איצט איז איליאַ מיכײַלאָוויטש א לערער, און א טאַטע פון קינדער. אַלע זונטיק קומט ער געוווירע ווערן די באַבעשי טעמע. די אַלטע איז גרייט אים אָפּגעבן דאָס האַרץ. זי קריגט פאַר אים די טײַערסטע מאַטאָנעס, נאָר ער נעמט ניט.

— עס וועט זונטיק קומען דעם פלעמעניק אײַערן, — טײַנעט איליאַ מיכײַלאָוויטש.

ס'קאָסט איר געזונט, וואָס זי קאָן אילוישען קיין פאַרגעניגן ניט אָנטאָן. ער ווייסט פון דעם, בעט ער, אַז אַלע מאָל, ווען ער וועט קומען, זאָל זי אים צוגרייטן בולבענע לאַטקעס, ווײַל אירע לאַטקעס האָבן א באַזונדער טאַם. זי האָט געפּרוּווט צו די לאַטקעס אוועקשטעלן אָפן טיש א פלעשל ווײַן, ווײַזט זיך אַרויס, אַז קיין ווײַן געברויכט ער ניט.

— וועגן דעם לערער באַגדאַן האָב איך געהערט, — רוף איך זיך אָן צו טעמען, — מע האָט מיר דערציילט. ס'וועט מיר אויסקומען זײַן אין דער היגער מיטלשול, וועל איך זיך באַקאַנען מיט אים.

— שאַט, איבערמאָרגן איז זונטיק, קומט אַרײַן, וועט איר אים דאָ טרעפן.

— צום באַדויערן, וועל איך זונטיק שוין זײַן אין מאַלאָדיעטשנע. דערציילט מיר כאָטש איינקורצן, וויאַזוי איר זײַט ניצל געוואָרן פון די ראָצכישע הענט.

טעמע זעצט זיך אָפן סאָפעקעלע, נעמט עפּעס שטריקן.

— דאָס וויל איך אויסשטריקן פאַרן פלעמעניק א קאָפּטעלע צו ווינטער. אויסער דעם, ווען איך שטריק, אַרבעטן בא מיר רויִקער די געדאַנקען.

און אָט דערציילט זי:

— הונדערט און צוואַנציק יידן זײַנען פון אונדזער שטעטעלע אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די מערדער. איידער מע האָט זיי אומגעבראַכט, איז אויסגעקומען גוט אָנמוטשען זיך. מע האָט איבערגעטראָגן קעלט, הונגער, דורשט, שרעק, קלעפּ, באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען. באַזונדערס שווער איז געווען דעם קליינוואַרג. מײַנע פיר אייפּעלעך זײַנען אויך אַרײַנגעפאַלן אין לעבעדיקן געהענעם. הונגעריקע, אײַנגעניוורעטע אין שמאַטקעלעך פלעגן

זיי, נעבעך, זיצן אין די בעטן און שווײַגן. קיין פּיפּס, קיין וואָרט ניט. און קיין רעטונג איז ניטאָ. ניט הײַנט־מאָרגן וועט זײַן דער סאָף.

איינמאָל, ס'איז שוין געווען טיפער הארבסט, איז פונעם כוטאָר געקומען צו אונדז מאַריַע באַגדאַן, מײַנע א געוועזענע קלײַענטקע, א שנײַדערקע בין איך געווען.

— טעמאַטשקע, — ווענדט זי זיך צו מיר, — עס גייט א בייזער ווינטער, און מיר זײַנען הויל־נאַקעט, עפּשער וועסטו זיך אראָפּכאַפּן אַפן כוטאָר אף א קלײנער צײַט. וואָלסט אונדז באַניייען...

שטעל איך אף איר אויס א פּאָר אויגן.

— צי דען איז דיר ניט באַוווּסט אונדזער לאַגע? הימל און ערד איז זיך צונויפגעגאַנגען איבער אונדז...

— איך ווייס, — זאָגט זי, — איך ווייס! — און גיט מיר אַפּ א פּעקל, ווו ס'איז געווען ברויט, קעז און פּוטער.

די אייפּעלעך האָבן זיך גלײַך געכאַפּט צום עסן. מאַריַע האָט געוויינט, קוקנדיק אף אָט דעם בילד.

— און ווידער, — טײַנע איך צו איר, — ווי קאָן איך גיין, אז מע וועט מיך פון שטעטל ניט ארויסלאָזן, גלײַך שיסט מען מיך. און פאַריינס וועט מען דיך אויך ניט שוינען.

— ביסט דאָך ניט ענלעך אף א ייִדישקע, — טײַנעם צו מיר מאַריַע, — און די אָנגעפּאַרענע קאַראַטיעלעס קאָנען דיך ניט.

— איך וועל ניט איבערלאָזן מײַן מישפּאָכע. וואָס ס'וועט זײַן מיט אַלעמען, דאָס וועט זײַן מיט מיר. טאָמער וועל איך איינע בלײַבן לעבן אליין, וועל איך עס סײַווי ניט איבערטראָגן.

און דאָ האָבן אלע גענומען מיך אײַנריידן:

— גיי, וועסט ברענגען פאַר די קינדער עפּעס עסן.

אָט דאָס האָט אף מיר געווירקט, און כ'בין אוועקגעגאַנגען.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט בין איך געזעסן אַפן כוטאָר. די ארבעט האָט בא מיר געברענט אונטער די הענט. דאָס הארץ איז געווען אין זאַבערעדזשי מיט מײַנע קינדערלעך, מיט אלע מײַנע אייגענע.

פאַר דער דאָזיקער צײַט האָב איך אופגענייט א מאַנטעלע פאַר אילויושען, א ווינטערדיקע קלייד מאַריַען, איבערגעניצעוועט א מאַנטל פאַר איר מאַן מיכאַל, אופגענייט זיי וואַרעם וועש.

— נו, — זאָג איך צו מאַריַען אַפן פערטן טאָג, — ווי דו ווילסט, נאָר מער וועל איך דאָ קיין מינוט ניט בלײַבן. עפּעס נאָגט מיר דאָס הארץ, ווי קיינמאָל ניט.

איך זע, זי אײַלט זיך ניט אויסריכטן מיך אין וועג.

— מאַריַע, — זאָג איך, — עפּשער וועסטו מיר געבן א ביסל קאַרטאָפל פאַר די קינדער?

כאַפּט זי זיך אָן פאַרן קאָפּ און צעוויינט זיך מיט ביטערע טרערן.

— מיינסט, איך זשאַלעווע דיר? בא מיר איז אין זינען געווען געבן דיר עסנווארג, וויפל דו וואָלסט נאָר קאָנען פאַרטראָגן, נאָר דער אומגליק איז, וואָס דו האָסט שוין, טײַערינקע, ניט וווּהין צו גיין...

און דאָ דערוויס איך זיך פון איר מאַן מיכאַל, אז מיט צוויי טעג צוריק האָבן די פאַרשיסטן אומגעבראַכט אלע ייִדן פון זאַבערעדזשי. איך בין געפאַלן כאַלאַשעס. מע האָט מיך קוים אָפּגעמינטערט.

— ס'איז פון גאָט באַשערט, אז דו זאָלסט ניצל ווערן, — האָט מיך געטרייסט מאַריַע.

— ווּעגן גאָט זאָלסטו מער מיט מיר ניט ריידן!

מאַריַע איז דערשטוינט געוואָרן.

— ווי קומט עס צו דיר, ביסט דאָך געווען אזא פרומע, און איצטער, אז גאָט האָט מיט דיר געטאָן א נעס און האָט דיך איינע פון אלעמען ארויסגעראַטעוועט...

דעם עמעס געזאָגט, בין איך אין דער יוגנט טאַקע געווען זייער א פרומע. ס'איז קיין וווּנדער ניט. דאָ, ניט ווײַט פון זאַבערעדזשי, האָט זיך געפונען די באַוווּסטע וואָלאָזשינער יעשיווע. אָט אזוי, ווי דאָס שטעטעלע באָקשי, וואָס איז אויך דאָ נאָענט, האָט געהאַט א שעם אף דער וועלט מיטן בראַנפן, וואָס דאָרט פלעגט מען טרײַבן, אזוי איז וואָלאָזשין געווען באַרימט מיט דער יעשיווע. די גרעסטע ראַבאָנים פלעגן פון דאָרטן ארויס. האָט עס געהאַט א האַשפּאָע אף די ארומיקע מענטשן. און אף מיר אויך. אין נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר, ווען צו אונדז זײַנען געקומען די סאָוועטן, בין איך אין אלץ מיט זיי מאַסקים געווען, אָבער פרומקײַט האָבן מיר געלאָזט פאַר זיך. כ'בין ניט אָנגעקומען אין אַרטעל נאָר צוליב דעם, ווײַל שאַבעס האָב איך ניט געוואָלט ארבעטן. און וויפל די קאָמסאָמאָלצעס האָבן מיך ניט אַגיטירט, האָט עס ניט געהאָלפן... אזוי האָב איך א ווייכן כאַראַקטער, נאָר אין דער דאָזיקער פראַגע בין איך דעמלט געווען שטאָל־אײַזן. אָבער, אז איך האָב דערזען, ווי די פאַשיסטן ברענגען אום אומבאַהאָלפענע אלטע לײַט און קלײנינקע אייפּעלעך, און דער אייבערשטער איז צו דעם גלײַכגילטיק און נעמט ניט אָן זייערע טרערן און הארצרײַסנדיקע טפילעס, ער שטראָפט ניט די מערדער, אָט דאָ האָט זיך עפּעס א וואַקל געטאָן מײַן גלייבונג, און בין איצט פאַרשטיי איך עס ניט.

מאַריַע האָט מיך געטרייסט:

— האָסט דאָך געזאָגט, אז דײַן שוועסטערס א זונעלע איז געווען אין קינדער־סאנאטאָריע, ווען די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן. אלע קינדער האָט מען פון דאָרט עוואקויִרט אף מיזרעך — וועט ער געוויס לעבן בלײַבן. איך זאָל כאָטש זײַן בא אים א מומע. א צווײַגעלע איז געבליבן פון אײַער מישפּאָכע. נײַע שפּראָצונגען וועלן פון דעם אוועק.

אָט דאָס האָט גראדע געווירקט. און איך בין געבליבן בא זיי ווינטערן.

די שרעק, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן, איז ניט צו דערציילן. איך האָב ניט אזוי געציטערט פאר מײַן לעבן, ווי איך האָב מוירע געהאט די באלעבאטים אונטערפירן, וואָרעם טאָמער געפינט מען מיך, איז אָך און וויי צו זיי אויך. ווי נאָר דער הונט פלעגט געבן צו וויסן, אז עמעצער דערנעענטערט זיך צום כוטאָר, פלעג איך לויפן אין מײַן באהעלטעניש. מײַנע רעטער איז אויך ניט ווייניק אויסגעקומען איבערצוטראָגן איבער מיר שרעק און ציטערניש. און צוליב וואָס האָבן זיי עס באדארפט, ווייס איך ניט. קיין שום נוצן האָבן זיי פון מיר ניט געהאט. שוין נאָך דער מילכאָמע, ווען איך האָב זיי געוואָלט באדאנקען, האָבן זיי זיך באלייטיקט. פארקערט, זיי פלעגן נאָך מיר העלפן: אמאָל א זאק קארטאָפל אונטערווארפן, אמאָל — א ביסל גאָרטנווארג. אזוינע מענטשן זײַנען זיי געווען. און אויב ס'איז דאָ א יענע־וועלט, וועלן זיי געוויס האָבן א ליכטיקן גאניידן... זעט איר דאָך, מיר איז באשערט געווען איבערלעבן מײַנע רעטער. ווער האָט זיך אף דעם גערעכנט? פארשטייט זיך, אז דאָס איז אויך א צופעליקע זאך. נאָר צאָרעס האָבן זיי, נעבעך, איבערגעטראָגן איבער מיר גענוג.

איינמאָל, אין א ווינטער־נאכט, ליג איך אזוי אפן אויוון, קומט ארײַן בראָדיק דער פּאָליצײַ. איך ווייס ניט, וויִאזוי עס איז געשען, נאָר דער הונט האָט געשוויגן...

— מע זאָגט, אז טעמקע שליאָנדרעוועט דאָ ארום און זיצט אין איינעם פון די כוטאָרן, — ווענדט ער זיך צו די באלעבאטים.

נאָך א נעס, וואָס ער האָט ניט באמערקט, ווי דער קליינער אילײַושע איז דערבײַ בלייך געוואָרן, ווי א טויט.

— וועלכע טעמקע? — האָט מארוסיע אף אים אויסגעשטעלט א פּאָר אויגן.

— וואָס מאכסטו זיך טאמעוואטע? קענסט ניט טעמקע די שנײַדערן? צי דען איז דיר ניט אויסגעקומען נייען בא איר?

— האָסטו גלײַך באדארפט זאָגן: טעמקע די שנײַדערן, וואָרעם ניט איין טעמקע האָב איך געוווּסט אין די ארומיקע שטעטלעך. און דאָס, וואָס זי שליאָנדרעוועט ערגעץ ארום, הער איך עס פון דיר.

— נו, און אויב זי באהאלט זיך יאָ אויס, — האָט א וואָרטשע געטאָן מיכאל באָגדאן, — קאָנסטו איבער דעם באנאכט ניט שלאָפן? וואָס האָט זי דיר געטאָן אזעלכס?

— דו רעדסט נארישקײַטן. אויב אנדערע וועלן זי דערטאפּן אין מײַן באצירק, קאָן איך אף קיין גוטס ניט ווארטן.

איך ליג אפן אויוון און הער יעדער וואָרט.

— אויב מיר וועלן זי באמערקן, וועלן מיר געבן צו וויסן, — זאָגט אים מארוִע.

— איז זאָגסטו צו?

— געוויס. מעגסט זיצן רויִק און ווארטן...

דערנאָך, אז מע האָט פארטריבן די פּאשיסטן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז בראָדיק דער פּאָליצײַ האָט געהאט פארבינדונגען מיט די פּארטיזאנער, ער האָט געוווּסט, אז איך געפין זיך בא מארוִען, נאָר ער איז געקומען געבן אָנצוהערן, מע זאָל מיך בעסער אויסבאהאלטן, וואָרעם עמעצער האָט געמאָלדן אין פּאָליציי־באצירק, אז ערגעץ האלט איך זיך דאָ אוף. נאָר ניט איך און ניט די באָגדאנס האָבן דאן ניט געוווּסט, אז אף בראָדיקן קאָן מען זיך פארלאָזן...

ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון אונדזער באפרײַונג און איך בין ארויס פון מײַן באהעלטעניש, האָב איך נאָך אלץ די ערשטע צײַט, לויט דער געווינשאפט, מוירע געהאט זיך ווײַזן פאר מענטשן... איך קום אין שטעטל, וויי און ווינד איז מיר, אויסער מיר, האָט זיך קיינער פון די יידן ניט געראטעוועט. קיין זייכער ניט געבליבן פון מײַן מישפּאָכע. באקאנטע קריסטן האָבן מיך פריטוליעט, געגעבן א נאכטלעגער, געטיילט מיט מיר דעם ביסן, נאָר גאָרנישט איז מיר ניט אָנגעגאנגען. גאנצע נעכט בין איך געוועזן, ווי אין פיבער. און וועגן פלעמעניק, וואָס איז עוואקויִרט געוואָרן, האָט זיך עפּעס ניט געהערט. האָב איך צעשיקט בריוו אין אלע עקן לאנד — ניטאָ קיין בסורע. איך מוז זיך מוידע זײַן, אז איך האָב פעסט באשטימט, אויב ער וועט זיך ניט אויסגעפינען, האָב איך ניט וואָס צו לעבן אף דער וועלט.

נאָר עס איז געקומען די גוטע בסורע: ער איז דאָ. אף אוראל איז ער, אין א קינדערהיים. מיט זײַן אייגענער האנט א בריוועלע צו מיר געשריבן, אין פערטן קלאס האָט ער זיך שוין דאן געלערנט. אין בריוועלע האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אף זײַנע עלטערן און אף זײַנע שוועסטערלעך. ער האָט נאָך אלץ געהאָפט, נעבעך. בעקיצער, איך האָב זיך גלײַך געלאָזט אין וועג און האָב אים אראָפּגעבראכט צו זיך.

דאן האָט זיך שוין בא מיר פּאָיאווועט א דראנג נאָך אן אייגענעם ווינקל פאר אונדז, נאָך א רעכטער ארבעט, איך זאָל קאָנען בא־

זאָרגן מײַן מישענקען מיט אַלץ, וואָס ער דאַרף, ער זאָל זיך ניט פילן קיין יאָסעם.

אין זאַבאַרעדזשי האָבן מיר שוין ניט געקאָנט פאַרבלײַבן. יעדעס ווינקעלע, יעדעס ביימעלע האָט דערמאָנט וועגן די, וואָס זײַנען מיטן פײַער אוועק. זײַנען מיר איבערגעפאָרן אָף דער סטאַנציע, וואָס געפינט זיך זיבן קילאָמעטער פון וואָלאָזשין.

צו שנײַדערײַ האָב איך זיך שוין ניט גע־קאָנט נעמען, אַ צו רויִקע מעלאָכע, און איך דאַרף אַזאַ אַרבעט, אַז איך זאָל שטענדיק זײַן פאַרטומלט און פאַרדרייט, און כ׳זאָל ניט קאָ־נען אָפּווענדן די געדאַנקען פון דעם, וואָס איך טו. בין איך אוועק אַרבעטן אַלס בופעטשיצע אָף דער סטאַנציע.

מישענקען האָב איך אײַנגעאָרדנט אין דער הי־גער שול. עס האָט זיך פּאַיאָוועט אַ נויטווענדי־קײַט צו לעבן.

אײַנגיכן האָט מיר געטראָפן נאָך אַ גליק: אין ווילנע האָט זיך אויסגעפונען מײַנער אַ ברודער און אַ שוועסטערקינד האָט זיך אומ־געקערט פון דער אַרמיי קיין וואָלאָזשין.

פון איינציקע ניצל געוואָרענע האָט זיך אַזוי צונויפגעצויגן אַ מישפּאָכע. פון אונדזער אָפּ־שטאַם־ביימעלע ווערן אוועק נײַע שפּראָצונ־גען...

אײַנגיכן זײַנען מיר פון דער סטאַנציע אי־בערגעפאָרן קיין וואָלאָזשין און זיך באַזעצט אין אַט דער דאָזיקער שטוב.

ווען מישע האָט פאַרענדיקט צען קלאַסן, האָב איך געדונגען אַ רעפּעטיטאָר, און מע האָט אים מיט מאַזל צוגעגרייט צו די עקזאַמענעס אָף אָנקומען אין מינסקער פּאָליטעכנישן אינ־סטיטוט. די עקזאַמענעס האָט ער אָפּגעגעבן אָף איינע פינפן און איז געוואָרן אַ סטודענט.

האַקלאַל, ער איז שוין איצט אין מינסק אַן אינזשעניער. פּערסקי איז זײַן פאַמיליע. מיס־טאַמע האָט איר געהערט וועגן אים. ער איז שוין אַ טאַטע פון דערוואַקסענע קינדער, סטו־דענטן זײַנען זיי. אַלע יאָר פאַרברענגען זיי בא מיר אין דער צײַט פון די קאַניקולן. האָיאָר זײַנען זיי אויך דאָ געווען. איצט האָב איך נײַע דײַגעס און זאָרגן. דרײַ סטודענטן אויסהאַלטן איז מישען ניט אַזוי גרינג, קומט אויס אונטער־צוהעלפן. דערפאַר האַלט איך קוואַרטיראַנטן. מישע מיט זײַן ווײַב קומען אויך אָפט צו פאָרן — סײַ אין אַ רו־טאָג, סײַ אָף יאָמטויוועס. אין אָרלויב פאָרן זיי אָף קוראָרט. עס קאָסט מיר מאַמעשע געזונט, ווען ער הייבט מיר אָן דאַנקען פאַר אַלץ, וואָס איך טו פאַר אים.

— נאַרעלע, — זאָג איך אים, דאָס באַדאַרף איך דיר דאַנקען, ווען ניט דו, וואָלט איך שוין לאַנג אָף דער וועלט ניט געווען...

ווען איך האָב פאַרלאָזט טעמעס שטוב, איז שוין אין דרויסן געווען גוט פינצטער. דער מוילעד איז געשטאַנען איבער ביאַליקס באַרג.

— פאַרזיכטיק, — הער איך הינטער מײַן פּלייצע. איך האָב ניט באַמערקט, ווי אַ ווע־לאָסיפּעדיסט איז שיִער אָף מיר ניט אָנגעפאָרן. איך רוף זיך אָפּ:

— בא מיר זײַנען אין פּאָטיליצע קיין אויגן ניטאָ...

— טאַקע דערפאַר דאַרף מען גיין אָפן טראָ־טואַר און ניט אין מיטן גאַס, — דערהער איך אַן ענטפער.

איך גיי אַרויף אָפן טראָטואַר און בלאָנקע נאָך אַ צײַט איבער וואָלאָזשינער אַלטע און נײַע גאַסן און געסלעך.

אַזוי לעבן מיר

וולאַדימיר קאָוויטשעוו

אַ קאָמאַנדיר פֿון דער פּראָדוקציע

א דערמאָנונג פון דער קינדהייַט. פּראָ:ם דער שוסטער איז שוין פון גאַנצפרי אַף די פיס. ער רייכערט און הוסט. הוסט און רייכערט. זייַן הוסטן הילכט איבערן גאַנצן הויז. איך בין נאָך אַ קינד און גיי קלוימערשט זיך שפּילן מיט דעם פּעטער פּראָ:מס טעכטערלעך: עמעצער פון זיי איז עלטער פון מיר, עמעצער — ייִנגער, פאַראַן, דאַכט זיך, אויך פון מייַן עלטער — פּינקטלעך געדענק איך ניט. איך קום אַרייַן אינעם קעמערל, וואָס איז אָנגעפּילט מיט שטיקער פעל, מיט אַלטע שקראַבעס, מיט אַ בראָנזלעכן שטויב און אַ שטיקנדיקער טונקלקייַט. דאָרט טרייסלט זיך פון אַ שטאַרקן הוסט דער וויסטער קאַליקע — פּראָ:ם דער שוסטער.

כ׳וועל אים זאָגן, אַז איך בין געקומען פאַריכטן מייַנע שיכעלעך, זיך אַוועקזעצן אַפן ברוי־דיקן טאַפּטשאַן, נעמען הוידען מיט די באָרוועסע פיסלעך איבערן קאַלטן צעמענטענעם דיל און זיך אייַנקוקן, ווי, אָנשפּאַרנדיק אין דער וואַנט זייַן הילצערנעם פוס, וועט פּראָ:ם זיך צוזעצן אַפן נידעריקן טאַבורעטל מיטן געפלאָכטענעם געזעס, אָנעמען אַ פול מויל מיט טשוועקלעך, דערנאָך, אַרויסשלעפּנדיק זיי איינס נאָכן אַנדערן, וועט ער זיי אַרייַנקלאַפּן אין מייַן שיכל, וואָס איז אָנגעטאָן אַף אַן אייַזערנעם „לאַפּע”. מיט אַ שאַרפן מעסער וועט ער אַרומשניצן די פּאָדעשווע, אייַנטונקען אַ פינגער אין פאַרב, אַ פיר טאָן מיט אים איבערן ראַנד, אַראָפּנעמען פון דער אייַזערנער „לאַפּע” דאָס שיכעלע, אַוועקלייגן עס אַפן אייוועלע, ס׳זאָל זיך טריקענען, און פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס, פון וועלכן איך וועל גאָרנישט ניט פאַרשטיין, אָבער ס׳אַרט מיך ניט — כ׳בין דאָך געקומען קוקן, ווי עס אַרבעט דער פּעטער פּראָ:ם, און מיר איז טשיקאַווע.

מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון יענעם הויז, אינגאַנצן אַרויסגעפאָרן פון יענער שטאָט. איך האָב מיט דער צייַט זיך אויסגעלערנט אַרויסצוּוואַרפן שיך — סייַ ווייַל זיי האָבן זיך אָפּ־געניצט, סייַ ווייַל זיי זייַנען אַרויס פון דער מאָדע. איך האָב איצט ניט ליב צו גיין אין שוסטערשע וואַרשטאַטן: ווער האָט דען צייַט דערויף? אָבער פּראָ:מען (ער איז ענלעך אַף אַ בער אין שטייַג. זיצט אייַנגעבויגן איבערן נידעריקן טישל אין זייַן ענגן, האַלב־טונקעלן קעמערל, פון וועלכן מע קאָן נאָר זען די פיס פון פאַרבייַגייער) — פּראָ:ם דעם שוסטער קאָן איך ביז איצט ניט פאַרגעסן.

דאָס קלאַפּן פון אָפּצאַסן אין שטיינערנע פּליטעס פונעם טראָטואַר דערטראָגט זיך פון דרויסן, דאָס קלאַפּן פונעם העמערל — פון אינעווייניק. דער פּעטער פּראָ:ם קלאַפּט איבער די אָפּצאַסן, די אָפּצאַסן — איבערן טראָטואַר, דערנאָך — ווידעראַמאָל דער פּעטער פּראָ:ם איבער די אָפּצאַסן...

מענטשן קאָנען זיך ניט באַגיין אָן שוסטערס, און מייַן שאָכן האָט געהאַט אַ שעם אַף דער גאַנצער גאַס. איך דערמאָן זיך אין אים איצט, ווען כ׳גיי אַלע אינדערפרי דורכן הויף פון

דער פאַבריק, וואָס איז פול מיט רייכעס פון פעל און קליי, ווו אין רויש פון מאַשינעס ווערט געמאַכט דאָס, וואָס אָן דעם קאָנען מענטשן זיך ניט באַגיין, — שוכוואַרג. צי ס'איז שאָלעם אַף דער וועלט, צי עס גייט אַ מילכאָמע — שוסטערס זײַנען שטענדיק נייטיק.

אַלע אינדערפרי צעשיטן זיך וואַגאָנען מיט פעל איבער די פּליטעס פון די צושנײַד־פּרעסן. עס וויקלען זיך פאַנאַנדער אומענדלעכע רולאָנען סינטעטישע מאַטעריאַלן. גוס־מאַשינעס שלינגען אײַן די קלעפּיקע קאַוטשוק־מאַסע, און, איבערקײַענדיק זי אין די פּרעס־פאָרמעס, שפּײַען זיי זי אַרויס אין די קאָנטיינערס שוין ווי גרייטע פּאָדעשוועס. טײַכן קליי, ריטשקע־לעך פאַרב צעגיסן זיך איבער די פאַבריק־אַרטעריעס, עס צעוויקלען זיך פאַרשיידנקאָליריקע קילאָמעטערס פעדעם, ס'צעשיטן זיך איבער די קאָנווייער־לענטעס טאָנעס טשוועקעס פון קאָלערליי קאַליבערן. און דאָס אַלץ איז נייטיק, קעדיי הײַנט זאָל ווידער, ווי נעכטן, ווי פאַראַיאָרן, ווי מיט אַ סאַך יאָרן צוריק, אַ ציטער טאָן פון עלעקטרישן שטראָם און אַוועק אין גאַנג דער קאָנווייער, עס זאָלן אָנהייבן זייער טאָגטעגלעכן פיבער די נאָדלען, און פון אָנ־שטרענגונג זאָלן די גוס־אַגרעגאַטן שיפּען, און בלינצלען זאָלן מיט די גרינע לעמפּלעך די פולטן פון די מעטראָלאָגישע אײַנריכטונגען.

דאָס איז — אינדוסטריע. די אינדוסטריע, וואָס איז אויסגעוואַקסן, אייגנטלעך, אין די יאָרן פון סאָוועטנמאַכט און איז דורכגעגאַנגען אַ וועג פון קוסטאַרישע וואַרשטאַטן ביז די הײַנט־צײַטיקע גיגאַנטן, וועלכע נוצן אויס די לעצטע דערגרייכונגען פון טעכניק און וויסנשאַפט אין זייער אָרגאַנישער אייגנהײַט. די אינדוסטריע, וואָס לאָזט אַרויס מיליאָנען פּאָר שיך אַ יאָר.

די אַלטע שוך־פאַבריק „סקאָראָכאָד" האָט אָנגעטאָן אין שיך גאַנצע דוירעס מענטשן. אומעטום ווייסט מען פון אָט דער מאַרקע. אָבער ווייניק־וועניק שטעלט זיך פאָר, וויאַזוי עס ווערט איצט אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר שיך. פּראָדוצירן שוכוואַרג געהערט צו דער אַזוי־גערופענער לײַכטער אינדוסטריע. און אָנגערופן האָט מען זי אַזוי, ווײַזט אויס, דערפאַר, וואָס פון קאַד־מוינים אָן האָט מען זי ניט געשטרעבט צו באַשווערן מיט מאַשינעס. שוסטערײַ איז אַן אוראַלטע מעלוכע. פלײַסיקע, פלינקע, שטאַרקע הענט — אָט וואָס מע האָט דאָ געדאַרפט האָבן, אָבער פון פּראָצים דעם שוסטערס קעמערל ביז די ריזיקע צעכן פון „סקאָראָכאָד" איז פאָלג מיך אַ גאַנג! שוך־אינדוסטריע קאָן זיך איצט ניט באַנוגענען בלויז מיט גוטע באַלמעלאָכעס. זי דאַרף אַן אינזשעניער, אַ קאָנסטרוקטאָר, אַ קינסטלער, אַ געלערנטן. וועגן איינעם אַזאַ שע־פער פון שיך ווילט זיך מיר דערציילן.

מיר גייען פון זײַן דאַטשע צום אויטאָבוס אין זעליאָנאָגאָרסק. דער הויכער זאָקן טרעט שווער, מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ, איבערן אויסגעוואַשענעם פונעם פרישן רעגן טראָטואַר. אים יאָגן אַריבער אַפילע די פאַרכאָלעמטע דאַטשניקעס. ווײַזט אויס, די פיס דינען אים שוין ניט, ווי אַמאָל. אָבער רעדן רעדט ער דײַטלעך, לאָגיש, יעדע פראַזע — אָפּגעטאָקט, אַ גע־וווינהײַט צו פּינקטלעכע פאָרמולירונגען.

די זיכרוינעס האָט ער איבערגעלאָזט אין דער היים. איצטער רעדט ער וועגן עפּעס אַנ־דערס — וועגן דעם, אַז ס'איז שוין צײַט אין דער שוכוואַרג־אינדוסטריע אָנפירן מיט דער פּראָדוקציע אַזוי, ווי דאָס ווערט געטאָן אַפן וואָלגער אויטאָמאָביל־זאַוואָד.

מאַגיד געהערט ניט צו יענעם טיפּ בעקאָוועדיקע זקיינים, וועלכע מוטשען זיך פון גאָר־נישט ניט טאָן און נעמען זיך צונויפשטעלן איבערגעשפּיצטע פּראָזשעקטן, שטופּנדיק זיך אומעטום מיט זייערע קאַטעגאָרישע אייצעס. אַוועק אַף פּענסיע, קומט ער אַפן „סקאָראָכאָד" בלויז אין דער ביבליאָטעק, האַגאַם געסט־סקאָראָכאָדאָווצעס נעמט ער גערן אויף בײַ זיך אין דער היים. ניין, צו די אָנפירער פון דער פירמע קומט ער ניט מיט קיין אייצעס, ער פאַר־שטייט, אַז די וויסנשאַפטלעך־טעכנישע רעוואָליוציע העלפט זיי לייזן די שווערסטע אויפגאַבן. נאָר דער געדאַנק זעצט פאָר צו אַרבעטן, און די נויטווענדיקײַט אײַנצוזאַפּן אין זיך אַלדאָס נײַע, אַנאַליזירן און מאַכן אויספירן, וועט שטאַרבן, אַפּאָנעם, צוזאַמען מיט אים.

מיר איז שוין ניט אויסגעקומען צו טרעפן מאַגידן אַפן „סקאָראָכאָד". אָבער איך האָב געהערט, ווי אָן אויפהער פאַררופט מען זיך אַף אים:

— אָט מאַגיד, אַשטייגער, וואָלט געטאָן אַזוי...

— אַזוינס האָט שוין אין זײַנער צײַט דורכגעפירט מאַגיד...

— אינטערעסאַנט, פון וואָס וואָלט דאָ אָנגעהויבן מאַגיד...

פאַרשטענדלעך, אַ באַליבּיקע אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַט ווערט מיט דער צײַט אַרומ־גערינגלט מיט אַן אָרעאָל. נאָר מאַגידן מאָלט מען ניט מיט מאַלאָכימדיקע פליגעלעך. מע דערציילט וועגן אים אַנעקדאָטן, מע כאַזערט איבער זײַנע כאָכמעס, און די געשיכטעס ווײַזן

אים ניט אין הימל־בלויע קאָלירן. ווי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר אַלע מאָל דערמאָנט מען זײַן זעלטענע פֿײַיִקייט זיך צו נעמען אין די הענט אין אַ קאָמפּליצירטער לאַגע. ער האָט ניט געזוכט קיין גיכע עפֿעקטן, שטענדיק געאַרבעט אויף דער פּערספּעקטיוו — גרינטלעך און שפּעריש.

אין 1921 האָט ער פֿאַרענדיקט אַ פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַן אינזשעניער־כימיקער אָנגעקומען אויף אַרבעט ניט לויט זײַן פֿאַך — אין טעריטאָריעלן לעדער־שוכוואַרג־טרעסט. איצטער איז כימיע די איקערדיקע וויסנשאַפֿט פֿאַר אַן אינזשעניער פֿון דער שוכוואַרג־אינדוסטריע. דעמלט אָבער איז עס טאַקע געווען, ווי מע זאָגט, „ניט צו דער מאָס".

די טעריטאָריעלע טרעסטן — דער מאָסקווער, פּעטראָגראַדער, אוראַלער און אַנדערע זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן, קעדײַ מיט זייער הילף זאָלן פֿון די צעשפּליטערטע קוסטאַר־אַרטעלן געשאַפֿן ווערן מעכטיקע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אויף די טויערן פֿון דער פֿאַבריק „סקאָראָכאָד" איז געהאַנגען אַן אַמביציעזע שילד: „מע־כאַנישע פּראָדוצירונג פֿון שוכוואַרג". נאָר שיך האָט מען דאָרט אויסגעאַרבעט מיט די הוילע הענט, בלויז אייניקע אָפּעראַציעס זײַנען געווען מעכאַניזירט. און, נאַטירלעך, ס'איז ניט גע־ווען קיין איין אינזשעניער. עטלעכע אַלטע מײַסטערס, וועלכע זײַנען געבליבן נאָך דער רעוואָלוציע, דרײַ טעכניקער — אויך פּראַקטיקער. יעדער מײַסטער האָט געוווּסט בלויז זײַן באַציִרק.

און נאָך אַ זאַך. די מײַסטערס, די „עלטערע" האָבן געהאַלטן זייערע קענטענישן בעסאָד־סוידעס — מע האָט מוירע געהאַט פֿאַר קאָנקורענץ. דאָס איז נאָך געבליבן פֿון דער אַלטער צײַט, און איבעראַנדערשן זיי האָט מען שוין ניט געקאָנט. וואָס זשע האָט מען געזאָלט טאָן? אַרבעטן, ווי אַמאָל, האָט מען שוין ניט געטאָרט. דער פּאַרעלטערטער ריז „סקאָראָכאָד" איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ אומגעלומפּערטער, ער האָט פּאַשעט געגויסעט. ווי ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1882 דורך די דײַטשישע סאָכרים, אַזוי האָט ער פּאָרגעזעצט צו זשיפּען.

די אויסשטאַטונג איז געווען אַן אַמעריקאַנישע. די אַמעריקאַנער האָבן מאַשינעס ניט פֿאַרקויפֿט — זיי האָבן אָפּגעגעבן אין אַרענדע. אויף יעדער מאַשין איז געווען אַ ציילונגס־אַפּאַראַט, און צאָלן האָט מען געמוזט, ווי אין טאַקסי, לויט דער צאָל פֿון דעם שוכוואַרג, וואָס מע האָט אַרויסגעלאָזט. קיין רעזערוו־טיילן זײַנען ניט געווען. די אַמעריקאַנישע פֿירמעס האָבן נאָך דער רעוואָלוציע אופֿגעהערט צו שיקן נייטיקע דעטאַלן, די מאַשינעס האָבן שוין אויף גאָרנישט ניט געטויגט, און וועגן פֿאַרבײַטן זיי מיט נײַע האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן.

מיט פֿעל, טשוועקעס, פּורניטור, מיט אַנדערע מאַטעריאַלן איז געווען די זעלבע צאָרע. די אַלטע זאַפּאַסן האָבן זיך אויסגעשעפּט.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען די בעסטע אונטערנעמונג פֿונעם „לענקאָזשטרעסט". אַזאַ ווירט־שאַפֿט האָט באַקומען מיכאיל מאַגיד, ווען ער איז אין 1923 געוואָרן דער טעכנישער דירעקטאָר פֿון „סקאָראָכאָד".

ס'איז ניט געווען, אין וואָס צו באַשולדיקן דאָס באָרוועסע רוסלאַנד. שטיוול זײַנען נאָך גע־ווען אַ לוקסוס.

מאַגיד נעמט זיך פֿאַר דער מאָדערניזאַציע פֿון דער טעכנאָלאָגיע. אָפּן גרעסטן זאַוואָד — אויף ראַדישטשעווס נאָמען — פֿלעגט פֿריִער דער פּראָצעס פֿון גאַרבן די פֿעל דויערן 10 — 12 כאָדאָשים. מאַגיד האָט איבערגעפֿירט דעם פּראָצעס אויף באַראַבאַן־גאַרבערײַ, פֿאַרקירצנדיק די צײַט ביז צו ניט מער ווי אַנדערהאַלבן כאָדאָשים. דערצו האָט אויך די קוואַליטעט זיך פֿאַרבעסערט.

גלײַך נאָכן אײַנפֿירן די נײַע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור האָט מען אָנגעהויבן בויען נײַע צעכן. פֿאַר אַ קורצער צײַט זײַנען באַנײַט געוואָרן אַלע לעדער־זאַוואָדן. מאַגיד האָט אָפּגעזוכט אינזשעניערן פֿון אינסטיטוטן, לויט זייערע פּראָיעקטן האָט מען עלעקטריפֿיצירט די אַרבעט, דורכגעפֿירט וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע.

מע האָט געקאָנט, דאַכט זיך, אַ ביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם: אין דער סיסטעם פֿונעם טרעסט איז געשאַפֿן געוואָרן אַ נײַע לעדער־אינדוסטריע, וועלכע איז פֿײַיִק צו אַרבעטן אויפֿן נייטיקן ניוואָ. די זאַוואָדן זײַנען גוט אויסגעשטאַט, ס'איז אויסגעאַרבעט אַ שטרענגע פּראָ־דוציר־אָרגאַניזאַציע. אויס מיט אַלע פּראָבלעמען? איז אָבער פֿאַרבליבן דער איקער: ווער וועט אָנפֿירן מיט אָט דער קאָמפּליצירטער פּראָדוקציע?

מיכאיִל מאַגיד

רוסלאַנד האָט קיינמאָל ניט געגרייט איזשע־ניערן־גאַרבער. קיין ספעציִאַליסטן אין אָט דעם פּראָפיל זײַנען פריִער ניט געווען, ביפראַט נאָך איצט, בײַס אַזאַ מאַנגל אין אינזשעניערן. אויך קיין איבעריקע ספעציִאַליסטן אינעם שכייניש צו גאַרבערײַ געביט זײַנען ניט געווען — לע־מאָשל, כימיקער. די אַלטע טעכנאָלאָגיע, וועל־כע האָט זיך באַזירט אַף די רעצעפּטן פון האַנט־ווערקערײַ, האָט זיך ניט גענייטיקט אין אַזעלכע אינזשעניערן. איצט זײַנען די זאַוואָדן גאָר אַנ־דערע, און מע האָט געדאַרפט זיי האָבן.

די לעדער־אינדוסטריע האָט זיך געבויט אין אַ גרויסער מאָס אַף כימישע פּראָצעסן. און מאַ־גיד האָט זיך געווענדט אין דער בעסטער שול פון כימיקער — אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט אָפּן נאָמען פון לענסאָוועט. ער האָט געבעטן, מע זאָל דאָרט אָרגאַניזירן אַ ספעציִעלע גרופּע, וואָס זאָל גרייטן טעכנאָלאָגן־גאַרבער. ס'האָט אים אָפּגעגליקט: דער פּראָפעסאָר ספּעראַנסקי, איינער פון די פירנדיקע געלערנטע און אָט דעם אינסטיטוט, האָט זיך נאָך פריִער אינטערעסירט מיט מאַטעריאַלן פאַר באַאַרבעטן פעל, און ער איז גערן געקומען צוהילף. ערגער איז געווען מיטן קאָנטינגענט פון סטודענטן.

גאַרבערײַ האָט ניט געהאַט קיין שעם — לויט דער טראַדיציע. די יוגנט האָט געשטרעבט אַף די זאַוואָדן פון דער גרויסער כימיע. מאַגיד, פון זײַן זײַט, האָט געדאַרפט האָבן די סאַמע פייִקע — אַזעלכע, וואָס זאָלן גלײַך זיך נעמען פאַר דער זאַך און אַף וועלכע מע קאָן זיך אײַנגאַנצן פאַרלאָזן.

יעדן סטודענט האָט ער אָפּגעקליבן אַליין, אַגיטירנדיק ניט נאָר מיט ווערטער. ער האָט זיך געסטאַרעט אויסקלײַבן אַביטוריִענטן מער עלטערע, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ לעבנס־דערפאַרונג, זײַנען דורכגעגאַנגען די שלאַכט־שול פונעם בירגערקריג. די מערהײַט פון זיי האָבן, אַגעוו, ניט געקאָנט אויסרעכענען אַף הילף פון דער היים. און מאַגיד — דאָס איז ווירק־לעך געווען אַ גוטער מאַטעריעלער סטימול — האָט געפונען אַ מעגלעכקײַט אויסצוטיילן פאַר איינע — סטיפּענדיעס פונעם טרעסט, אַנדערע האָט ער אײַנגעאָרדנט אַף אַרבעט אין דער פרײַער צײַט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט זיך אומקערן מיט קייפל־קייפלאיִם. אינגיכן האָט דער טעכנאָלאָגישער אינסטיטוט אַרויסגעלאָזט די ערשטע גרופּע אינזשעניערן־גאַרבער. צווישן זיי זײַנען געווען די קינפטיקע אָנגעזעענע ספעציִאַליסטן און געלערנטע טשאַפּלינסקי, באָ־ריסאָוו, סוויאַטאָשין, באָראָדאַטאָוו.

דער „סקאָראָכאָד" האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַף פּאָטערלענדישע מאַטעריאַלן. אייגענע לע־דער — דאָס איז געווען דער סאַמע נייטיקער מאַטעריאַל צוליב שאַפן אַ סטאַבילע רויוואַרג־באַזע. דער סאַמע נייטיקער, אָבער ניט אַלץ. מע האָט געדאַרפט האָבן טשוועקעס, פורניטור. מע האָט געדאַרפט האָבן אייגענע מאַשינעס.

מאַגיד זוכט אָפּ אָפן וואַסיליעווסקער אינדזל אַ זאַוואָדל, וואָס איז געווען פאַרקאָנסער־ווירט. פאַר דער מילכאָמע האָט מען דאָ אַרויסגעלאָזט דעטאַלן פאַר יאַם־שיפן. איצט האָט דער פּראָדוציר־קאָרפּוס געשוויגן. אין די פאַריאָסעמטע צעכן זײַנען געשטאַנען עטלעכע אָפּגעטראָ־גענע ווערקשטעלן. מאַגיד איז געקומען אַהער צוזאַמען מיט זײַן מעכאַניקער ראָמאַנאָוו (שפּעטער איז ראָמאַנאָוו געוואָרן דער הויפּט־אינזשעניער פונעם זאַוואָד „באָלשעוויק"), גע־טאַפּט מיט דער האַנט די פאַרזשאַווערטע אויסשטאַטונג:

— דאָס וועט זײַן אונדזערס!

דאָס זאַוואָדל האָט מען איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם „סקאָראָכאָד". און טאַקע דאָ האָט מען אָנגעהויבן אויסאַרבעטן די ערשטע שוך־מאַשינעס. מע האָט אַ נאָמען געגעבן דעם זאָ־וואָד „ווּפּעריאָד" („פאָרויס"). איצט האָט ער זיך צעוואַקסן און איז געוואָרן דער גרעסטער אין לאַנד, וואָס לאָזט אַרויס אויסשטאַטונג פאַר דער שוך־אינדוסטריע.

די שוך־אונטערנעמונגען האָבן אָנגעהויבן באַקומען פּאָטערלענדישע מאַשינעס. אינעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט — אַף די זעלבע יעסוידעס, ווי אינעם טעכנאָלאָגישן — האָט מאַגיד

אָרגאַניזירט א גרופּע מעכאַניקער אונטער דער אָנפירונג פונעם פּראָפעסאָר וויאַכירעוו. אפן אַכטער זאַוואָד האָט ער אויסגעשטאַט די פּראָדוקציע פון טשוועקעס און אַנדער פורניטור, אינעם ראַיאָן פון די נאַרוואַער טויערן — א ניט גרויסן כימישן זאַוואָד, וועלכער האָט גענומען אויסאַרבעטן די נייטיקע כימיקאַטן. איצטער איז ענדלעך שוין אַלץ, וואָס מע האָט געדאַרפט האָבן פאַרן „סקאָראָכאָד".

מיט אַרבעטס־קולטור האָט אָבער אַפילע ניט געשמעקט. די אַלטע קאַדרען, וועלכע זײַנען צוגעוווינט געווען צו פּרימיטיווער קוסטאַרשטשינע און צום כאַאָס פון דער בירגערקריג־צײַט, האָבן ניט געהאַט קיין גרויסן כיישעק זיך איבערצובויען.

מאַגיד נעמט זיך אָרגאַניזירן לאַבאָראַטאָריעס, וועלכע זײַנען באַרופן אַרײַנטראָגן קולטור־יעסוידעס אין דער אוראַלטער מעלאָכע שוסטערײַ. אַרום און אַרום האָט מען געקוקט אף דעם קרום:

— מער ניט ווי א מעשוגאַס!

דער פאָרזיצער פונעם פאַריין פון שוך־אַרבעטער האָט אף א פאַרזאַמלונג געמאָלדן:

— איך גיי אין געוועט אף א קעסטל ביר, אַז שאַפן א לאַבאָראַטאָריע וועל איך ניט דערלאָזן!

דאָס קעסטל ביר האָט ער, נאַטירלעך, פאַרשפּילט. אין דער ריזיקער קיך פונעם גראַפסקן הויז, ווו עס האָט זיך דעמלט געפונען דער „לענקאָזשטרעסט", האָט מאַגיד געגרינדעט די ערשטע אין דער שוך־אינדוסטריע פונעם לאַנד לאַבאָראַטאָריע. שפּעטער זײַנען אופגעקומען לאַבאָראַטאָריעס אף די באַזונדערע אונטערנעמונגען און אין די גרעסטע צעכן.

די אינדוסטריע האָט זיך אָנגענומען מיט קראַפט. „סקאָראָכאָד" האָט זיך געשטעלט אף די פיס. עס ווערט באַשלאָסן דורכצופירן א ספּעציאַליזאַציע. ניט ווײַט פון „סקאָראָכאָד" האָט זיך געפונען א פאַרקאָנסערווירטע אונטערנעמונג פון פּעטראָווס געוועזענער פאַבריק, און מאַגיד טראָגט אהער אַריבער די פּראָדוצירונג פון שטיוול. אָט אַזוי האָט זיך באַוויזן אין לענינגראַד די פאַבריק „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּאָבעדאַ", וועלכע איז איצט דער ערשטער פיליאַל פון דער פירמע. דערנאָך האָט די דאָזיקע פאַבריק אויסגעטיילט פון זיך א פיליאַל, וועלכער איז געוואָרן די ערשטע אין דער וועלט ספּעציאַליזירטע אונטערנעמונג פון פּראָדוצירן שוך־וואַרג מיט דער הילף פון כימיע. איצטער לאָזט אַרויס דער דאָזיקער „פיליאַל" העכער 70 פּראָצענט שיך פון דעם, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט בא אונדז אין לאַנד.

זײַענדיק אין אַן אויסלענדישער קאָמאַנדירונג, האָט מאַגיד זיך פאַרינטערעסירט מיט די פאָרשונגען פון די דײַטשישע מאַשינבויער. זיי האָבן אף אַן עקספּערימענטאַלן אויפן גענומען אויסנוצן פּרעסן, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון א ספּעציעלן קליי געפּעסטיקט די פּאָדעשוועס צו די זוילן — אָן טשוועקעס, אָן שרויפן און אָן פעדעם. מע האָט, פאַרשטייט זיך, אויסגעלאַכט אָט דעם מעטאָד — ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מע זאָל נייען שיך אָן פעדעם און אָן טשוועקעס? מאַגיד האָט קיין וואַליוטע ניט געהאַט, און אויסרעכענען זיי צו באַקומען איז פּאָשעט געווען א פאַנטאַזיע. האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די אויסלענדישע עקספּערימענטאַטאָרן און זיי פאָרגעלייגט:

— אײַער אויסשטאַטונג נעמט קיינער ניט — גיט זי אָפּ אונדז. אויב ס'וועט זיך באַקומען — באַצאָלן מיר, אויב ניין — קערן מיר זי אײַך אום.

און אפן „סקאָראָכאָד" האָבן אָנגעהויבן צו קומען מעשונעדיקע פּרעסן מיט עפּעס אַן אומבאַוווּסטן קליי. ס'האָט זיך באַקומען! און בעפיירעש זייער גוט. אַזוי גוט, אַז מאַגיד האָט פאַרשטאַנען: דאָס איז זייער א פּערספּעקטיווע זאַך, מע דאַרף וואָס גיכער זי אײַנגלידערן, און דאָס הייסט, אַז נאָכאַמאָל דאַרף מען האָבן א באַזונדערע, ספּעציעלע פאַבריק.

צוליב עפענען א נײַע אונטערנעמונג, האָט מען געדאַרפט האָבן א שלאַל רעזאָליוציעס, אף וועלכע ס'איז נייטיק א סאַך צײַט — ניט כאַדאָשים, נאָר יאָרן. מאַגיד האָט וואַרטן ניט געוואָלט. בישכיינעס מיט דער פאַבריק „פּראָלעטאַרסקאַיאַ פּאָבעדאַ" איז געשטאַנען די פּוסטע געבײַדע פון דער געוועזענער טיפּאָגראַפיע אף שוואַרצס נאָמען. מאַגיד האָט די געבײַדע גענומען אף אַרענדע, צוגעבויט צו איר א צעך, וואָס איז געווען אין צוויי מאָל גרעסער, איידער זי אַליין, און געעפנט א נײַע פאַבריק.

אפן „סקאָראָכאָד" האָט מען אַראָפּגענומען פון דער פּראָדוקציע פּרויען־שיך, וועלכע מע פלעגט דאָ פעסטיקן מיט א ספּעציעלן ראַנט־מעטאָד, און איבערגעגעבן זיי דעם נײַעם פיליאַל. אינגיכן האָט די פאַבריק אין שוואַרצס טיפּאָגראַפיע אָנגעהויבן אַרויסלאָזן פּרעכטיקע לײַכטע פּרויען־טופל לויטן הויכפּראָדוקטיוון קליי־מעטאָד. דעם דאָזיקן מעטאָד האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע באַהערשט ווי עס געהער צו זײַן ערשט אין צוויי יאָר אַרום.

די פּראָדוקציע פון דער נײַער פאַבריק האָט מען גלײַך צעכאַפּט. מע האָט זי עקספּאָרטירט קיין אויסלאַנד. דער „לענקאָזשטרעסט" האָט אָנגעהויבן באַקומען וואַליוטע. צו יענער צײַט האָט ער שוין ברייט אָרגאַניזירט דעם עקספּאָרט פון איבערגעאַרבעטע אָפּפאַלן פון דער לעדער־אינדוסטריע — שטשעטינע און מעזדרע, כאַזערישן כראָם־לעדער, כראָם־סטרוזשקע, זאַטל־לעדער און נאַטוראַלן קליי פון פעלן־אָפּפאַל. מע האָט גענומען לייזן פאַר אָט דער פּראָדוקציע אַלץ מער און מער וואַליוטע, און ס'איז שוין געווען, פאַר וואָס צו אײַנקויפן קאָמפּליצירטע אויסלענדישע אויסשטאַטונג.

אין יענער צײַט — ס'איז שוין געגאַנגען דאָס 1930 יאָר — האָט זיך פאַראינטערעסירט מיטן „סקאָראָכאָד" סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו. ער האָט פאַרבעטן צו זיך מאַגידן:

— עפּעס האָט איר זיך לאַנג פאַרהאַלטן אין טרעסט. „סקאָראָכאָד" נייטיקט זיך אין אַ גוטן טעכנישן דירעקטאָר. איך בעט אײַך, נעמט אָן זיך די זאַך. כאָטש אויף אַ כאַדאָשים דרײַ...

די דרײַ כאַדאָשים זײַנען אַוועק, דערנאָך אַ האַלב יאָר. מער האָט מיכאַיִל מאַגיד אין זײַן קאַבינעט אין „לענקאָזשטרעסט" זיך ניט אומגעקערט — אויף שטענדיק פאַרבליבן אויפן „סקאָראָכאָד".

איינמאָל האָט ער געבראַכט אין דער שוך־פאַבריק צוויי אַרויסלאָזניקעס פונעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פון אוניווערסיטעט.

זײַנע קאָלעגן זײַנען געווען פּאַשעט שאָקירט:

— צוליב וואָס? ווידעראַמאָל עפּעס ניט פאַרשטענדלעך...

און ס'זײַנען, ווי געוויינלעך, אַוועק אין גאַנג אַנעקדאָטן. מע האָט געלאַכט, געקנײַטשט מיט די פּלייצעס.

מע לאַכט? זאָל מען לאַכן. מאַגיד, לאָזט זיך אויס, האָט פאַרטראַכט אָנווענדן מאַטעמאַטישע מעטאָדן צום פּראָצעס פון צושנײַדן לעדער. צושנײַדערײַ האָט פון שטענדיק אָן זיך גערעכנט אַלס דאָס סאַמע איידעלע, דאָס סאַמע שעפערישע אין דער פּראָדוקציע פון שוכוואַרג.

עס גייט אַוועק אַ יאָר, צוויי — און די צושנײַדער פון „סקאָראָכאָד" הייבן אָן געווינען די העכסטע רעקאָרדן פון אײַנשפּאָרן לעדער, דערצו מיט די בעסטע מוסטערן פון קוואַליטעט. זיי אַרבעטן לויטן אָזיגערופענעם „פּאַראַלעלאָגראַם־מעטאָד", וועלכן עס האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט די מאַטעמאַטיקער סאָקאָלאָוו און סוכאַרוקאָוו — די ערשטע מאַטעמאַטיקער, וועלכע האָבן אויף שטענדיק פאַרבונדן זייער גורל מיט דער שוך־פּראָדוקציע.

צו יענער צײַט האָבן שוין אָנגעהויבן קומען אויף דער אונטערנעמונג אַרויסלאָזניקעס פונעם לענינגראַדער אינסטיטוט פון דער פאָלקסווירטשאַפט, אין וועלכן מאַגיד האָט אָנגעפירט מיטן ספּעציאַליזירטן פאַקולטעט. ער קלײַבט אויף אַ גרופּע יונגע אינזשענירן — די סאַמע פײַקע און ענערגישע — און מאַכט מיט זיי אַ רײַזע איבערן לאַנד. זייער מאַרשרוט — בײַ־בויונגען פונעם ערשטן פּינפיאָר, אויטאָמאָביל־ און טראַקטאָר־גיגאַנטן אין גאָרקי, כאַרקאָוו, סטאַלינגראַד, וועלכע האָבן באַוויזן ווונדער פון אַרבעטס־פּראָדוקטיווקײַט און אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע. די ספּעציאַליסטן קערן זיך אום אהיים איבעראַשטע פונעם געזעענעם און געהערטן, ווי זיי וואָלטן באַזוכט אַן עפּאָכע פון דער צוקונפט. מיט אַנדערע אויגן האָבן זיי איצט געקוקט אויף די צעכן פון דער פאַבריק, פאַרוואַלגערטע מיט רויוואַרג און גרייטער פּראָדוקציע. זיי האָבן פאַרעלייגט אָרגאַניזירן די אַרבעט לויט אַ קעסיידערדיקן שטראָם.

— אָבער מיר לאָזן דאָך אַרויס שוכוואַרג, ניט קיין אויטאָמאָבילן און טראַקטאָרס, — האָט געשפּאַסט מאַגיד.

— אוודאי. נאָר עמעצער דאַרף דאָך אָנהייבן.

אײַנשטעלן אַ קאָנווייער אין דער שוכוואַרג־פּראָדוקציע האָבן שוין געפּרוווט אַ סאַך אונטערנעמונגען. עטלעכע וואַריאַציעס פון אַ קאָנווייער איז געווען אויך אויפן „סקאָראָכאָד" (וואָדען, מאַגיד וועט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהײַט?). אָבער איינע האָבן, לייזנדיק די אויפגאַבע פון טראַנספּאָרטירן די האַלב־פאַבריקאַטן, ניט געזיכערט די באַהאַדראַגעדיקײַט פון אַ סינכראָנישן שטראָם, אַנדערע האָבן זיך יאָ דאָס דערשלאָגן, נאָר פון איין אָפּעראַציע צו דער אַנדערער פלעגן אַליין די אַרבעטער איבערגעבן די האַלב־פאַבריקאַטן פון האַנט צו האַנט. קיין וועלכע־ניט־איז ריטמישע אָרגאַניזאַציע איז ניט געווען. ס'איז נייטיק געווען אַ טעאָריע פון קעסיידערדיקער פּראָדוקציע.

דער „סקאָראָכאָד" האָט געהאַט זײַן אייגענעם טעאָרעטיקער, וואָס פלעגט פליִען אין די הימלען. פאַר אַ זײַטיק אויג האָט באָריס פּאָליאַק געהאַט אַ פאַרשלאָפענעם אויסזען.

מאַגיד האָט ניט געוואָלט גלײַך אים מאַטערן מיט פּלענער פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער רעוואָלוציע. ער האָט לעכאַטכילע געשטעלט פאַר אים אַן אויפגאַבע: געפינען אַ מיטל, וויאַזוי זיך ספּראַווען מיט דער ריזיקער צאָל ניט־פאַרענדיקטער פּראָדוקציע. קימאַט גרייטע

שיך פלעגן לאַנג זיך טריקענען אַף די פּאָלקעס, טראַנספּאָרטירן זיי פון איין אָפּעראַציע צו דער אַנדערער האָט ניט געהאַט קיין זין. און פּאָליאַק האָט צוגעטראַכט: מע דאַרף מעכאַניש סיי באַנעצן, סיי טריקענען די דאַזיקע שיך. די קאָנסטרוקטאָרן און די מעכאַניקער פון „סקאָראַכאָד" האָבן געשאַפן די ערשטע באַפייַכטונגס־ און טריקענונגס־קאַמערעס. דער פּראָצעס, וועלכער האָט פריִער געדויערט גאַנצע כאַדאָשים, איז דערפירט געוואָרן ביז עטלעכע שאָ. איצט האָט מען שוין געקאָנט איבערגיין צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע לויט א קעסיידערדיקן שטראָם.

מאַגיד האָט געוווּסט, וואָס ער וויל: דער שוך דאַרף צונויפגעשטעלט ווערן, ווי אין אויטאָמאָביל. באַוועגנדיק זיך איבער דער לענטע פונעם טראַנספּאָרטיאָר, דאַרפן זייַנע דעטאַלן בעהאַדראָגעדיק, לויט א שטרענגן סיידער, זיך פאַרייניקן און אַראָפּגיין פון אים אין א גרייטער פאָרם. אָבער אַן אידיי איז נאָך ניט קיין טעאָריע. די טעאָריע האָט מען געדאַרפט ערשט שאַפן. אַף וויפל אָפּעראַציעס צעטיילן דעם פּראָצעס פון אויספאַרטיקן א באַשטימטן מין שוכוואַרג? אין וואָס פאַר א סיידער צעשטעלן די אַרבעטער? מיט וועלכער שנעלקייַט דאַרף זיך באַוועגן דער קאָנווייער? דאָס האָט קיינער ניט געוווּסט. אַלץ האָט מען געדאַרפט אונטערעכענען מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייַט.

פּאָליאַק דער טעאָרעטיקער האָט אונטערגעדרעמלט בא זייַן טיש אין טעכנישן אָפּטייל, אַרויסרופנדיק געוויינלעכע שטאָך־רייד בא די אַנדערע מיטאַרבעטער. פון צייַט צו צייַט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון נייַע אידייען...

עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט מאַגיד אים געפירט שפּאַצירן איבער לענינגראַד. א מיליטערישער אָרקעסטער האָט פאַרווייַלט דאָס פּובליקום אינעם זומערדיקן סאַד, פריילעכע מיידלעך האָבן זיך געקוויקט מיט אייַז־קרעם בא די ביידלעך, נייַגעריקע עקסקורסאַנטן האָבן זיך פאָטאָגראַפירט באַם קופערנעם רייַטער, און אָט די ביידע שוין באַיאָרטע פּאַרשוינען, פאַרלוירענע צווישן דעם יאָמטעוודיקן פריילעכן אוילעם, האָבן גערעדט וועגן דעם קאָנווייער. און זייערע אָוונטיקע שפּאַצירן האָבן זיך פאַרענדיקט דערפאָלגרייַך. ווייַטער איז שוין ניט געווען קיין צייַט צו שפּאַצירן איבער דער פּרעכטיקער שטאָט — ניט בא פּאָליאַקן, ניט בא מאַגידן, ניט בא די יונגע אינזשעניערן פון דער עקאָנאָמישער לאַבאָראַטאָריע.

אין 1932 איז אַפן „סקאָראַכאָד" געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער ערשטער קאָנווייער, און אינגיכן זייַנען איבערגעפירט געוואָרן אַף דער קאָנווייער־סיסטעם קימאַט אַלע גרעסטע צעכן פון דער פאַבריק. דאָס איז געווען אַן איבערקערעניש אין דער שוכוואַרג־אינדוסטריע.

די אַרבעטס־באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט — ניט צו דערקענען. די דרייַשטאָקיקע וואַגאָנעטקעס — דעם הויפּט־עלעמענט פונעם אינטעריער פון די צעכן (קימאַט דרייַ פערטל פונעם אַלגעמיינעם פּלאַץ) האָט מען אָפּגעראַמט, און מע האָט אַף זייער אָרט אייַנגעשטעלט נייַע אויסשטאַטונג. די אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייַט איז אויסגעוואַקסן אַף 40 פּראָצענט. קיין שום אַנדער אינזשעניריש, טעכניש אָדער אָרגאַניזאַציאָנעל מאָסמיטל האָט ניט ביז דעמלט און ניט שפּעטער געבראַכט אַזא גרויסן עפעקט.

אָבער דער ריזיקער שוווּנג אין דער פּראָדוצירונג פון שוכוואַרג רוקט אַרויס א נייַע פּראָבלעם — דעם מאַנגל אין לעדער־רעסורסן. איצט אַנטשטייט שוין די פראַגע וועגן פאַרבייַטן לעדער מיט אַנדערע מאַטעריאַלן.

דער בעסטער, דער שטאַרקסטער לעדער איז געגאַנגען אַף אויסאַרבעטן פּאָדעשוועס, און אָט דעם מאַטעריאַל האָט מאַגיד באַשלאָסן אייַנשפּאָרן וויפל נאָר ס'וועט זיך לאָזן. ער האָט פאָרגעלייגט פּראָדוצירן שוכוואַרג אַף גומי. איצט קומט אונדז אַפילע ניט אַפן געדאַנק אָנטאָן ווינטער, לעמאָשל, שיך אַף א לעדערנער פּאָדעשווע. דעמלט אָבער האָט דער פאָרשלאָג אַרויסגערופן א ווידערשטאַנד:

— וואָס הייסט, מע וועט צווינגען א מענטשן טראָגן גומענע פּאָדעשוועס, גלייַך ער וואָלט געווען אַן אויטאָמאָביל?

לעדער האָט ניט געקלעקט. פון דעם, וואָס די שוך־אַרבעטער האָבן געהעכערט די פּראָדוקטיווקייַט אַף פערציק פּראָצענט, האָבן די בעהיימעס זיך ניט גענומען קעלבלען אין אַנדערהאַלבן מאָל מער. אָן גומענע פּאָדעשוועס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, קאָן מען זיך ניט באַגיין... נאָר ס'איז אַנטשטאַנען א נייַע פראַגע — וויאַזוי פעסטיקן די לעדערנע זוילן צו די גומענע פּאָדעשוועס? די טראַדיציאָנעלע מעטאָדן — צונייען און צושרויפן — האָבן ניט געטויגט: גומי ברעקלט זיך אונטער דער נאָדל און אונטער דעם שרויף, די פעדעם ווערן איבערגעשניטן. אָנווענדן קליי? אָבער פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען געפינען דערצו א ספּעציעלן מעטאָד. און עס איז געבוירן געוואָרן די אידיי פון הייסער וווּלקאַניזאַציע: דעם גומענעם האַלב־

פאַבריקאַט פון דער פּאַדעשוועס דאַרף מען אין אַ צעשמעלצטן צושטאַנד צופּעסטיקן צו דער זויל. אַזאַ שוך וועט ניט דורכרינען.

צוליב דער הייסער וווּלקאַניזאַציע איז אויסגעקומען צו באַהערשן אַ באַזונדער מין גי־סערײַ. מע וועט דאַרפֿן האָבן פּרעספאָרמעס — אַ זאַך, וואָס איז ביז דעמלט פֿאַר די שוך־אַרבעטער געווען „פֿאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער". אײַנלאַדן באַהאַוונטע קאָנסטרוקטאָרן פֿון דער שווערער אינדוסטריע? אומזיניק. מע דאַרף דאָך האָבן פּרעספאָרמעס צוליב אָפּגיסן שוך־דעטאַלן, און ניט באַלוואַנקעס. ס'איז פֿאָרגעשטאַנען אַן אַרבעט, וואָס האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין אַנאַלאָגיעס, דאָס הייסט, אַז אויך קיין ספּעציאַליסטן זײַנען דערצו ניט געווען. מע דאַרף, הייסט עס, אָנהייבן פֿון סאַמע אָנהייב.

געווען צווישן די אַרבעטער־ראַציאָנאַליזאַטאָרס אַ יונגער שלאָסער וויקטאָר זויעוו, אַ גע־ווענער קאַלאָניסט, וועלכער האָט באַוויזן צו פֿאַרזוכן צוזאַמען מיט הונדערטער אַזעלכע, ווי ער, נאָך קימאַט קינדער, דעם ביטערן טאַם פֿון עמיגראַנטישע וואָגלעניש, דאָס וואַנדערן פֿון איין אויסלענדישן האַפן צום אַנדערן — געוויינלעך, אָן אַ גראָשן געלט און אָן אַ בילעט, ביז ער האָט זיך ענדלעך דערקליבן אַהיים קיין רוסלאַנד. זויעוו איז געווען אַ הייסער יאַט, אַ וויסנגיריקער, און ער האָט געגלייבט אין דער נײַער זאַך, וועלכע איז פֿאַרטראַכט געוואָרן אין דער פֿאַבריק. טאַקע אים איז פֿאַרטרויט געוואָרן צו מאַכן די ערשטע פּרעספאָרמעס פֿאַרן גוס־צײַך. אַזוי האָבן זיך באַוויזן אָפּגעגאָסענע פֿון גומי אַפּצאָסן, דערנאָך — פּאַדעשוועס, וועל־כע מע האָט שוין ניט געדאַרפֿט אויסהאַקן פֿון אַ גאַנצער פּלאַסטינע: זיי זײַנען געווען גרייט צו דער אַרבעט.

דער יונגער שלאָסער האָט איבערגעבלעטערט טעכנישע ביכער, מעסלעסנווײַז ניט פֿאַר־לאָזט די לאַבאָראַטאָריע, און אים האָט זיך טאַקע אײַנגעגעבן צו מאַכן פּרעספאָרמעס אויף אָפּצוגיסן מאַנאַליט שוכוואַרג מיט גומענע פּאַדעשוועס. נאָך מער, ער האָט געשאַפֿן אַ מע־טאָדיק פֿון קאָנסטרויִרן פּרעספאָרמעס פֿאַר שוכוואַרג און האָט אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס איז ביז איצט דער לערנבוך פֿאַר קאָנסטרוקטאָרן פֿון דער שוכוואַרג־אינדוסטריע. זויעוו איז גע־שטאָרבן אין 1973 אויפֿן פּאָסטן פֿון שעף פֿונעם קאָנסטרוקטאָר־אָפּטייל פֿאַר טעכנאָלאָגישע אײַנריכטונגען אויפֿן „סקאָראָכאָד", און אַלע יאָר ווערט איצט דער בעסטער ראַציאָנאַליזאַטאָר פֿון דער פֿאַבריק באַלוינט מיט אַ פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿונעם פֿאַרדינסטפֿולן דערפֿינדער, פֿון רספּסער וויקטאָר טיכאָנאָוויטש זויעוו.

דעם 27 אָקטיאַבער 1934 האָט אַ גרופּע סקאָראָכאָדאָווצעס — מאַגיד, זויעוו אאַ. באַקומען אַן אויטאָרישע צײַגעניש וועגן דערפֿינדן דעם פּראָצעס פֿון הייסער וווּלקאַניזאַציע פֿון שוכ־וואַרג.

ווען אין יוני 1941 האָבן די אַרבעטער פֿונעם צעך פֿון הייסער וווּלקאַניזאַציע — אַלע, ווער עס איז בעקויעך געווען צו נעמען געווער אין האַנט, — זיך פֿאַרשריבן אין סקאָראָכאָדאָווסקער פּאָלק פֿון דער 2־טער אָפּאָלטשעניע־דיוויזיע, זײַנען זיי אַוועק אויפֿן פֿראָנט אין געוויינלעכע אַרמייִשע שטיוול. און ערגעץ הינטער נאַרווע, הינטער סיניאַווינאַ, הינטער פּולקאָווא האָבן זיי, אַרויסגיסנדיק דאָס וואַסער פֿון די צעוויקטע קירזאַטשעס, ניט איין מאָל אויסגעלאָזט דאָס ביטער הארץ אויף די שטיוול מיט אַ שרויפֿן־נעט. אָבער יענע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען לעבן געבליבן נאָך די ערשטע פֿאַרביטערטע שלאַכטן, האָבן דערנאָך שוין געקאָנט זיך איבערצײַגן אין דער פּראַקטיקער קוואַליטעט פֿון די נײַע שטיוול, אין וועלכע מע האָט זיי אָנגעטאָן. אין מײַ 1942 האָט זיך נאָכן ערשטן בלאָקאַדנעם ווינטער אָנגעהויבן דער ווידער־געבורט פֿונעם „סקאָראָכאָד". ס'איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער עקספּערימענטאַלער צעך, וווּהין מע האָט אַריבערגעטראָגן די פּרעסן און אָנגעהויבן געבן שטיוול פֿון הייסער וווּלקאַ־ניזאַציע פֿאַר די שלאַכטלײַט פֿונעם לענינגראַדער פֿראָנט. אָט די שטיוול האָבן ניט מוירע געהאַט פֿאַר קיין שום בלאָטעס. פּונקט אַזעלכע זיכערע סאָלדאַטישע שטיוול זײַנען געגאַנגען לויט די אינטענדאַנטישע קאַנאַלן אויך פֿון קאַזאַן, ווו אויף דער באַזע פֿון געוועזענע קוסטאַר־אַרטעלן איז אויסגעוואַקסן דער לעדער־שוכוואַרג־קאָמבינאַט „ספּאַרטאַק". הויפּט־אינזשעניר פֿון דער דאָזיקער נײַער אונטערנעמונג איז געווען מאַגיד.

שפּעטער, אין 1945, וועט מאַגיד פֿאַר דער אַרבעט אין „ספּאַרטאַק" באַקומען אַ שלאַכט־באַלוינונג — אַן אָרדען פֿון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע פֿון דער ערשטער מאַדרייגע. די באַלוינונג וועט ער באַקומען, שוין אומקערנדיק זיך קיין לענינגראַד. דאָ וועט ער באַגע־גענען דעם טאָג פֿון ניצאָכן, צוזאַמען מיט זײַנע סקאָראָכאָדאָווצעס וועט ער שטיין אויפֿן מיטינג אין פֿאַבריק־הויף אונטערן פּלאַקאַט „בערלין איז אונדזערער!" — באַ דעם זעלבן פּאָנטאָן, אין וועלכן די דרוזשיניקעס האָבן בײַס דער בלאָקאַדע געלאָשן די „זאַזשיגאַלקעס".

ס'איז געגאַנגען דער ווידערגעבורט פון דער פאַבריק. „סקאָראָכאָד" איז ווידער געוואָרן די אַלפאַרבאַנדישע לאַבאָראַטאָריע פון דער שוכוואַרג־אינדוסטריע.

אין 1946 איז מאַגיד, צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים פון דער פאַבריק, געוואָרן לאַורעאַט פון דער מעלוכע־פּרעמיע. אין א יאָר אַרום האָט מען דעם „סקאָראָכאָד" באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. א לענין־אָרדען האָט באַקומען דער הויפּט־אינזשעניער פון דער אונטערנעמונג מיכאַיל מאַגיד.

פאַראַן מענטשן מיט די סאַמע פרידלעכע פּראָפעסיעס — רעוואָליוציאָנערן לויט דער נאַטור. מאַגיד געהערט צו אָט דעם סאָרט מענטשן. אָנגעהויבן האָט ער פון דורכפירן א וואַסערלייטונג אַף די לעדער־זאַוואָדן און האָט פאַרענדיקט מיט רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאַלטונגען, אײַנפירנדיק די ערשטע אווטאָמאַטן פאַר פּראָדוצירן שיך.

איצט איז ער שוין אַף פּענסיע. ער דאַרף ניט אַלע אינדערפרי קומען אַף דער פאַבריק. און עס קומען ניט פאַר בא אים ניט קיין אָפּעראַטיווע באַראַטונגען, ניט קיין הורט־מערק. ער זיצט שוין ניט גאַנצע נעכט אין קאַבינעט, טרינקענדיק נאָכאַנאַנד שטאַרקע טיי באַם אויסהערן די סוואָדקעס. ס'איז שאַ־שטיל. א זאַרגפול ווײַב און קלוגע אייניקלעך. ווי נאָר עס נעמט שאַרײַען און אין פענצטער קוקט אַרײַן דער נעפלדיקער און ניט איבעריקס וואַרעמער לענינגראַדער זומער, קלײַבט ער זיך אַרויס פון זײַן דירע אַף דער ליגאָווקע כאַפּן פרישע לופט אַף דער דאַטשע.

מיר גייען מיט אים איבער דער שטילער זויבערער גאַס אינעם דאַטשע־שטעטל זעליאָנאָגאָרסק. ווי פּרעכטיק דאָ איז, און ווי שטיל!

— א מאָדנע זאַך, — זאָגט צו מיר דער הויכער שטאַלטנער זאָקן און קוקט מיט פאַרכאַמעטע אויגן, — צוואַנציק יאָר זײַנען שוין אַוועק, זינט כ'האָב אופגעהערט אַרבעטן, אָבער אַלע נאַכט כאָלעמט זיך מיר אונדזער „סקאָראָכאָד". און כאָטש איין כאָלעם זאָל זײַן אָן אָנגענעמער...

איך וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַזעלכע כאָלימעס...

<u>כראָניק</u>

די אַרבעט גייט גוט

אַף דעם זיבעטן שטאָק פונעם אַדמיניסטראַטיוון קאָרפּוס זעט מען גוט די בוי־פּאַנאָראַם פונעם זאַוואָד, וועלכער וועט רעמאָנטירן גרויספּראַקטיקע אווטאָמאָבילן און אווטאָקראַנען פאַרן מיזרעכדיקן באַצירק פון דער בײַקאַל־אַמורער אײַזנבאַן־מאַגיסטראַל. דער זאַוואָד דאַרף אָפּגעגעבן ווערן אין עקספּלואַטאַציע צום סאָף פון 1979.

מיר שמועסן מיטן מולייר אייקעליס, וועלכער איז פאַר טרײַער מי באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „אַרבעטס־רום פון דער דריטער מאַדרייגע".

— צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן, — זאָגט גריגאָרי כאַימאָוויטש, — קומט מיר אויס לייגן אַף אַן אכטשטאָקיקער הייך, נאָר איך בין שוין צוגעווױנט. אין ביראָבידזשאַן בויט מען א סאַך פילגאָרנדיקע וווין־הייזער.

גריגאָרי אייקעליס לייגט אוועק אייִנעם נאָכן אַנדערן אַפן צעמענט־געמיש עטלעכע ווײַסע סיליקאַט־ציגל. די אַרבעט גייט גוט...

ל. גאָלדמאַן

פּראָפֿילן
פֿון
אונדזערע
מיטצײַטלער

הערשל פּאָליאַנקער

אפֿן אינדזל „ריבאַטשי"

אויב מע וועט אײַך, אשטייגער, זאָגן, אַז אין קיִעוו בויט מען מעכטיקע שיפֿן־טראַולערס, וועלכע הערן אַלע שטורעמס פֿאַר אַ פּיטאַק, וועט איר אין דעם גלייבן?

איר וועט געוויס אַ קנייטש טאָן מיט די אַקסל:

— ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? צו די יאַמען און אָקעאַנען גייען די שיפֿן איבער דער יאַבאָשע, צי מע שטעלט זיי אונטער רע־דער און זיי פֿאָרן? מיטן דניעפּער קאָנען דאָך ניט שווימען אַזעלכע גרויסע שיפֿן, ער איז ניט שטאַרק טיף...

אייצע איך אײַך זיך דורכפֿאָרן אפֿן אינדזל „ריבאַטשי", וואָס געפֿינט זיך ניט ווײַט פֿון קיִעוו, און איר וועט געפֿינען אויף דעם אַן ענט־פֿער.

דאָס אינדזל מיט אָט דעם ניט געוויינלעכן אַלטן נאָמען האָט זיך גרויסאַרטיק צעצויגן אינ־מיטן די דניעפּערשע ראַכוועסן, און נאָך גע־ראַמער האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט די באַרימטע ווערף — דער אָרדענטרעגערישער שיפֿבוי־זאַ־וואָד „לענינסקאַיאַ קוזניצאַ" — איינער פֿון די גרעסטע זאַוואָדן אין דער הויפּטשטאָט פֿון אוּ־קראַיִנע.

דער אַלטער דניעפּער — סלאַוווּטיטש וואַרפֿט זיך בייז און אַכזאָריעסדיק מיט אַ געבערום פֿון זײַנע כוואַליעס אויף די ברעגן פֿונעם אינדזל, ווי ער זאָל עס וועלן אײַנשלינגען. אָבער די ברעגן זײַנען אָנגעטאָן אין בעטאָן און גראַניט, און וויאַזוי דער אַלטער זאָל זיך ניט מאָרדעווען, וועט אים גאָרנישט ניט העלפֿן.

בײַ די ווענט פֿונעם אינדזל האָבן זיך צוגע־שפּאַרט און הוידען זיך לײַכט אויף די כוואַליעס שיפֿן — הויכע, שטאַלטנע, מעכטיקע. טאַקע יענע זעלבע שיפֿן, וואָס וועלן אײַנגיכן בויטען די יאַמען און אָקעאַנען...

אָבער דערווײַל זײַנען זיי נאָך ניט קיין פֿאַרטיקע שיפֿן. פֿון דער יאַבאָשע — פֿון די גרויסע צעכן, ווו מע האָט זייערע מעכטיקע קאָרפּוסן צונויפֿגעקאָכט און אײַנגעשטעלט אין זיי די מעכאַניזמען, — האָבן ספּעציִעלע טראַנס־פּאָרטן זיי אַריבערגעפֿירט אפֿן וואַסער, צוגע־קרעמפּעוועט צו די בעטאָנענע ווענט, ווו זיי וועלן ענדגילטיק פֿאַרענדיקט ווערן, דורכגיין די אויספּרוּוון.

הונדערטער אינזשעניערן, טעכניקער, אַרבע־טער־קאָראַבעלן האָבן אַרײַנגעלייגט אין די שיפֿן זייער מי. איצט אַרבעטן דאָ נײַע בריגאַ־דעס אַרבעטער, אינזשעניערן אין ווײַסע און אין טונקעלע קאַסקעס. עס איז נאָך געבליבן גע־נוג צו טאָן, ביז די טראַולערס וועלן גרייט ווערן זיך לאָזן איבער די יאַמען און אָקעאַנען.

אַ קליינינקײַט אויסצורײדן — אַ הײַנטצײַ־טיקע שיף, אַ טראַולער! דאָס איז דאָך אַ שווי־מענדיקער זאַוואָד, אַ לאַבאָראַטאָריע!

סאַראַ קלוגע און ווונדערלעכע אַפּאַראַטור, מעכאַניזמען, אויסשטאַטונג! די וויסנשאַפֿט שטייט ניט אויף איין אָרט און טראָגט אונטער די שיפֿבויער אָן אַ שיר נײַע אויפֿגאַבעס. ווען אַלץ וועט זײַן פֿאַרטיק, וועט מען דאָ אײַנ־שטעלן מעכטיקע נעצן, וועלכע וועלן אַרויס־ציִען פֿון די יאַם־טיפֿענישן טויזנטער טאָן פֿיש...

צאַפּלדיקע, שיין־אויסגעפֿאַרבטע פֿישפֿאַנג־טראַולערס מיט שלאַנקע מאַטשטעס גייען צום שוואַרצן יאַם דורכן דניעפּער. זיי גייען אָבער ניט זעלבשטענדיק, די דניעפּער־טיפֿקײַטן דער־לאָזן עס ניט. מעכטיקע פּאָנטאָנען נעמען זיי אַרײַן אין זייער שויס און פֿירן זיי צו די יאַם־ברעגן.

אַלע געדענקען נאָך גוט יענע צײַט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער פֿישפֿאַנג־

7*

טראָולער. צום אַלעם ערשטן האָט מען לויטן נייַעם פּראָיעקט געדאַרפט אויסבויען די הויפּט־שיף, דעם פלאַגמאַן. זי האָט פאַרשאַפט די אַרבעטער, קאָנסטרוקטאָרן, אינזשעניערן, טעכניקער אָן א שיר דייַגעס, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען.

וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָבן געהאַט די שיפבויער, ביז זיי האָבן אַראָפּגעפירט דעם שטאָלענעם קאָרפּוס פון די סטאַפּעלן און אַראָפּגעלאָזט אים איבער די רעלסן אַפן וואַסער, צו דער בעטאָן־וואַנט, וווּ מע האָט זי געדאַרפט פאַרענדיקן, צוגעבן איר, ווי מע זאָגט, דעם לעצטן גלאַנץ.

דאָס איז געווען א שיף א שיינהייַט! לויט איר דאַרף מען דאָך בויען א גרויסע סעריִע פּונקט אַזעלכע!

און די שיפבויער האָבן זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער אַרבעט צו פאַרענדיקן דעם טראָולער, אַלץ זאָל זייַן אַפן אָרט, שיין, שטאַרק, ראַיעל. ער האָט געדאַרפט באַקומען בא דער מעלוכישער קאָמיסיע א הויכע אָפּשאַצונג, געפעלן ווערן דער קאָמאַנדע, די פישפאַנגער...

איז דער הויפּט־טראָולער טאַקע לאַנג געשטאַנען לעבן דער וואַנט אָן אויסגעפאַרבטער, א שעמערירנדיקער. שיפבויער האָבן זיך נאָך בא אים געפּאָרעט, צענדליקער מאָל איבערגעקוקט און דורכקאָנטראָלירט יעדן מעכאַניזם, די גאַנצע אַפּאַראַטור, אַלע קאָמפּליצירטע אייַנריכטונגען. דאָס איז דאָך א שיף, וואָס וועט דאַרפן שווימען איבער אַלע יאַמען פונעם וועלט־אָקעאַן!

ס'איז שווער געווען אין יענע אָנגעשטרענגטע טעג זיך דורכשמועסן מיטן הויפּט־שיפבויער, איינעם פון די וויכטיקע שעפער פון דעם טראָולער — מיכאַיִל קאַץ.

דער מענטש האָט בוכשטעבלעך געטאָגט און גענעכטיקט אַף דער ווערף, לעבן דער מעיוכעסעס, מע האָט געדאַרפט פאַרענדיקן בויען די שיף אַף עטלעכע כאָדאָשים פריִער פאַרן אָנגעמערקטן פּלאַן, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער בייזער אָסיען. שטאַרקע ווינטן און קעלטן האָבן באַהערשט דאָס אינדזל „ריבאַטשי”. דער פּראָגנאָז פונעם וועטער איז געווען א דראָענדיקער. דער דניעפּער קאָן פאַרקאָוועט ווערן אין אייַז, און דאַן וועט מען ניט קאָנען איבערפירן די שיף צום יאַם־ברעג.

דער טראָולער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַפן פּאָנטאָן, מע האָט אַראָפּגעלאָזט די הויכע שטאַלטנע מאַטשטעס, כדי קאָנען דורכגיין די דניעפּער־בריקן. מע איז געשווומען איבער דעם סלאַוווּטיטש אָן אָפּשטעל, געייַלט. נאָענט צו די דניעפּער־ברעגן האָט זיך באַוויזן דאָ און דאָרט אַן אייַז־הייַטל. מיט גרויס מי האָט מען זיך דורכגעשלאָגן קיין כערסאָן, צו דער יאַם־ווערף. דאָרט האָט מען פאַרענדיקט אַלע אַרבעטן, און די שיף האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווייַטער, אַהין, וווּ די מעלוכע־קאָמיסיע האָט אויפגענומען דעם קאָמפּליצירטן און שווערן עקזאַמען...

מיכאַיִל קאַץ.

די שיף איז געווען מיכאַיִל קאַצס ליבלינג. אין איר איז געלעגן א טייל פון זייַן אומרויִק און הייס האַרץ.

צוזאַמען מיט דער קאָמאַנדע, מיט דער שיפבויער־בריגאַדע, מיט די קאָנסטרוקטאָרס פונעם טראָולער איז דער הויפּט־שיפבויער פונעם פּראָיעקט געשווומען צום אויספּרווו. אים פּערזענלעך איז געווען פאַראָרדנט אָפּגעבן דער קאָמיסיע דעם פלאַגמאַן.

אַפן יאַם האָט געבושעוועט א שטאָרם, עס האָט געגאָסן א רעגן, איבערגעמישט מיט שניי.

די מעכטיקע כוואַליעס האָבן אונטערגעכאַפּט די שיף און זי געוואָרפן אין אַלע זייַטן, נאָר דער קאַפּיטאַן, וואָס איז געווינט צו אַזעלכע שטיק מיצאַד דעם שוואַרצן יאַם, האָט פעסט געהאַלטן דעם רודער.

דער זייגער האָט געוויזן צוועלף. די ראַדיִאָ האָט איבערגעגעבן די באַגריסונג דעם פאָלק. אָבער דאָ, אַף דער שיף, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צעבושעוועטן יאַם, האָט מען ניט געטרונקען לעכאַיִם. די שאַמפּאַניער־פלעשער זייַנען געשטאַנען ניט קיין אויפגעפּראָפּטע. דער פלאַגמאַן האָט געהאַלטן עקזאַמען און גלענצנד אים אויסגעהאַלטן. די מעלוכע־קאָמיסיע האָט אונטערגעשריבן דעם אַקט, געגעבן די העכסטע אָפּשאַצונג דער שיף.

ערשט דאַן האָט מיכאַיִל קאַץ פרייַער אָפּגעאָטעמט. א שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף זייַן פאַרווינטיקט פּאָנעם. ער האָט געדריקט די האַנט און זיך געקושט פאַר פרייד מיט די, וואָס האָבן געבויט די שיף.

טאַקע דאָ, אינעם צעבושעוועטן יאַם, האָט ער באַקומען א באַגריסונגס־דעפּעש פונעם מיניסטער...

...איצט שטייען בא די ווענט פון דעם אינדזל „ריבאַטשי" שיפן פון דער דאָזיקער סעריִע. הונדערטער שיפבויער האָווען ארום זיי. אינגיכן וועלן זיי אויך, ווי די הויפּט־שיף, אוועק אין די יאַמען און אָקעאַנען אַף פישפאַנג...

מיכאיל קאַץ, אָדער פּאַשעט — מיכל...

וויפל יאָר באַגעגענען מיר זיך מיט אים צווישן די שיפן, אין די גרויסע צעכן פון דער ווערף אַפן אינדזל „ריבאַטשי", און מאַמעש א ווונדער — דער מענטש עלטערט זיך, דאַכט זיך, ניט, ער איז, ווי שטענדיק, קרעפּטיק, אונטערגעצויגן, דערמאָנט אין אן עכטן מאַטראָס.

כאָטש ער זעט אויס נאָך גאַנץ יונג, וועט מען אין א פּאָר יאָר ארום אָפּמערקן דעם פופציקיאָריקן יובילײ, ניט ער איז אריבערגעטראָטן די שוועל פון אָט דעם זאַוואָד. און ניט בלויז ער, מיכל, ארבעט דאָ, נאָר אויך זײַן פרוי, זײַן זון באָריס, די שנור. מע זאָגט אין א שפּאַס, אז מיכל קאַץ קוקט שוין ארויס, ווען זײַנע אײניקלעך וועלן אונטערוואַקסן, און דאַן וועט ער זיי אויך נעמען צו זיך אהער — בויען שיפן...

עמעצער קאָן מיינען, אז מיכל קאַץ געהערט צו פּאָטאָמסטווענע שיפבויער, אז זײַן טאַטע און דער זיידע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געהאַט צו טאָן מיט שיפן און יאַמען.

דאַרפן מיר אַזוינע מענטשן גלײַך אַנטוישן.

ניט דער טאַטע, ניט דער זיידע האָבן, דאַכט זיך, קיין שיפן מיט קיין יאַמען נאָענט ניט געזען, אויב ניט רעכענען דאָס טײַכל טעטערעוו, וואָס מע קאָן אריבערשפּרינגען ערטערווײַז אָדער אריבערגיין צופוס און די פּיאַטעס ניט פאַרנעצן.

אויך ער, מיכל קאַץ, האָט ניט געהאַט קיין אָנונג אין די זאַכן, און וועגן דעם, אז ער וועט ווערן אַמאָל א שיפבויער, א קאָראַבעל, האָט זיך אים אפילו ניט געכאָלעמט.

די קינדהייט זײַנע איז דורכגעגאַנגען אין זשיטאָמיר. זײַן טאַטע איז געווען גאָר א רײַכער מאַן אין שטאָט. זײַן רײַכקײַט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַרמאָגט א גרויסע כאַליאַסטרע קינדער, און ניט שטענדיק איז געווען אין שטוב צו זאַט דאָס שטיקל ברויט.

די אויסגעוואַקסענע קינדער האָבן נאָך דעם פאָטערס פריצײַטיקן טויט זיך אוועקגעלאָזט אין דער וועלט — זוכן זייער אָרט אין לעבן. מיכל, וואָס איז אָקאָרשט אלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט אויך פאַרלאָזט די היים. ער האָט געהערט, אז אין קיִעוו איז פאַראַן אן ארבעטס־בירזשע, און אויב מע נעמט זיך אָן מיט געדולד און מע וואַרט, אָרדנט מען זיך אײַן אַף ארבעט. האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אַהין אויספּרוּוון דאָס מאַזל.

זאָגן, אז ער איז פון דער ארבעטס־בירזשע געווען באַגײַסטערט, קאָן מען ניט. די רײ ארבעטסלאָזע האָט זיך געצויגן אַף דרײַ קוואַרטאַלן, און בלויז געציילטע האָט אָפּגעגליקט.

צוערשט האָט ער געקראָגן ארבעט אַף א טאָג־צוויי: פאַריכטן טראָטואַרן, אויסלאָדן באַרזשעס באַם דניעפּער, אויסלאָדן וואַגאָנען מיט געהילץ אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע. דאָס, וואָס דער זשיטאָמירער יאַט איז ניט קיין קאַפּריזנער, זאָגט זיך ניט אָפּ פון שווערער ארבעט, איז גראַדע געפעלן געוואָרן אַף דער ארבעטס־בירזשע, און ווען עס איז געקומען א פאָדערונג אַף עטלעכע צענדליק כעוורע פאַר דער ראַטמאַנסקי־שול, וווּ מע האָט געלערנט פאַרשיידענע מעלאָכעס, האָט מען אים אויך אַרײַנגעשריבן אין צעטל. מיכל האָט זיך גלײַך דערפילט פאַרן גליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

מיט א גאַנצער כאַליאַסטרע כעוורעלײַט, וועלכע האָבן לאַנגע כאָדאָשים אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון דער ארבעטס־בירזשע, האָט ער זיך, ווי אַף פליגלען, געטראָגן איבער דער קונניעטשנע־גאַס, אהין, וווּ די שול האָט זיך געפונען. ער האָט נאָך ניט באַוויזן א טראַכט טאָן, וואָס פאַר א פּראָפעסיע מע קלײַבט זיך אויס, איז צו אים צוגעגאַנגען אן עלטערער מענטש, אָנגעטאָן אין א פאַרשמאָלצעוועט רעקל, אין א לעדערנעם קאַשקעט. ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט זײַנע גרויסע בלאָוולעכע אויגן דעם שטאַלטנעם און קרעפּטיקן באָכער, אים א קלאַפּ געטאָן גוטברודעריש איבער דער פּלייצע און מיט א שמייכל געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

— מיכל. מיכל קאַץ.

— מיכל, זאָגסטו? — האָט זיך דער מײַסטער צעלאַכט. — און מיך רופט מען אויך מיכל! מיכל ליודמירסקי... וועסטו עפּשער גיין צו מיר אין גימנאַזיע? איך קאָן דיך אויסלערנען זײַן א טאָקער... האָסט כיישעק?

— אוודאי, געוויס, כאָוועך מיכל ליודמירסקי! — האָט מיכל קאַץ אויסגעשריִען, ווי ער זאָל מוירע האָבן, אז יענער זאָל ניט נעמען זײַנע ווערטער צוריק.

— נאָר פאַרגעדענק, כעוורעמאַן, — האָט ליודמירסקי אַף אים געקוקט מיט זײַן באַהאַלטענעם שמייכעלע, — קיין לײַדאַקעס האָב איך ניט ליב. בא מיר איז אַזוי: אָדער דו וועסט ווערן א גוטער טאָקער, אָדער דער שידעך איז קיין שידעך ניט.

— איך וועל זיך סטאַרען.

— אָט זע, דו זאָלסט אונדז געפעלן... — ליודמירסקי האָט פאַרשריבן דאָס יינגל צו זיך

אין א קליין בלאָקנאָטל. — זאָל זײַן אין א גוטער, מאזלדיקער שאָ...

מיכל האָט ניט אונטערגעפירט דעם אלטיטשקן מײַסטער. ער האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א פייִקן שילער און איז אין א יאָר ארום געוואָרן א טאָקער. אפן גאנצן לעבן האָט ער פארגעדענקט מיכל ליודמירסקין, וועלכער האָט אים געגעבן א מעלאָכע אין די הענט.

ווען מע האָט די כעוורע פאנאנדערגעשיקט אף ארבעט אין די קיִעווער אונטערנעמונגען, האָט מיכל קאץ ארויסגעצויגן דעם גליקלעכן בילעט: אף דער „לענקוזניע"! אין מעכאנישן צעך, א טאָקער...

מע קאָן ניט זאָגן, אז די צוויי עלטערע ארבעטער, בערטאָלד און טאָקארסקי, צו וועמען מע האָט געשיקט מיכלען, זײַנען געווען שטארק צופרידן. וואָס פאר א קאדרען שיקט מען אהער! — האָבן זיי זיך געבייזערט, — זיך אָפּגעלערנט אינגאנצן איין יאָר, דער מאמעס מילך איז נאָך ניט אויסגעטריקנט אף די ליפּן... אָט זיי, טאָקארסקי און בערטאָלד, געדענקען, ווי זיי האָבן זיך געלערנט טאָקערײַ בא א באלעבאָס. עמעס, דאָס איז געווען נאָך פאר דער רעוואָליוציע. ביז מע האָט זיי צוגעלאָזט נאָענט צום ווערקשטעל, איז אויסגעקומען עטלעכע יאָר ניאנטשען די קינדער באם באלעבאָס, לויפן מיט זײַן ווײַב אף דער בעסאראבקע און שלעפּן אף זיך שווערע קוישן, ארויסטראָגן די פּאָמוינִיצעס און דערבײַ קיין לעבעדיקן גראָשן ניט באקומען. און דאָ, נא דיר! גלײַך צום ווערקשטעל, און אזא געהאלט.

אָבער דאָס בורטשען פון די אלטע „טאָטעס", וועלכע האָבן זיך אמאָל נעבעך גענוג אָנגעבידעוועט בא זייער באלעבאָס, האָט ניט לאנג געדויערט. דער באָכער איז מיט דער צײַט זיי גאנץ שיין געפעלן געוואָרן, און אינגיכן האָבן זיי אפילע אָנגעהויבן אים ארויסגעבן זייערע פּראָפעסיאָנעלע „סוידעס".

און שפּעטער האָט ער מיט זיי געשלאָסן אן אָפּמאך אף סאָצגעוועט.

עס איז געגאַן דאָס 1930 יאָר, דאָס ערשטע יאָר פונעם ערשטן פּינפּיאָר...

דער פינפיאָר האָט געפאָדערט ניט בלויז אויספּילן און איבערפּילן דעם פּלאן פון פּראָדוקציע, — מע האָט געדארפט זיך לערנען, העכערן די קוואליפיקאציע, זיך אופהייבן אף די הייכן פון דער טעכניק און וויסנשאפט. אין צעך, ווו מיכל קאץ האָט געארבעט, איז אָנגעקומען נײַע אויסשטאטונג. מע האָט זיך געדארפט אונטערגארטלען, דעראָבערן קענטענישן.

גראדע אין דער צײַט האָט זיך אפן זאוואָד געעפנט א פּראָפטעכשול. יונגע און שוין באַיאָרטע ארבעטער, צווישן זיי אויך מיכל קאץ, זײַנען געגאַן זיך לערנען.

זעצן זיך נאָך א גרויסן ארבעטסטאָג קנעלן איז געווען גאנץ שווערלעך. צײַטנווײַז איז אויסגעקומען ווייניק שלאָפן, זיצן ביז שפּעט אין דער נאכט איבער לערנביכער, סכעמעס, צייכענונגען. די שול האָט געבראכט א סאך נוץ דעם אוילעם. די כעוורע זײַנען געוואָרן הויכקוואליפיצירטע ספּעציאליסטן.

ווי זאָגט אָבער דאָס אלטע ווערטל: דער אפּעטיט קומט בעשאסן עסן...

לאָזט זיך אויס, אז עס איז גאָר ניט שווער ארבעטן און לערנען! א סימען האָט איר, מיכל קאץ און א סאך זײַנע כאווײרים האָבן גלענצנד געענדיקט אפן זאוואָד די פּראָפּטעכשול, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א טעכניקום. און ווען מע איז געקומען אפן זאוואָד אָפּקלײַבן ארבעטער פארן פּאָליטעכנישן אָוונטאינסטיטוט, האָט מיכל קאץ אויך באשטימט אויספּרוּוון זײַן מאזל. איצט האָט ער שוין אינגאנצן ניט געהאט קיין פרײַע מינוט. מענטשן האָבן פּאָשעט באוווּנדערט דעם באָכער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אלע אנדערע איניאָנים און זיך ארײַנגעטאָן בלויז אין דער ארבעט און אינעם לערנען. דערבײַ האָט ער נאָך געהאט אף זיך אָן א שיר געזעלשאפטלעכע פליכטן אפן זאוואָד.

און אָט איז שוין אף מאָרגן דער גליקלעכער טאָג, ווען מיכל קאץ האָט געדארפט פארטיידיקן זײַן דיפּלאָם־ארבעט. א יאָמטעוו האָט ארומגעכאפּט אים און זײַנע כאווײרים, מע האָט באשטימט מאכן פארנאכט א ליאמע. אָבער פארטיידיקט האָט מיכל זײַן דיפּלאָם אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אונטערן ווילדן געוואָי פון די פאשיסטישע באָמבארדירער...

די ארבעטער־סטודענטן האָבן געבעטן, מע זאָל זיי גלײַך שיקן אפן פראָנט. מע האָט זיי געגעבן אָנצוהערן, אז דער זאוואָד אליין וועט פארוואנדלט ווערן אין א פראָנט: מע דארף זיך דרינגענד איבערשליסן אף אויסארבעטן געווער פאר דער ארמיי.

דער צעך איז געוואָרן מיכל קאצס היים.

אינגיכן איז דעם זאוואָד אויסגעקומען זיך אריבערקלײַבן אף מיזרעך. צו נאָענט איז געווען די פאָדערשטע ליניע. צוזאמען מיט הונדערטער ארבעטער, אינזשעניערן און טעכניקער האָט מיכל קאץ אונטער די אופרײַסן פון פאשיסטישע באָמבעס ארויסגעפירט די אויסשטאטונג אף מיזרעך און ניט ווײַט פון קאזאן גענומען אלץ אופשטעלן אפסנײַ.

פון די אָקאָרשט אופגעשטעלטע צעכן האָבן אָנגעהויבן גיין פארן פראָנט צענדליקער טויזנטער סנאריאדן, מינעס. פארמאטערטע, האלבהונגעריקע, נאָר מיט טיפן גלויבן אינעם ני־

צאָכן, זײַנען די אַרבעטער, זייערע פֿרויען און קינדער מעסלעסנוויַיז געשטאַנען בא זייערע מאַשינעס.

א שווערע, ביטערע צײַט איז דאָס געווען. נאָר אָט האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אָנ־גריף פֿון אונדזערע אַרמייען. עס זײַנען באַ־פֿרײַט געוואָרן שטעט און דערפֿער. די דײַטשי־שע כאַיאָלעס, צעשמעטערטע בא סטאַלינגראַד, הינטער קורסק, זײַנען אָפּגעטראָטן מיט שווערע פֿאַרלוסטן אַף מײַרעוו. אַלע טאָג האָט מאָסקווע סאַליוטירט אירע זין, וואָס האָבן באַפֿרײַט איין שטאָט נאָך דער צווייטער.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פֿון ניצאָכן. געקומען די געגאַרטע שאָ, און מיכל קאַץ האָט מיט זײַנע גוטעפֿרײַנט זיך אומגע־קערט אַהיים, קיין קיִעוו. עס איז שוין געווען ווינטער. טיפֿע שנייען האָבן אײַנגעקוטעט די גאַסן און סעדער, פֿרעסט האָבן פֿאַרקאָוועט דעם דניעפּער.

מיכל קאַץ האָט נאָך ניט באַוויזן זיך רעכט אָנוואַרעמען אין שטוב, קומען צו־זיך, ווי ער איז גלײַך אוועקגעלאָפֿן אַפֿן אינדזל „ריבאַ־טשי״, וווּ די אַרבעטער־שיפֿבויער האָבן אופֿ־געשטעלט די צעכן. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעט, אײַנגעשפּאַנט זיך, ווי אַלע זײַנע כאַווײרים, אינעם שווערן וואָגן.

א געניטער ספּעציִאַליסט, האָט ער אומעטום צוגעלייגט זײַן האַנט. וווּ נאָר עס האָט געהאַלטן שמאָל, האָט מען אַהין געשיקט אים און זײַנע כאַווײרים. אַפֿן זאַוואָד האָט מען די בריגאַדע גערופֿן „די פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע״.

ווען דער זאַוואָד האָט מיט א סאַך יאָרן צו־ריק באַקומען אַן אויפֿגאַבע בויען מעכטיקע שיפֿן — טראַולערס, האָט מען מיכל קאַצן באַ־שטעטיקט פֿאַר דעם הויפּט־שיפֿבויער פֿון א פּראָיעקט, דאָס הייסט פֿון א גרופּע שיפֿן.

— בויען א שיף! — רופֿט אויס דער קרעפּ־טיקער, שטאַלטנער קאָראַבעל מיטן פֿאַרברוינטן פּאָנעם, מיט די גרויסע, שטענדיק פֿאַרדײַגעטע אויגן. — דאָס איז פֿיל קאָמפּליצירטער, ווי בוי־ען א פֿילשטאָקיק הויז... א הײַנטצײַטיקע שיף מוז זײַן פֿון דער העכסטער קוואַליטעט. עס קומט איר אויס שווימען איבער אומרויִקע יאַ־מען און אָקעאַנען. זי טאָר ניט אונטערפֿירן... זי דאַרף זיך פֿירן שיין און לײַטיש.

פֿון דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ האָט מען גע־בראַכט א פּעקל נײַע צייכענונגען. דאָס איז א פּראָיעקט פֿון א סעריע נײַע שיפֿן. און דער הויפּט־שיפֿבויער דאַרף זיך מיט זײַן קאָלעק־טיוו אָפּסנײַ אײַנשפּאַנען...

מע איז שוין געוווינט. מע וועט זען, אַז פֿון די סטאַפּעלס אַפֿן אינדזל „ריבאַטשי״ זאָלן אינ־גיכן אַראָפּגיין מאָדערנע שיפֿן פֿון א נײַער סי־סטעם, זיי זאָלן באַצײַטנס פֿאַרלאָזן דעם דניע־פּער, זיך דערקלײַבן צו די יאַמען און אָקעאַ־נען.

רוון פּוסטילניקאָוו

פּיניע דעם שנײַדערס טאָכטער

נײַנציק מינוט בין איך געלעגן אַפֿן אָפּע־ראַציִאָנעם טיש און ניט געפֿילט קיין ווייטעק בייס דער כירורג ווערע פּאָרטנאָווא האָט מיט די איידלסטע אינסטרומענטן זיך געגריבלט אין מײַן אויג. איך האָב נאָר געהערט איר באַרויִקנ־דיקע שטים:

— באַלד... באַלד... נאָך איין מינוט, נאָך איין מינוט...

ווערע פּאָרטנאָוואָס נײַע מעטאָדן פֿון היילן אַזעלכע שווערע אויגן־קראַנקײַטן, ווי גלאַוקאָמע און קאַטאַראַקטע, זײַנען איצט באַוווּסט אין די שפּיטאָלן און קליניקעס פֿון דעם גאַנצן לאַנד. בייס זי האָט דורכגעפֿירט די אָפּעראַציע אַף מײַן אויג, זײַנען בײַגעווען אָקוליסטן פֿון אַנ־דערע קליניקעס, ווײַל איך בין גראָד פֿון די פּאַציִענטן, וועמענס אויג האָט געליטן פֿון א „צווילינג־קרענק״, — פֿון גלאַוקאָמע און קאַטאַ־ראַקטע. לאַנגע יאָרן האָט די מעדיצין געזוכט אַן אויסוועג, וויִאַזוי אָפּערירן אַזא אויג. לויט די אַלטע אײַנשטעלונגען, דאַרף מען וואַרטן ביז די קאַטאַראַקטע וועט פֿאַרציִען דאָס גאַנצע אויג מיט א הײַטל, וואָס פֿאַרשטעלט די שײַן.

דער דאָזיקער פּראָצעס ציט זיך לאנגע יאָרן. און דאָס איז שטענדיק געווען א געפאר פארן קראנקן אויג, אויב עס איז איינציַיטיק שלאף אי מיט א קאטאראקטע, אי מיט א גלאוקאָמע.

ווערע פּאָרטנאָווא האָט נאָך אין איר דיפּלאָם־ארבעט אינעם מעדיצימישן אינסטיטוט דערוויזן, אז מע קאָן גלײַכצײַטיק דורכפירן אפן אויג א קאָמבינירטע אָפּעראציע. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אף פיל קעגנער. עס זײַנען אָבער אויך געווען געלערנטע, וועלכע האָבן באוויליקט איר וויסנשאפטלעכן צוגאנג צו דער פּראָבלעם, צווישן זיי — דער באוווּסטער פּראָפעסאָר גאלינע קאָרעצקאיא. טאקע אונטער איר אָנפירונג האָט פּאָרטנאָווא דורכגעמאכט די ערשטע קאָמבינירטע אָפּעראציע אף אן אויג, און דערמיט געוואָרן בארימט אין דער מעדיצין. ניט צופעליק האָט א פּראָפעסאָר פונעם מאָסקווער אויגן־אינסטיטוט אפן נאָמען פון העלמהאָלץ, צו וועמען איך האָב זיך געווענדט, מיר געזאָגט:

— וואָס דארפט איר מאָסקווע, אז בא אײַך אין ראיאָן, הינטער מאָסקווע, איז פאראן ווערע פּאָרטנאָווא. זאָגט איר, אז מיך פארדריסט איר אקשאָנעס. איך האָב געוואָלט זי אריבערפירן צו אונדז אינעם אויגן־אינסטיטוט, וואָס האָט א וועלט־נאָמען, וווּהין מע קומט צו פאָרן אפילע פון אויסלאנד. איז — ניין, זי האָט זיך פארקליבן אין דעם דערפל אָקטיאבערסקי און וויל עס ניט פארלאָזן...

די ליבשאפט צו דער היים איז בא איר איבערגעגאנגען בעירושע נאָך פונעם זיידן. איר זיידע, וועלוול פּאָרטנאָוו — א ניקאָלײַעווער קאנטאָניסט, וועלכער האָט נאָך צוואנציקיאָריקער דינסט באקומען רעכט צו וווינען, ווו ער וויל, זיך באזעצט אין א דערפל הינטער מאָסקווע.

וועלוול פּאָרטנאָווס צוויי זין זײַנען אומגעקומען נאָך אין בירגערקריג, שלאָגנדיק זיך קעגן די סאָנים פון דער ראטנמאכט. פארבליבן איז דער ייִנגסטער, פיניע. ווען בא פיניע דעם שנײַדער איז געבוירן געוואָרן א מיידעלע, האָט מען איר א נאָמען געגעבן נאָכן זיידן, און אפן פרוויזשן אויפן האָט זיך באקומען פון וועלוול — ווערע. דער טאטע האָט לעקאָוועד איר פארפלאנצט א ביימעלע אינעם הינטערמאָסקווער דערפל. אונטער אָט דעם צעוואקסענעם בוים האָט ווערע פיל געקלערט, פארוואָס איז די אויגן־מעדיצין אזוי אָפּגעשטאנען אין פארגלײַך מיט א ריי אנדערע וויסנשאפטן.


אף אן אופנאם בא ווערע פּאָרטנאָווא

— ביז איצט ווייסן מיר נאָך ניט די סיבע פון דער גלאוקאָמע־קרענק, צי זי גיט זיך ניט איבער בעירושע...

זי דערמאָנט זיך: ווען זי איז אלט געוואָרן צוועלף יאָר, איז מיטאמאָל בלינד געוואָרן איר באָבע פעסיע. האָט ווערע זי געפירט פאר דער האנט.

— מײַן איינינקל, — פלעגט די באָבע פעסיע זאָגן, — פארבײַט מיר די אויגן.

אָפּטמאָל פלעגט די בלינדע באָבע פעסיע אוועקזעצן זי צו זיך אף די קני און שעפּטשען:

— אז דו וועסט אויסוואקסן א גרויסע, לערן זיך אומקערן בלינדע די ליכטיקע שײַן.

דער באָבעס ווּנטש איז מעקוּיעם געוואָרן.

ווען מע האָט דער יונגער אָקוליסטקע געהאט פאָרגעלייגט גיין ארבעטן אין אינסטיטוט אפן נאָמען פון העלמהאָלץ, האָט זי געבעטן, מע זאָל איר דערלויבן בעסער אָרגאניזירן אן אויגן־קליניק אין דעם הינטערמאָסקווער דערפל אָקטיאבערסקי. דאָ זײַנען דורכגעגאנגען אירע קינדער־יאָרן, דאָ האָט זי געענדיקט די שול. פונדאנען האָט מען זי ארויסבאגלייט אין מעדיצינישן אינסטיטוט. אף דער ארבעט אין איר קליניק גייט זי שטענדיק צופוס. עס באגלייט זי דער ליבלינג אירער, דער הונט „קאָמפּאס", וועלכער איז צו איר ארײַנגעפאלן בא אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן.

אין קליניק איז געקומען א בלינדער מיט א הונט. „קאָמפּאס" פלעגט פירן זײַן באלעבאָס אף דער ארבעט, אין מאגאזין, אין פּארק. קעדיי ניט צעשיידן אף לאנג „קאָמפּאסן" מיטן באלעבאָס, האָט פּאָרטנאָווא צוגעווינט דעם הונט, ער זאָל באנאכט שלאָפן בא איר אין שטוב. בלויז בא טאָג פלעגט זי אים פירן זיך באגעגענען מיטן קראנקן. „קאָמפּאס" האָט זיך אזוי צוגעלאשטשעט צו דער נײַער באלעבאָסטע, אז ווען דער קראנקער האָט זיך אויסגעשריבן פון קליניק, שוין א זעענדיקער, האָט דער הונט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון איר.

אַלע פּריַיטיק גיט פֿאַרטנאָוואַ אַ קאָנסולטאַציע יעדן כוילע, וואָס זיך באַגיין מיט די אויגן, קעדיי אויסמײַדן כירורגישע אַרײַנמײַשונג. די פיליאַריקע פראַקטיק האָט איר געהאָלפֿן דערפֿינדן נײַע רעפֿועס, וואָס אייניקע פֿון זיי איז אָנגערופֿן מיט איר נאָמען „קאַפּלי פֿאַרטנאָוואַי״. דער נײַער מעטאָד אירער, וויאַזוי ניט דערלאָזן, אַז דאָס אָפֿענע פענצטערל פֿונעם אָפּערירטן אויג זאָל זיך ווידער צונויפֿציַען, רופֿט זיך „מאַסאַזש פֿאַרטנאָוואַי״.

דאָס דערפֿעלע הינטער מאָסקווע, ווו עס געפֿינט זיך די אויגן־קליניק, איז אַרומגערינגלט מיט געדיכטע ביימער. די נאַטור האָט דאָ געקרוינט דעם אַרום מיט אירע שיינקייטן. אין איינעם פֿון אונדזערע שמועסן האָט ווערע מיר געזאָגט: „אָפֿט ברענגט מען צו מיר בלינדע קינדער, וועלכע האָבן קיינמאָל די שײַן ניט געזען. ווען מיר געלינגט, אַז דאָס קינד זאָל ווערן זעעוודיק, פֿיר איך עס אַרויס אַף דער גאַס, ס׳זאָל דאָס ערשטע מאָל אין לעבן זיך באַגעגענען מיט דער שיינקייט פֿון דער וועלט״... זי האָט מיר באַוויזן אַ גרויסן אַלבאָם מיט בילדער פֿון קינדער, וועלכע האָבן דאָ, אין קליניק, דערזען די ליכטיקע שײַן.

— אָט! — דערלאַנגט זי מיר אַ פּאַפּירל, אַף וועלכן עס איז אָנגעמאָלט אַ הימל און אַ האַרץ, — דאָס האָט מיר געשענקט אַ בלינד קינד, סאַשע. ווען איך האָב אים געפֿרעגט, פֿאַרוואָס קלערט ער, אַז די זון אין הימל איז ענלעך אַף אַ האַרץ, האָט ער מיר געענטפֿערט: „ווײַל אײַער האַרץ איז ענלעך אַף דער זון אין הימל״...

ווען מע זאָל נעמען צעשפּרייטן די אַלע דאַנקבאַרקייטן, וואָס די קראַנקע שרײַבן אַרײַן אין דעם בוך פֿון דער קליניק, מיט וועלכער ווערע פֿאַרטנאָוואַ פֿירט אָן, וואָלט מען מיט זיי, דאַכט זיך, געקאָנט אַרומוויקלען דעם גאַנצן ערדקײַלעך.

און דאָך איז זי ניט צופֿרידן:

— איך קער אום מענטשן די ריִע, נאָר אַליין בין איך נאָך פּונקט ווי בלינד אין מײַן פֿאַך. איך האָב זיך ניט דערקליבן צום הויפּט־גרונט: פֿונוואַנען נעמט זיך די שרעקלעכע שוואַרצע פליסיקייט, וואָס קוועטשט אַף דיסק פֿון די אויגן...

לאַנגע שלאָפֿלאָזע נעכט זוכט זי נײַע מיטלען אַף דערקלײַבן זיך צו דער גרונט־סיבע פֿון גלאַוקאָמע. ווען מע דערמאָנט איר וועגן דעם שוין דערגרייכטן, ענטפֿערט זי:

— ניין, ניין. זייער ווייניק איז אויפֿגעטאָן, אַז מענטשן זאָלן ניט בלינד ווערן. אַלע זעען ווי איך פֿריי זיך, ווען די אָפּעראַציע איז אַ געלונגענע, נאָר קיינער זעט ניט, וויאַזוי איך וויין, בייס איך בין ניט בעקויעך אומקערן אַ מענטשן די ריִע...

פֿריי זיך און וויין, טײַערער דאָקטער. אין פֿריידן און אין וויינען ווערט געבוירן דער מענטש. פֿריי זיך און וויין. זוך און געפֿין.

אַלעקסאַנדער ליזען

גלאַז

מיכל קעלמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1918 אינעם שטעטל נײַ־אושיצע פֿון דער געוועזענער קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער געגנט. זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן אין זעלבן יאָר. דאָס געזינד איז באַשטאַנען פֿון דער מאַמען מיט זיבן קינדער. פֿאַרבליבן זײַנען דרײַ: מיכל און צוויי שוועסטער. דער עלטערער ברודער איז אומגעקומען אַפֿן פֿראָנט, ווען אונדזער אַרמיי האָט באַפֿרײַט קיִעוו פֿון די דײַטשישע אָקופּאַנטן. דער צווייטער ברודער, וועלכער האָט געאַרבעט אין פּאָליט־אָפּטייל פֿון אַ מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, איז געשטאָרבן אין 1934 פֿון טובערקולאָז. דער דריטער איז געשטאָרבן פֿון אַ בלוט־פֿאַרגיפֿטונג. די מוטער און אַ שוועסטער מיט איר מישפּאָכע זײַנען אומגעקומען אין געטאָ. אַזאַ איז דער „באַלאַנס״ פֿון מיכל קעלמאַנס מישפּאָכע.

אין 1932 האָט מען אין שטעטל אָרגאַניזירט דעם ערשטן יידישן קאָלווירט. די מוטער מיט דער טאָכטער און מיטן פֿערצניאַריקן זון מיכלען זײַנען די ערשטע אין אים אַרײַנגעטראָטן.

אײנצײַטיק האָט דאָס ייִנגל געהאַט כײשעק צו לערנען זיך. ער איז גיווער געוועזן א סאך שוועריקײַטן, און אין 1940 פארענדיקט ער דעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. באקומען א דיפּלאָם פון אן אינזשעניער־טעכנאָלאָג פון דער סיליקאַט־אינדוסטריע, האָט ער פון דעמלט אָן פארבונדן זײַן לעבן מיט דער פּראָדוקציע פון גלאָז.

— באקומט זיך, אז גלאָז קאָן צוציִען, ווי מאגניט, ציכטיק און דורכזיכטיק גלאָז...

קעלמאַן דערווידערט מיר:

— כאָטש גלאָז איז דורכזיכטיק, נאָר ס׳איז, ווי מע זאָגט בא אונדז, „א טונקעלער וואלד". וועסט דאָך ניט ארײַנקריכן אין אן אויוון מיט א טעמפּעראטור פון אָנדערהאלבן טויזנט גראַד, קעדיי א קוק צו טאָן, א טאַפּ טאָן... און די קוואליטעט פון גלאָז איז אָף נײַנציק פּראָצענט אָפּהענגיק פון דעם, וויִאזוי ס׳איז צוגעגרייט די „שיכטע".

וואָס איז אזוינס „שיכטע"?

איר גרונט־באשטאנדטייל (70%) איז זאמד. נאָר ניט יעדער זאמד טויג. די זעמדעלעך דארפן זײַן שארף (טײַך־זאמד, אשטייגער, טויג ניט, וואָרעם ער איז אָפּגעשלײַפט פונעם וואַסער). ער דארף אנטהאלטן ווייניק אײַזן, אניט וועט דאָס גלאָז זײַן געלבלעך. כוץ זאמד, דארף אין דער שיכטע זײַן קאלציניִרטע סאָדע, דאָלאָמיט, ליים־ערד און נאָך אייניקע צומישונגען. אלע קאָמפּאָנענטן מוזן פאָרויס באארבעט ווערן. זאמד און דאָלאָמיט, אשטייגער, מוז מען צוערשט גרינטלעך אויסטריקענען און דורכזייען. די דאָזיקע מאטעריאלן מישט מען דערנאָך צונויף אין געוויסע פּראָפּאָרציעס. דעם אויוון פארלאָדט מען אזוי: זעכציק פּראָצענט שיכטע און פערציק גלאָז־ברוך, אָפּפאל פון דער פּראָדוקציע...

דאָס ווײַטערדיקע, וואָס מיכל קעלמאַן רעדט ארויס מיט היסלײַוועס, איז הוילע ראָמאַנטיק:

— דער מענטש איז פון אלע זײַטן ארומגערינגלט מיט גלאָז.

— אויב אזוי, איז דאָך דער מענטש אָנזעבאר פון אלע זײַטן! מע זעט זײַנע אלע מײַסים, דאָס גאנצע לעבן זײַנס...

צעשמייכלט זיך קעלמאַן:

— וואָס דען מיינט איר?

איך דערוויס זיך:

פאראַן צענדליקער מינים גלאָז: מאטעווע, עמאלירט, מילכקאָליריק, אומקאָליריק, פארביק, אָרנאמענטנאַרטיק, מאָזאיִקארטיק, וויטרינאַרטיק, פּוצארטיק, דעקאָראַטיוו גלאָז, קרישטאָל...

גלאָז ברויכט מען זייער ברייט — אין דער בוי־אינדוסטריע, אין כימיע, טעקסטיל, אָפּטיק, שײַן־טעכניק, עלעקטראָטעכניק, ראדיִאָעלעקטראָניק, אפילע אין אטאָם־טעכניק. פאראַן אזא מין גלאָז, גלאָזפּראָפּיליט, וואָס איז שטארקער פון שטאָל. און אין דער מעדיצין און אין קונסט באגייט מען זיך אויך ניט אָן גלאָז.

מיכאַיִל קעלמאַן

מעדיצין און קונסט האָט קעלמאַן דערמאָנט צום לעצטן. נאָר ניט דערפאר, וואָס גלאָז פארנעמט בא זיי דאָס עקסטע אָרט, נאָר ווײַל דאָס לעצטע איז דאָס באליבטסטע. פון די צוויי טעכטער זײַנע איז איינע — א דאָקטער און די צווייטע — א קאָנצערטמייסטער.

איז צוערשט וועגן גלאָז און מעדיצין.

קעלמאַן האָט זײַנע באזונדערע געדאנקען וועגן דעם איניִען. א גלעזער איז בא אים געגליכן צו א דאָקטער — א טעראפּעווט. אין אויוון וועסטו ניט ארײַנקריכן, דאָרט איז אָנדערהאלבן טויזנט גראדוס. מוז מען זיך פארלאָזן אָף דער אייגענער דערפארונג און אָף דער אינטויִציע. נאָר דעריקער איז דאָס, וואָס צווישן דער מעדיצין און דער גלאָז־פּראָדוקציע זײַנען פאראַן דירעקטע באריר־פּונקטן. פאר א גוטער לאנגדויערנדיקער קאָנסערווירונג פון בלוט פאָדערט זיך כימיש־שטאנדהאפטיק גלאָז.

שוין פיל יאָרן שטודירט די דאָזיקע פּראָבלעם קעלמאַן. ער האָט בעשײַטע באקומען פונעם קאָמיטעט פאר ראציִאָנאליזאציע און דערפינדונגען באם מיניסטאָרן־ראט פון פּססר אן אווטאָר־צײַגעניש וועגן דער פאנאנדערגעארבעטער רעצעפּטור פון כימיש־שטאנדהאפּטיק גלאָז. אויך זײַן דיסערטאציע איז געווידמעט דער דאָזיקער טעמע.

גלאָז און קונסט...

קרישטאָל. וואזעס. וויטראזשן. מאָזאיִק. פּערל. סטאטועטקעס און פיגורעלעך. א לויפנ־דיקער הירש. א פּאווע מיט א פּראכטפולן פיל־פארביקן עק. א העלפאנד מיט א לאנגן שנויץ. א בונטפארביקער פּאָפּוגײַ...

און א פּישעלע. אָבער ניט קיין פּאָשעטס, א גילדנס.

אלץ, וואָס פאלט ארײַן אין פײַער, נעמט אָן זײַן קאָליר.

אָט פארנעמט זיך מיט זײַן זאך א יונגער ארבעטער. דער אָפּשײַן פונעם פלאם ליגט אָף זײַן אָפענעם פּאָנעם. ער זעט אויס, ווי דער מיטאָלאָגישער העפעסט. דאָס בלאָז־רערל צווישן זײַנע ליפּן איז ווי א פליט. א וווּנדער־בארע פליט. אירע מעלאָדישע קלאנגען זײַנען, דוכט זיך, אייביקע. דאָס פליסיקע פײַער־גלאָז איז געהאָרכזאם דעם בלאָז פונעם שעפער. דער יונגער מײַסטער ציט עס אויס מיט ספּעציִעלע אָפּצווענגעס אין דער לענג, און פאר א קורצער ווײַלע ווערט דאָס שטיקל געשטאלטלאָזער גלע־זערנער שטאָף פארוואנדלט אין א פּישעלע. און איר האָט א גרייטע געגאָרטע מאטאָגע פאר אײַער קינד.

מיכל קעלמאן איז געוואקסן צוזאמען מיטן זאוואָד, וועלכער האָט דעמלט געהייסן „לוואָ־ווער עלעקטראָלאמפּן־זאוואָד". אין די צײַטן פון פּילסודסקין איז דאָ געווען א האלב־קוסטארי־שער ווארשטאט פון דער פירמע „פיליפּס". נאָך דער מילכאָמע האָט מען אָנגעהויבן בויען א נײַע גרויסע אונטערנעמונג. געבויט האָט מען זי אין עק שטאָט אָף א פּוסטקע, וואָס האָט גע־דינט די לוואָווער אײַנוווינער פאר א שטאָט־סמיטניק. נאָר ווארטן, ביז מע וועט דעם זאוואָד אויסבויען און אויסשטאטן ווי סע געהער צו זײַן, קאָן מען ניט, מענטשן ברויכן שײַן, און עלעקטראָ־לעמפלעך זײַנען דעמלט געווען א יעקאָר־האמציִעס.

אין נעמט מען דערווײַל און מע שטוקעוועט אויס א ווּרעמיאנקע, ס'הייסט אן אָפּדאך, און אונטער אים — אן אויוון, ווו מע קאָכט דאָס גלאָז. שוועריקײַטן זײַנען דעמלט געווען א סאך, און מענטשן — ווייניק. איבערהויפּט האָבן אויסגעפעלט מײַסטערס און ספּעציִאליסטן. אָט טאקע דענסטמאָל האָט מען צוגעשיקט פון א פּראָפטעכשול אין מאָסקווער געגנט צוואנציק בלאָז־מײַסטערס, צווישן זיי פופצן יונגעלײַט, קינדער פון שפּאנישע רעוואָליוציִאָנערן, וועל־כע זײַנען אומגעקומען בעשאס דעם בירגער־קריג אין שפּאניע. דער קאָלעקטיוו פונעם גלאָז־צעך איז דאן געווען נאָך א קליינער, זײַן פּראָ־גראם — פופציק טויזנט לעמפלעך א כוידעש.

דער שעף פונעם צעך איז געווען סערגײי גר־ריאנאָוו, זײַן שטעלפארטרעטער לויט דער טעכ־נאָלאָגיע — מיכל קעלמאן. ער איז אויך געווען דער פּארטאָרג, און ער פלעגט זיך דײַגענען וועגן די שפּאנישע יונגע ארבעטער. נאָך א שווערן טומלדיקן ארבעטס־טאָג פלעגט זיך קעלמאן ארײַנכאפּן צו זיי אין צוזאמענוווינונג. פון דעם גאנצן שפּאנישן לאָשן האָט ער געקענט בלויז צוויי ווערטער: „נאָ פּאסאראן!". נאָר די שפּאניער האָבן פאר דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך געלערנט אין פּראָפטעכשול, באוויזן שוין מער־ווייניקער באהערשן רוסיש.

— ווי גייט עס, כימענעס? — פרעגט ער א שווארצכיינעוודיקן באָכער. — יאנינע האָט דיר איבערגעגעבן א גרוס.

כימענעס רויטלט זיך. פארוואָס האָט יאני־נע אים געדארפט איבערגעבן א גרוס? זיי האָבן זיך דאָך נאָרוואָס צעשיידט. זיי ארבעטן צוזא־מען. כימענעס איז א בלאָזער, און יאנינע איז אן אָפּשפאלטערן, זײַן מיטהעלפערן.

כימענעס האָט זיך פארליבט אין אָט דעם פּוילישן מיידל, יאנינען. זיי האָבן נאָכדעם כא־סענע געהאט. מע האָט געפּראוועט א קאָמיוגי־שע כאסענע. זייער ערשטן זון האָבן זיי א נאָ־מען געגעבן ראפאעליטאָ, אזוי האָט מען גערופן כימענעסעס אומגעקומענעם פאָטער.

אלע האָבן זיך געסטארעט, אז די שפּאניער זאָלן זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים. אָפט פלעגט מען אײַנאָרדענען פאר זיי עקסקורסיעס. געפירט זיי אין קינאָ, אין טעאטער. זיי זײַנען שטארק פארכאפּט געווען מיט פוטבאָל, האָט מען געשאפן פון זיי א פוטבאָל־קאָמאנדע און באזאָרגט זי מיט אלעם נייטיקן.

דער זאוואָד האָט זיך פארברייטערט, די צאָל עלעקטראָ־לעמפלעך, וואָס ער האָט אויס־געפארטיקט, איז דערגאנגען ביז א מיליארד. א גאנצער מיליארד! וויִאזוי פאָרשטעלן זיך די דאָזיקע ציפער מער בוילעטער? אויב אָנלאָדן זיי אין וואגאָנען, וועט די לענג פונעם צוג פאר־נעמען א מעהאלעך ווי פון לוואָוו ביז קיִעוו, פינף הונדערט קילאָמעטער.

דערנאָך האָט מען דעם זאוואָד געגעבן א נײַעם נאָמען — „קינעסקאָפּ". פארשטייט זיך, אז ניט נאָר דער נאָמען, נאָר אויך די פּראָדוק־ציע פונעם זאוואָד האָט זיך געביטן. די גלאָז־פּראָדוקציע איז אָבער אויך געבליבן, וואָרעם אָן גלאָז קאָן מען קיין קינעסקאָפּ ניט מאכן.

און דער נײַער זאוואָד איז אויך ניט גע־שטאנען אָף אָן אָרט. מיט דער צײַט האָט מען זײַן נאָמען טיילווײַז געביטן. ער איז שוין ניט קיין זאוואָד, נאָר א פּראָדוציר־פאראייניקונג „קינעסקאָפּ".

און די געשיכטע פון דער דאָזיקער פּאַרייניקונג, ווי מיר ווייסן, הייבט זיך אָן פון א צײַטווײַליקן אויוון אונטער אַן אָפּדאַך אַף א פּוסטקע, וואָס פלעגט דינען פאַר א שטאָט־סמיטניק. איצטער איז די פאַרייניקונג איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין לוואָוו. איר הויפּט־פּראָדוקציע — שוואַרץ־ווײַסע און קאָלירטע קינעסקאָפּן — האָבן א שעם ניט נאָר אין אונדזער לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

— אין אונדזער פּראָדוקציע, — באַמערקט מיכל קעלמאַן, — זײַנען פאַראַן צוויי באַגריפן: אַנטשפּאַנונג און פאַרהאַרטונג. איינס איז דער הייפּעך פונעם צווייטן. אַנטשפּאַנונג איז דאָס באַפרײַען דאָס גלאָז פון געשפּאַנטקייט, פאַרהאַרטונג איז עפּעס פאַרקערט. אָט אַזוי האָבן מיר אויך געלעבט און געאַרבעט...

— כ'מיין, אַז פאַרהאַרטונג איז געווען מער ווי...

מיכל האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— געווען... אַלץ געווען... קאָנפליקטן, איי־בערלעבונגען, שלאָפלאָזע נעכט... איר זאָלט קיינמאָל ניט גלייבן אין אַן אויסגעטראַכטער אידיליע פון אַן אינזשעניר, וואָס שפּרײַזט ריטמיש־האָפּערדיק פון איין דערפאָלג צום צווייטן... דאָס זײַנען אויסטראַכטענישן פון א מעכאַבער, וואָס קען ניט דאָס לעבן... איר זײַט נאָך ניט מיד?

— ניין, ניין.

— וועל איך אײַך, אויב אַזוי, דערציילן וועגן איינעם א פאַל. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן באַהערשן די עלעקטראָקאָלבן, האָט זיך טכילעס באַקומען בראַק. ער גייט, דער בראַק, און גייט אָן אויפהער... וואָס טוט מען? די סיבע פון דעם איז געווען א פּאָשעטע. אין יענע צײַטן האָט מען געבויט אין גרויס אײַלעניש. מע האָט דאָך געדאַרפט אויפשטעלן אַלץ, וואָס איז צעשמע־טערט געוואָרן בעשאַס דער מילכאָמע מיט די דײַטשישע פאַשיסטן. האָט מען דעם גלאָזקאָכנ־דיקן אויוון אויך געמאַכט בעכיפּאָזן, ניט פון דער געהעריקער קאָנסטרוקציע. די גלאָז־מאַסע האָט זיך באַקומען ניט פון אַזא קלעפּיקייט, וועלכע איז נייטיק פאַר עלעקטראָקאָלבן. און די פּסולים גייט ווײַטער. איך און דער שעף פונעם צעך גוריאַנאָוו טײַנען: דער אויוון איז שולדיק. דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד ווידער־שרײַט: ניין, דאָס זײַט איר שולדיק, איר האָט ניט אָרגאַניזירט ווי סע דאַרף צו זײַן דעם טעכ־נאָלאָגישן פּראָצעס.

האָקיצער, מע האָט אונדז באַפרײַט פון דער אַרבעט, ווי מע זאָגט, מיט א טראַסק. אָבער דער בראַק האָט ניט אויפגעהערט גיין. איך און גור־יאַנאָוו, כאָטש מיר זײַנען באַזײַטיקט פון דער אַרבעט, פלעגן זיצן ביז שפּעט באַנאַכט, זוכנדיק א מיטל, ווי־אַזוי צו פאַריכטן די פעלערן פונעם אויוון. פּלוצעם צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן און פונעם טרײַבל רײַסט זיך אַרויס א ליאַרעמ־דיק קאָל: א סרייפע! א סרייפע אין צעך!.. מיר האָבן זיך גלײַך געלאָזט לויפן אַפן זאַוואָד... די צעשמאָלצענע גלאָז־מאַסע איז אַרויס פונעם אויוון און פאַרגאָסן דעם צעך...

קעלמאַן איז א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן. און דערנאָך מיט אימפּעט:

— איר וואָלט א קוק געטאָן דאַן אַף גוריאַ־נאָוון! מע האָט אים דאָך פון דער שטעלע אַראָפּגענומען, און ער קריכט אין פײַער אַרײַן... סערגיי געאָרגיעוויטש האָט זיך ניט לאַנג צוריק געהאַט דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי, נאָר אין אים האָט נאָך געלעבט דער סאָלדאַט. ער האָט זיך שרעקלאָז געוואָרפן לעשן די סרייפע.

וועגן דעם אָבער, אַז ער, קעלמאַן, איז אויך געקראָכן אין פײַער, דאָס האָב איך זיך דער־וווּסט נאָכדעם שוין פון אַן אַנדערן.

א קאָמפּעטענטע קאָמיסיע האָט זיך פאַנאַנ־דערגעקליבן וואָס און ווען, און דעם אויוון האָט מען געמוזט איבערבויען. קעלמאַנען און גוריאַ־נאָוון האָט מען אויפגעשטעלט צוריק אַף זייערע שטעלעס.

— ווייסט איר וואָס, — רופט זיך פּלוצעם אָן מיכל, — לאָמיר זיך א ביסל אָפּרוען באַם טע־לעוויזאָר.

און אָט זיצן מיר אַנטקעגן דעם עקראַן, און מיכל זאָגט גאַנץ ערנסט:

— אַגעוו, פאַרנעמט דאָס גלאָז בא זעכציק פּראָצענט פונעם קינעסקאָפּ פון אָט דעם צווי־בער־טרײַבל.

עלישעווע קאַנצעדיק

ייִסראָעל גוטמאַנס שטילער האָפן

ער איז געשטאַנען מיטן נייעם שלאָס אין דער האַנט, אַרומגעטאַפּט דאָס אויסגעשניטענע אָרט אין דער טיר, וואָס ער האָט נאַרוואָס אויסגעשליפן מיט דער פּײַל, אַרײַנגערוקט דעם שלאָס, געוואָלט צושרויפן, אָבער ניט געקאָנט געפינען דאָס נעסטל פון די שרויפן. דערווײַל זײַנען צוויי שרײַפעלעך אַרויסגעפאַלן פון זײַנע הענט, האָט ער זיך אײַנגעבויגן און גענומען זיי זוכן. זײַן ווײַב גאָלדע, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, צעקלעמט און אומצופרידן, האָט אים דערלאַנגט די שרײַפעלעך און געזאָגט, שוין צום וויפלטן מאָל:

— ייִסראָעל, קום עפּשער אַהיים, זיי וועלן וועמען-ניט-איז אַרויסרופן...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט — „שטער ניט!", און ווידער גענומען זוכן די לעכלעך, ענדלעך געפונען איינס, צוגעהאַלטן מיטן פינגער, אַרײַנגעשרויפט אַ שרײַפל — ווײַטער איז שוין אָוועק לײַכטער. סאָפּקאָלסאָף האָט ער דעם שלאָס אַרײַנגעשטעלט, געעפנט, ווידער פאַרמאַכט, נאָכאַמאָל געפּרוווט מיטן שליסל.

דערזעענדיק מיך, האָט גאָלדע, דאָס ווײַב, אַ ווונק געגעבן אין דעם מאַנס זײַט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, שעפּטשענדיק:

— ער זעט דאָך ניט. איר פאַרשטייט, קוים וואָס ער זעט, די קאַטאַראַקטעס האָבן אים פאַרצויגן די אויגן, וויל ער דאָך אָבער ניט אָפּזאָגן, ווען מע בעט אים שטעלן אַ שלאָס. ניט אַלע ווייסן, אַז ער זעט ניט...

ייִסראָעלס געקנייטשט פּאָנעם האָט געשטראַלט, אין זײַנע גרויע פאַרנעפּלטע אויגן און אַף זײַן שטערן איז איצט געלעגן אַ נאַכעס-רועך. ער האָט צוזאַמענגעקליבן דאָס געצײַג און שוין געוואָלט גיין, ווען דער שאָכן — אַ נײַער אַף אונדזערע טרעפּ — האָט אים גענומען רוקן אַ פּאַפּירל אין האַנט. ייִסראָעל האָט אָפּגעשטופּט דאָס געלט מיט אַזאַ קויעך, וועלכן מע האָט קוים געקאָנט דערוואַרטן פון זײַן ציטערדיקער האַנט, די אויגן זײַנע זײַנען אָנגעלאָפן מיט בלוט, ער האָט אַ ברום געטאָן: „ווי שעמט איר זיך ניט!". יענער איז געשטאַנען אין פאַרלעגנהײַט, זיך אַנטשולדיקט איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און גאָלדע האָט גענומען ייִסראָעלן פאַרן אָרעם, אַוועקגעפירט אים אַהיים און אַרײַנגעלייגט אין בעט, מוירע האָבנדיק, אַז זײַן בלוט-דרוק זאָל זיך ווידער ניט אופהייבן.

...דאָס הויז, וווּ מיר וווינען, שטייט אַפן אײַבערקרייץ פון סמאָליאַ-גאַטווע און טראַמוויינע. ביידע נעמען פון די גאַסן זײַנען מאָדנע. פאַרוואָס טראַמוויינע, ווייס איך ניט — אין ווילנע זײַנען, דוכט מיר, קיינמאָל קיין טראַמווײַען ניט געווען. עפּשער האָט דאָ ווער געטרוימט וועגן אַ טראַמוויי? און סמאָליאַ-גאַטווע הייסט זאַמד-גאַס. פאַר דער מילכאָמע, בא דער אַלטער מאַכט, האָט אין פּוליש די גאַס געהייסן פּאַשעט „פּיאַסקי" — זאַמד. אַ גאַס זאָל הייסן „זאַמד". איז דאָ אָבער נישט געווען ניט קיין ביימל, ניט קיין בלימל, דאַכט מיר — אַפילע ניט קיין ברוק, הוילער זאַמד!

ווען די ווילנער לערערן בעלע ביכער (איצט — אַ פּאַרדינסטפולע לערערן פון דער רעפּובליק) האָט זיך נאָך דער מילכאָמע אומגעקערט פונעם פאַשיסטישן לאַגער אין שטוטהאָף און גענומען אַרבעטן אין דער פינפטער מיטלשול, וואָס שטייט אויך בא דער גאַס „זאַמד", האָט זי, די דאָזיקע לערערן, געוואָלט, אַז די גאַס זאָל ווערן אַן עפּלביימער-פּראָספּעקט!.. אַ פּאַרוואָרפן, פאַרמיסטיקט שטיקל ערד לעבן דער שול האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ ווונדערבאַרן גאָרטן — אַ גרינע מיטשוריך-לאַבאַראַטאָריע, און אַף דער גאַס, באַם ראַנד פון די שמאָלע טראָטואַרן, פאַרזעצט מיט די קינדער עפּלביימער (יעדער שילער האָט געהאָט אַ ביימל, אָנגערופן מיט זײַן נאָמען, וואָס ער פלעגט עס באַגיסן, אַרומשערן, באַקאַלכן, און, ענדיקנדיק די שול, איבערגעבן עס אַ ייִנגערן כאַווער). קימאַט הונדערט פּופּציק ביימלעך האָט מען אויסגעזעצט אַף דער גאַס: נאָט אײַך, מענטשן, עפּל, נעמט, עסט, און אַז דער עפּלבוים בליט — האָט האַנאָע פון די מעכײַעדיקע רייכעס!

זײַנען נאָך אָבער מענטשן דאָן ניט געווען „דערוואַקסן" צו האָבן אַן עפּלביימער-גאַס. אָט איז אַ לאַסטמאַשין אַרופגעפאָרן אַף אַ צאַרט ביימל, אָט האָט עמעצער, כאַפּנדיק זשעדנע די

פרוכט, צעקאַליעטשעט אַ ביימל, אָפגעבראָכן אַן אַקסל... דאָס האַרץ פלעגט זיך באַגיסן מיט בלוט בײַ דער לערערן און בײַ די יונגע נאַטור־ראַליסטן. האָט מען אָפגעלייגט דעם „עפלבײַ־מער־פראָספעקט" אַף שפעטער, ווען מענטשן וועלן עס בעסער פאַרשטיין, און דערווײַל האָט מען גענומען פאַרזעצן פעסטע דעקאָראַטיווע ביימער — טאָפאָלן, קליאָנען, קאַשטאַנען, לײַ־פעס, אויסגעפורעמט גאַזאָנען און בלומען־בייטן. איז די גאַס גרין געוואָרן, און געבליבן איז איין שפור פון דער פאַרגאַנגענהייט: דער נאָמען „זאַמד" — סמאַליאַ...

אינעם מויער אַפן איבערקרייץ פון סמאַליאַ און טראַמוויינע, ווי אין יעדן הויז, וווינען זײַט־בײַ־זײַט פאַרשיידענע מענטשן — יעדערער מיט זײַנע זאָרגן, מיט זײַן שטייגער, מיט זײַן אינער־לעכער וועלט. איינער אײַלט זיך קעסיידער און באַמערקט קוים, פאַרבײַגייענדיק, אַ שאָכן. אַן אַנדערער, וואָס איז אין שטוב — שוין אַף פענ־סיע אָדער ער האָט סטאַם מערער צײַט, זיצט אַפן בענקל אונטער אַ ווערבע אַפן גרינעם טע־פיך פון זאַפטיקן גראָז, שעפט נאַכעס פון דער רו און קוקט זיך צו צום לעבן אַרום. איך בין אײנע פון די, וואָס אײַלן זיך שטענדיק. ווען איך זע, ווי גאָלדע גוטמאַן אָדער די גענעראַל־שע פון דריטן גאָרן באַגיסן די בלומען אַף אונדזער הויף, שערן אַרום די ביימלעך אָדער יעטן אויס דאָס ווילדגראָז פון די בייטן, האָב איך געוויסנביסן (באַלד וועל איך אויך אַרויס!). אָבער מע פאַרגעסט, מע לויפט ווײַטער. ניטאָ קיין צײַט!

הײַנט שטיי איך אין הויף ווי אַף הייסע קוילן: דער מאַן האָט מיסטאָמע צופעליק אַ כאַפ געטאָן מײַנע שליסלען, און איך קאָן ניט אַרײַנגיין אין שטוב. ס'איז שוין ניט דאָס ער־שטע מאָל, זידל איך אים, אָבער גאָלדע באַ־רויקט מיך:

— קיין גרעסערן צאַר זאָלט איר ניט האָבן, גייט אַרײַן צו מיר, בײַסט איבער. נאָר ערגערט זיך ניט — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל אײַער מאַן בײַ אײַך שלעפן די שליסלען... אַז איך פלעג שרײַען אַף ייִסראָעלן, אָלעווהאַשאָ־לעם, וואָס ער טראָגט אַמאָל ניט אַרויס צו דער צײַט דעם עמער, האָט מיר אַ כאַכאָמע אַ ייִדע־נע, די שאָכנטע פון יענעם מויער, געזאָגט: „וואָס שרײַט איר? ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָל בײַ אײַך דויערן אָט אָ־דער גאָלעס..." איצט פאַרשטיי איך, ווי גערעכט זי איז געווען...

איך געדענק, ווי מע האָט געפראַוועט ייִס־ראָעלס אַכציקסטן געבורטסטאָג. געווען איז עס אין אַ שיינעם זומער־טאָג, די געסט האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַפן הויף, די שכיינים האָבן זיך אויך צונויפגעקליבן, דער גאַנצער מויער האָט געפײַערט... און אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן ייִסראָעלן אין זײַן לעצטן וועג, אַפן ווילנער ייִדישן בעסוילעם, אויך אַלע באַגלייט, און אַלע זײַנען געווען טיף פאַרטרויערט: מיט גוטמאַנען איז אַוועק פון אונדז מער ווי אַ שאָכן — ס'איז אַוועק די נעשאָמע פון אונדזער הויז.

ס'זײַנען דאָ מענטשן, וואָס בלײַבן לעבן אין זיקאָרן פון אַנדערע אַפילע נאָכן טויט: גייסט פאַרבײַ דעם אָרט, וווּ דו פלעגסט זיי זען, און דיר דוכט זיך, באַלד דערזעסטו זיי ווידער. ווי הײַנט שטייט מיר גוטמאַן פאַר די אויגן מיט זײַן האַמער, מיט דער אָפצווענגע, מיטן טשוואָק: אָט בויט ער אַפן הויף אַ בעסעדקע, אָט מאַכט ער אַ הוידעלקע פאַר די קינדער, אָט האָט זיך בײַ וועמען פאַרקלאַפט אַ טיר און ער לויפט העלפן: די טעכנישע „גיכע הילף" איז אָלעמאָל אַף אָרט, אָלעמאָל גרייט.

און אָט זיצט ער אַף דער באַנק מיטן שאָכנס מיידעלע: זיי וואַרטן צוזאַמען, ביז דער טאַטע אָדער די מאַמע וועט קומען.

אין ייִסראָעלס קאַרגע באַוועגונגען, אין אײַ־לעניש און נערוועזקײַט, אין זײַן גרויסן פאָנעם, וואָס איז ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט, אין די שווערע האָרעפאַשנע הענט, וועלכע רוען ליגנ־דיק אַף זײַנע קני, אין זײַן גאַנצן פעסטן גע־שטאַלט, וואָס ניט די יאָרן, ניט דאָס איבערגע־לעבטע האָבן ניט אײַנגעהויקערט און ניט צע־בראָכן, — איז אַזויפיל געדולד, אַזויפיל רו און גוטסקײַט, אַז ס'איז אַ כידעש: ווי קומט עס, אַז אַ מענטש, צו וועלכן דער טויט האָט זיך שוין פיל מאָל געשלײַכט, זאָל זײַן אַזוי רויק? און פונוואַנען נעמט זיך אין דער נעשאָמע פון אַ מענטשן, וועלכן מע האָט אַזויפיל געשלאָגן און וועלכער האָט אַליין ניט ווייניק געשלאָגן, אַזוי־פיל צאַרטע ליבשאַפט צו מענטשן, אַזויפיל פרײַנטלעכקײַט צו אַ שאָכן, אַ באַקאַנטן, אַ פאַרבײַגייער?..

דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך קען אים, אַז איך האָב אים שוין ערגעץ געזען. דאָס איז דאָך זשאַן וואַלזשאַן, וויקטאָר הוגאָס העלד! — האָב איך זיך געכאַפט. זשאַן וואַלזשאַן, ווי אים האָט געשילדערט דער אַר־טיסט זשאַן גאַבען אינעם פראַנצויזישן פילם „די פאַרשטויסענע".

— ניט נאָר איר האָט באַמערקט די ענלעכ־קײַט, — האָט מיר שפעטער גאָלדע דערציילט. עפעס איין מאָל, אַ יאָר אַכצן צוריק, ווען זיי זײַנען געפאָרן קיין טאַשקענט צו איר מוטער, האָבן יוגנטלעכע, סטודענטן אין טראַמוויי, לאַנג זיך צוגעקוקט צו אים (ער איז געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן, אַ הוט אַפן קאָפ), און סאָפקאָלסאָף האָט אײנער געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איר זײַט דער אַרטיסט זשאַן גאַבען, יאָ?

— איך בין ניט קיין אַרטיסט, איך בין אַ שמיד, — האָט גוטמאַן געענטפערט.

— מיר ווייסן, איר זײַנט אַ באַשיידענער מענטש!

— עפשער זאָל איך אײַך ווײַזן מײַן פּאַס? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

אַלציינס האָבן זיי ניט געגלייבט.

דערזעענדיק אין יִסראָעלן דעם געפּלאָגטן גיבער זשאַן וואַלזשאַן, דערשפּירנדיק די ענ־לעכקײַט פונעם כאַראַקטער און גורל, האָב איך שוין גוטמאַנען בעסער געקאָנט פאַרשטיין, בולעטער זיך פאָרגעשטעלט אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זײַן לעבן. אַלץ, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון אים אַליין, פון זײַן פרוי, פון מענטשן...

...דרײַ יאָר איז סראָלקע, דער ייִנגסטער אין דער מישפּאָכע פון די מאַריאַמפּאָלער גוטמאַנס, אַלט געווען, ווען ס'איז געשטאָרבן זײַן טאַטע. די מאַמע איז געבליבן אַליין מיט זעקס קינ־דער — פינף זין און אַ טאָכטער, געוואַשן וועש, געראַמט, געטאָן באַ מענטשן, אַבי אָנצוקאָרמע־נען דאָס געזינד. צו פינף יאָר האָט שוין סראָל־קע געהאַט אַן אַרבעט: געזוכט אין די מיסט־קאַסטנס, געקליבן שמאַטעס און ביינער אַף אָר־טיל. צו אַכט יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ שוסטער. ווײַטער איז געווען אַלץ, ווי באַ מאַקסים גאָרקין, ווי באַ טשעכאָווס וואַנקע זשוקאָוון: דעם באַלעבאָס' קינד, וואָס סראָלקע האָט שאָענווײַז געדאַרפט וויגן, האָט אַלציינס אָן אופהער געיאָמערט. טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָט דאָס ייִנגל געדאַרפט וואַשן און איבער־וואַשן די קעלבערנע קישקעס, פון וועלכע מע פלעגט קאָכן מיטיק, און גיין מיט דער באַלע־באָסטע אין מאַרק. וועגן שוסטערײַ האָט זיך אַפילע ניט גערעדט...

באַם טיש פלעגט זיך זעצן דער באַלעבאָס מיט זײַן געזינד און דער אַרבעטער, דער ליט־ווינער, אָבער סראָלקע — ניט. פלעגט ער זיצן הונגעריקערהייט און שלינגען די טרערן. אָבער דער קאַס האָט זיך געזאַמלט אין זײַן קליין הערצל, און אין איינעם שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיי אָפּגעטאָן: געלאָזן שמוץ אין אַ קישקע.

— מאַריאַשע, וואָס איז אַזוי ביטער די זופּ? — האָט געפרעגט דער שוסטער.

דאָס ווײַב האָט זיך געוווּנדערט: מע האָט געקויפט פרישע!

אַז מע האָט זיך געכאַפּט, וועער עס איז שול־דיק, האָבן די ברידער ניט געלאָזט באַשטראָפן דעם קליינעם.

— אויב איר וועט אים אָנרירן מיט אַ פינ־גער, קערן מיר אײַך איבער די שוסטערײַ, —

האָבן זיי געוואָרנט דעם באַלעבאָס. און פעסט זײַנען זיי געווען, געזונט ווי דעמבן.

האָבן זיי צוגענומען סראָלקען אַרבעטן אין סאַד, וועלכן מע פלעגט דינגען באַם פּאָרעץ אין דאָרף, ניט ווײַט פון מאַריאַמפּאָל. דעם סאַד פלעגט מען דינגען פרילינג, ווען די ביימער בליִען, און גלײַך צאָלן פאָרויס דאָס גאַנצע אָרענדע־געלט. פלעגט מען שוין האָרעווען טאָג און נאַכט, קעדיי אַרויסצונעמען וואָס מערער, און סראָליק מיט אַלעמען צוגלײַך. אַ קריסטן פלעגט, מעלקנדיק דערנעבן אַ קו, אַרײַנגיסן אים אין אַ טעפּל מילך, דאָס ייִנגל זאָל זיך אָנ־טרינקען. געווען איז אין דעם גוט אַ פּאַרוואַל־טער, דעם פּאָרעצס רעכטע האַנט — אַ רעצייעך. שפּאַצירט ער זיך אין אַ ווײַסן קאָסטיום און אין אַ שטרויענעם הוט, זעט דעם קליינעם, רייצט אים: „זשידעק", „זשידעק". האָט זיך סראָלקע איינמאָל צעבייזערט און אַ וואָרף גע־טאָן אים אָפּן קאָפּ דעם טאָפּ מיט דער מילך. יענער האָט דאָס ייִנגל געוואָלט באַלד דערשי־סן, אָבער די ברידער האָבן דעם קליינעם געראַטעוועט: צוערשט באַהאַלטן באַ פּויערים, וועלכע האָבן אויך פּײַנט געהאַט דעם „פּאַן", און נאָכדעם אַרויסגעפירט אים פון דאָרף אין אַ וואָגן מיט היי...

אָט אַזוי, ווי ווילד גראָז, איז געוואַקסן סראָלקע, באָרוועס און הונגעריק, אין דער היים, אין מאַריאַמפּאָל, איז ניט געווען וואָס צו טאָן און וואָס צו עסן, האָט ער געוואָגלט, געאַרבעט, ווו ס'פלעגט זיך לאָזן, ווידער געהונגערט. צוועלף יאָר אַלט, איז ער אַוועק צופוס קיין ווערשבעלאָווע אַף דער דײַטשישער גרענעץ. אַרוף אַפן מאַרק, עסן ווילט זיך, גייט ער פאַרו־מערט. טרעפט אים אַ מענטש און זאָגט:

— ייִנגעלע, וועמעס ביסטו? וווּהין גייסטו? ביסט אַ ייִד?

— יאָ, — האָט ער געענטפערט.

— וואָס קענסטו? שפּאַנען אַ פערד קענסטו?

— איך קען.

געווען איז עס אַ ייִדישער פויער, אַ יִשוווּ־ניק. האָט ער גענומען דאָס ייִנגל, געזען — ער קען טאַקע אַלץ. האָט דאָרט סראָלקע אָפּגעאַר־בעט אַ זומער, אַ ווינטער, נאָך אַ זומער. דער באַלעבאָס איז געווען צופרידן.

איינמאָל האָט זיך אַ פערד צעיאָגט, סראָלקע האָט אים ניט געקענט אײַנהאַלטן, און דער באַ־לעבאָס האָט דעם ייִנגל דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּאָנעם. דעם זעלבן טאָג איז סראָליק ניט גע־וואָרן: ער איז ניט געווען שולדיק, און קיין אוולע פאַרטראָגן האָט ער ניט געקאָנט.

אַנטלאָפן אַהיים, ווידער אָן אַרבעט. גייט ער לענגויס דער גאַס, קוקט, ווי כאַים דער שמיד בלאָזט דעם בלאָזזאַק. כאַים מיט זײַן באַ־העלפער.

— עפשער קענסטו אונדז אונטערהעלפן? — פרעגט אים דער באהעלפער.

— א פראגע, צי איך קען!

ביז מיטיק האָט סראָלקע געצויגן דעם בלאָזזאק, כאַיִמס ווײַב האָט אים געגעבן אָפּעסן, אלע זײַנען געווען צופרידן. איז שוין סראָלקע געבליבן אין קוזניע. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז אים געווען עמעס גוט: כאַיִם דער שמיד איז געווען א זעלטענער מײַסטער, ער האָט געקענט יוועליר־ארבעט און געלערנט עס סראָליקן. כוץ דעם האָט ער געהאט ביכער, ער איז געווען א פּראָגרעסיווער מענטש. און דאָ, אין די אָוונטן, האָט סראָליק אָנגעהויבן צו לייענען, און ס׳האָט זיך אים אנטפּלעקט א וועלט... דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלייענט, איז געווען „דאָן קיכאָט״ אף ייִדיש.

קומט אָבער דער פּויער, דער ייִשוווניק, צו סראָליקס ברידער, צו זײַן מוטער און בעט: זאָל סראָלקע פאָרן צוריק! ער האָט, ווײַזט אויס, געהאט כאראָטע — פארלאָרן אזא ארבעטער! און עפשער האָט דער פּויער נאָך עפּעס געהאט אין זינען: זיבן טעכטער זײַנען בא אים געוואקסן...

— איר האָט מיר דערלאנגט א פּאטש. הייסט עס, אז איר זײַנט א שלעכטער, — האָט סראָליק געענטפערט. — ניין, איך פאָר ניט!

— איך וועל אײַך ברענגען קארטאָפל אף ווינטער, און האָלץ, און שמאלץ, און פּוטער, און קאָרן... — האָט ער געטײַנעט צו די ברידער.

אָבער סראָלקע איז געבליבן בא זײַנעם — ניין און ניין, ער פאָרט ניט. און איז ווידער אנטלאָפן צו כאַיִם דעם שמיד.

ווארט דער פּויער א טאָג, ווארט א צווייטן און פאָרט אוועק. און די ברידער ארבעטן מײַסים. זיי קומען צום שמיד און זאָגן:

— רעב כאַיִם, אויב איר וועט סראָלקען האלטן כאָטש איין טאָג, קערן מיר אײַך איבער די קוזניע!

האָט אים כאַיִם געהייסן גיין. אָבער סראָליקן איז שוין די שמידערײַ אײַנגעבאקן געוואָרן אין הארצן. פלעגט ער צוגיין, שטיין בא דער קוזניע, קוקן, ווי מע ארבעט, ביז כאַיִם פלעגט אים ניט אײַנבעטן:

— האָב ראכמאָנעס, גיי אוועק, לייזערקע וועט דאָך קומען און מאכן די קוזניע צו אש...

די ברידער האָבן סראָלקען עסן ניט געגעבן.

איינמאָל, ווען כאַיִם איז ניט געווען און זײַן געהילף האָט זיך אליין ניט געקאָנט קיין אייצע געבן, האָט ער געזאָגט, דערזעענדיק סראָלקען:

— העלף צו, דערלאנג א צי דעם בלאָזזאק...

ווען דער שמיד איז געקומען, האָט ער זיך געמאכט ניט זעענדיק, און סראָלקע האָט ווידער גענומען גיין אין דער קוזניע. די ברידער האָבן שוין א מאך געטאָן מיט דער האנט...

אזוי האָט מען געארבעט, געלעבט, געצויגן די ליאמקע... אָט איז א ווײַלע בעסער, נאָר מע קוקט זיך ניט ארום, און ווידער איז קיין ארבעט ניטאָ, און דער הונגער גאנוועט זיך אונטער, טשאטעוועט בא דער טיר... ווען ייִסראָעל איז אלט געוואָרן זעכצן יאָר, זײַנען זיי זאלבעדריט — לייזער, די מוטער און ער — אוועקגעפאָרן זוכן גליקן איבער דער גרענעץ. געקומען קיין ענגלאנד, אין לאָנדאָן, געזוכט, געשמײַעט, געהאָפט. אומזיסט. אומגעקערט זיך אהיים, דאָ איז אויך ניטאָ קיין ארבעט. כאפּט זיך סראָלקע ווידער ארוף אף דער שיף, קריכט ארײַן אין דער קאָטשעגארקע, פאָרט צוריק קיין לאָנדאָן. טוט אלערליי אווידעס, וואָס סע מאכט זיך. אמאָל גיט זיך אײַן צו ארבעטן בא שמידערײַ — דאָס קען ער שוין גוט...

איבער צוואנציק יאָר איז ער אלט געווען, ווען ער איז אין צוועלפטן יאָר געפאָרן אהיים. געפאָרן און ניט דערפאָרן... אף דער גרענעץ האָט מען אים ארײַנגעכאפּט אין ארמיי, פאר א ניקאָלײַעווער סאָלדאט. גענומען האָט מען אים אָנשטאָט אן אנדערן, וועלכער האָט זיך אויסגעקויפט, און אוועקגעשיקט ווײַט הינטערן בײַקאל, אין אולאן־אודע...

שווערע דינסט... שטיין אף דער וואך בא סקלאדן אין דער גרענעץ־זאָנע לאנגע שאָען נאָכאנאנד, אין א קנאקנדיקן פראָסט... אף דער וואך, בא וועלכער סאָלדאטן ווערן פארפרוירן און פאלן טויט... נאָכדעם דאָס יאָר 1914... מילכאָמע, בלוטיקע קאמפן, ווונדן, געפאנגענשאפט... שפעטער — דײַטשלאנד, א פאבריק, נײַע כאווײרים, א פרוי, א קינד, א מישפּאָכע. אָבער היטלער קומט צו דער מאכט... די פרוי שטארבט... דערנידעריקונג, בונט, קאמף... נאָכדעם — מיטן קינד ווידער אין ליטע. אין 1940 קומט א נײַ לעבן, א נײַער, א וווּנדערבארער אָנהייב...

ווי א קורצער, ליכטיקער כאָלעם איז פארבײַגעלאָפן דאָס יאָר פון סאָוועטנמאכט אין ליטע, ווען ייִסראָעל האָט אלס מײַסטער אין א פאבריק שוין אָנגעפירט מיט אנדערע, געלערנט יונגווארג. און ווען זײַן טעכטערל קיילע — „קעט״, ווי ער האָט זי גערופן, — האָט זיך אויסגעלערנט שנײַדערײַ, גענומען נייען, מאָדעלירן, געוואָרן א טאלאנטפול, שיין מיידל.

זאלבעצווייט זײַנען זיי געלאָפן דעם 23 יון 1941 פון די היטלערישע באנדיטן. ניט באוויזן... דער סוינע האָט זיי איבערגעשניטן דעם וועג, אומגעקערט צוריק. קיילען, זײַן מיידעלע, דאָס טײַערסטע, וואָס עס איז געווען אין לעבן, האָט מען געכאפּט און דערשאָסן...

וואָס פאר א ווערדע האָט שוין איצט געהאט דאָס איבעריקע... דאָס, וואָס מע האָט ייִסראָעלן ארײַנגעטריבן אין געטאָ און וואָס דרײַ מאָל

האָט מען אים געפירט צום טויט, אָף פּאָנאַר. יאָ־יאָ, ניט־ניט... אָבער גיין צום טויט ווי א שאָף האָט ער ניט געקאָנט, ניט געוואָלט... דרײַ מאָל האָט מען אים געפירט אָף פּאָנאַר, און דרײַ מאָל איז ער אַנטלאָפן...

...קימאַט א יאָר האָט א גרויסער, באַוואַקסענער, אָפּגעריסענער מענטש געוואָגלט איבער פעלד און וואַלד, געלאָפן פון אָבלאַוועס, געלעגן אין שניי, ווו געטאָגט, דאָרט ניט גענעכטיקט, געגעסן, וואָס די ערד פלעגט געבן אָדער א גוטער מענטש פלעגט דערלאַנגען. פרילינג, ווען דאָס וואַסער איז אַראָפּ, האָט ער זיך אויסגעגראָבן א נאָרע אין וואַלד, זי פאַרמאַסקירט. אָן אָרטיקער הענקער האָט אַנטפּלעקט די מאַלינע, ניט באַוויזן אָבער גוטמאַנען צו נעמען — דעם מערדערס מוטער, א ליטווישע פּויערטע, וועלכע פלעגט געבן אַמאָל גוטמאַנען מילך און ברויט, איז דעם אייגענעם זון פאַרלאָפן דעם וועג, געוואָרנט ייִסראָעלן וועגן דער סאַקאָנע...

אין דער צײַט פונעם אָנגריף האָבן אים צוויי רויטאַרמייער געפונען אין וואַלד אין ראַיאָן פון ראָדווילישקעס און געבראַכט אין שטאַב. ווער איז עס? עפּשער א באַנדיט אָדער א פאַרמאַסקירטער שפּיאָן? האָט מען אים צוגעשטעלט צו דער קאָמאַנדשאַפט פון דער אַרמיי. און ס'האָט געדאַרפט פּאַסירן, אַז דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז געווען גענעראַל גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש קרייזער!

— דו ביסט דער ערשטער ייִד, וועלכן איך זע זינט די הונדערטער קילאָמעטער פון אונדזער אָנגריף, — האָט אים געזאָגט דער גענעראַל.

קיין ברעקל וואָלקן אָפן בלויען הימל, קיין ווינטל אַרום — שטיל, זוניק, א ראַכוועס. נאַסטורציעס שמייכלען אַרויס פונעם גראָז, שעמעוודיקע „פאַרגעס מיך ניט" קוקן, ווי זיי וואָלטן עפּעס פרעגן. הײַנט איז זונטיק, מענטשן שלאָפן נאָך, אָבער ייִסראָעל גוטמאַן איז שוין אָפן הויף — די בלומען לאַנג באַגאָסן, מילך און קעז אָף פרישטיק געבראַכט, זיצט ער אָפן באַנק אַנטקעגן דער זון און קוקט אין דער ווײַט. זײַן ווײַב גייט אַרויס פון שטוב מיט אַן עמער אויסגעוואַשן וועש, ער שטייט אויף, הענגט עס פאַנאַנדער. איצט רוען זיי שוין ביידע אָף דער באַנק. באַלד הייבן זיך אָן אַרויסצושיטן אָפן גרינעם גראָז קינדער, דער קליינער אַלגיס יאָגט זיך אָף זײַן ראָווער, טוט א פאַל — עפּעס האָט זיך אָפּגעבראָכן צי אָפּגעשרויפט, און אָט איז שוין גוטמאַן לעבן אים.

— מײַן טעכטערל גייט אַוועק, ייִסראָעל דערזעט עס:

— כאַסעלע, מירן ריידן ענגליש? (אין שול לערנט זי ענגליש).

קליינוואַרג זעצן זיך פון ביידע זײַטן פון דער הוידעלקע, וועלכע גוטמאַן האָט געמאַכט. מיטאַמאָל קומט צו לויפן א מיידל:

— וואָס זאָל איך טאָן? די קאַסע איז קאַליע געוואָרן, זי ווײַזט איינס און קלאַפּט אויס עפּעס אַנדערס! מענטשן שטייען בא מיר אין ריי און זידלען זיך! ס'איז זונטיק, וווּהין זאָל איך קליַגען? כאַווער גוטמאַן, העלפט!

נאָך דער מילכאָמע, ביזן סאַמע אַוועקגיין אָף פּענסיע — און אַוועק איז ער שוין בא זיבעציק, — איז גוטמאַן געווען דער בעסטער ספּעציאַליסט פון רעמאָנטירן פּײַערקאַסעס, אַליין געאַרבעט און געלערנט יוגנט. ווען ס'פלעגן אויספעלן דעטאַלן און קיין סטאַנדאַרטע זײַנען אין זאַפּאַס ניט געווען, פלעגט ער דער איינציקער אין שטאָט קענען אויסטאָקן אַפילע די קלענסטע, די פײַנסטע דעטאַל...

גוטמאַן הייבט זיך אויף, גייט מיט דער קאַסירערן אין קראָם. ער גלייבט א מענטשן. ער מאַכט גיך צורעכט די קאַסע, דער האַנדל גייט ווײַטער. ס'איז זונטיק, דאָ איז א שפּײַז־קראָם, מענטשן וואַרטן!

...א טאָג ווי אַלע טעג, די זעלבע סטעזשקע, די זעלבע מויערן, די זעלבע מענטשן. א רעגע דוכט זיך מיר, אַז, פאַרבײַלויפנדיק דעם גאַזאָן, וועל איך אָף דער באַנק דערזען גוטמאַנען, דעם לעבעדיקן זשאַן וואַלזשאַן מיט זײַן גרויס אומבאַוועגלעך פּאָנעם, ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט, מיט די שווערע האָרעפּאַשנע הענט אָף די קני. איך וועל אים דערזען — א רויִקן און א געלאַסענעם, אַזאַ, ווי איך האָב אים געזען אַלע יאָרן, זינט מיר לעבן דאָ, און איך וועל זיך ווידער, ווי אַלעמאָל, שטעלן די פראַגע: ווי קומט עס? ווי קומט עס, אַז פאַר אַזויפיל יאָר האָב איך אים ניט געזען קיין צעבייזערטן, ניט געהערט פון אים קיין בייז וואָרט?

מיר האָבן א נײַ לעבן. א לעבן, ווו ס'איז דאָ סײַ אָרט, סײַ אַרבעט פאַר יעדערן, און דער מענטש האָט א מעגלעכקײַט צו זײַן גוט. איז דאָס דאָזיקע לעבן געוואָרן פאַר גוטמאַנען אָף דער עלטער, נאָך זײַן שטורעמדיקן וועג, א שטילער האַפן. און עס האָט אָנגעפילט זײַן צעווייטעקט, בונטאַריש האַרץ מיט מענטשלעכער ווירדע, געלאַסנקײַט און רו.

ד ײַ ז ע =

נאָוועלן

יוסף בורג

איבערוף פון צייטן

אין צוג

איך בין אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע. דער אָוונט האָט זיך אראָפּגעלאָזט א לינדער, טיף־בלויער. ס׳האָט געאָטעמט מיט פרילינג, מיט ווינטלעך, אָנגעלאָפּענע פון די ארומיקע בערעזעווע וועלדער, מיט דערוואכטן לעבן, און עס האָט זיך געדאכט, אז פון אָט דער לינדקייט איז דער שטאָטישער גערודער אפן קאזאנסקי וואָקזאַל ווייכער געוואָרן, די ראשיקע קלאַנגען — שטילער, ווי דער אָוונט וואָלט איַינגעזאפּט דעם רויש פון באנען און מענטשן.

דער זייגער האָט געוויזן האלב אכט, און דער פירמע־צוג „יוזשני אוראל" מיט רויט־געפארבטע וואגאָנען און שניי־וויַיסע פאָרהענגלעך, ווי שמעטערלינגען, אף די פענצטער, האָט לאנגזאם זיך גערירט פונעם פעראָן, איבערלאָזנדיק ניט דערזאָגטע רייד, ניט דערקושטע קושן. פארקרימטע מיַילער האָבן עפּעס נאָכגעשריגן, אויגן האָבן נאָכגעקוקט, אויסגעשטרעקטע הענט האָבן געפאָכעט אינדערלופטן.

דער צוג האָט מיט א פארשטיקטן אָטעם גענומען שניַידן זיַין וועג פון וויַיט צו וויַיט, דורך נאכט און פינצטערניש, ווי א ריזיקע פיַיערדיקע שלאנג. די רעדער האָבן פארצויגן זייער איַיזערנע ליד אף גאנצע אָנדערהאלבן מעסלעס, און אין זייער געקלימפּער איז געלאָפן די ציַיט.

באהערשט פון מידקיַיט דורך א גאנצן טאָג ארומלויפן איבער די מאָסקווער גאסן, האָב איך זיך אונטערגעגעבן דער דרעמלענדיקער אויסגעווארעמטקיַיט פון דער קופּע און זיך פארקליבן אף דער אייבערשטער פּאָלקע.

עס איז געוואָרן לעוואָנעדיק שטיל. הינטער די פענצטער האָט זיך געצויגן א לאנגער געדיכטער וואלד, און די לעוואָנע־שטראלן האָבן זיך געוויקלט אף די ביימער. די ציַיט איז געלאָפן אונטער די רעדער, זיך צונויפגעגאָסן אין א פארנעפּלטן פליסיקן שטראָם, געוויגט זיך אין עפּעס א ליידיקיַיט, און פון שאָ צו שאָ געוואָרן פארגאנגענהיַיט, געוואָרן נעכטן...

יאָ, נעכטן בין איך אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע.

פארשיידענע מענטשן באגעגנט מען אין צוג, און עס וואכט אוף דער פארלאנג צו דערוויסן זיך, ווער זיי זיַינען, וואָס זיי טראכטן.

אָט זיצט אנטקעגן מיר א יונג מיידל. נאָך זייער, זייער א יונגע, אין א געבלימלט קאָפּטעלע און אין דזשינס־הויזן, זי איז גוט געשטימט. עפּשער האָט זי געזען זיסע כאלוימעס א גאנצע נאכט, און א געמיט־ליכטיקיַיט שיַינט אף איר פּאָנעם אין דער ראם פון קופּער־גאָלדיקע קורץ געשוירענע האָר, אירע אויגן זיַינען ענלעך אף צוויי טונקעלע קאשטאנען. זי איז אין דער ציַיט פון מיידלשער בליִונג און ריַיפער שיינקיַיט.

ווער איז זי? עפּשער א יונגע שוישפּילערן? איך האָב ניט געטראָפן.

זי איז אן אגראָנאָם אין א סאָווירט, געווען אין מאָסקווע אף א לאנדווירטשאפטלעכער באראטונג, און איצט פאָרט זי אהיים.

אירע געדאנקען דרויבלען זיך. אָט איז זי נאָך אין דער הויפּטשטאָט, בלאָנדזשעט ארום אין דער פריִער ציַיט איבער די אלייען פונעם אלטן

קרעמל, די אָוונטן — פאר טעאטער און מוזייען. זי איז געווען אַף אַן אויסשטעלונג פון פראנצויזישער מאָלערײַ און איז אנציקט פון דעם קאָלאָריט און דער לײַכטקײַט פון די בילדער, אָבער אייניקע קאָמפּאָזיציעס האָבן איר אויסגעזען אומנאטירלעך, פרעמד, געוויסע פּייזאזשן — צופיל סטיליזירט. און אָט איז זי שוין צוריק בא זיך אין סאָווכאָז און קאָן זיך ניט גענוג אָנדערציילן...

— און איך האָב אײַך געהאלטן פאר א שוישפּילערן...

ווײַזט זיך ארויס, אז אינגאנצן קיין טאָעס האָב איך ניט געהאט. זי איז ווירקלעך פארבונדן מיט דער בינע. א שיינע פּאָר יאָר, ווי זי טרעט אוף מיט פאָרלעזונגען אין אן אמאטאָרן־אנסאמבל, און אין איר קאָנצערט־פּראָגראם גייען ארײַן אויך לידער פון דעם ייִדישן דיכטער מאָטל גרוביאן.

איך מאַך א פארכידעשטע מינע, טוט זי א שטיפערישן קוק אַף מיר:

— וואָס וווּנדערט איר זיך?

אין שול האָט זי געהאט א ייִדישע מיטשילערן, בא וועמען מאָטל גרוביאן איז געווען צוגאסט, ווען ער האָט אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן געווײַלט אפן אוראל. דעמלט טאַקע האָט זי אים געזען בא דער כאווערטע אין שטוב. ער האָט געלייענט זײַנע לידער אין ייִדיש און אין דער רוסישער איבערזעצונג. זי האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט ייִדיש, און עס זײַנען איר פארבליבן אין זיקאָרן פיר שורעס:

אויך אין כאָלעם עפּל הענגען,
און דער בוים איז פול מיט שײַן.
וויל איך דאָך, אז אָט דער כאָלעם
זאָל א ביסל לענגער זײַן...

מיט א באזונדער כיין איז באשטראלט איר רוסישער ייִדיש, ווי ער וואָלט נאָרוואָס באקומען פאר איר דעם ריכטיקן זין.

באם ראנד פון ווײַטע ראכוועסדיקע סטעפּעס גייט אוף די זון, און דער גאנצער מיזרעך ברענט מיט גאָלדענעם פלאקער. א זונעןשטראל צאפּלט ארום, טאנצט אפן מיידלס געבלימלט קאָפּטעלע.

פעלדער לויפן.

גרינע פלאמען וויגן דאָס אופגייענדיקע ברויט. דאָס מיידל קוקט מיט ליכטיקע בליקן אפן פינקלענדיקן סטעפּ. די שווארצאפּלען אין אירע אויגן פארגרעסערן זיך, ווערן פול מיט שווארצן גלאנץ.

באם פענצטער שטייט א יונגערמאן אין א כאקי־פאָרמע פון א סטודענטישן בוי־אָטריאד. מיט א יאָר צוריק האָט ער פארענדיקט א פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, מע האָט אים איבערגעלאָזט אין דער אספּיראנטור. און א כוידעש צײַט האָט ער אין די מאָסקווער ביבליאָטעקן געזאמלט מאטעריאל פאר זײַן דיסערטאציע. איצט פאָרט ער זיך גרייטן צום זומערדיקן ארבעט־סעמעסטער אַף דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל.

באָריס — אזוי רופט מען אים — איז הויכוווּקסיק, מיט א קאָפּ געדיכטע בלאָנד־רויטלעכע האָר, דאָס פּאָנעם א ביסל באשפּרענקלט מיט זומער־שפּרענקלעך, די אויגן — שטילע, ברוינלעכע. זײַן ספּעציאליטעט איז אין סטירע צו זײַן אויסזען — שווארצע מעטאלורגיע. אויך זײַן פאָטער, וולאדימיר סאָלאָמאָנאָוויטש, איז א מעטאלורג, א זייער באוווּסטער שטאָלגיסער.

— מישפּאָכע־טראדיציע?

ניין, ער האָט ניט באשלאָסן, צי ער וועט נאָכן פארענדיקן די אספּיראנטור גיין אפן מעטאלורגישן קאָמבינאט צו זײַן פאָטער. קאָן זײַן, ער זאָל בלײַבן אין אינסטיטוט אַף פּעדאגאָגיש־וויסנשאפטלעכער ארבעט.

דערווײַל ווארפט ער אלעמאָל א זײַטיקן בליק אַף דעם מיידל, קוקט אַף איר מיט שטרענגער ערנסטקײַט. ערגעץ האָט ער זי געזען, נאָר ווּו — קאָן ער זיך ניט דערמאָנען. ער וואָלט גערן פארבראכט מיט איר דעם גאנצן וועג. וואגט ער עפּעס ניט, און אַף זײַן פּאָנעם שאָטנט זיך דער גראנגל מיט זײַן אייגענער אומבאהאָלפנקײַט. אַף א סעקונדע באגעגענען זיך זייערע בליקן. זי טוט א שמייכל, און אין אים לויפט דורך א ציטער, ווי זי וואָלט מיט א רענטגען־שטראל ארײַנגעקוקט אין זײַן קאָפּ און געזען זײַנע באהאלטענע געדאנקען.

איבעריקנס איז נאָך פאראן צײַט צו באקאנען זיך. א לאנגער וועג!

עס גייט אוף א יונגער פרילינג־טאָג. די זון וואשט ארום די ערד מיט ליכט און פריידיקער פארביקײַט. און אלץ, וואָס איז אלט אין דער נאטור, ווערט איצט נײַ און שפּרודלט מיט גליק און מיט האָפענונג. און זייערע ביידנס יונגקײַט שטראָמט פון איין קוואל מיט דער יונגקײַט, וואָס קוועלט פון דער ארומיקער וועלט, צווישן הימל און ערד, באם לויפנדיקן וואגאָן־פענצטער...

פארטאָן אין א זשורנאל, זיצט באם טישל אן עלטערע פרוי. איר פּאָנעם איז פארצויגן מיט דינע קנייטשעלעך, ווי מיט זײַדענע פּעדעם. די גרויע האָר זײַנען פלײַסיק פארקעמט, די הענט — טרוקענע, מיט פארשפּיצטע געלענקן, ארבעטער־הענט, וואָס האָבן מיסטאמע א סאך צו דערציילן... עס דאכט זיך, אז זי לייענט, נאָר אינדערעמעסן פארשטעלט זי אזוי אירע פארהוילענע בליקן, געווענדטע צום מיידל, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אַף דער פּאָלקע אין דער גאנצער לענג, מיט אויסגעפּו־

רעמטע גלידער, פארלייגט די הענט אונטערן קאָפּ, און דאָס מאָרגן־ליכט פאלט אף איר ווייכער שאָטנדיקײַט.

קאָן זײַן, אז די פרוי האָט זיך דערמאָנט אין איר אייגענער יוגנט. זי האָט מיר דערציילט:

א שטעטעלע אין מײַרעוו־אוקראִינע. מילכאָמע. עס ווילדעוועט דער פאשיסט.

וויִאזוי זי האָט זיך געראטעוועט?

— עס איז לאנג צו דערציילן!

אין א נאכט, ווען קיין ייִדן זײַנען שוין אין שטעטל ניט געווען, האָט מען אויך זי געפונען א באהאלטענע אף א בוידעם, און מע האָט זי געשלעפּט איבער די גאסן צום וואלד פון אומקום. פּלוצעם האָבן זיך באוויזן צוויי פּאָליציִאנטן. איינער האָט מיט ווילדער רעציכע אויסגערופן:

— אָט די זשידאָווקע זוכן מיר טאקע שוין לאנג!

ער האָט איר דערלאנגט א קלאַפּ מיטן פויסט אין פּאָנעם, באגלייטנדיק אָט דעם זשעסט מיט א שענדלעך זידלוואָרט.

מע האָט זי גערן אָפּגעגעבן די צוויי פּאָליציִאנטן, וואָס האָבן צוגעזאָגט זיך אָפּרעכענען מיט איר ווי ס'דארף צו זײַן. זי האָט דערפילט א פעסטן שטויס אין דער פּלייצע. דערנאָך האָט די זעלבע הארטע האנט זי פּאָטערלעך א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ:

— לויף, מיידעלע!.. מיט אָט דעם וועג וועסטו ביז פארטאָג זײַן אף יענער זײַט... און אונדז זײַ מויכל!

און ווען זי איז שוין געווען ווײַט, האָבן אין דער שווערער טויט־שטילקײַט אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן...

פון יענער נאכט, אין איר זעכצנטן פרילינג, איז איר אפן גאנצן לעבן פארבליבן די גרויקײַט אין די האָר.

לויפט דער צוג. לויפן די ערשטע פעלדבלומען, וואָס וועקן אין דער נעשאָמע א געפיל פון טיפן פרידן.

— איר פרעגט, וואָס כ'האָב געטאָן אין מאָסקווע?

זי האָט דאָרט אַ זון, זייער א געראָטענעם. ער איז א מעכאניקער אף א זאוואָד. די שנור איז א לערערן. צוויי אייניקלעך, טײַערע צוויי קינדער. זי וואָלט אריבערגעפאָרן צום זון, האָט זי אָבער א ניי־פאבריק, ווו זי ארבעט שוין פינף און דרײַסיק יאָר. זי איז א בריגאדיר. און אכוץ אלעמען, האָט זי א וווינונג אין איינעם פון די נײַסטע בלאָקן...

טראָגט זיך דער צוג פון שטאָט צו שטאָט, פון ווײַט צו ווײַט.

נאָך א נאכט איז פארבײַ.

עס קייטלען זיך די אוראלער בערג. גרויע, שטיינערדיקע בערג מיט שיטערע צעשויבערטע וועלדלעך. וואָס ווײַטער, איז אלץ טיפער די שטילקײַט. די זון זעט מען נאָך ניט, אָבער זי ווארפט שוין פון הינטער די בארג־ראנדן גאנצע בינטלעך שטראלן.

דאָס מיידל פארפאקט איר באגאזש, דערבײַ נעמט זי צונויף די דינע ברעמען־בויגנס איבער די גרויסע בליציקע אויגן. עפּשער זוכט זי עמעצנס הילף...

און דער יונגערמאן שטייט שוין ווידער באם פענצטער. פון זײַנע האלב־אָפענע ליפּן וועלן אָט־אָט זיך אראָפּרײַסן ווערטער, געווענדטע צום מיידל, נאָר ער וואגט נאָך אלץ ניט. סײַווי איז די צײַט שוין דורכגעלאָזט. באלד ענדיקט זיך דער וועג. און דער געדאנק צו באקאנען זיך איז פארטראָגן ערגעץ ווײַט, ווי אין אן אנדערער וועלט...

אן אומרויִקײַט כאפּט ארום דאָס הארץ באם דערנעענטערן זיך צו דער לעצטער סטאנציע. זי איז נאָך ווײַט, נאָר אלץ אָפטער טויכן אויף הײַזער, און אָט איז זי, די שטאָט!

מיטאמאָל ווערט זי פארשווונדן, און ווידער לויפן אנטקעגן פעלדער, בערג, דערפער. די שטאָטישע הײַזער באווײַזן זיך אָבער אָפטער, אויך זאוואָדן, עס מערן זיך די אווטאָמאָבילן אף די וועגן. פּלוצעם רײַסט די וואגאָן־ראדיִאָ איבער איר מוזיק, און א דײַטלעך קאָל גיט צו וויסן:

— מיר זײַנען אָנגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון דאָרעם־אוראל!

דער צוג פאָרט ארײַן אין א פארגלאָזטן פּעראָן־פּאווילִיאָן פון א שפּאָגל־נײַעם וואָקזאל, ווי אין א גלעזערנעם פּאלאץ.

— טשעליאבינסק!

און עס שטראָמט אנטקעגן אזא שארפע העלקײַט, אז אפילע טונקעלע ברילן זײַנען ניט בעקויעך זי צו פארמינערן.

גאַסן דערציילן

די שטאָט מיט איבער אַ מיליאָן אײַנוווינער שפּרייט זיך אַף ביידע זײַטן פונעם טײַך מיאַס.

אַ העכסט מאָדערנע שטאָט מיט אַרכיטעק־טור־אַנסאַמבלען פון גלאָז און בעטאָן, מיט וווּנדערלעכע פּלעצער און פּראָספּעקטן, פּאַרקן און סקווערן, מיט ריזיקע זאַוואָדן, פאַבריקן און לערן־אַנשטאַלטן.

אַ מעסיק שטילע און רויִקע שטאָט.

אַזאַ איז דער ערשטער אײַנדרוק פון טשע־ליאַבינסק, דעם אינדוסטריעלן גיגאַנט פון דאָ־רעם־אוראַל, וואָס לעבט אַן אָנגעשטרענגט האָ־רעפּאַשנע לעבן, און אַלץ איז אין אים אונ־טערטעניק אָט דעם לעבן. דער הײַנט און דער מאָרגן, דער אינדערוואָכן און דער יאָמטעוו.

ברייטע גאַסן און שמאָלע געסלעך קרייצן זיך איבער, צעלויפן זיך אין אַלע ריכטונגען. יעדע גאַס מיט איר נאָמען, מיט איר געשיכטע, אָפט אַ פאַראייביקטע אין דענקמעלער, אַ פאַר־קריצטע מיט אויפשריפטן אַף ווענט פון די הײַזער.

גאַסן דערציילן...

...ער האָט נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל גע־שפּאַנט אַ מידער, מיט אַ קרענקלעך אויסגעמאָ־גערט פּאָנעם. ער איז געווען יונג. קוים פינף און צוואַנציק יאָר אַלט, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז געווען אין דער צוקונפט, פול מיט כאָלעם און וואָר.

דער טאָג איז געווען אַ שפּעט־האַרבסטיקער, אַ גרויער. פונעם טײַך האָט געצויגן אַ פײַכטער ווינט, זיך פאַרקליבן אין זײַן אַלטער שינעל. נאָר ער האָט ניט געפילט די קעלט. אים האָט געוואַרעמט דער געדאַנק פון באַפרײַונג, פון רעוואָליוציע, פאַר וועלכער די צאַרישע מאַכט האָט אפילע איין מאָל אים פאַרמישפּעט צום טויט...

אין יענעם טאָג איז דער יונגער שמועל צווילינג, אַ פּאָליטישער קעמפער און פלאַמי־קער טריבון, געוואָרן דער ערשטער פאָרזיצער פונעם טשעליאַבינסקער אַרבעטער־ און סאָל־דאַטן־ראַט.

וואָס שטאַרקער זײַן פּאָפּוליאַריטעט איז גע־וואַקסן, אַלץ שטאַרקער האָבן די סאָנים געלוי־ערט איבער אים. און אין איינעם אַ פאַרטאָג פון 1918, בײַס אַ קאָלטשאַקישן אָנפאַל, האָט אַ באַנדע ווײַסע קאַזאַקן אים אַכזאָריעסדיק אומ־געבראַכט.

שטייט ער, סאַמויל מאָיסייעוויטש צווילינג, אַף זײַן שטיינערדיקן פּאָסטאַמענט, אויסגעגאָסן פון טונקעלן מעטאַל, אַף איינער פון די הויפּט־גאַסן, וואָס טראָגט זײַן נאָמען. באַלויכטן פון אַ יונגער פרילינג־זון, קוקט ער אַראָפּ צו דער שטאָט, זי שפּרייט זיך פאַר זײַנע בליקן און איז ניט צו פאַרגלײַכן מיטן אַלטן טשעליאַבינסק. אַזוי גרויס איז זי, זויבער, הײַנטצײַטיק, פאַר־פּוצט מיט גרינס און מיט בלומען.

עס בויט זיך די שטאָט. דער גאַנצער אוראַל בויט זיך. און זײַן סיביר בויט זיך אויך. דאָרט, ווו מע האָט אים אַרומגעטריבן פון עטאַפּ צו עטאַפּ, אָן שטעג און אָן וועג, לייגט מען אויס נײַע באַן־שטרעקעס, מע בויט זאַוואָדן, שטעט...

מיטאַמאָל פאַרשווינדט די גרענעץ פון צײַט און עפּאָכעס, און אַף אַ רעגע דאַכט זיך, אַז ניט קיין זונען־שטראַלן, נאָר עפּעס אַ לעבע־דיקע וואַרעמקײַט רירט אָן די ענערגישע שטריכן אַף זײַן פּאָנעם, און עס דערהערט זיך זײַן קאָל. עס זעט אויס, ווי די פאָטאָגראַפיעס פון מענטשן, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט אַפן שטאָטישן ערן־טאָוול, שמייכלען אַריבער צו אים. דאָס זײַנען מענטשן, וואָס שאַפן, בויען הײַנט און פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער זייער שעפערישער שטראָם.

אָט אַזוי גיסט זיך צונויף דער נעכטן מיטן הײַנט.

עס וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַ פאָטאָ־גראַפיע מיטן אויפשריפט: „לויטערשטיין צודעק גערשקאָוויטש”. איך קוק זיך אײַן אינעם פּאָנעם פון דעם פאָרגעשריטענעם אַרבעטער. דינע, האַרטע שטריכן. שאַרפע קאַרבן אַרום דעם מויל. אַ הויכער שטערן מיט פעסטע ברעמען. קײַ־לעכדיקע שאַרפזיניקע, שמייכלענדיקע אויגן.

ווער איז ער? פונוואַנען?

איך זוך אַ באַגעגעניש מיט אים.

דערווײַל באַקאַן איך זיך מיט אַ יונגן וויסנ־שאַפטלעכן מיטאַרבעטער פון אַ פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר טראַקטאָרן — מאָרדכע לעווי־טאַנוס.

צודעק לויטערשטיין איז זײַנער אַ קאָרעוו און ער וועט מיך אומבאַדינגט מיט אים צו־נויפירן.

— מיר זאָלן אים נאָר טרעפן אין דער היים... די פרײַע צײַט פאַרברענגט ער געוויינלעך אין זײַן זומער־וווינונג... ער האָט ליב ערדאַרבעט...

לעוויטאַנוס אַליין איז ביזן ווערן אַן אינ־זשעניר געווען אַ טאַלמיד בײַ זײַן טאַטן דעם שוסטער, וועלכער האָט אין אים אײַנגעפלאַנצט די אַקשאָנעסדיקע ליבע און פלײַס צו אַרבעט.

אַ קלונג אין טעלעפאָן, און לעוויטאַנוס טיילט מיר מיט, אַז צודעק לויטערשטיין וואַרט אַף מיר.

...ראַוונע איז ווײַט פון טשעליאַבינסק.

אין האַרבסט 1942, ווען דער גאַנצער אוראַל

האָט טאָג ווי נאכט געקאָוועט דעם ניצאָכן איבערן פאשיזם און טויזנטער ייִדן פון פוילן, אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד האָבן אין די אוראַלער שטעט געפונען א גאַסטפרײַנטלעכע צײַטווײַליקע היים. — דאַן זײַנען די אָקופּאַנטן אין ראַוונער געגנט צוגעטראָטן צו דער ליקווידאַציע פון דער וואַרקאָוויטשער געטאָ.

צודעק איז אלט געווען זיבעצן יאָר. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן צווישן די כאַרעווע הײַזער, דערנאָך זיך אַרויסגעדראַפּעט פון אונטער די שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען. ווען עס האָט נאָך קוים געשפּראָצט אָף טאָג, איז ער שוין געווען אין וואַלד, ווו זיבעציק לעבנגעבליבענע געטאָ־ייִדן, אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, האָבן קימאַט מיט ליידיקע הענט געפירט א פּאַרטיזאַנישע שלאַכט מיטן אָקופּאַנט.

— אין א צײַט ארום זײַנען מיר געבליבן עלף מענטשן. מיר האָבן שוין געהאַט א ביסל געווער. דער ווינטער אָבער איז אויסגעפאַלן א שווערער, מיט שטאַרקע ווינטן און שנייען. דער אָטריאַד איז געזעסן אָן שפּײַז, אָן דער געהעריקער קליידונג. נאָר מיר האָבן ניט אופגעהערט צו באַפאַלן די דײַטשישע פּאָסטנס, אופרײַסן בריקן, שאָסייען. אין איינער א שלאַכט בין איך שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. מענטשן האָבן מיך אויסבאַהאַלטן אין א בונקער...

אין 1944 האָט די סאָוועטישע ארמיי באַפרײַט די געגנט. צודעקס כאַווײרים זײַנען באַלד אוועק אַפן פראָנט. אים האָט מען ניט גענומען איבערן אַמפּוטירטן פוס. די מילכאָמע איז אוועק אָף מײַרעוו.

אין טשעליאַבינסק האָט זיך אָפּגעזוכט זײַנער א קאָרעוו.

אזוי זעט אויס צודעק לוטערשטיינס נעכטן. איצט איז ער א כאָשעווער מענטש אין טשעליאַבינסק. שוין מער פון דרײַסיק יאָר, ווי ער ארבעט אָף איין זאַוואָד — פריִער אלס טעסלער, דערנאָך אלס שלאָסער, אין א צעך, ווו זײַן עלטערער זון גרישע איז דער שעף און זײַן שנור מילע — אינזשעניער־טעכנאָלאָג. דער צווייטער זון, ארק, איז א מאַנטאַזשניק, און ארנס פרוי איז אויך אן אינזשעניער. בלויז דער ייִנגסטער, געדאַליע, איז אוועקגעפאָרן פון דער היים. ער וווינט אין זאַפּאָראָזשיע.

שוין א קײַלעכיקן יאָרצענדליק הענגט צודעק לוטערשטיינס פּאָרטרעט אָף דעם ערנטאָוול. איך קוק זיך אײַן אין דער פאָטאָגראַפיע, און מיר דאַכט זיך, אז ער זאָגט צו מיר:

— אָט אזוי האָבן מיר אונדזער לעבן, אונדזער גוירל אָף שטענדיק פאַרבונדן מיטן אוראַל...

גאַסן דערציילן.

...סאָניע קריוואָיאַ איז אַריבערגעפאָרן פון

צודעק לוטערשטיין

וויטעבסק קיין טשעליאַבינסק. געמיינט, אז אַפן אוראַל וועט גרינגער זײַן אָנצוקומען זיך לערנען. זי האָט אָבער באַלד אויך דאָ דערפילט די ייִדישע רעכטלאָזיקייט. דערפאַר האָט זי אָנגעטראָפן אָף א ברייט פעלד פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. און ניט געקוקט אָף דעם, וואָס זי איז געווען נאָך יונג, איז זי גיך געוואָרן „די מאַמע" פון דער אונטערערדישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. עס האָט זיך אנטפּלעקט און צעבליט איר טאַלאַנט פון א פּראָפעסיאָנעלן רעוואָלוציאָנער.

ווען ווײַסגוואַרדייִשע טיילן האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין טשעליאַבינסק, ווערט זי אַרעסטירט און גרויזאַם געפּײַניקט. מע שמײַסט זי מיט נאַהײַקעס און שאָמפּאָלן, מע ברענט אויס שטערנס אַפן לײַב. און אין דער נאַכט אַפן 18 מײַ 1919 האָבן שיקערע קאַזאַקן פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג זי דערשאָסן אין הויף פון דער טפיסע.

א יונג שוואַרצכיינעוודיק מיידל שטעלט מיך אָפּ אַפן טראָטואַר און טוט א שײַן אָף מיר מיט א קאָרנבלימלדיקן שמייכל:

— ווו איז דאָ די סאָניע קריוואָיאַ־גאַס?

און מיר דאַכט זיך, אז דאָס פרעגט סאָניע אליין זיך נאָך אָף דער גאַס, וואָס טראָגט איר נאָמען. א גאַס, ווו עס געפינען זיך אינסטיטוטן, וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, ריזיקע קאָרפּוסן פון סטודענטישע צוזאַמענוווינונגען און ווו עס ווערט קיינמאָל ניט אַנשטילט דאָס געזאַנג...

הערץ קלעבאַנאָוו

הערץ קלעבאַנאָוו איז אויך געקומען פון ווײַסרוסלאַנד, נאָר אין אַן אַנדער צײַט און אין אַנדערע באַדינגונגען. אים, א קינד נאָך, האָט געבראַכט אַפן אוראַל דער שטראָם פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, און זײַן וועג איז געווען טיפּיש פאַר דעם דאָר, וואָס איז אַרײַן אין לעבן באַלד נאָכן ניצאָכן איבער היטלער־דײַטשלאַנד.

— מײַן דאָר איז געוואַקסן און זיך פאָר־מירט אין די ערשטע מילכאָמע־ און נאָכמילכאָמע־יאָרן, ווען קיינער האָט נאָך קלאָר ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס עס וואַרט אַף אים מאָרגן. מע קאָן זאָגן, אַז מײַן דאָר איז גע־שטאַנען אַפן שיידוועג...

אין דער קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ ווימלען פלײַסיקע הענט איבער ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס, און עס לייגן זיך אויס, כאַאָטיש־צעוואָרפן, דײַטלעכע שורעס מיט סכעמאַטישע צייכענונ־גען און פאָרמולעס. קלאָרע לאָגיק פון געדאַנק כאַפּט אויף נײַע און נײַע דערפינדונגען און זעצט פאָר זייער אַנטוויקלונג אין דער אומרוי־קער וועלט פון פיזיק, לויט וועמענס געזעצן עס צינדן זיך אָן פרילינגדיקע בליצן און עס פאַלן פאַרשפּעטיקטע שנייעלעך...

אַריבערגעבויגן איבער א צייכענונג זיצט הערץ קלעבאַנאָוו, דער שעף פון א גרופּע קאָנ־סטרוקטאָרן אַפן טשעליאַבינסקער טראַקטאָר־זאַוואָד. זײַן פאַך איז דער מאָטאָר, דאָס האַרץ פונעם טראַקטאָר. פאַר די דרײַ און צוואַנציק יאָר אַרבעט אַלס אינזשעניר־קאָנסטרוקטאָר האָט ער צונױפגעשטעלט פינף נײַע מאָדעלן פון טראַקטאָר־מאָטאָרן. ער איז דער אַוטאָר פון צוויי און דרײַסיק וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, צווישן וועלכע ס'זײַנען פאַראַן דערפינדונגען (א נײַער מין פילטער אינעם מאָטאָר, דאָס פאַר־בײַטן מעטאַל אַף פּלאַסטמאַסע).

מיט א יאָר צוריק איז אַף דער אַלפאַרבאַנ־דישער אויסשטעלונג פון דערגרייכונגען אין דער פאָלקסווירטשאַפט עקספּאָנירט געוואָרן א דערפינדונג, וועלכע קלעבאַנאָוו האָט פאָרגע־לייגט צוזאַמען מיט זײַן יונגן פרײַנט און מיט־אַרבעטער ־וואַלענטין פּאָוואַלאָוו. די באַלוינונג איז געווען — א מעדאַל פון דער אויסשטעלונג.

— אין איצטיקן מאָמענט באַשעפטיקט מיך די פּראָבלעם פון גאַז־אויסטויש אינעם מאָטאָר.

קלעבאַנאָוו פאַרשטייט, אַז מיר דאַרף מען אַלץ דערקלערן מיט פּאָשעטע ווערטער. דער־פאַר באַמיט ער זיך וואָס ווייניקער צו באַנוצן סכעמעס, מאַטעמאַטישע פאָרמולעס. לײַכט, פּראָסט און צוגעגלעך איז זײַן שפּראַך. בעשאַס ער אַנטוויקלט פאַר מיר זײַן טעאָריע, פּרוּוו איך אָנוואַרפן אין מײַן בלאָקנאָט די שטריכן פון זײַן פּאָרטרעט. א מיטלוווּקסיקער, פעסט געבויט, מיט אָוואַלע פּאָנעם־שטריכן און אָפענע אויגן אונטער קורצזיכטיקע ברילן. א פּאָנעם א לע־בעדיקס, פון וועלכן ס'ווייעט א האַרציקע צו־פרידנקײַט. אַלץ אין אים איז בולעט, נאַטיר־לעך. ער זעט אויס א סאַך ייִנגער פון זײַנע פיר און פערציק יאָר.

גערעדט האָבן מיר אַף ייִדיש, און איך בין פאַרכאַפּט געווען פון זײַן פעלערלאָזן ספּעצי־פיש־ווײַסרוסישן דיאַלעקט.

— פונוואַנען קומט צו אײַך אַזאַ שפּרודל־דיקער ייִדיש?

א צופרידענער שמייכל האָט א פינקל גע־טאָן אין זײַנע אויגן:

— פון דער מאַמען...

— וויפל ייִדן וווינען אין טשעליאַבינסק?

— איך ווייס ניט גענוי די ציפער, נאָר איך מיין, אַז גוטע עטלעכע טויזנט. און, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אַזעלכע, וואָס ריידן ייִדיש. מיט א וואָך צוריק האָט גאַסטראָלירט בא אונדז דער מאָסקווער ייִדישער דראַמאַטישער אַנסאַמבל. דרײַ אָוונטן, דרײַ אָנשלאָגן!

מע זאָגט, אַז צוויי מוזעס קאָן מען אין איין צײַט ניט דינען. אין דעם פאַל איז קלעבאַנאָוו א יוצע מין האַקלאַל. שטרעבנדיק צו פּינקט־לעכקײַט, האַרמאָניע, אַבסאָליוטקײַט, איז ער ניט גלײַכגילטיק אויך צו ליטעראַטור, באַזונ־דערס צו ייִדישער. ער פירט א ברייטע קאָרעס־פּאָנדענץ מיט ייִדישע שרײַבער, רופט זיך אָפּ אַף זייערע ווערק. אין זײַן ביבליאָטעק זײַנען אויסגעשטעלט אַלע דערשינענע ייִדישע ביכער, שוין אָפּגערעדט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

...גאַסן, נעמען, מענטשן.

נעמען, אײַנגעפּאַסט אין בלויען עמאַל. נע־מען פון העלדן, מאַרטירער: זאַלמען לעבקאָוו, סאָלאָמאָן יעלקין, ריטע קאַטיאַנאָווסקאַיאַ... יעדער מיט זײַן פרילינג, מיט זײַן כאָלעם, מיט זײַנע פינף און צוואַנציק יאָר...

פון ריטעס לעצטע ווערטער:

„...אין עטלעכע שאָ ארום וועט מען מיך צע־שיסן. וויינט ניט... איך האָב נאָך גאָר ווייניק באוויזן אין מײַן לעבן. דאכט זיך, ניטאָ פאר־וואס מיך צו שיסן. נאָר אזוי ווילן די הענקער... פארגעסט מיך ניט...״

מיר גייען איבער די גאסן פון טשעליא־בינסק מיט אבראם דאווידאָוויטש קאצמאנען, דעם פארוואלטער פון דער קאטעדרע פאר מא־טעמאטיק באם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

— וויפל סטודענטן שטודירן אין אײַער לערן־אנשטאלט?

— בא די פערציק טויזנט!

און ער רופט מיר אָן נעמען פון סטודענטן, אספּיראנטן, יונגע וויסנשאַפטלער, וואס רופן זיך איבער מיט די נעמען פון די גאסן, גלײַך די העלדן און מארטירער זײַנען אופגעשטאנען טכיעס-האמיסים... און מיר דאכט, אז איך הער זייערע שטימען:

— מיר ווילן, איר זאָלט לעבן, שאפן, ליבן, זיך פרייען — פאר זיך און פאר אונדז!

קאצמאַן האלט זיך פאר א טוישעוו אפן אוראל, א „קאַרענאַי״, כאָטש אליין שטאמט ער פון א שטעטל אף אוקראַינע, ווו אין יידישע שטיבער זײַנען געוואקסן קינדער א סאך און האָפענונגען ווייניק. און א כאָלעם איז ארומ־געגאנגען פון שטוב צו שטוב...

די קינדהײַט האָט אוראָמען ניט געשאנע־וועט. ער איז אלט געווען דרײַ יאָר, ווען א מאכנאָ-באנדע האָט דערהארגעט זײַן פּאָטער, און עס איז געבליבן א שטוב מיט זעקס יעסוי־מים. אויך די יוגנט האָט אים ניט געצערטלט. פרי געמוזט ווערן א פארדינער. געארבעט אין א קאָנטאָר און געכאָלעמט וועגן בילדונג. אויס־געהאלטן עקסטערן עקזאמענעס פאר דער מיטל־שול און אנגעקומען אין אָדעסער אוניווערסי־טעט, ווו אין די ליכטיקע אאודיטאָריעס האָט געווייעט מיט ראָמאנטיק און מיט שטרענגע מאטעמאטישע פּאָרמולעס.

עס וואָלט עפשער דער וועג זײַנער געווען א ביסל אנדערש, ווען ניט די שווארצע יעדי־עס, וואס האָבן גיכער ווי דער שווארצער ווינט זיך צעטראָגן איבער דער ערד, און אין איינעם א זומער־טאָג האָט ער באקומען צוויי זאכן מיט איין מאָל: דעם דיפּלאָם און א טאנק...

דרײַ צענדליק יאָר איז א לאנגע צײַט אין דעם מענטשנס לעבן. קאצמאן האָט די אלע יאָרן אָפּגעלעבט אפן אוראל. דאָ האָט ער גע־מאכט זײַנע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט אלס לערער פון מאטעמאטיק אין א נאָרוואס גע־גרינדעטן לערן־אנשטאלט (דעם הײַנטיקן פּאָ־ליטעכנישן אינסטיטוט), דאָ פירט ער שוין יאָרנלאנג אָן מיט דער קאטעדרע פאר מאטע־מאטיק.

מיר גייען איבער דעם שיינעם, ראכוועסדיקן לענין־פּראָספּעקט, וואס ציט זיך מײַלנווײַט און אָטעמט מיט דער לופט פון הײַנטצײַטיקײַט. קאצמאַן ווײַזט מיר די אולטרא־מאָדערנע קאָר־פוסן פונעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, וועלכע פארנעמען גאנצע קווארטאלן.

— מיר האָבן פּרעכטיקע לאבאָראטאָריעס מיט דער נײַסטער אויסשטאטונג. און דעריקער, א יוגנט האָבן מיר, וואס איז ווערט דאָס אלץ!

א ווארעם רעגנדל האָט לײַכט א שפּריץ גע־טאָן און אָנגעפּילט מיט פרישקײַט די פּארקן און סקווערן, פונוואנען עס האָבן זיך א טראָג געטאָן די ערשטע זיסע רייכעס פון אופגעוואכ־טע גרעזער און בלומען. דער הימל איז געלעגן איבער די דעכער אָן אָנגערוויטלטער. אין די פילצאָליקע פענצטער האָט אופגעפלאמט דער זון־פארגאנג, און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי געפאנצערט אין בראָנזע. א בילד פון הארמאָ־ניע, באוועגונג און לעבן, א ליכט־געמיש פון א נײַ־געבוירענעם פארנאכט.

עס איז געווען גראָד די „שאָ פּיק״. די גאסן, דער טראנספּאָרט — אלץ איז געווען איבערפולט מיט מענטשן, און די שטאָט, וואס האָט מיט א פּאָר שאָ צוריק מיר אויסגעזען אזוי רויק, איז ניט געווען צו דערקענען.

— דאָס לעבן האָט איבערגעאנדערשט דאָס פּאָנעם און דעם אינהאלט פון פיל זאכן און באגריפן...

און איך האָב פארשטאנען, אז קאצמאן וויל, איך זאָל אלץ זען מיט זײַנע אויגן, פילן די זעלבע אופגעפלאמטע באגײַסטערונג פאר זײַן שטאָט, פאר זײַן טשעליאבינסק.

א ווארעמע שטילע נאכט האָט זיך צעשפרייט איבער דער הויפּשטאָט פון דאָרעם־אוראל. טשעליאבינסק רוט נאָך אָן אָנגעשטרענגטן ארבעטס־טאָג. איבער די גאסן — זעלטענע אוי־טאָמאָבילן, זעלטענע שײַן אין די פענצטער. די שטאָט רוט, קעדיי מיט נײַע קויכעס באגעגע־נען דעם מאָרגנדיקן טאָג. איך ווייס, עס וועט זײַן א טאָג פון לערנען, פון שאפן, פון בויען...

ביראָבידזשאַניצים

יאָרן ווײַטע, יאָרן נאָענטע

ווי געשווינד עס לויפן די יאָרן! מיט פופציק יאָר צוריק זײַנען טויזנטער האָרעפּאַשנע מענטשן פון די מײַרעוו־געגנטן פון לאַנד געקומען אַהער, אויף די ברעגן פון דער בירע, בויען אַ נײַע סאָציאַליסטישע שטאָט — דעם צענטער פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. צווישן די פיל אַנדערע ענטוזיאַסטן איז געווען גרישע סאָפּעל.

געקומען איז ער אויף דער שטילער סטאַנציע טיכאָנקאַיאַ אין סאַמע אָנהייב פון 1929 יאָר פון דער שטאָט ראָסלאַוול, סמאָלענסקער געגנט. אין יענע יאָרן האָבן די פּאַרטיי און רעגירונג גענומען דעם קורס אויף אינדוסטריאַליזירן די ערשטע אין דער וועלט מלוכע פון די אַרבעטער און פּויערים, און אומעטום זײַנען געווען נייטיק טעכניש־גראַמאָטנע מענטשן. גרישע סאָפּעל האָט געטרוימט ווערן אַ שאָפער, נאָר באַקומען האָט זיך אַנדערש. די ווירטשאַפט פון דעם ביראָבידזשאַנער נאַציאָנאַלן ראַיאָן האָט מער פון אַלץ זיך געניטיקט אין טראַקטאָריסטן, און סאָפּעלן האָט מען מיט אַ גרופּע אַנדערע כעווערע געשיקט קיין כאַבאַראָווסק צו באַהערשן די דאָזיקע פּראָפעסיע.

נאָכן פאַרענדיקן די לער קומט גרישע אָן אויף אַרבעט אינעם אָקאָרשט געשאַפענעם ביראָבידזשאַנער סאָווירט. מע קאָן זיך פאָרשטעלן די דעמאָלטיקע מאַסשטאַבן פון דער דאָזיקער ווירטשאַפט, אויב אויף אירע פעלדער עקזיסטירן אַצינד דער פּאָלעוואָיער, סאַמאַרער, דאָברינסקער, נאַגיבאָווער און אַ טייל פונעם אָקטיאַברישן סאָווירט.

און פרילינג 1930 איז אַ גרויסער אָטריאַד מעכאַניזאַטאָרס אויף מעכטיקע לויט יענער צײַט טראַקטאָרס „קאַרטער־פּיליאַר" צוגעטראָטן אופהייבן רויערד. די ערשטע באָראָזנעס האָט דורכגעלייגט אויך גרישע סאָפּעל. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין, ווי גרויס עס איז געווען די פרייד פון די כעווערע, ווען זיי האָבן דערזען דאָס רײַפגעוואָרענע ברויט, וואָס זיי האָבן צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַרזייט מיט די אייגענע הענט אויף דער רויערד. די טעכניק איז דאַן געווען אַ פּרימיטיווע, דאָך האָבן די יונגע ערדאַרבעטער באַוויזן צו דער צײַט אַראָפּנעמען די גערעטעניש, ניט דערלאָזט קיין פאַרלוסטן.

באַזונדערס מעסירעסנעפעשדיק האָט געאַרבעט גרישע סאָפּעל. ניט אומזיסט האָט מען אים, דעם שלאָגלער פונעם ערשטן פינפיאָר, אויסגעוויילט אין סאָווירט אַלס סעקרעטאַר פונעם קאָמיוג־קעמערל. זײַן פּאָרטרעט האָט מען אפילע פאַרעפנטלעכט אינעם אַלפאַרבאַנדישן זשורנאַל „פּססר אויף דער נײַ־בויונג". דער יונגער קאָמוניסט גרישע סאָפּעל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ געניטן וואָזשאַק פון דער סאָווירטישער יוגנט. אײַנגיכן איז ער געוואָרן ברי־גאַדיר פון אַ טראַקטאָר־בריגאַדע, שפּעטער — פאַרוואַלטער מיט אַן אָפּטיילונג פונעם סאָווירט.

גרישע סאָפּעלן איז אויסגעקומען זיך צונויפשטויסן מיט פיל פּראָבלעמען. די ווירטשאַפט איז געוואַקסן, געוואַקסן איז אויך די טעכניק, עס זײַנען צוגעקומען נײַע ווירטשאַפט־צווײַגן, אַזעלכע ווי גרינסצוכט, פיצוכט און בינענצוכט. אָבער דאָס האָט ניט געשראָקן דעם יונגן פאַרוואַלטער, פאַרקערט, ער האָט מיט נאָך גרעסערער אַקשאָנעס זיך גענומען פאַר דער אַרבעט...

די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט איבערגעריסן דאָס פרידלעכע לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן. אויך גריגאָרי סאָפּעל איז אוועק אין דער רויטער אַרמיי, פאַרענדיקט אַן אָפיצער־שול און צוזאַמען מיט זײַנע סאָלדאַטן געהאַלטן אויף אַ גוטן שלאָס די ווײַטמיזרעכדיקע

גרענעצן. דערנאָך האָט ער אָנטײלגענומען אין די שלאַכטן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער יאַפּאַניע. וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט זיך געשלאָגן מיטן סוינע, זאָגן אײדעס זײַנע אכט רעגירונגס־באַלוינונגען.

די ערדאַרבעט האָט געלאָזט אין סאָפּעלס האַרצן א טיפן שפּור. נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון אַרמײ איז ער ווידער אוועק זיך מיִען אין דער לאַנדווירטשאַפט. פיל יאָרן האָט ער אָנגעפירט מיט א מעכאַניזירטן אָטריאַד פון דער ביראָבידזשאַנער צווישנראַיאָנישער אָפּטײלונג „סעלכאָזטעכניקאַ”. ווידער געקאָרטשעוועט די טײַגע, באַהערשט נײַע מאַסיוון פאַרן קאָלווירט „איליטשס געבאָטן”, פאַרן נאַדעזשדינסקער, פּעטראָוקער און באַבריכינסקער סאָווירטן.

אַצינד איז סאָפּעל דער ראָש פון א גרויסער מישפּאָכע. אַלע קינדער פון אָט דעם פּאַשעטן האָרעפּאַשניק זײַנען געוואָרן כאָשעווע מענטשן. אײן זון זײַנער איז א קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמײ, דער צווייטער — דער הויפּט־דאָקטער פון א שפּיטאָל אין כאַבאַראָווסק, אײן טאָכטער פאַרענדיקט דעם האַנדלס־אינסטיטוט, און די צווייטע איז א טעכנאָלאָג אין א גרויסער בוי־אָרגאַניזאַציע. בא סאָפּעלן זײַנען פאַראַן פיל אײניקלעך און אַפילע אַן אוראײניקל. אָט מיט אים, מיטן סאַמע יונגן פאָרשטײער פון זײַן גרויסער מישפּאָכע, האָט גריגאָרי סאָפּעל ליב

ג. סאָפּעל

שפּאַצירן איבער די ביראָבידזשאַנער גאַסן, דערמאָנען זיך, וויאַזוי זיי האָבן אויסגעזען מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

נ. שניצער

לײב גערשגאָרן, אַן אַרבעטס־מענטש

באַם אַרײַנגאַנג אין דער ביראָבידזשאַנער שוך־פאַבריק הענגט א פּלאַקאַט מיט די נעמען פון די, וועלכע יאָגן איבער די צײַט — פּילן אויס די געהעכערטע סאָציאַליסטישע פאַרפליכטונגען פונעם צענטן פינפיאָר. צווישן אַנדערע, איז אָנגערופן די פאַמיליע פונעם שטאַמפּירער לײב גערשגאָרן, וועגן וועלכן עס וועט דאָ גײן א רייד.

דער שעף פונעם שטאַמפּיר־צעך מוישע קראַסנאָפּאָלסקי דערציילט וועגן די אויפטוען פונעם קאָלעקטיוו, וועגן דעם, אז די גאַנצע פּראָדוקציע ווערט אָפּגעגעבן אין אָפּטײל פון טעכנישן קאָנטראָל פונעם ערשטן באַווײַז און אַז העכער פון דער פאַרגעבונג איז אויסגעפאַרטיקט 35 טויזנט פּאָר שיך. צום סאָף באַמערקט ער:

— איך פאַרשטײ, איר וועט זאָגן, אז דאָס זײַנען טרוקענע ציפערן. אָבער אונטער זיי שטייען דאָך מענטשן מיט גאָלדענע הענט, אַזעלכע, ווי לײב גערשגאָרן...

אין צעך זײַנען מיר אַרײַנגעקומען צום סאָף פונעם אומבײַט. מיט די אויגן האָט קראַסנאָפּאָלסקי אונדז אָנגעוויזן אויף ברייטפּלייציקן, פעסטגעבויטן מאַנצבל, מיט א שוואַרצער קוטשמע האָר אויפן קאָפּ. די באַוועגונגען זײַנען



ל. גערשגאָרן

באַ אים אַף אַזױפֿיל אױסגערעכנט, אַזױ פּינקט־לעך, אַז מע באַמערקט אַפֿילע ניט, װען ער באַװײַזט אױספּאַרטיקן אַ פּאַרטיע דעטאַלן. מיר קוקן פֿאַרגאַפֿט: אַזאַ הױכער פּראָפֿעסיאָנאַליזם! דער מענטש איז בעעמעס פֿײַיק אַף אַלץ...

גערשגאָרן האָט באַמערקט, אַז מע קוקט אַף אים, און אַ שמײכל האָט באַלױכטן זײַן פּאָנעם.

— ביטע, קומט צו נעענטער, איך װעל גערן אַ שמועס טאָן מיט אײַך...

דאָס ערשטע, װאָס עס װאַרפֿט זיך אין די אױגן, איז די גוטמוטיקײַט פֿון אָט דעם מענטשן.

— מיר דוכט, — זאָגט ער, — אַז רײַפֿקײַט קומט צו יעדן אײנעם אַף אַ פֿאַרשײדענעם אופֿן. צו מיר, פּערזענלעך, איז זי געקומען, װי איך מײן, מיט עטלעכע יאָר צוריק, װען איך האָב אין דער פֿולער מאָס געגומען פֿאַרשטײן דעם זין פֿונעם לעבן און די ראָליע אין דעם פֿונעם אַרבעטס־מענטשן.

מיר דערװיסן זיך, אַז לײב גערשגאָרן איז געבױרן און געװאַקסן אין אַ גרױסער האָרע־פּאַשנער מישפּאָכע. נאָכן דעמאָביליזירן זיך פֿון דער סאָװעטישער אַרמײ איז ער אַרײַנגעקומען אין בירעבידזשאַנער שטאָטקאָם פֿון קאָמיוג, און דאָרט האָט מען אים דערצײלט, אַז אין שטאָט איז אױסגעבױט אַ גרױסע הײַנטצײַטיקע שוך־פֿאַבריק און עס פֿאָדערן זיך אַ סאַך מענטשן, ביפֿראַט אַזעלכע, װי ער, יונגע, געזונטע, פֿולע מיט ברױזנדיקער ענערגיע. מיט אײן װאָרט, מע האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז דאָרט װעט ער האָבן צו װאָס צולײגן זײַנע שטאַרקע הענט.

שױן אָפֿן צװײטן טאָג איז ער געקומען אין צעך מיט אַ קאָמיוגישער פּוטיאָװקע. מע האָט אים גאַסטפֿרײַנטלעך באַגעגנט און פֿאַרגעלײגט עטלעכע אַרבעטן. לײב האָט אױסגעקליבן אײנע — ער האָט באַשלאָסן װערן אַ שטאַמפּירער. זײַן אַרבעטס־דערציִער איז געװאָרן דער װעטעראַן פֿון דער אונטערנעמונג דער קאָמוניסט י. װ. טשעסנאָװעצקי. ער האָט גערן געלערנט דעם יונגן אַרבעטער צו באַהערשן די נײַע פּראָ־פֿעסיע, דערצײלט אים אַלץ און װעגן אַלץ, װאָס האָט אַ שײַכעס צום װערקשטעל, צו דער טעכנאָלאָגיע.

און אָט איז געקומען דער טאָג, װען לײב גערשגאָרן האָט מען אין אַ פֿאָלגעפּאַקטן זאַל איבערגעגעבן אַן אַלפֿאַרבאַנדישן צײכן „זיגער פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿאַרמעסטונג”. ער, אַ געװױנזענער סאַלדאַט, װאָס האָט ניט מורע פֿאַר גאָרניט אין דער װעלט, האָט דאַן דערשפּירט, אַז עס טרײסלען זיך באַ אים די קני... דער די־רעקטאָר פֿון דער פֿאַבריק יאַקאָװ שנײַדערמאַן, װעלכער האָט אים צוגעשפּיליעט דעם צײכן צום לאַצקאַן, האָט געזאָגט פֿרײַנטלעך:

— נײַע דערפֿאָלגן אײַך, גערשגאָרן!

דאָס איז געװען נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק. זינט דאַן האָט לײב גערשגאָרן באַהערשט עטלעכע קרױװישע אָפּעראַציעס, ער איז געװאָרן אַן עמעסער מײַסטער.

די מישפּאָכע גערשגאָרנס לעבט אין אַ גוטער דירע מיט אַלע קאָמונאַלע באַקװעמלעכ־קײַטן. אין שטוב איז פֿאַראַן אַלדאָס נײטיקע, דערונטער אַן אײגענע ביבליאָטעק, װעלכע צײלט אַן פֿיל צענדליקער בענדער.

— אַן אַרבעטער־מענטש באַ אונדז אין לאַנד, — זאָגט לײב גערשגאָרן, — איז געשעצט און געאַכטעט. עס זײַנען געשאַפֿן אַלע באַדינ־גונגען פֿאַר אַ גליקלעכן לעבן.

פּ. פּאַסמאַניק

א באַגעגעניש אין 35 יאָר אַרום



דאָס איז געווען אין יאַנוואַר 1942. פּאַוליוסעס אַרמיי האָט זיך געפונען אין אַרומרינגלונג. עס האָט זי ניט געקאָנט אַרויסבאַפרײַען פונעם שטאָלענעם רינג אויך מאַנשטיינס טאַנקען־טאַראַן. מיט יעדן טאָג האָבן די מיליטער־טיילן פונעם סטאַלינגראַדער און דאָנער פראָנטן זיך דערנעענטערט איינער צום אַנדערן. די שלאַכט־מאַטעריאַלן, ברענשטאָף און דערנערונגס־פּראָדוקטן, וועלכע עס האָבן אַראָפּגעוואָרפן באַנאַכט די דײַטשישע טראַנספּאָרט־עראָפּלאַנען אָף פּאַראַשוטן, האָט מען איבערגעכאַפּט אין די ערטער, ווו עס האָט זיך דיסלאָצירט אונדזער מיליטער.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער זיג איבערן סוינע. נאָר זײַנע אַרמייען האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. אַזוי איז געווען אויך בא די פּעטראָווסקער הייכענישן אָף די צוטריטן צו סטאַלינגראַד. די דײַטשישע שוץ־פּאָזיציעס האָט דאָ פאַרכאַפּט אונדזערער אַ באַטאַליאָן אוטאָמאַטשיקעס, וועלכן עס האָט אונטערגעהאַלטן אַן אַרטילערישער דיוויזיאָן.

נאָך אין די שלאַכטן הינטער קאָטלובאַן, ווען עס האָט זיך בלויז אָנגעהויבן פאַנאַנדערוויקלען אונדזער גענעראַלער אָנגריף אין ראַיאָן פון סטאַלינגראַד, האָב איך זיך באַגעגנט מיטן קאָמאַנדיר פון אַ ראָטע אוטאָמאַטשיקעס פון אַ טאַנקען־דעסאַנט לייטענאַנט איוואַן בעספּאַלאָוו און מיטן פּאָליטרוק פון דער דאָזיקער ראָטע לייטענאַנט טויווע רוזשינסקי. טאַקע דאָ, בא די פּעטראָווסקער הייכענישן, האָבן אונדזערע האַרמאַטן אונטערגעהאַלטן מיט פײַער די אַטאַקע פון די דעסאַנטלער, און איך האָב געזען, וויאַזוי עס האָבן געפירט אין שלאַכט די סאָלדאַטן אָט די צוויי געוואַגטע קאָמאַנדירן.

דער לייטענאַנט בעספּאַלאָוו איז פאַרוווּנדעט געוואָרן מיט אַ שפּליטער פון אַ פײַנטלעכער מינע. אים האָט איבערגעבונדן די ווונד דער סאַן־אינסטרוקטאָר פון אונדזער באַטאַרייע מאַריע קוקאַרסקאַיאַ. ניט געקוקט אָף דער שווערער ווונד אין אַקסל, איז ער געבליבן אין ריי און דערפירט זײַן ראָטע ביז די ברעגן פון דער וואָלגע.

צום צווייטן מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט מײַנע פרײַנט אָפן קורסקער בויגן, ווו עס זײַנען געגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכטן. אָף די גימנאַסטיאָרקעס פון די עלטערע לייטענאַנטן בעספּאַלאָוו און רוזשינסקי האָבן געשײַנט אָרדענס און מעדאַלן. דערנאָך האָבן די מילכאָמע־וועגן אונדז צעשיידט.

און אָט, דאָ ניט לאַנג איז פאָרגעקומען מײַן אומגעריכטע באַגעגעניש מיט זיי אין ביראָבידזשאַן. צוויי פראָנט־כאַווירים זײַנען געקומען צו פאָרן לויט אַ קאָמאַנדירונג פון דער קיִעווער אָרגאַניזאַציע פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר אָפן ווײַטן מיזרעך, קעדיי זיך באַקאַנען מיט די ערטער, וועלכע עס האָט האַיאָר פּרילינג באַזוכט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו, מיט דער מאַגיסטראַל פונעם יאָרהונדערט און מיט די נײַ־בויונגען, וואָס זײַנען מיט איר פאַרבונדן.

די ביוראָ פון דער געגנטלעכער זשורנאַליסטן־אָרגאַניזאַציע האָט מיר אָנפאַרטרויט באַגלייטן אין דער רײַזע איבער אונדזער געגנט די קיִעווער געסט — דעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד איוואַן בעספּאַלאָוו און דעם קאַוואַלער פון פינף שלאַכט־אָרדענס און פיל מעדאַלן טויווע רוזשינסקי.

איך בין געווען מיט זיי אָף דער בויונג פונעם רעמאָנט־זאַוואָד פון גרויספּראַקטיקע אוטאָמאַשינעס פאַר דער בויונג פונעם באַם, אין אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער שטאָט, איינעם קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" און אין אַנדערע ערטער. ביידע האָבן זיי געמאַכט פאַרנאָטירונגען וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט.

דערינערונגען וועגן דעם פאַרגאַנגענעם זײַנען אופגעקומען אין אַ שמועס נאָכן באַזוכן דעם געגנטלעכן קאַנטקענטעניש־מוזיי, ווו איינעם אָפּטייל וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָבן זיי לאַנג זיך פאַרהאַלטן בא אַ פראָנט־פּלאַקאַט מיט אַ פּאָרטרעט פון אַ גוואַרדייער־אַרטילעריסט.

— דער דאָזיקער כאַווער איז מיר באַקאַנט, — האָט, פאַרטראַכטנדיק זיך, געזאָגט בעספּאַלאָוו. — איך געדענק אַפילע דעם פּלאַקאַט און דעם אַרטילעריסט...

— אָט איז ער דאָך באַנאַנד מיט אײַך, — האָט געזאָגט דער מיטאַרבעטער פונעם מוזיי.

די קיִעווער געסט האָבן מיך אָנגעקוקט, און אין זיקאָרן אויסגעגלײַכט די קנייטשן אָפן שטערן, אופגעשטעלט דעם שוואַרצן קאָפּ האָר און אָנגעמאָסטן די פראָנט־אוניפאָרם.

— אַבראַם!

פון לינקס אף רעכטס: אי. בעספאלאָוו, ט. רוזשינסקי, א. מאָרדוכאָוויטש

— איוואן! טויווע!
מיר האָבן זיך פרײַנטלעך, ווי גוואַרדייער, ארומגענומען, זיך צעקושט.

דער אָוונט פארן אָפפאָרן פון די שלאכט־כאווירים האָט זיך פארצויגן ביז טיף אין דער נאכט. איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זייער ווײַטערדיק לעבן.

בעספאלאָוו האָט זיך צעשיידט מיט רוזשינסקין בייס די שלאכטן באם פאָרסירן דעם טײַך אָדער, ווען מע האָט דעם עלטערן לייטענאנט רוזשינסקי עוואקויִרט א פארוווּנדעטן אין א מיליטערישן שפּיטאָל. פון דאָרט האָט בעספאלאָוו באקומען פונעם פרײַנט א שלעכטע ידיִעה: מע האָט אים אמפּוטירט א פוס...

די פארבינדונג — דורך בריוו — צווישן ביידע כאווירים איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויך נאָכן זיג. בעספאלאָוו האָט פאָרגעלייגט זײַן פרײַנט אריבערפאָרן קיין קיִעוו, אָנקומען אין יורידישן אינסטיטוט. אליין איז ער געוואָרן א סטודענט פונעם פאָליטעכנישן אינסטיטוט. מיט דער צײַט זײַנען ביידע — דער אינזשעניער און יוריסט — געוואָרן זשורנאליסטן. זיי באטייליקן זיך אין דער ארבעט פונעם ראט פון וועטעראַנען פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אין דער מיליטעריש־פּאטריִאָטישער דערציִונג פון דער יוגנט, טרעטן ארויס מיט לעקציעס פאר דער באפעלקערונג, פאָרן אָפט ארויס אין קאָמאנדירונגען פונעם זשורנאליסטן־פארבאנד פון אוקראַיִנע. טאקע אדאנק דעם איז פאָרגעקומען מײַן באגעגעניש מיט זיי אין ביראָבידזשאן.

א. מאָרדוכאָוויטש

טעוויע גען

אריע דאווידאָוויטש

אין דער סוויווע פון דער מאָסקווער אינטעליגענץ, דערהויפּט בא די שרײַבער, איז פּאָפּולער דער נאָמען אריע דאווידאָוויטש ראָטניצקי. אליין איז ער ניט קיין שרײַבער, ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר, ניט קיין מאָלער, נאָר יאָרנלאנג, ביז ער איז אין עלטער פון צוויי און אכציק יאָר אוועק אף פּענסיע, האָט ער געארבעט אין ליטפאָנד — אָן אָרגאַניזאציע, וואָס איז בארופן צו זאָרגן וועגן די מאטעריעלע נויטבאַדערפענישן פון שרײַבער. פארנומען האָט ער אין ליטפאָנד א גאנץ באשיידענע שטעלע — אינספּעקטאָר אינעם אָפּטייל פון שטייגערישער באדינונג.

א מענטשן העכער פון מיטלוווקס, זייער א שטאַלטנעם, מיט א לענגלעך אײדל פּאָנעם, הויכע שלײפן און גרויע אויגן, מיט א פריילעך קאָמעץ־בערדל אף דער שארפלעכער קין, — אזא האָב איך, נאָך דער מילכאָמע, אין איינעם א ווינטערדיקן פרימאָרגן, ווען אין דרויסן האָט געשנייט און געדרייט, דערזען אומגעריכט בא זיך אין שטוב אריע דאווידאָוויטשן. געלעבט האָב איך דעמלט הינטער מאָסקווע, א מינוט פופציק פאָרן מיט דער עלעקטרע־באַן, און ס׳האָט מיך געוווּנדערט, וואָס דער מענטש איז ניט געווען פויל און אראָפּגעקומען.

אריע דאווידאָוויטש האָט זיך אוועקגעזעצט צום טיש, און אזוי ווי ער וואָלט געהאַט א וועלט מיט צײַט, האָט ער בא א געמיטלעכן שמועס, זייער פּאמעלעך אויסגעטרונקען איין גלאָז טיי און, קיין אײַנהאָרע, א צווייטע גלאָז, דערבײַ האָב איך פארגעסן, אז איך האָב שוין געשאָטן צוקער און געבעטן אריע דאווידאָוויטשן אויך ארײַנשיטן. אריע דאווידאָוויטש האָט געשאָטן און געדאנקט פאר דער שטארק זיסער טיי.

מענטשן, וואָס קענען מיך, ווײַסן אײדעס, אז איך האָב ניט ליב לײענען פאר עמעצן מײַנע זאכן, נאָר איצטיקס מאָל האָב איך געלייענט מיט פארגעניגן און כ׳בין געווען גליקלעך, וואָס מײַן גאַסט, מײַן צוהערער וויל הערן נאָך. אריע דאווידאָוויטש האָט מיר ניט געשטעלט קיין קאַשעס, וויאַזוי איך לעב, צי איך נייטיק זיך.

כוץ די אלגעמיינע פליכטן האָט אריע דאווידאָוויטש געהאַט אין זײַן אנשטאַלט נאָך א פליכט — זייער א טרויעריקע, אזא, וועלכע צווינגט דעם, וועלכער דארף זי אויספילן, ארײַנדרינגען טײַקעף, אף דער הייסער מינוט, אינעם גרעסטן אומגליק, וואָס איז נאָרוואָס געשען בא עמעצן אין דער מישפּאָכע. מע קלינגט אָן אין טעלעפאָן און מע גיט איבער: „געשטאָרבן"...

אינעם שרײַבער־פאריין זײַנען פאראן א סאך עלטערע מענטשן. יובילייען און, צום באַדויערן, אויך לעווײַעס פעלן ניט אויס. א קוואָרעסמאַן איז אריע דאווידאָוויטש געוואָרן אין 1935 יאָר, ווען ס׳איז געשטאָרבן דער דראמאטורג בעסקין. דער ליטפאָנד האָט געדארפט אײַנאָרדענען די לעווײַע און קיין באלאָנים צו פארנעמען זיך מיט אזא ארבעט איז צווישן די מיטארבעטער ניט געווען. אריע דאווידאָוויטש האָט אויך ניט געוואָלט, עס פארפרעסט אים דאָס הארץ פון א פרעמדן אומגליק, אזוי ווי פון אן אייגענעם.

— פּרוּווט פונדעסטוועגן, — האָט דער דירעקטאָר פון ליטפאָנד אים געבעטן, — ס׳איז א הייליקע זאך, און איר וועט האָבן א מיצווע.

פון דעמלט אָן האָט אַריע דאַווידאָוויטש פאַרדינט זייער פיל אַזעלכע טרויעריקע „מיצוועס". אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן איז ער געווען דער באַגלייטער פון שרײַבער אין זייער לעצטן וועג, און פונקט ווי ער איז זיי געווען אַן איבערגעגעבענער פרײַנט בא זייער לעבן, אַזאַ איז ער נאָך זייער טויט געבליבן אַן איבערגעגעבענער פרײַנט פאַר זייערע מישפּאָכעס.

וועגן אַריע דאַווידאָוויטשעס לעבן וואָלט מען געקאָנט אָנשרײַבן אַ ראָמאַן אין פיל טיילן. וואָס מער ער דערציילט, אַלץ מער ווילט זיך אים הערן. איך פאַרברענג שוין עטלעכע טעג בא אים אין שטוב. ער וווינט אַף דער מעדוועדיעוו־גאַס, עטלעכע טריט פון דער צענטראַלער גאָרקי־גאַס, נאָר אין צימער איז שטיל, מאַשינעס פאָרן דורך פאַרבײַ דעם פענצטער ניט גאָר אָפט. די וווינונג איז אַזוי ווי אַ מוזיי באַהאַנגען מיט בילדער און פאָטאָגראַפיעס, — אַלטע, זייער אַלטע, געמײַסטערוועטע נאָך אין מיטן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט, און שפּעטערדיקע, און שוין גאָר־גאָר נײַע, פון אונדזער איצטיקן לעצטן יאָרהונדערט־פערטעלע. אַף די ביכער־פּאָליצעס שטייען אַריבער דרײַ טויזנט ביכער, — אַלע געשאָנקענע, מיט די רירנדיקסטע אויפשריפטן פון די מעכאַברים. נאָר איין לעוו טאָלסטאָי, דוכט מיר, האָט אים ניט געשאָנקען קיין בוך, דערפאַר האָט ער אים מיט דער אייגענער האַנט אונטערגעטראָגן זײַן פאָרטרעט מיט אַן אויטאָגראַף. אָט הענגט ער, דער פאָרטרעט, צווישן די אַנדערע פאָטאָגראַפיעס פון נאָענטע פרײַנט און פון גוטע באַקאַנטע. אַריע דאַווידאָוויטשעס שײַכעס מיט לעוו טאָלסטאָיען איז אַ באַזונדער קאַפּיטל און וועגן דעם וועט ווערן דערציילט שפּעטער.

איצט דאַרף מען זאָגן, פונוואַנען עס שטאַמט אַזאַ אַריע דאַווידאָוויטש. איך וועל אָנהייבן, אַזוי ווי מע הייבט אָן אַ מײַסעלע — פון גאָר־גאָר ווײַט.

אין דער צעצווײַגטער ראַטניצקי־מישפּאָכע איז געווען אַ זיידע, וואָס האָט געהייסן אַריע. ער האָט געהאַט זעקס זין, און יעדער זון האָט דערנאָך איינעם פון די ייִנגלעך, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן בא אים, אָנגערופן אַריע. דער זון דאָוויד איז געווען דער מיזיניק. און אַזוי־אַרום איז אַף דער וועלט געקומען דער זעקסטער אַריע — אונדזער וווילבאַקאַנטער אַריע דאַווידאָוויטש. דאָס איז געשען אין 1885 יאָר. די ליכטיקע שײַן האָט ער דערזען ניט אינעם טכום־האַמוישעוו, נאָר דאַפּקע אין דער שטאָט טולע, אין אַ הויז ניט ווײַט פונעם „אָרוזשייני" זאַוואָד.

דאָוויד ראַטניצקי איז געווען אַ וואַיאַזשאָר, ער איז אַרומגעפאָרן איבער שטעט און רעקלאַמירט די טיי־פּעקעלעך פון דער פירמע „קאַהאַן". די פירמע איז געווען אַ קליינע, נאָר קאַהאַן, ראַטניצקיס שוועסטערקינד, האָט פון זיך געבלאָזן, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער גרויסער טיי־פאַבריקאַנט וויסאָצקי. גערופן האָט ער זיך וואַסילי, און זײַן שוועסטערקינד דאָוויד איז געווען בא אים אין דער לאַגע פון אַן אָרעמען קאָרעוו. דאָוויד איז געווען אַ סאָלדאַט, געשלאָגן זיך מיט די טערקן בײַס דער רוסיש־טערקישער מילכאָמע און געקראָגן די רעכט צו וווינען מיכוץ דעם טכום. אַראָפּגעוואָרפן די שינעל, האָט ער זיך באַזעצט אין טולע און צוגעטוליעט זיך, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, צום שוועסטערקינדס מיסכער. אָבער אינגיכן האָט מען די להאַטע אָפּגעשאַפן. דער מאָסקווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דער גרויסער פירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז ייִדן, געוועזענע סאָלדאַטן, האָט ער אין מאָסקווע עפּעס מער וויפל ער דאַרף, און ער האָט זיי גענומען אַרויסטרײַבן. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעשטעקט די גרויספירשטלעכע נאָז זײַנע אין אַנדערע רוסישע שטעט און דערזען, אַז דאָרט איז אויך ניט קעשורע. דאַן האָט מען אַנטדעקט, אַז דאָוויד ראַטניצקי איז ניט קיין אַלעקסאַנדראָווער סאָלדאַט, נאָר אַ ניקאָלײַעווער, און אַף די ניקאָלײַעווער פאַרשפּרייט זיך ניט די להאַטע צו וווינען ווו זיי ווילן. מע האָט אים עקסטרע אַרויסגערופן אין דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג און געהייסן פאַרלאָזן טולע. ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער אַלטער היים — אינעם שטעטעלע באָבר, וואָס האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ אין מאָליעווער גובערניע.

די אַראָפּגעקומענע מישפּאָכע האָט מען אין שטעטל געקרויגנט מיטן נאָמען „די טוליאַרעס". דער קליינינקער אַריע איז אָנגעקומען לערנען אין כיידער, ווו די ייִנגלעך האָבן אים גערופן „דער טולער ליגנער", ווײַל ער האָט זיי געזאָגט, אַז מענטשן פאָרן אַף צווײ רעדלעך, און די רעדלעך הייסן וועלאָסיפּעד.

אַריעס מאַמע — „די טוליאַרקע", אין טולע האָט מען זי גערופן לענע, אין באָבר האָט זי ווידער געקראָגן איר עמעסן נאָמען — עלקע, — האָט זיך אויסגעלערנט אַרבעטן אַף אַ זאָקן־מאַשינקע, און זי איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָליעוו האַלטן עקזאַמען אין דער „רעמעסלענע אופּראַווע". די עקזאַמענעס האָט זי אָפּגעגעבן מיט דער הילף פון אַ פינצ־און־צוואַנציקער, וואָס זי האָט אַרײַנגערוקט אין האַנט דעם געהילף פון פּאָליצמייסטער.

— וועסט קומען מאָרגן ווידער צו מיר, און כ׳וועל דיר געבן פּראוואַזשיטעלסטוואָ, — דערבײַ האָט ער מיט א שפּיץ אויג א קוק געטאָן אָפן פּאַפּירל בא זיך אין האַנט. דאָס האָט באַטײַט, אז מאָרגן דאַרף מען געבן נאָך.

און ווידער איז די מישפּאָכע אַרויסגעפאָרן קיין טולע. די מאַמע אלס א פּאָן־מענטש, א האַנטווערקערן, האָט געקראַגן ווינערעכט. אָבער דאַוויד, איר מאַן — ניט. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער אומלעגאַל אַראָפּקומען צום ווײַב און צו די קינדער. אַזוי איז ער אויך אומלעגאַל אַרומגעפאָרן איבער די שטעט אלס וואַיאַזשאָר פון דער פירמע „קאַהאַן״...

די צײַט גייט, אריע לערנט אין א רעאַל־שול, דערנאָך וויל ער שטודירן ווײַטער, אַנקומען אין א פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, אָבער ייִדן טאָרן ניט זײַן קיין לערער אין די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן. אריע, נאָך גאָר א יונג באָכערל, ווײַזט שוין פונדעסטוועגן אַרויס גאַנץ באַשטימטע אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקײַטן און אָרדנט אײַן אין זײַן וווין־אָרט א קינדער־פּלאַץ צו שפּילן, ער שפּאַצירט מיט די קינדער איבער דער שטאָט, אָרגאַניזירט קינדער־פרימאָרגנס מיט פאָר־לעזונגען און געזאַנג. ער האָט אַזוי זיך אויסגעצייכנט אין אָט דער אַרבעט, אז אינגיכן איז ער געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער „קאָמיסיע פון קינדער־פאַרווײַלונגען״ בא דער טולער אָפּטיילונג פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט באַם פאָלק״.

אריע איז באַליבט געוואָרן בא די קינדער פון די אַרבעטער פונעם געווער־זאַוואָד און פון די אַרומיקע וואַרשטאַטן. עס קומט אויף בא אים אן אידיי: אָרגאַניזירן א גרויסע עקסקורסיע קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, צו לעוו טאָלסטאָיען. וועגן דעם איז ער זיך מעיאַשעוו מיט נאָך מענטשן, און זיי האַלטן אונטער דעם געדאַנק. דאַן האָט ער אָנגעשריבן א בריוו טאָלסטאָיען: „הארציק געשעצטער לעוו ניקאָלײַעוויטש! די טולער קינדער ווילן אײַך זען. מיר בעטן אײַך מיטיילן, צי מיר וועלן זײַן אײַערע געוווּנטשענע געסט. א גרינגגן צובײַסן וועלן מיר נעמען מיט זיך. מע וועט נאָר דאַרפן, עס זאָל זײַן טיי...״

דער ענטפער איז געקומען זײַער גיך. יוליאַ איוואַנאָוונאַ איגומנאָוואַ, א קינסטלערין, וואָס האָט דעמלט געלעבט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, האָט אָנגעשריבן: „לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט פון זײַן נאָמען געבעטן ענטפערן, אז ער וועט זײַן זייער צופרידן. אין דער ווירטשאַפט זײַנען אינגאַנצן פאַראַן דרײַ סאַמאָווארן, נאָר מע וועט זיך באַמיִען, אז טיי זאָל זײַן פאַר אַלעמען...״

צוערשט האָט מען פּלאַנירט, אז ס׳וועלן פאָרן דרײַ הונדערט קינדער, האָבן אָנגעהויבן די מאַמעס לויפן צו אריע דאַווידאָוויטשן און צו זײַנע מיטהעלפער, מע זאָל זייערע קינדער אויך נעמען.

— מיט וואָס זײַנען מיר ערגער? מיר זײַנען דאָך אויך קאַזיוקעס, ווי די איבעריקע.

„קאַזיוקעס״ האָט מען אין טולע גערופן די אָרעמע פּראָסטע מענטשן — אַרבעטער פון די זאַוואָדן, האַנטווערקער פון די וואַרשטאַטן.

די צאָל עקסקורסאַנטן איז געוואַקסן און אויסגעוואַקסן ביז טויזנט. אין יענער צײַט, בא יענע באַדינגונגען איז אַזאַ מאַסן־עקסקורסיע, אַזאַ אַרויספאָר נאָך ניט געהערט געוואָרן.

די נעסיע האָט געפאָדערט א גרויסע צוגרייטונג. די קינדער האָבן ניט געהאַט קיין געלט אָף בילעטן, און נאָך פיל אַרומלויפעניש אין דער אײַזנבאַן־פאַרוואַלטונג האָט זיך אײַנגע־געבן קריגן בילעטן אומזיסטע, עמעס, וואָגאָנען האָט מען געגעבן נאָר אָף פיר הונדערט מענטשן, אָבער ס׳האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אַלע טויזנט. פאָרן האָט מען געדאַרפט ניט ווײַט — פון טולע ביז דער סטאַנציע קאָזלאָוואַ זאַסעקאַ.

דעם 9 יול 1907 האָט אין טולע און אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ געראָדערט זיך גלײַך שוין אין פריִער באַגינען, און מער פון אַלעמען האָבן אין יענעם פרימאָרגן איבערגעלעבט צוויי מענטשן: דער גרויסער רוסישער שרײַבער לעוו טאָלסטאָי און דער צוויי־און־צוואַנציקיאָריקער באָכער אריע ראַטניצקי. ביידע האָבן געקוקט אָפן הימל, צי ס׳וואָלקנט זיך ניט. די לעצטע טעג זײַ־נען געגאַנגען שלאַקסרעגנס. נייַן, דער הימל איז געווען ריין, בלוי. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט געטראַכט וועגן דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש מיט די קינדער, מיט אומגעדולד געוואַרט אָף זיי, און אריע ראַטניצקי האָט מיט פרייד און מיט אומרו געקלערט וועגן דעם, אז הײַנט וועט ווערן פאַרווירקלעכט זײַן טרוים צו באַקאַנען זיך נעענטער מיט טאָלסטאָיען און אז דאָס דאָזיקע גליק וועט אויספאַלן אָף טויזנט קינדער.

מע איז געקומען צו פאָרן אָף דער סטאַנציע קאָזלאָוואַ זאַסעקאַ. די ייִנגלעך זײַנען געווען אָנגעטאָן אין סאַטינענע העמדלעך, לײַוונטענע הייזלעך, די מיידלעך — אין ציצענע קליידלעך. אַלע ריין אַרומגעוואַשענע, ציכטיקע, מיט בענדלעך אָף די אַרבל און מיט פענדלעך אין די הענט. יעדע גרופּע האָט געהאַט א פענדל פון אַן אַנדער קאָליר. אַזוי ווי אָף אונדזערער אַן

איצטיקער מײַ־דעמאָנסטראַציע, האָט אַ לאַנגע קינדערשע קאָלאָנע מיט לערער בײַ די זײַטן געגומען שפּאַנען אין דער ריכטונג צו טאָלסטאָיס הויז.

די גרינע שטילקײַט פֿונעם אַלטן יאַסנעפּאָליאַנער פּאַרק, די שטילקײַט פֿון דער שאָטנדיקער אַלייע, וואָס פֿירט צום ווײַטן צווייִשטאָקיקן מויער, וועלכן מע זעט אַרויס נאָר דאַן, ווען מע קומט שוין צו נאָענט צו אים, איז אויפֿגעריסן געוואָרן פֿון אַ הילכיק מיידלש קאָל, וואָס האָט אָנגעזאָגט די מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען אויף דער טעראַסע פֿונעם הויז.

— Идут! Идут! (זיי גייען!)

אין צענטער אויף דער טעראַסע — לעוו ניקאָלײַעוויטש אין זײַן ברייטער פּאַרוסינענער בלוזע. די ווײַסע באָרד האָט זיך געמינטעט אויף דער זון, די טיף־זיצנדיקע דורכדרינגלעכע אויגן אונטער די שטאַרק געדיכטע ברעמען זײַנען געווען געווענדט צו דעם טויער. לעבן טאָלסטאָיען איז געשטאַנען זײַן פּרוי סאָפֿיע אַנדרייעװנאַ. די טעכטער, דער קינסטלער נעסטעראָוו, דער שרײַבער סערגײענקאָ און אַנדערע מענטשן, וואָס זײַנען דעמלט געווען צוגאַסט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

מיט אַ רויט פֿענדל, הויך אויפֿגעהויבן אין דער האַנט, האָט דער ערשטער זיך באַוויזן דער אָנפֿירער פֿון דער עקסקורסיע — אַריע דאַווידאָוויטש. זײַן פּנים, די פּנימער פֿון די קינדער און פֿון די דערוואַקסענע, וואָס האָבן די קינדער באַגלייט, האָבן מיט פֿרייד און באַגײַסטערונג געקוקט אויפֿן אַלטן מענטשן, וואָס שטייט אינמיטן אויף דער טעראַסע. אַ הילכיקער „הוראַ!" האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון פֿיל הונדערטער מײַלער, פֿאַנאַנדערגעטראָגן זיך איבערן גאַנצן פּאַרק און ווײַטער דערגרייכט צום דאָרף און צו דער סטאַנציע, פֿונוואַנען עס זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען נאָך קינדער.

לעוו ניקאָלײַעוויטש איז אַראָפּ פֿון דער טעראַסע, די קינדער זײַנען אויף אַ פּאָר רעגעס אײַנגעשטילט געוואָרן. אַריע ראַטניצקי איז געשטאַנען פֿון פֿאָרנט, און טאָלסטאָי, אָנשטויסנדיק זיך, אַז ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר, איז צוגעגאַנגען צו אים, פֿעסט אַ דריק געטאָן די האַנט און אַזוי פֿאַשעט געגומען אויספֿרעגן בײַ אים, ווען מע איז אַרויסגעפֿאָרן און וויאַזוי איז מען דערפֿאָרן. דערנאָך איז טאָלסטאָי אומגעגאַנגען פֿון איין גרופּע צו דער אַנדערער, גערעדט מיט די לערערנס, מיט די קינדער. איינס אַ מיידעלע האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געפֿרעגט בײַ אים:

— לעוו ניקאָלײַעוויטש, וויפֿל זײַנט איר אַלט?

— זייער אַ סאַך. נײַן און זיבעציק.

— און איך האָב געמיינט, אַז זיבן און נײַנציק, — האָט דאָס מיידעלע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס אַנטוישט, אַרויסגעמורמלט.

— דאָס האָסטו פֿאַשעט איבערגעפּלאָנטערט די ציפֿערן, — האָט טאָלסטאָי זיך צעלאַכט.

קינדער זײַנען ניט מער ווי קינדער. זיי זײַנען זיך צעלאָפֿן איבער די אַלייעס פֿונעם פּאַרק, און אַריע דאַווידאָוויטש מיט זײַנע באַהעלפֿערס האָבן געהאַט אַן אַרבעט אָנצוקוקן און דערמאָנען, מע זאָל ניט טרעטן איבער די קלומבעס. ניט צעטרעטן די קווייטן, גאַרניט פֿאַטערן. אָבער די קינדער האָבן ניט צעטראָטן קיין איין בלום, פֿילנדיק, אַז אָט די ערד איז הייליק. דער טאָג איז געווען אַ הייסער.

— ווער עס וויל זיך באָדן, — האָט געזאָגט לעוו ניקאָלײַעוויטש, — קומט מיט מיר!

באָדן זיך איז אין פּלאַן פֿון דער עקסקורסיע ניט אַרײַן, נאָר אַז טאָלסטאָי לייגט פֿאָר, איז דאָך ניט שײַעך. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אָוועקגעפֿירט דעם גאַנצן אוילעם צום טײַכל וואָראָנקע, אַרײַן מיטן קליינוואַרג און מיט די דערוואַקסענע אין דער „קופּאַלניע", וואָס האָט געהערט צו די טאָלסטאָיס.

דערזען, אַז אַזויפֿיל קינדער זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין טײַך, האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש אַ ביסל זיך דערשראָקן, אייניקע מאַזיקים האָבן געשטיפֿט אין וואַסער, און דאָ האָט, ווײַזט אויס, טאָלסטאָי זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מיליטערמאַן, אין זײַן קאָל האָבן זיך דערהערט „אָפֿיצערסקע" שטרענגע נאָטקעס.

— ניט מאַכן קיין קונצן! שווימען רויִק!

אויסגעבאָדן זיך און אומגעקערט זיך אין דער „אוסאַדבע", האָט מען אונטערן פֿרײַען הימל, אויפֿן פּלאַץ לעבן דעם הויז, צוגעביסן און געטרונקען טיי. סאַכאַקל האָט מען, קיין אײַנהאַרע ניט, אויסגעטרונקען זעכציק עמער. אַ רעגן, און טאַקע אַ שלאַקסרעגן, האָט אויך ניט אויסגעפֿעלט. מע איז אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב, צעשאָטן זיך איבער די צימערן, די געוועקסלטע דילן פֿונעם אַלטן גראַפֿסקן מויער האָבן נאָך קיינמאָל ניט געהערט און ניט געזען אַזויפֿיל טופּענדיקע קינדערשע פֿיסלעך.



ל. נ. טאָלסטאָי מיט א גרופּע קינדער בעראָש מיט א. ראַטניצקין

ווען דער רעגן האָט אופגעהערט און ס'איז ארויס די זון, האָט מען גענומען זיך געזעגענען. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט איין מאָל און א צווייט מאָל איבערגעכאַזערט:

— עס איז בא מיר הײַנט געווען א גליקלעכער טאָג. איך וועל אים אָף שטענדיק פאַרגעדענקען.

דערנאָך, ווען די עקסקורסאַנטן זײַנען אוועקגעפאָרן, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועגן אריע דאווידאָוויטשן.

— ווער איז עס יענער באָכער? אזא ענערגישער, מיט אזא אָפענעם קוק... כ'וועל אים אײַנלאָדן זיך דורכשמועסן מיט אים.

אָפּמאָרגן, נאָך דער עקסקורסיע, האָט סאָפיע אנדרייעוונא געשריבן אין א בריוו צו איר טאָכטער טאַטיאַנע לוואָוונע סוכאָטינא-טאָלסטאַיא:

„נעכטן איז בא אונדז אין יאסנאיא פּאָליאַנא געווען א מערקווירדיקער טאָג. עס זײַנען אָף דער סטאַנציע זאַסעקאַ געקומען צו פאָרן אכט וואַגאָנען מיט קינדער, לערער און לערערנס פון טולע... אָן ענערגישער לערער, וועלכן מע רופט לעוו דאווידאָוויטש[1], ווײַזט אויס א ייד, האָט ווונדערלעך גוט מיט אַלעמען אָנגעפירט. אונטער זײַן אָנפירונג האָבן די קינדער געזונגען אין א כאָר, געשפּילט זיך, געטאַנצט... 5 אזייגער האָט ער אלע קינדער אויסגעשטעלט אין פּאָרן, און זיי זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אונדזער הויז מיט פענדלעך אין די הענט. עס איז געווען ניט נאָר אן אײַנדרוקספול בילד, נאָר אויך זייער רירנדיק, ס'האָט זיך געוואָלט אפילע וויינען... און דאָס זײַנען דאָך מערסטנטייל געווען קינדער פון הינטער יענעם ברעג טײַך, פון טשולקאָווע, קינדער פון די טולער קאַזיוקעס... א קלער טאָן נאָר, אז דאָס זײַנען, מעגלעך, קינפטיקע רעוואָלוציאָנערן און עקספּראָפּריִיאַטאָרס".

ווען די אָנטיילנעמער פון דער עקסקורסיע האָבן זיך אומגעקערט קיין טולע, איז אָף דער אײַזנבאַן-סטאַנציע פאָרגעקומען א מיטינג, די אַרבעטער האָבן געדאַנקט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נעסיִע צום גרויסן רוסישן שרײַבער. די אײַנמאָליקע צײַטונג, וואָס עס האָט ארויסגעגעבן דער טולער סאָוועט פון אַרבעטער און סאָלדאַטן-דעפּוטאַטן איז ארויס מיט א גרויסן „קאָפּ" אין סאַמע פאָרנט אָף דער ערשטער זײַט: „דער קינדער-יאַמטעוו פון פרײַהײַט". אריע דאווידאָוויטש האָט אין דער צײַטונג אָפּגעדרוקט אן אַרטיקל „דער אַלטער רעזשים און קינדערשע פאַרווײַלונגען". די עקסקורסיע האָט ארויסגערופן א גאַנצן שטורעם אָפן „אַדמיניסטראַטיוון אָלימפּ". די פּאָליציי האָט גענומען בא ראָטניצקין א כסימע, אז מער וועט ער אזעלכע „פאַרווײַלונגען" ניט מאַכן. פון אים האָט מען שוין ניט אראָפּגענומען דאָס אויג.

---

[1] בייסן באַקאַנען זיך מיט אריע דאווידאָוויטשן האָט טאָלסטאָי געזאָגט: מיר האָבן בײדע איין און דעם זעלבן נאָמען, ארי (העברעיִש) איז, דוכט זיך, לעוו.

אין עטלעכע טעג ארום נאָך דער עקסקורסיע איז אריע דאַווידאָוויטש געווען בא טאָלסטאָיען אלס זײַנער א פּערזענלעכער גאַסט. טאָלסטאָי האָט אים זייער פרײַנטלעך אופגענומען, ארויס־געגאַן אים אנטקעגן, געדריקט די האַנט און פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט. דער שמועס האָט געדויערט דרײַ מיט א האַלבער שעה.

— וואָס איז דאָס פאַר א קאָמיסיע פאַר קינדערשע פאַרווײַלונגען? — האָט טאָלסטאָי גע־פרעגט.

אריע דאַווידאָוויטש האָט געגנוי דערציילט וועגן לעבן פון די טולער ארבעטער־קינדער און וועגן די באַמיִונגען פון דער קאָמיסיע כאָטשבי עטוואָס ליכטיקער מאַכן די פאַרמאַרעש־טע קינדהײַט.

— איר טוט א גוטע און וויכטיקע זאַך, — האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש זיך אָפּגערופן, און ער האָט געגעבן געטומען אייצעס, וויאַזוי בעסער דורכפירן מיט די קינדער די זומערדיקע קאָני־קול־צײַט.

— מע דאַרף זיך פאַרנעמען מיט ספּאָרט, ס'איז זייער א ווילע זאַך, — האָט ער געזאָגט. — איך פאַר רײַטנדיק, פּרוּער האָב איך זיך פאַרנומען מיט גימנאַסטיק, געשפּילט אין טעניס, אין לאַפּטאַ. אָט איז איצט אופגעקומען א נײַע שפּיל — פוטבאָל...

אריע דאַווידאָוויטש האָט דערוף באַמערקט, אז ער דאַרף אַזעלכע שפּילן, אין וועלכע ס'זאָל קאָנען אָנטיילנעמען א גרויסע צאָל קינדער.

— דאָס איז עמעס, — איז טאָלסטאָי מאַסקים געווען. — ביכלאַל איז די קינדער, וואָס לעבן אין דאָרף, בעסער, איידער די שטאָטישע קינדער, — האָט ער צוגעגעבן. — איך וואָלט אײַך נאָך געעצעט גיין מיט די קינדער אין טעאַטער. אָבער דאָ דאַרף מען זען, ס'זאָל זײַן א גוטער, אינהאַלטספולער ספּעקטאַקל, דערנאָך דאַרף מען העלפן דעם יונגן צושויער באַנעמען דעם מיין פונעם אווטאָר.

דער שמועס איז אריבער וועגן ייִדן. אריע דאַווידאָוויטש האָט געפרעגט טאָלסטאָיען, וויִ־אַזוי באַציט ער זיך צום ייִדישן פאָלק.

לעוו טאָלסטאָי האָט געענטפערט:

— פאַר מיר עקזיסטירט ניט קיין נאַציִע און קיין רעליגיע. פאַר מיר עקזיסטירט דער מענטש. מיט די ייִדן, וואָס לעבן דאָ, אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, און נאָך מיט אייניקע, וואָס קומען צו פאָרן צוגאַסט אַהער, בין איך זייער באַפרײַנדעט. אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש גאָלדענווייַ־זער, לעאָניד אָסיפּאָוויטש פּאַסטערנאַק, גריגאָרי מאָיסייעוויטש בערקענהיים... אין טולע האָט ביז ניט לאַנג צוריק געוווינט מײַנער א גוטער באַקאַנטער, זײַן נאָמען איז לאַנדאַן, א גרוי־סער קענער פון ייִדישער שפּראַך און ייִדישער געשיכטע. איך האָב געלערנט בא אים העב־רעיִש, ווײַל כ'האָב געוואָלט לייענען די ביבל אין אָריגינאַל. אין דער איבערזעצונג זײַנען פאַראַן א סאַך טעאָסן, אומפּינקטלעכקײַטן. איך האָב זייער באַדויערט, ווען ס'איז מיר אויס־געקומען צו שיידן זיך מיט לאַנדאַנען. זײַנע קינדער לעבן אין קאַנאַדע, און זיי האָבן אים אָנגעשריבן, ער זאָל קומען צו זיי, איז ער אוועקגעפאָרן...

— פון קעשענעוו, — האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש ווײַטער דערציילט, — איז צו מיר געקומען צו פאָרן איינע א פּריצע און געטומען אײַנריידן, איך זאָל אַרויסטרעטן קעגן די ייִדן, זיי זײַנען קלוימערשט געפערלעכע שווינדלער. זי לײַדט פון זיי. איך האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן ניט אַרויסצוּיאָגן זי. צי איז דען פאַראַן נאָך א מער העסלעכער פאַרברעכן, א גרעסערע ווילד־קײַט און רעציכע פונעם קעשענעווער פּאָגראָם? ווי ווײַט מעגלעך רויִק האָב איך געפּרוּווט דערקלערן, פאַרוואָס זי איז ניט גערעכט. די ייִדן האָבן זייער א סאַך באַגרענעצונגען, די „טשערטאַ" איז א ברוטאַלע דערשײַנונג. א מענטשן פאַרבאָט מען אַלץ, און לעבן דאַרף ער, מוז ער ווי־ניט־איז זיך אויסדרייען, קעדיי בײַקומען די פאַרפאָלגונגען. אין אַלץ איז שולדיק די אַכזאָריעסדיקע ווירקלעכקײַט.

טאָלסטאָי האָט געשאָנקען זײַן פּאָרטרעט מיט אן אווטאָגראַף אריע דאַווידאָוויטשן, וועל־כער האָט דערבײַ באַמערקט, אז אים איז באַקאַנט אן אַנדער פּאָרטרעט, דאָס בילד, וואָס עס האָט אָנגעמאָלט רעפּין.

— איר מיינט ניט דעם פּאָרטרעט, ווו ער האָט מיך אָנגעמאָלט א באָרוועסן? — האָט טאָל־סטאָי געפרעגט. — איך בין אָבער קיינמאָל באָרוועס ניט געגאַנגען... ס'האָט זיך נאָך אויך געפונען א באַלן אָנצומאָלן מיך קימאַט א נאַקעטן. איך כאַפּ פּיש...

טאָלסטאָי האָט זיך געזעגנט מיט אריע דאַווידאָוויטשן פּונקט אַזוי האַרציק, ווי ער האָט אים באַגעגנט, נאָכאַמאָל געדאַנקט פאַרן גליקלעכן טאָג, וואָס ער האָט געהאַט, ווען קיין יאַס־נאַיאַ פּאָליאַנאַ זײַנען געקומען טולער קינדער.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, אינעם ערשטן פרײַען קינדער־יאָמטעוו, וועלכן עס האָט אָרגאַניזירט דער טולער סאָוועט פון די ארבעטער און פויערים־דעפוטאַטן, איז ארויס אַף די שטאָטישע גאַסן זייער א גרויסע קאָלאָנע — צוואַנציק טויזנט קינדער. ווידער האָט אריע דאַווידאָוויטש געאַרבעט פאַר די קינדערסוועגן, אַפן „קינדער־פראָנט״, און דער פראָנט איז געווען א שווערער. א סאַך יעסוימים, א סאַך פאַרוואָרלאָזטע. אריע דאַווידאָוויטש איז געוואָרן פאָרזיצער פונעם טולער „פּאָמדעט״ („הילף די קינדער״). א רויִקער, א צוריקגע־האַלטענער אויסערלעך, האָט אין אים געברויזט א קוואַל ענערגיע. בא זײַן אַקטיווסטן אָנטייל ווערן אין שטאָט געעפנט נײַנצן קינדער־גערטנער, נײַן זומערדיקע קאָלאָניעס, עלף קינדער־פּלעצער, א סאַך קיכן פאַרן קליינוואַרג, און, געוויינלעך, אַנשטאַלטן פון „גײַסטיקער שפּײַז״ — קינדערשע ביבליאָטעקן.

אריע דאַווידאָוויטשעס פרוי, אידע, א דאָקטערשע, איז ארומגעפאָרן איבער דער געגנט, ווו עס איז געווען אָן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. אומגעקערט האָט זי זיך אליין א קראַנקע. ווען זי האָט זיך אויסגעהיילט, האָט זיך צוגעטשעפּעט טובערקוליאָז. צוויי קינדער האָבן אויך געליטן פון אָט דער קרענק.

אין שטוב איז געווען טרויעריק, און טרויעריק איז געווען בא אריע דאַווידאָוויטשן אַפן האַרצן, אָבער אַף זײַן ארבעט אין „פּאָמדעט״ האָט דאָס זיך ניט אָפּגעשפּיגלט.

דער טולער סאָוועט האָט דעלעגירט אריע דאַווידאָוויטשן קיין מאָסקווע — בעטן דאָרטן דרינגענדיקע הילף — די טולער קינדער האָבן ניט וואָס צו עסן און קיין אָנטאָן. א רויטאַר־מייער פון דער קרעמל־וואַך האָט ארופגעשטעקט אַפן שפּיז פון דער ביקס זײַן פראָפּוסק און אים אָנגעוויזן, ווו עס געפינט זיך סווערדלאָווס אופנאַם־צימער. א בלייכער, מיט אײַנגע־פאַלענע באַקן, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן האָט יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש אליין אויסגעזען, ווי אָן אויסגעהונגערטער מענטש. ער האָט א קוק געטאָן אַף אריע דאַווידאָוויטשן און געפרעגט, וויפל יאָר איז ער אַלט.

— זײַנען מיר דאָך אין איינע יאָרן, — האָט סווערדלאָוו מיט א פריילעך קאָל זיך אָפּגע־רופן, ווען אריע דאַווידאָוויטש האָט אים געענטפערט אַף דער פראַגע.

אריע דאַווידאָוויטש האָט דערציילט דעם פאָרזיצער פון אַלרוסלענדישן אויספיר־קאָמיטעט, אַז אלע רעסורסן זײַנען אין טולע אויסגעשעפּט. בא די קאַפּיטאַליסטן האָט מען רעקוויזירט זייערע מויערן, דאָס מעבל. דעריבער האָבן די קינדער געלעגערס צום שלאָפן, פיאַנינעס און ראָיאַלן צום שפּילן, אָבער עס האַלט זייער שמאָל מיט עסנוואַרג, מיט קליידונג...

יאַקאָוו מיכײַלאָוויטש האָט געהאַלטן אין האַנט דאָס צעטל, וואָס אריע דאַווידאָוויטש האָט אים דערלאַנגט. ס'איז געווען א לאַנג צעטל, אין וועלכן עס זײַנען געווען איבערגערעכנט די פּראָדוקטן און זאַכן, וואָס טולע דאַרף, ווי דאָס לעבן.

— בא אונדז זײַנען, ליבער כאַווער, ביז גאָר קליינע רעזערוון, — האָט סווערדלאָוו געזאָגט. ער האָט אָנגעקלונגען צו יעליזאַראָווען.

— אַנאַ איליניטשנאַ, עס וועט באַלד קומען צו אײַך דער פאָרזיצער פונעם טולער „פּאָמ־דעט״. מיר מוזן העלפן.

אַנאַ איליניטשנאַ יעליזאַראָוואַ, לענינס שוועסטער, האָט אָנגעפירט מיטן אָפּטייל פון קינ־דער־פאַרהיטונג באַם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג. זי איז געווען ייִנ־גער פון אריע דאַווידאָוויטשן אַף צוויי יאָר, נאָר ווען ער איז ארײַן צו איר און זי האָט אַף אים אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער זיך גלײַך דערפילט באַהערשט פון איר ערנסטקײַט. גע־זעסן איז זי אין א צימער, ניט קיין בעסער אויסגעשטאַטן פון אריע דאַווידאָוויטשעס אַר־בעטס־צימער אין טולע, און אויסגעזען האָט זי אין איר פּראָסטער, שטרענגער קליידונג זייער באַשיידן, אָבער דער גאַנצער שמועס איז געווען ווי א יאָמטעוו.

— וויִאַזוי וועל איך דאָס אַלץ אָפּשיקן? — האָט אריע דאַווידאָוויטש געפרעגט, ווען אַנאַ איליניטשנאַ האָט אָנגעשריבן אַף זײַן צעטל די בייטיקע רעזאָליוציע.

— מיר וועלן אָפּשיקן אליין, — האָט זי געענטפערט. — פאָרט, כאַווער ראָטניצקי, אַהיים און באַאומרויִקט זיך ניט.

גרויס איז געווען די פרייד, ווען אין טולע איז אָנגעקומען א גאַנצער טראַנספּאָרט עסנ־וואַרג, קליידונג, שוכוואַרג.

ווען אריע דאַווידאָוויטש איז אינמיטן פון די צוואַנציקער יאָרן אריבערגעפאָרן קיין מאָסק־ווע, האָט ער צוערשט דאָרט געאַרבעט אין אָן עקספּערימענטאַלער קינדער־שול, דערנאָך איז ער געווען אַף צוויי שטעלעס — אַף דער פריִערדיקער, אין שול, און אַף א נײַער — אין „מאָדפּיק״.

„מאָדפּיק" איז אַן אַברעוויִאַציע, וואָס באַטײַט „מאָסקווער דראַמאַטורגן, שרײַבער, קאָמ־פּאָזיטאָרן". אַריע דאַווידאָוויטש האָט זיך נאָענט באַקאַנט מיט טרעניאָוון, ביל־בעלאָצער־קאָווסקין, ראָמאַשאָוון, מיט די דעמלט נאָך גאָר יונגע קאָמפּאָזיטאָרן כאַטשאַטוריאַן, שאָסטאַ־קאָוויטש. ער איז זיי אַזוי געוווּנען צום האַרצן, אַז זיי האָבן אים געגומען אײַנרײדן, ער זאָל פֿאַרלאָזן די שול און זײַן ניט קיין האַלבער, נאָר אַ גאַנצער „מאָדפּיקאָוועץ".

— אַריע דאַווידאָוויטש, — האָט מען אין אײנעם אַ טאָג זיך געווענדט צו אים. — עס ווערט צונויפֿגערופֿן דער ערשטער שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר, און מע דאַרף אים באַזאָרגן מאַטעריאַל. שרײַבער זײַנען אויך מענטשן. זיי ווילן עסן, ווי אַלע...

— אין צענטראַלן מעלוכע־אַרכיוו פֿון ליטעראַטור און קונסט („צגאַלי"), אינעם פֿאָנד אונ־טערן נאָמען 1336 געפֿינט זיך אַן אַלבאָם מיט אָפּשריפֿטן פֿון 146 דעלעגאַטן פֿון דעם צוזאַ־מענפֿאָר. קיין גרויסע ליטעראַטור־היסטאָרישע ווערט האָבן ניט די דאָזיקע אָפּשריפֿטן, אָבער ס'איז טשיקאַווע אַ קוק צו טאָן, וואָס עס האָבן באַרימטע שריפֿטשטעלער אָנגעשריבן וועגן דער „מאַטעריעלער באַזאָרגונג" פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, איצט וואָלט מען געזאָגט „סערוויס". אַלע הונדערט זעקס און פֿערציק אָפּרופֿן וועל איך ניט ברענגען, כאָטש איך האָב זיי אַלע טרײַ אָראָפּגעשריבן צו זיך אין העפֿט:

„אײַער אָופּמערקזאַמע באַציִונג צו די דעלעגאַטן, די הילף אינעם שטייגער־לעבן פֿילן מיר זייער שטאַרק. עס פֿרייט אונדז אײַער ליבע צו די שרײַבער און צו אונדזער ליטעראַטור. אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק".

„איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די טעג פֿונעם צוזאַמענפֿאָר, און יעדעס מאָל, ווען כ'וועל, ליבער אַריע דאַווידאָוויטש, טרעפֿן זיך מיט אײַך, וועל איך זיך דערמאָנען אין אָט דער צײַט. באָריס פּאַסטערנאַק".

„אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿילן מיר זיך ווי אויף אַ גרויסער פּרעכטיקער שיף, וואָס פֿירט אונדז צום סאָציִאַליזם.

דאַוויד בערגעלסאָן, דאַוויד האָפֿשטיין, עזרא פֿינינבערג, מייער אַלבערטאָן".

„דעם הויכגעשעצטן אַריע דאַווידאָוויטש ראַטניצקין דריק איך אויס מײַן דאַנקבאַרקייט ניט נאָר פֿאַר די געשמאַקע מײַכאָלים, נאָר אויך פֿאַר די געמיטלעכע שמועסן, וואָס זײַנען דערבײַ געפֿירט געוואָרן.

אַלגאַ פֿאַרש".

„אַריע דאַווידאָוויטשן, דעם קינסטלער אין זײַן געביט, דעם קעמפֿער פֿאַר הויכער קוואַ־ליטעט.

ברונאָ יאַסענסקי".

„אויפֿן ערשטן אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר, ווו מע האָט מיך באַופֿטראַגט האַלטן אַ פֿאַרטראַג וועגן דער קינדער־ליטעראַטור, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אײנעם פֿון די פּיאָ־נערן אויפֿן זעלבן געביט — מיט אַ זייער גוטן און מונטערן מענטשן אַריע דאַווידאָוויטש. סאַמויל מאַרשאַק".

„אויב ס'וועט זיך טרעפֿן אײַך אונטער דער האַנט וועלכער־ניט־איז פֿון מײַנע ביכער — „איבער וועגן און שטעגן", „סוווענירן", „סטעפּאַן ראַזין", — לייענט איבער און וועט איר מיך פֿאַרגעדענקען, און איך וועל אײַער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט ניט פֿאַרגעסן קיינמאָל. אַלעקסיי טשאַפּיגין".

„איך וויל, ליבער אַריע דאַווידאָוויטש, איר זאָלט זײַן באַקאַנט מיט מיר ניט נאָר פּער־זענלעך, נאָר אויך איבערלייענען, אויב ס'איז מעגלעך, וואָס גיכער, מײַנע ביכלעך.

איציק פֿעפֿער".

„דער צוזאַמענפֿאָר איז געווען אַ באַדײַטנדיקער און מערקווירדיקער. ער וועט פֿאַרבלײַבן אין זיקאָרן און אויך אין דער פּראַקטיק פֿון אָרגאַניזירן אַזעלכע צוזאַמענפֿאָרן. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט דערוואַרט, אַז דער אָרגקאָמיטעט זאָל אַזוי גוט אַלץ באַזאָרגן. באַגעג־נענען, אײַנאָרדענען, אָנהאָדעווען און אָנטרינקען 500 — 600 — 800 שטורעמדיקע ליטעראַ־טאָרן־יעכידים איז אַן אויפֿגאַבע ניט קיין גרינגע. איר האָט זי אויסגעפֿילט גלענצנדיק. אַ גרוס און אַ דאַנק.

ווסעוואָלאָד ווישנעווסקי".

„ס'איז פּאַשעט אָנגענעם צו זײַן אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע אָנגעזעענע מענטשן, וועלכע איר, אריע דאַווידאָוויטש, האָט אַזוי פֿײַן פֿאַרייניקט אין אײַער אַלבאָם.

פּערעץ מאַרקיש".

„דער וווּנדערלעכער אָוונט נאָך דעם שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר וועט זיך בײַ מיר שטענדיק אַסאָציִירן מיט אײַך, טײַערער אַריע דאַווידאָוויטש.

אַטאַ שמידט

(איינער פון די געסט)".

איך האַלט אין די הענט פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלן, זעלטענע פֿאָטאָגראַפֿיעס און בילדער, כ'הער, וואָס אַריע דאַווידאָוויטש דערציילט מיט זײַן שטיל, אָבער דײַטלעך קאָל — אַלץ גע־דענקט ער, דעם קלענסטן עפּיזאָד, די קלענסטע געשעענישן. אױף יעדער פֿראַגע באַקום איך אַ גענויעם ענטפֿער. יאָ, דער דאָזיקער באַשיידענער מענטש האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנג און רײַך לעבן. אָט ווערט, צום בײַשפּיל, אין אונדזער געשפּרעך דערמאָנט דער מילכאָמע־זומער פֿונעם 1941 יאָר, און אַריע דאַווידאָוויטש נעמט דערציילן אַ רירנדיקסטע געשיכטע פֿון יענער צײַט. אַלעקסאַנדער פֿאַדייעוו האָט אים גערופֿן צו זיך און דערציילט, אַז ס'ווערט געשאַפֿן אַ קאָמיסיע צו עוואַקויִרן די שרײַבערישע מישפּאָכעס. ער דאַרף זיך אײַנשליסן אין אָט דער אַרבעט.

אין עשעלאָן פֿאַר די שרײַבער איז געוואָרן גרייט צו אָפּפֿאָרן פֿון מאָסקווע דעם 15־טן אָק־טיאַבער. ער האָט געדאַרפֿט זיך לאָזן אין וועג באַנאַכט, נאָר די גאַנצע נאַכט האָבן די דײַ־טשישע אַעראָפּלאַנען געוואָרפֿן באָמבעס, און אַרויסגעפֿאָרן איז מען אויף מאָרגן 9 אַזייגער אינדערפֿרי.

— אין דער לעצטער מינוט, — דערמאָנט זיך אַריע דאַווידאָוויטש איינע פֿון די פּילצאַלי־קע „בילדלעך" פֿון דער עשעלאָן־אַרויסקומעניש, — איז געקומען צו לויפֿן מאַריִעטאַ שאַגיניאַן און געבעטן, מע זאָל נעמען איר פּרײַנט.

— וויפֿל האָט איר פּרײַנט? — האָט געפֿרעגט אַריע דאַווידאָוויטש.

— פּרײַנט האָב איך אַ סאַך טויזנטער, — האָט זי געענטפֿערט, — נאָר מיט מיר וועלן פֿאָרן ניט מער פֿון פֿינף.

אין די ענגע וואַגאָנען איז געוואָרן אַלץ ענגער. מע האָט אַרײַנגענומען, וויפֿל מענטשן ס'האָט זיך געלאָזט. געבליבן אויף אַ געוויסער צײַט איז אין דער פֿראָנט־שטאָט נאָר אַריע דאַווידאָוויטש מיט זײַן מישפּאָכע.

איך פֿאַרגיב אַריע דאַווידאָוויטשן אַ לעצטע, אַזוי צו זאָגן, פּאַרסאָנאַקלענדיקע פֿראַגע:

— ווי־אַזוי באַטראַכט איר אײַער לעבן?

אַ לענגערע צײַט שווײַגט ער, און כ'האָב שוין אַ ביסל כאַראָטע, וואָס איך האָב געשטעלט אַזאַ שווערע קאַשע, אײַן קלייניקײַט: ווי־אַזוי אַ מענטש באַטראַכט זײַן לעבן, וואָס ציט זיך קימאַט אַ יאָרהונדערט!

— איך פֿיל זיך גליקלעך אין לעבן, — האָט אַריע דאַווידאָוויטש זיך אָפּגערופֿן נאָכן לאַנגן שטילשווײַגן. — אָבער וואָס הייסט זײַן גליקלעך? מיסטאַמע איינע פֿון די ערגסטע קלאָלעס איז, ווען דער טאַטע לעבט איבער זײַנע קינדער. איך האָב איבערגעלעבט אַלע מײַנע קינ־דער — די צוויי זין און די טאָכטער, זיי זײַנען שוין לאַנג אָפּגעשיידט פֿון מיר. צענדליקער יאָרן האָב איך, ווי איר ווייסט, כוץ אַנדערע אַרבעטן, געהאַט צו טאָן אין ליטפֿאָנד מיט לעווייעס. שרײַבער האָבן ליב צו וויצלען זיך, זיי האָבן צוגעטראַכט וועגן מיר פֿריילעכע אַנעקדאָטן, איר האָט זיי געוויס אויך געהערט. לעמאָשל, דעם אַנעקדאָט, אַז ווען איך באַגעגן אַ שרײַבער, פֿרעג איך אים, געוויינלעך, וועגן געזונט, קלאַפּ אים מיט אַ האַנט איבער דער פּלייצע, לויב אים, אַז זען זעט ער אויס אויסגעצייכנט, און מיט מײַן אַנדער האַנט נעם איך שוין דערווײַל אַראָפּ פֿון אים אַ מאָס פֿאַרן אָרן, וואָס איך דאַרף באַצײַטנס פֿאַר אים באַ־שטעלן... די אַנעקדאָטן זײַנען „פֿריילעכע", אָבער די שווערסטע מעלאָכע אויף דער ערד איז צו זײַן אַ קוואָרעסמאַן. פֿון יעדער לעווײַע פֿלעג איך זיך אומקערן אַ צעבראָכענער. נו, און איבער דעם זײַנען געווען אויך אַנדערע זאָרגן און האַרצווייטיקן. מיט איין וואָרט — אַ שווער־לעך לעבן, און דאָך זאָג איך — אַ גליקלעך לעבן. גליקלעך דערפֿאַר, ווײַל איך האָב אויף מײַן וועג אַ קלאָרן ציל, און לויט די מעגלעכקײַטן האָב איך זיך באַמיט זײַן נייטיק מענטשן...

— איך האָב דרײַ אײניקלעך און זעקס אוראײניקלעך, — האָט פאָרגעזעצט אריע דאווידאָוויטש. — דאָס אײניקל אידע איז אן עלטערער װיסנשאַפטלעכער מיטארבעטער אינעם מאָסקװער טעקסטיל־אינסטיטוט, א צװײט אײניקל איז אויך א װיסנשאַפטלעכער טוער, ער ארבעט אין אָבנינסק, זײַן פאך איז — אטאָם־ענערגיע, דאָס דריטע אײניקל פאַרטײדיקט איצט א קאַנדידאַט־דיסערטאַציע. נו, און די אוראײניקלעך... זײ זײַנען שוין אויך דערװאַקסענע באָכערים און מײדלעך. אנדערע צײַטן — אנדערע זאָרגן. װען מײַן טאַטע, געדענק איך, פלעגט אראָפּקומען קײן טולע, האָב איך געהאַט אן ארבעט — לויפן צום אָקאָלאָדאָטשניק, צום דעלאָפּראָיזװאָדיטעל און צום פּריסטאַװ אָנזאָגן זײ די בסורע:

— דאוויד אריעוויטש איז געקומען צו פאָרן!

— נו, אי טשטאָ[1]? — האָבן זײ געפרעגט.

— פּראָסיל פּערעדאַט[2], — און איך האָב יעדן געשטופּט אין האַנט אַרײַן געלט — דעם אָקאָלאָדאָטשניק װײניקער, דעם דעלאָפּראָיזװאָדיטעל מער, דעם איספּראַװניק נאָך מער. און אזױאַרום, האָט דער טאַטע געקראָגן רעכט איבערצונעכטיקן אין שטוב בא זײַן װײַב און קינדער. אנטקעגן װאָס האָב איך אײַך איצט װידער אופגעמישט אן אלט בלעטל פון אמאָל? אנטקעגן דעם, װאָס פאַריקס יאָר האָט מײַן אוראײניקל, ליוסיע, געהאַלטן עקזאַמענעס אין אן אינסטיטוט, און זי האָט ניט אויסגעהאַלטן. זי איז אָנגעקומען ארבעטן און גרײט זיך צו די אינסטיטוט־עקזאַמענעס אף הײַנטיקס יאָר. איך, דער אורזײדע, לעב איבער פאַר איר, די עלטערן לעבן, פאַרשטײט זיך, אויך איבער און מער פון אלעמען לעבט איבער ליוסיע אלײן. דאָס זײַנען אויך זאָרגן, אויך עמעסע איבערלעבונגען, אָבער װי װײַט זײַנען זײ פון מײַנע זאָרגן, װי װײַט זײַנען זײ פון יענע איבערלעבונגען, װעלכע איך האָב געהאַט אין מײַן צײַט, זײַענדיק אין ליוסיעס עלטער...

אנדערע צײַטן — אנדערע איבערלעבונגען, נאָר, װײַזט אויס, אז איבערלעבונגען װעלן שטענדיק זײַן. אָט, לעמאָשל, עס האָט זיך אָנגערוקט די טיפע עלטער... איליא מעטשניקאָװ האָט אמאָל אין א געשפּרעך מיט לעװ טאָלסטאָיען ארויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אז מענטשן שרעקן זיך פאַר דעם טויט דערפאַר, װײַל דאָס לעבן איז קורץ, דער אָרגאַניזם האָט נאָך ניט פאַרענדיקט זײַן נאַטירלעכן ציקל. װען דער מענטש זאָל אים האָבן פולקאָם פאַרענדיקט, װאָלט דער אריבערגאַנג פון אײן צושטאַנד אינעם אנדערן פאָרגעקומען אָן װײטעק, אפן סאַמע נאַטירלעכן אויפן. איך האָב שוין, דוכט זיך, דורכגעמאַכט דעם פולן „נאַטירלעכן ציקל", — באַמערקט אריע דאווידאָװיטש מיט זײַן װײכן שמײכל, — נאָר לעבן װיל איך נאָך...

שפּעט אינאָװנט קאָן מען אָפט זען אף דער לײדיקער מעדװעדיעװ־גאַס אן אײנציקן דורכגײער, אין א הוט אפן קאָפּ, אין אן עלעגאַנט מאַנטל אפן שטאַלטנעם קערפּער, אויסגעפּוצט ביז גלאַנץ טופל, — ניט אנדערש, א יונגערמאַנטשיק קערט זיך אום אהײם פון א ראַנדעװו.

דער „יונגערמאַנטשיק" איז אריע דאווידאָװיטש ראָטניצקי.

---

[1] — נו, איז װאָס?
[2] — ער האָט געבעטן איבערגעבן.

אווראָם ראַבינאָוויטש

לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע פון פססר, מאָסקווע

מע קאָן מעקאַנע זײַן אַט די צוויי מענטשן...

פולבלוטיק, אינטערעסאנט לעבט אַט דער מענטש. אויך איצט, ווען ער האָט שוין צעביטן דעם אכטן צענדליק יאָר, הערט ער ניט אוף צו ארבעטן אין דער הינטער־מאָסקווער שטאָט ווידנאָיע אלס פארוואלטער פון א קאבינעט פון טעכנישער אינפאָרמאציע.

מיט פרייד, מיט גרויס פארגעניגן דערמאָנט ער זיך אין יענע צײַטן, ווען זײַן גוירל האָט אים צונויפגעפירט און באפרײַנדעט מיטן גרויסן סאָוועטישן שרײַבער מיכאַיל שאָלאָכאָוו.

א ייִנגל פון פערצן יאָר, איז אבע פלאָטקין געוואָרן דער פארדינער אין דער מישפאָכע, געוועזן א קאָטשעגאר אף א דאמף־שיף, דער־נאָך — א שלאָסער אין קיִעוו, אין 1929 איז ער צווישן די פינף און צוואנציק טויזנט ארבע־טער־קאָמוניסטן, וועלכע די פארטיי שיקט אין דאָרף גרינדן קאָלווירטן. איניינעם מיט זײַנע כאווירים פונעם קיִעווער שיפרעמאָנט־זאוואָד לאָזט ער זיך אוועק אין וועג. א פוטיאָווקע פו־נעם מיליעראָווער קרײַזקאָם פון דער פארטיי ברענגט אים צו פירן אין דער סטאנציע וועשענ־סקאיא. דאָרט ווילט מען אים אויס פאָרן פאָר־זיצער פון דעם קאָלווירט אף בודיאָניס נאָמען.

שווער איז דעמלט געווען די אָרגאניזאטאָרן פון דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט. אין מארט 1930, בעשאס עס איז צעראבירט געוואָרן דער געזעלשאפטלעכער שפײַכלער מיט זוימען־טווע, האָבן די צעהיצטע און אונטערגעהעצטע קאזאטשקעס גוט ארײַנגעלייגט פלאָטקינען אין די ביינער... אָט דער „ווײַבער־אופשטאנד" איז באשריבן אין שאָלאָכאָווס ראָמאן „אופגעהויבענע רויערד". עס איז געשען אויך אזא מין געשיכטע. די קאזאקן־קאָלווירטניקעס פונעם כוטאָר טשיקארינסקי האָבן זיך אָפגעזאָגט אויס־צובראָנעווען דאָס צעאקערטע מיט א טראקטאָר פעלד, ווײַל די מאשין, ווי זיי האָבן געטײַנעט, לאָזט ארויס אָפגעסאמטן רויך, און וועלכן עס איז פארבאָרגן א שיידים־קויעך. צוויי טעג האָט אבע געפּאטערט אף אײַנריידן און איבערצײַגן די פאראקשנטע מענטשן. סאָפקאָלסאָף זײַנען זיי צו דער ארבעט צוגעטראָטן. די זעלבע קאָל־ווירטניקעס האָבן דערנאָך, זומער, הילכיק גע־לאכט פון זיך אליין, באטראכטנדיק דעם גע־דיכטן, מעכטיקן ווייצן־יאם, וואָס האָט זיך גע־כוואליעט אף זייער אויסגעבראָנעוועט פעלד.

דער געראנגל צווישן דעם נײַעם לעבן מיטן אלטן איז געווען אן אײַנגעשפארטער. האגאם בעהאדראָגעדיק, אָבער דער איבערבראָך איז פאָרגעקומען. אבען איז געלונגען צו באשאפן אין קאָלווירט א שטארקן קערן פון קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן און אקטיווע פויערים, אים האָט זיך אײַנגעגעבן פארפעסטיקן די ארבעטס־דיס־ציפלין. אפילע אין די רעליגיִעזע יאָמטויווים פלעגן די קאָלווירטניקעס ארויסגיין אין פעלד.

מיט שאָלאָכאָוון האָט ער זיך באקאנט אין 1930. דער שרײַבער איז אלט בלויז 25 יאָר, נאָר ער איז שוין אן אווטאָריטעטע פיגור. צו אים פלעגן זיך ווענדן קאָלווירטלער, קאָמוניסטן און אומפארטייִישע — פרעגן אן אייצע, אָנקלאָגן זיך אף עפעס, בעטן הילף. מיט אלעמען שמו־עסט שאָלאָכאָוו אופמערקזאם, ראט, וואָס צו טאָן, טוט א קלונג, ווען מע דארף, שרײַבט

אָן עטלעכע ווערטער. אין אַבעס אַרכיוו האָבן זיך פֿאַרהיט אייניקע שאָלאַכאָווס בריוועלעך. דער שרײַבער ווענדט זיך צו אים, אַנדרייען, ווי מע האָט אַבען גערופֿן אין סטאַניצע, מיט פֿאַרשיידענע באַקאַשעס און פֿאַרשלאָגן. לעמ־אָשל, מיט אַזאַ מין: „אַנדריי! אָט די בירגערן — דאָס איז דײַנע אַ קאָלווירטלערן. איר מאַן, קריוואָשליקאָוו מ. פּ., איז אַרײַנגעטראָטן אין קאָלווירט לעצטנס. ער איז איין אַרבעטנדיקער אין דער מישפּאָכע. כּוץ אים, זײַנען פֿאַראַן נאָך פֿינף מענטשן: אַ באָבעצי, 80 יאָר אַלט, אַ ווײַב און דרײַ אייפּעלעך, דאָס עלטסטע איז אַ פּינפּיאָריקס. אין די יאָסליעס נעמט מען ניט דאָס קליינוואַרג, און דאָס ווײַב קאָן ניט אַרויס אין פֿעלד. איבערלאָזן אָט די כעוורוסיע אָף דער אַלטיטשקער איז געפֿערלעך. מע דאַרף אונטערשטיצן. קלײַב זיך פֿאַנאַנדער אין אָט דעם איניען. באַ זיי האָט מען צוגענומען די קו, ווײַל זיי האָבן זיך ניט ספּראַוועט מיט דער זריע־פֿאַרגרייטונג. עפּשער איז מעגלעך די בעהיימע אומקערן? ווער עס אַרבעט געוויסנהאַפֿט און ערלעך, האָט פֿאַרדינט, מע זאָל אומקערן אים די קו... דערוויס זיך, ווי־אַזוי עס אַרבעט קריוואָשליקאָוו. וואָס הערט זיך עפּעס באַ דיר? ווען וועסטו שוין, פֿיש־אויג, ענדיקן זייען? אַ שאַנד! ס'איז שוין דער 23 מײַ, און דו שווײַגסט. נו, איך ווינטש דיר אַ דערפֿאָלגרײַכן פֿאַרזיי. איך דריק דײַן האַנט. מ. שאָלאַכאָוו".

דעם שרײַבערס שטוב איז געווען אָפֿן פֿאַר אַלעמען ביכלאַל און ביפֿראַט פֿאַר די אָנפֿירער פֿונעם ראַיאָן און פֿון די קאָלווירטן. מאַריע פּעטראָוונאַ, שאָלאַכאָווס פֿרוי, און זײַן מוטער אַנאַסטאַסיע דאַנילאָוונאַ פֿלעגן אויפֿנעמען די געסט ווי אייגענע מענטשן.

אַבע פֿלאָטקין דערציילט, ווי־אַזוי עס איז מיט שאָלאַכאָוון אינטערעסאַנט און לײַכט צו שמועסן. אַפֿילע בײַסן סאַמע ערנסטן געשפּרעך שטעלט ער אַרײַן אַ גלײַכווערטל, טוט זיך אַ ווייצל, און אַזוי, אַז די מיטשמועסער כאַפּן זיך באַ די בײַכער פֿון געלעכטער. קיין גלײַכגילטיקער איז שאָלאַכאָוו קיינמאָל צו קיינעם ניט געווען, טאָמיד און מיט אַלעמען — אָפֿנהאַרציק.

איינמאָל האָט אים אַבע געפֿרעגט, ווי־אַזוי עס גייט זיך אים אײַן צו זײַן אַזוי צוגעלאָזן און פּראָסט. דער שרײַבער האָט דערקלערט, אַז ליב האָבן דעם מענטשן לערנט ער זיך באַ אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש גאָרקין. יעדערער פֿאַרמאָגט אין זיך עפּעס־וואָס גוטס. גענוג, דו זאָלסט נאָר וועלן, וועסטו עס אָנטאַפּן. דאַרף מען זיך ניט פֿוילן און זוכן...

אָט דער יונגער, שטאָלטנער באָכער מיט זײַן מיליטערישער האַלטונג, מיט זײַנע לויטערע שמייכלענדיקע אויגן, העלע האָר, מיט זײַן הויכן שטערן פֿלעגט אַלעמען געפֿעלן ווערן, אַלעמען צוציִען צו זיך.

געווען איז ער אין יענע יאָרן ענג פֿאַרבונדן מיט די קאָלווירטן ניט נאָר פֿונעם וועשענסקער ראַיאָן. ער פֿלעגט זיך אינטערעסירן, וואָס עס קומט פֿאָר אין די שכייניש סטאַניצעס און כוטאָרן. אַלץ איז אים געווען נײַגעריק: וואָס עס טוט זיך אין די שולן און אין די קלובן, ווי־אַזוי עס בויען זיך די וועגן, ווי־אַזוי די אײַנוווינער לעבן — וואָס קימערט זיי, וואָס פֿרייט זיי...

דער פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט פֿלאָטקין פֿלעגט זיך אָפֿט באַגעגענען מיט שאָלאַכאָוון אָף פֿאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען, אין ראַיקאָם פֿון פּאַרטיי. אַבע פֿלעגט זײַן אַן אָפֿטער גאַסט באַם שרײַבער אין דער היים, אַרויספֿאָרן מיט אים אָף פֿישפֿאַנג און אָף יאַגד. מער, ווי עמעצער אַנדערש, ווייסט ער, אַז שאָלאַכאָוו איז אַ גוטהאַרציקער מענטש, אַ געטרײַער מיטקעמפֿער, אַז ער איז שטענדיק גרייט העלפֿן כאַווירים. אַלע אינטערעסן זײַנע אַנטפּלעקן זיך אין אַ געזעלשאַפֿטלעך נוצלעכער פֿאָרם. אָט, אַשטייגער, האָט ער איבערגעגעבן אין רעשוס פֿון ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי דעם אויטאָמאָביל „פֿאָרד", וועלכן עס האָט אים פּערזענלעך געשענקט דער פֿאַרזיצער פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט מ. אי. קאַלינין, שפּעטער — אָפּגעגעבן דאָס געלט פֿון זײַן לענין־פּרעמיע אָף אויסבויען אַ מיטלשול.

אין די דרײַסיקער יאָרן איז סעקרעטאַר פֿונעם וועשענסקער ראַיקאָם פֿון דער פּאַרטיי געווען פּיאָטער קוזמיטש לוגאָוואָי, אַלע האָבן אים גערופֿן קוזמיטש. אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם ראַיאָנעם אויספֿיר־קאָמיטעט האָט געאַרבעט ט. ל. לאָגאַטשאָוו, אַלס פֿאַרזיצער פֿונעם קאָלווירט־פֿאַריין — פּ. א. קראַסיקאָוו. דאָס זײַנען געווען מוטיקע קאָמוניסטן, געטרײַע דער סאָוועטנמאַכט. זיי האָבן זיך גוט פֿאַנאַנדערגעקליבן אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און אין די מענטשן. צו שאָלאַכאָוון האָבן זיי זיך באַצויגן מיט גרויס דערעכערעץ, דער שרײַבער האָט זיי געאַכטעט און הויך געשעצט. ביזן סאָף פֿון זײַן אַרבעט אין דער סטאַניצע וועשענסקאַיאַ איז פּ. ק. לוגאָוואָי געווען דעם שרײַבערס נאָענטסטער פֿרײַנט. מיט וואָס נאָר עס איז געווען מעגלעך, האָט ער אים געהאָלפֿן צו זאַמלען די מאַטעריאַלן פֿאַרן ראָמאַן „אויפֿגעהויבענע רויִערד".

ווען מיט אָט די כאַווײרים האָט זיך עפּעס געטראָפֿן, איז שאָלאַכאָוו דרייסט געקומען זיי צוהילף. פּרינציפּיִעל און אַקשאָנעסדיק האָט דער שרײַבער געקעמפֿט מיט פֿאַרקריפּלונגען, מיט אומגערעכטיקײַט.

געשען איז אָט וואָס. מאַכמעס די שלאַקס־רעגנס אין האַרבסט 1932 און דעם בײַזן ווינ־טער אין 1932—1933, איבער די עקסטרעמ־קײַטן, וואָס עס האָבן דערלאָזט די קאָנטישע מאַכט־אָרגאַנען, און אויך מאַכמעס דער אַנטי־סאָוועטישער טעטיקײַט פון די באַלעגופים, איז אונטערגעריסן געוואָרן די ברויט־פּאַרגרייטונג. די דעמלטיקע אָנפירער פונעם קאָנטקאָם פון דער פּאַרטיי און קאָנטויספּירקאָם האָבן באַ־שטימט אַזוי אָדער אַנדערש דעם פּלאַן אויס־פּילן, אַרויסבאַקומען דאָס ברויט באַ די פּויערים, וואָס פּאַר אַ מיטלען מע זאָל צוליב דעם ניט דאַרפן אָנווענדן. מיט צוואַנג האָט מען צוגע־נומען אין יעדן הויף דעם קערן־פּאָנד, וועלכן יעדער ערדאַרבעטער פּאַרהיט אָף צו פּאַרזייען. מע האָט קאָנפיסקירט אַלע טוווע־זאַפּאַסן. פּיל קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָט דער האַנדלונג, זײַנען אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי, מע האָט זיי רעפּרעסירט ווי באַלעגופישע סאַבאָטאַזשניקעס.

אינעם בריוו צו זײַן פּרײַנט פּיאָטער קוז־מיטש לוגאָוואָי, וועלכער האָט דאַן דאַן צײַטווײַליק געאַרבעט אָף דער סטאַנציע קאַווקאַזסקאַיאַ, שרײַבט שאָלאָכאָוו: „טײַערער פּעטיאַ! כ׳האָב דיר ניט געשריבן, ווײַל ס׳איז קיין צײַט ניט געווען צו שרײַבן. די געשעענישן אין ווּעשענ־סקאַיאַ זײַנען שוידערלעכע. קראַסיקאָוו, קאָ־רעשקאָוו, פּלאָטקין זײַנען אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, מע האָט זיי גלײַך אַרעסטירט — טאַקע דאָ אָף דער זיצונג פון דער ביוראָ. זיי דראָעט די העכסטע מאָס. די בעסטע מענטשן האָט מען פּאַרוואַנדלט אין סאָנים פון דער פּאַרטיי. דער איניען איז אַזוי ערנסט, אַז מע וועט, אַ סוואָרע, אויך דיך צוציִען... אויב די פּראַגע שטייט אַזוי, קאָן איך ניט אַראָפּנעמען די פּאַראַנטוואָרטלעכקײַט פון זיך. עס באַקומט זיך, אַז איר האָט צעוואַלגערט די קאָלווירטן, געפּאַטערט דאָס פּי, פּאַרברעכעריש געזייט, איך האָב געוווּסט וועגן דעם און געשוויגן. אויך וועגן דיר שטייט שוין די פּראַגע ניט אין מאָ־ראַלישן אַספּעקט, נאָר אין פּאָליטישן. דאָס אַלץ איז אַזוי זיגלאָז און ניט געווײנלעך, אַז עס קלעקן מיר ניט קיין ווערטער אַרויסצוזאָגן עס. אַ שווערערע, אַ מער ערנסטע באַשולדיקונג איז אומעגלעך אַרויסצושטעלן. מע דאַרף מיט דעם גאַנצן גרימצאָרן, מיט דער העכסטער האַרטנעקיקײַט זיך ראַנגלען, קעדיי אַראָפּנעמען פון זיך אָט דעם ניט פּאַרדינטן שאַנד־פּלעק! דער ראַיקאָם גייט צו אַ קאַטאַסטראָפע. וואָס וועט זײַן פּרילינג, קאָן איך זיך ניט פּאַרשטעלן, אַפּילע באַ דער אָנוועזנהײַט פון מײַן מעכאַבע־רישער פּאַנטאַזיע. כ׳האָב אופגעהערט שרײַבן. דער בלײַער פּאַלט אַרויס פון מײַן האַנט. די



א. פּלאָטקין אינעם „שאָלאָכאָוו־זאַל״ פון דער מאָסקווער שול נומ. 504

לעצטע געשעענישן האָבן מיך דול גע־מאַכט״.

שאָלאָכאָוו ווענדט זיך אין צענטראַל־קאָמי־טעט פון דער פּאַרטיי. דער ענטפּער איז גע־קומען גאָר גיך. 150 טויזנט פּוד טוווע זײַנען צוגעשיקט געוואָרן אין דער סטאַניצע ווּעשענ־סקאַיאַ. עס איז געקומען אַ פּאַרשטייער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט. צען טעג איז שאָלאָכאָוו אַרומגעפּאָרן מיט אים איבערן ראַיאָן. די קאָל־ווירטניקעס האָט מען אומגעקערט זייערע רע־קוויזירטע בעהיימעס, דעם צוגענומענעם באַ זיי קערן־פּאָנד. אַלע אומשולדיק אַרעסטירטע זײַ־נען באַפּרײַט געוואָרן, בעסוכעם אויך פּלאָטקין. ווידער שטעלט מען אים אוועק בעראָש פונעם קאָלווירט אָף בודיאָניס נאָמען.

אָף אַ ספּעציִעלער זיצונג באַהאַנדלט דער סעקרעטאַריאַט פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי די פּראַגע וועגן די האַנדלונגען אין ווּעשענסקער ראַיאָן. אָף דער זיצונג זײַנען בײַגעווען שאָלאָכאָוו, פּלאָטקין, פּאַשינסקי. דער סעקרעטאַריאַט האָט פּולקאָם אופגעשטעלט די סאָוועטישע געזעצלעכקײַט אין ווּעשענסקער ראַיאָן און באַשטראָפט די שולדיקע.

דער גרויסער שרײַבער שענקט דאַן דעם פּאָרזיצער פונעם קאָלווירט זײַן בוך „שטילער דאָן״ מיט אַן אופשריפט: „א. פּלאָטקינען, דעם פּרײַנט, וועלכער האָט „איבערגעבויגן דעם שטעקן״, — אין אָנדענק פונעם באַדײַטנדיקן 1933 אין ווּעשענסקער ראַיאָן, און אויך אין אָנדענק פון דער געמיינזאַמער רײַזע קיין מאָ־סקווע און פון די דאָרטיקע געשעענישן. 6 יול

א. פלאָטקין (אין צענטער מיטן פאָטאָ־אַפּאַראַט)
אַף א באַגעגעניש אין דער סטאַניצע וועשענסקאַיאַ

1933. שאָלאָכאָוו". ווי א רעליקוויע, ווערט אָפּ־געהיט בא פלאָטקינען אָט די מאַטאַנע.

אין זײַנעם א בריוו צו פלאָטקינען, דאַטירט מיטן 1961, טיילט מיט פ. א. קראַסיקאָוו: „איך האָב זיך באַגעגנט מיט מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטשן, ער האָט מיך אַרומגענומען, ביידע האָבן מיר פון פרייד געלאָזט א טרער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר קאָסטן אים ניט ביליק, די כאַווירים־פרײַנט זײַנע. אַזעלכע כאַווירים, ווי מיר זײַנען בא אים געווען, זײַנען שוין מער ניטאָ. אין זײַן האַרץ שטעקן מיר ביז אַדהײַנט".

אין דעקאַבער 1964 שרײַבט שאָלאָכאָוו אַבען: „אונדז פאַרבינדט זייער פיל פון יענע ווערטן, וועלכע זײַנען אומפאַרגעסלעך. אין שטאַרק פאַראַנטוואָרטלעכע יאָרן זײַנען מיר געגאַנגען מיט דיר באַנאַנד, אין איין ווזוואַד פון אונדזער פאַרטיי..." שאָלאָכאָוו פאַרענדיקט דעם בריוו אַזוי: „איך באַגריס דיך מיטן נײַ־יאָר, לעכאַים אונדזער אַלטער פרײַנטשאַפט! ווי נאָר דו וועסט באַקומען דעם בריוו, טרינק אויס א ביסל מאַשקע פאַר אונדז פאַר ביידן, פאַר אַלע אונדזערע פרײַנט — לעבעדיקע און שוין טויטע".

פלאָטקין געדענקט, אַז שאָלאָכאָוו פלעגט טאָמיד אַקטיוו זיך באַשעפטיקן מיט די קאָלווירטישע איניאַנים. ער איז געווען א צוגעלאָזענער, צו זײַנע אייצעס האָבן זיך אַלע צוגעהערט. אין 1935, נאָך זײַן רײַזע קיין דענעמאַרק, האָט ער דערציילט די קאָלווירטניקעס, ווי־אַזוי אין אָט דעם לאַנד באַאַרבעט מען די ערד, ווי־אַזוי מע באַדינט דאָס פי.

בײַס דער פאַטערלענדישער מילכאָמע איז פלאָטקין דירעקטאָר פון א מאַשינבוי־זאַוואָד אין אַלאַפּײַעווסק אַפן אוראַל. די פאַרבינדונג מיט שאָלאָכאָוון איז איבערגעריסן. פּלוצעם, אין פעוורואַל 1946, באַקומט ער פון שאָלאָכאָוון א בריוו, אין וועלכן ס'זײַנען, צווישן אַנדערע, פאַראַן אַזעלכע שורעס: „מענטשן אין וועשענסקאַיאַ זײַנען איצט דאָ ווייניק, און אַרבעט — דער רויך ווייסט וויפל! עפּשער וואָלסטו זיך געזעגנט מיט דײַן דירעקטאָרישער העסע־בעט און אַריבערגעפאָרן צוריק אין ליעביאַזשי? איך פערזענלעך וואָלט געווען צופרידן ווידער דיך זען בא אונדז, און די קאָלווירטניקעס דערמאָנען דיך אָפט. איז קלײַב זיך צום פרילינג אין וועג אַרײַן, אין די היימלעכע קאַנטן. וואָס וועסטו דערוף זאָגן? וועגן די אייסאַקים אין ראַיאָן וועל איך ניט שרײַבן, מיטלמעסיק גייט די אַרבעט, מיסטאָם ווייסטו עס — די ליעביאַזשינצעס אינפאָרמירן דיך מיסטאָמע. מײַן פרוי און די קינדער זײַנען געזונט. די מאַמע, וועלכע האָט דיך אָפט מעכאַבעד געווען מיט אירע מײַכאָלים, איז אומגעקומען בײַס א באָמבאַרדירונג בא מיר פאַר די אויגן — כ'בין דאַן געווען אין דער היים, געקרענקט נאָך אַן אומגעלונגענעם פלוג אַף אַן אַעראָפּלאַן"...

אַבען האָט שטאַרק א צי געטאָן צום אַלטן פרײַנט. ער האָט אויסגעבעטן בא זײַן נאַטשאַל־

סטווע א קורצן אורלויב און איז געקומען אין ווען־שענסקאַיאַ. א פריידיקע איז געווען די באַגעגעניש מיט מיכאיל אלעקסאַנדראָוויטשן און מיט די קאָלווירטניקעס, אָבער פּלאָטקין איז שוין געווען איבער די אויערן פאַרנומען מיט מאַשינבוי. אין די דאָנער קאַנטן האָט ער אַף שטענדיק זיך ניט אומגעקערט.

איצט, מיט פיל יאָרן שפּעטער, האַלט אָבער פּלאָטקין, אַז ער איז באַגאַנגען א פעלער, וואָס ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו שאָלאָכאָווס אייצע...

אין 1947 פירט מען אים איבער אין דער הינטערמאָסקווער שטאָט ווידנאָיע, ווו ער איז דירעקטאָר פונעם היגן זאַוואָד. די סטאַניצע ווען־שענסקאַיאַ באַזוכט ער דערנאָך אָפט. צווישן אים און שאָלאָכאָוון ווערט פאַרגעזעצט דער בריוו־אויסטויש. בײַ איינער פון זייערע באַגעגענישן שענקט אים שאָלאָכאָוו זײַן בוך „זיי האָבן געקעמפט פאַרן היימלאַנד" מיט אַן אויפשריפט: „דעם טײַערן א. פּלאָטקינען אַף אָנדענק וועגן דער אַלטער פרײַנטשאַפט, וועלכע ווערט ניט פאַרזשאַווערט. מ. שאָלאָכאָוו. 4 מײַ 1972".

שאָלאָכאָוו שרײַבט אָבער: „א שטיק צײַט בין איך געווען אַף דיר אין כּעס, וואָס דו האָסט זיך ניט אומגעקערט אין קאָלווירט, ס'האָט דיך, טײַוול איינער, א צי געטאָן צו דער ווײַסער פּײַקע, אַף גרינג ברויט... וואָלסט פיל געקאָנט אויפטאָן אין יענער צײַט. דאָן, ברודערקע, וואָלסטו בײַ אונדז געקערט וועלטן! אַגעוו, דאָס איז ניט בלויז מיט דיר פאָרגעקומען. לוגאָוואָי און פיל אַנדערע זײַנען אויך זיך באַגאַנגען אַזוי, טראַכטנדיק, אַז אַלץ, אַף וואָס זיי זײַנען פּײַיק, האָבן זיי אויפגעטאָן לעטויווּעס דער לאַנדווירטשאַפט... אייניקע, קאָן זײַן, האָבן געקלערט, אַז ס'איז גענוג קאָלויצען זיך אַליין די גאַל אַף אָט דער אַכילע... נאָר דאָס איז געווען אַמאָל, און מײַן „כּעס" איז אַנטרונען. געבליבן איז מײַן ליבע, מײַן דערעכערעץ, מײַן צוגעבונדנקײַט צו אײַך און א טרויעריק רויכל פון דערינערונגען וועגן דעם טײַערן, האַגאַם זייער שווערן, אָבער העראָישן אוואַר".

אין מײַ 1975, ערעוו שאָלאָכאָווס זיבעציקסטן געבורטסטאָג, האָט זיך אַבע אין מאָסקווע באַגעגנט מיט אים און מיט זײַן פרוי מאַריִע פּעטראָוונאַ. פּלאָטקין דערציילט, אַז דער שרײַבער איז דעמלט געווען שטאַרק באַזאָרגט מאַכמעס די פאָרשטייענדיקע פּײַערונגען, און טאַקע אין יענעם טאָג איז ער קראַנק געוואָרן, אַרײַנגעפאַלן אין שפּיטאָל. געקרענקט האָט ער לאַנג. ניט געקאָנט בײַזײַן אַף די פּײַערונגען לעקאָוועד זײַן יויוול.

אין אווגוסט 1976 מאַכט דורך דער געוועזענער פאָרזיצער פונעם קאָלווירט אַף בודיאָניס נאָמען אַבע פּלאָטקין א רײַזע פון הינטערמאָסקווע קיין ווען־שענסקאַיאַ אַף זײַן אַלטיטשקן „מאָסקוויטש". אומעטום זעט ער מעכטיקע טראַקטאָרס, קאָמבײַנען, אווטאָמאָבילן. די הײַנטצײַטיקע מעכאַניזאַטאָרן זײַנען מענטשן געשולטע, זיי ווייסן ניט פון קיין מאַטערנדיקער מי, האַגאַם קיין ליידיקגייער זײַנען זיי ניט. פאַרפונדעוועטע זײַנען די קאָלווירטן. קולטורעל, זאַט, ווירדיק לעבן די קאָלווירטניקעס אַפן שטילן דאָן.

און אַדהײַעם, ווי פריִער, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען ער, אַבע, איז געווען א דאָרטיקער טוישעוו, א פינף־און־צוואַנציקטויזנטלער, לעבט אין ווען־שענסקאַיאַ דער גרויסער שרײַבער מיכאיל שאָלאָכאָוו, וועמענס כּיילעק אין שאַפן די קאָלווירטן איז גוואַלדיק גרויס.

בײַ דער לעצטער באַגעגעניש האָט שאָלאָכאָוו איבערגעגעבן זײַן פאָרטרעט פּלאָטקינען מיט אַן אויפשריפט: „אָט אַזוי ביז הײַנט־צו־טאָג לעבט די פרײַנטשאַפט. מ. שאָלאָכאָוו".

מע קאָן מעקאַנע זײַן אָט די צוויי מענטשן, וואָס האָבן אין פרײַנטשאַפט געפונען שעפע און שעפערישקײַט.

דאָוויד פּיישטער

ראַוונאַ

באָרשטש און קוויטן

דאָס ערשטע, וואָס איך דערזע, אַרײַנגייענדיק אין גאָרניקס קאַבינעט, איז אַ סטאָס נומערן פונעם זשורנאַל „בלומענצוכט" אַף דעם שרײַבטיש. איין ביכל ליגט צעעפנט, עטלעכע שורעס זײַנען אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלײַער.

— ס'גלוסט זיך מיר וויסן, צוליב וואָס גאַרניק — אַ קולינאַר, אַ פאַרוואַלטער פון גאַרקיכן — שטודירט אַן אַרטיקל וועגן דעקאָראַטיווע געוויקסן. אין קעסל טויגן זיי ניט — קיין יויך וועסטו פון זיי ניט קאָכן.

גאַרניק שמייכלט:

— אין קאַפע „בעריאָזקאַ" זײַנט איר געווען? ניין? איז קומט.

ער טוט אָן דעם מאַנטל.

גיין דאַרף מען ניט ווײַט. דער טאָג איז אַ גרויער, אַ נעפּלדיקער, עס שיט אַ שניי, ס'איז קאַלט. איבערטרעטנדיק די שוועל פון קאַפע, דערפיל איך ווי ס'איז דאָ וואַרעם. נאָר מער פון אַלץ — די שײַן, וועלכע שטראָמט, דוכט זיך, פון אומעטום, פון אַלע זײַטן — ניט אַנדערש, די אַרומיקע בונטע גרינע געוויקסן שטראַלן זי אויס. דאָס איז ווונדערבאַר.

אין קאַפע „דאַראַזשני", וווהין גאַרניק פירט מיך נאָכדעם, איז ביכלאַל אַ גאַניידן. מיר קומען אַרײַן אין קינדער־זאַל, און דער אײַנדרוק איז אַזאַ, אַז, קלומערשט, דו שטייסט אַף אַ לאָנקע מיט זאַפטיק גראָז און מיט קוסטעס, צווישן צעוואָרפענע שטיינער מורמלט אַ ריטשקעלע... מע דאַרף פאַרמאָגן שעפערישע פאַנטאַזיע און פיל ליבע צו די קינדער, קעדיי באַשאַפן אַזאַ מין צויבער־מײַסעלע.

קורץ, צוליב וואָס אַף גאַרניקס טיש ליגט אַ סטאָס נאַטורוויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן איז שוין מיר קלאָר, נאָר פאַר גאַרניקן איז עס קאַרג, און ער רעדט מיך אײַן, כ'זאָל כאַטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אַף דעם ווינטער־גאָרטן פון די אײַזנבאַנלער. קיין כאַראָטע האָב איך ניט. אַלץ איז ווונדערלעך אין אָט דעם סאָד — די בליִענדיקע רויטע רויזן, די בערעזעס און פאַלמעס, די פייגל־צוויטשערײַ. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פאַרגעניגן קומען אַהער מענטשן אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע, פאַרזוכן אַ קאָקטייל, קוויקן זיך מיט אַ נאַשערײַ...

גאַרניק זאָגט, אַז ווען אַ מענטש עסט, דאַרף ער זיך ניט נאָר אָנזעטיקן, נאָר אויך אָפּרוען זיך, באַפרײַען זיך פון אַלע זאָרגן, ער דאַרף אַרויסגיין פון גאָרקיך אַן אָפּגעפרישטער, אַן אָנגעלאָדענער מיט ענערגיע...

איבערגענוג האָט זיך גאַרניק אָנגעהאָרעוועט, ביז עס איז אים געלונגען פאַרוואַנדלען זײַנע גאָרקיכן און קאַפע־הײַזער אין מוסטערהאַפטע אונטערנעמונגען, וועלכע האָדעווען גוט און ברענגען רעווּעך. קעדיי עס דערגרייכן, האָט מען געדאַרפט זײַן אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר. אַליין פאַרקאַטשען די אַרבל — נעמען די זעג אין דער האַנט אָדער דעם האַמער. ער האָט שטענדיק געפונען די נייטיקע מאַטעריאַלן, געוויקסן, זוימען, אָפּגעזוכט ספּעציאַליסטן, אָן וועלכע ס'איז געווען אומעגלעך אויסשטאַטן און אויספורעמען די געמיטלעכקײַט.

ביכלאַל איז גאַרניק אַ טשיקאַווער מענטש. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז כּוץ די מיליטער־אָרדענס און מעדאַלן, וועלכע ער האָט געבראַכט פון דער מילכאָמע, פאַרמאָגט ער דרײַ אוניקאַלע באַלוינונגען: ער איז אַן ערן־שאַכטיאָר, אַן ערן־אײַזנבאַנלער און אַ פאַרדינסטפולער טוער פון האַנדל פון פססר.

צוואַנציק יאָר, ביז יענעם האַרבסט 1939, ווען די רויטע אַרמיי האָט געבראַכט קיין מײַרעוו־אוקראַיִנע די לאַנג דערוואַרטע פֿרײַהייט און גערעכטיקייט, האָט גאַרניק געלעבט אונטערן יאָך פֿון די פּוילישע מאַגנאַטן און פּריצים אין אַקשאָנעסדיקן געראַנגל פֿאַר אַ ביסן ברויט, פֿאַר מענטשלעכער ווירדע, געלעבט אינעם קאַנט, וועגן וועלכן עס זינגט זיך אין דער פֿאָלקסליד:

קאָלאָמיי, קאָלאָמיי,
אַז אָך און וויי,
ווי אַ קער זיך, ווי אַ דריי,
צי אַ רעגן, צי אַ שניי —
אין קאָלאָמיי איז אָך און וויי...

ווען גאַרניקס טאַטע זאָל קאָנען אַ קוק טאָן, ווי־אַזוי עס לעבט איצט זײַן זון, וואָלט ער מער פֿון אַלץ, מיסטאָם, באַוווּנדערט זײַן אײַז־קאַסטן. ער, יויסעף, האָט פֿון אַזעלכע ניסים־וועניפֿלאָעס אַפֿילע טרוימען ניט געקאָנט. און, צוריקגערעדט, צוליב וואָס האָט ער, דער בעקער־אָרעמאַן, געדאַרפֿט האָבן אַן אײַז־קאַסטן? וואָס וואָלט ער געקאָנט אַרײַנשטעלן אַהין, כּוץ דעם דאַלעס? אָבער זײַן דאַלעס וואָלט זיכער אַהין ניט אַרײַנגעקראָכן — אַזוי גרויס איז ער געווען.

קוים זיך אויסגעלערנט איוורע, איז גאַרניק געצוווּנגען געווען אָנטאָן אויף זיך דעם אָל פֿון פּאַרנאָסע. מע גיט אים אָפּ פֿאַר אַ לערן־ייִנגל אין רעסטאָראַן צום גוויר ראָטנבערג — די נאַיִווע עלטערן האָבן געהאָפֿט, אַז זייער קינד וועט כאָטש אין רעסטאָראַן זיך זאַט אָנעסן.

דער קליינער גאַרניק פֿלעגט שלעפּן פֿולע עמער וואַסער, האַקן האָלץ, וואַשן דאָס געפֿעס. יעדן מעסלעס פּופּצן און אָפּט זעכצן שאָ אויף די פֿיס. עס פֿלעגן זיך אויף אים שיטן זידלערײַען, קלעפּ, באַליידיקונגען, ווער נאָר עס האָט געקאָנט, פֿלעג זיך איבער אים איזדעקעווען.

דער ביסן גייט ניט אין מויל. ווי אַ טויטער, פֿאַלט ער אַלעמאָל אויף זײַן געלעגער אָדער ער ווערט אָנשלאָפֿן גלײַך אויפֿן דיל. מער ווי צוויי יאָר האַלט ניט אויס גאַרניק דעם יאָך — ער אַנטלויפֿט, וווּהין די אויגן קוקן, וואָגלט פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער, אַרבעט אין זאַקאָפּאַנע, אין לוואָוו — דערדינט זיך צו דער מאָדרייגע פֿון אַ קעכער. די שווערע אַרבעט ברעכט אונטער זײַן געזונט: אין האַרבסט 1938 ווערט ער קראַנק. וועגן אַ קוואַליפֿיצירטער מעדיציניַשער הילף קאָן קיין רייד ניט זײַן. מיט גרויסע צאָרעס קערט זיך גאַרניק אום אַהיים. קימאַט אַ יאָר ליגט ער אָפּ אין בעט. דאָס איינציקע, וואָס טאַטע־מאַמע קאָנען פֿאַר אים טאָן, איז וויינען און בעטן, מע זאָל זאָגן טילים אין בעסמעדרעש.

און ווען ער איז שוין געווען אײַנגאַנצן האָפֿענונגסלאָז, איז געבליבן דאָס לעצטע מיטל: אָפּנאַרן דעם מאַלכאַמאָוועס — בײַטן דעם נאָמען באַם כוילע. אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער נאָמען גערשן. ביז דער קרענק האָט מען אים גערופֿן פֿראָיִם. ווען דער מאַלכאַמאָוועס איז געקומען נאָך פֿראָיִמען, איז שוין אויף יענעמס אָרט געווען גערשן... אַזוי צי ניט אַזוי, נאָר פֿראָיִמס — איצט שוין גערשנס, אָדער, ווי די כאַווײרים רופֿן אים, גאַרניקס יונגער אָרגאַניזם האָט גוויווער געווען די קרענק.

— איך האָב געקראָגן ניט נאָר אַ נײַעם נאָמען, — זאָגט גאַרניק. — אַ נײַע וועלט האָב איך באַקומען: אין קאָלאָמיי איז שוין געשטאַנען די רויטע אַרמיי.

דער 22 יוני 1941 איז פֿאַרקריצט אין גאַרניקס זיקאָרן ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס ער, דעמלט שוין אַ שיסער־ראַדיסט, האָט זיך אויפֿגעהויבן מיט זײַן עקיפּאַזש אין דער לופֿט אויף זייער ערשטער שלאַכט מיט די פֿאַשיסטן. אין יענעם טאָג איז גאַרניק געוואָרן אַ קאָמסאָמאָלעץ. ביזן סאָף דעקאַבער קעמפֿט ער אין הימל מיטן סוינע. ער ראַנגלט זיך געטרײַ, פֿלײַסיק, פּילט אויס זײַנע פֿליכטן פֿון אַ סאָוועטישן שלאַכטמאַן. פֿײַער און טויט טראָגט ער די היטלעריסטישע מערדער. לעבן דער שטאָט סטאַראָבעלסק, אויף אוקראַיִנע, האָבן די פֿאַשיסטן אונטערגעצונדן זײַן באָמבאַרדירער.

ער קומט צו־זיך ערשט אין שפּיטאָל: דאָס גאַנצע לײַב פֿלאַמט בײַ אים פֿון בראַנד־וווּנדן. מע היילט אים לאַנג. אָבער אומקערן זיך אויפֿן פֿראָנט גיט זיך אים ניט אײַן. אין האַרבסט 1942 באַפֿרײַט מען אים פֿון דער אַרמיי.

וואָס פֿאַר אַ צושטײַער קאָן איצט געבן דעם זיג ער, אַ דעמאָביליזירטער סטאַרשינאַ?

ער האָט זיך אַפֿילע געשעמט אָנרופֿן זײַן פֿאַך. מיט וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן ער, אַ קעכער, דאָ אין הינטערלאַנד העלפֿן שלאָגן דעם סוינע?

אין שטאָטקאָם פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, לאָזט זיך אויס, האָט מען געוווּסט, מיט וואָס ער קאָן צוניץ קומען — מע האָט אים טייקעף געשיקט אַרבעטן אַלס פּראָדוציר־פּאַרוואַלטער אין דער גאַרקיך פֿון אַ שאַכטע.

ניט מער און ניט ווייניקער: זיבן טויזנט מענטשן האָט מען געדאַרפֿט אָנהאָדעווען יעדן טאָג, זיבן טויזנט קוילנגרעבער, וועלכע האָרעווען אַ גאַנצן טאָג אינעם אונטערגרונט, אין דער ערד־טיפֿעניש. זײַן גאַנצע דערפֿאַרונג, וועלכע ער האָט געקראָגן בעשאַס דעם פּײַנוועג איבער די גווירישע באַלעבאַטישע רעסטאָראַנען, נוצט איצט אויס גאַרניק מיט דער פֿולער מאָס לעטויוועס די טײַערע שאַכטיאָרן.

יעדער גראַם ברויט, יעדער טראָפּן מילך איז געווען מיט גאָלד גלײַך, גאַרניק איז געשטאַנען אױף דער וואַך, געשפּירט, אַז קיין איין גרויפּעלע זאָל ניט אוועקגיין „אױף לינקס" — אַלץ זאָל אַרײַנפּאַלן אין קעסל. מיט דער גרעסטער מײַסטערשאַפט פון אַן עכטן פאַכמאַן שאַפט גאַרניק זײַנע מײַכאַלים. דער אַסאָרטימענט אין דער גאַרקיך פון דער שאַכטע אױף קאַלינינס נאָמען איז דער גרעסטער און בעסטער אין פּראָקאָפּיעווסק. אין די עסצימערן פון דער גאַרקיך נומער 31 איז טאָמיד ריין און זויבער.

גאַרניק פירט אַרײַן אין מעניו דעםווילדן קנאָבל, וואָס הייסט קאַלבאַ. אַ שלעכטן רייעך האָט דער געוויקס, אָבער זײַנע מײַלעס זײַנען גרעסער, ווי דער כיסאָרן — קאַלבאַ היילט צינגאַ. גאַרניק מאָבילוזירט די קאָמסאָמאָלצעס — עטלעכע הונדערט יונגע יאַטן פאַרברענגען זייערע אָפּרו־טעג אין וואַלד און ברענגען פון דאָרטן קאַלבאַ. מיט דער צײַט האָבן די שאַכטיאָרן אױפגעהערט צו באַמערקן דעם שווערן רייעך פון דער קאַלבאַ און געדאַנקט פאַרן נוצלעכן אופּטעל. איינמאָל איז צו גאַרניקן צוגעגאַנגען דער באַרימטער שאַכטיאָר אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו, דער מענטש, וואָס איז נאָך בײַם לעבן געוואָרן אַ לעגענדע, און שטאַרק געדריקט זײַן האַנט:

— ביסט אַן עכטער קוילנגרעבער, כאָווער גאַרניק. דאָביוועסט אויצרעס. דערפֿאַלגן דיר אין דײַן ווײַטערדיקער אַרבעט!

אין 1944 קערט זיך גאַרניק אום אױף דער אוקראַיִנע. מיט זײַן געווײנלעכער ענערגיע נעמט ער זיך האָדעווען די אײַזנבאַנלער פון ראַוונאָ. די באַדינגונגען זײַנען דאָ אַ סאַך ערגערע, איידער אין פּראָקאָפּיעווסק. וואָס זשע טוט מען? קיין קאַלאָריען אין ראַוונער געגנט זײַנען נאָך דעמלט ניט געווען. אין אָפּטייל פון אַרבעטער־באַזאָרגונג (אָרס) פון דער אײַזנבאַן האָט גאַרניק אַנטדעקט זאַפּאַסן זאַלץ. לויט זײַן פֿאָרשלאָג באַשטימט מען בײַטן זאַלץ אױף פּראָדוקטן בײַ די פּויערים אין די ווײַטע דערפער און כוטאָרס פון דער געגנט. ס׳איז אָבער ניט אַזוי פּאַשעט עס אופּצוטאָן: אױף די וועגן לויערן באַנדערישע גאַרגלשנײַדער, היטלערישע באַנדיטן, וועלכע רויבן און טעראָריזירן די באַפעלקערונג. מיט אַ מאַשין זאַלץ לאָזט זיך גאַרשן אין וועג, אַנגעטאָן אין אַלטער פּרפּײַקע און אין שווערע שטיוול. ער שטייט אויס פיל סאַקאַנעס, אָבער זײַנס דערגרייכט ער. שטאַרק איז די פרייד, ווען ער קאָן דערלאַנגען צום טיש פון די אײַזנבאַנלער אַן איבעריק שטיקל כאַזער־פעטס, נאָך אַ גלאָז מילך אָדער אַ ביסל אויבסט און פּרוכטן.

נאָך דער אָפּשאַפונג פון דער קאַרטלעך־סיסטעם אַנטפּלעקט זיך מיט דער גאַנצער פּראַכט גאַרניקס אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט. די גאַרקיך פון די אײַזנבאַנלער ווערט די סאַמע פּאָפּולערע אין שטאָט. דאָ איז שטענדיק אַ גרויסער אויסוואַל פון מײַכאַלים. יעדעס געקעכץ בײַ גאַרניקן איז געשמאַק און פריש און האָט דערבײַ, אַזוי צו זאָגן, זײַן פּאָנעם. אַ ראָסלפלייש דערלאַנגט מען אין ספּעציעלע ליימענע טעפּעלעך, פיש — אין גלעזערנע טעלער...

גאַרניק שפּרודלט מיט איניציאַטיוו. ער פֿאָרט קיין מאָלדאַוויע, אין ווײַסרוסלאַנד, אין בײַבאַלטיק — אומעטום קוקט ער אויס דאָס נײַס, דאָס פּאָרגעשריטנס און פירט עס אײַן בײַ זיך אין גאַרקיך. אַ יונג באַכערל האָט אָנגעשריבן אין אָפּרוף־בוך: „אין גאַרניקס סטאָלאָווע איז געשמאַק און זאַט, ווי בײַ דער מאַמען"...

אין אַלע פיר גאַרקיכן, מיט וועלכע עס פאַרוואַלטעט איצט גערשן, אין די בופעטן, קאַפע, קולינאַריע־קלייטן, צעכן, געהילפס־ווירטשאַפטן — אומעטום איז בײַ אים, ווי בײַ דער מאַמען...

ער האָט דערצויגן אַ גרויסע צאָל שילער. דרײַ פרינציפן באַשאַפן דעם יעסאָד פון זייער אַרבעט: ערלעכקײַט, ליבע צום מענטשן און מײַסטערשאַפט. אַלס בײַשפּיל דינט פאַר זיי שטענדיק גאַרניק.

גאַרניק און זײַן פרוי האָבן צוויי טעכטער. די עלטערע איז אַן אינזשעניער־עקאָנאָמיסט, די ייִנגערע אַ קאַנדידאַט פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן. מער פון אַלע אָבער האָט גערשן ליב זײַנע צוויי אייניקלעך, מיט וועלכע ער טרוימט זיך אָנצושפּילן ביז זעט, ווען ער וועט שוין זײַן אױף פּענסיע. נאָר צו דעם, ווײַזט אויס, איז נאָך גאַנץ ווײַט.

ס. מײַדאַניק

בערדיטשעוו

צוויי בערדיטשעווער



1. דער שעף פונעם צעך

זײַן ארבעטס־קאבינעט געפינט זיך אפן צווייטן שטאָק פונעם צעך — אַף די אנטרעסאָלן. דורך די ברייטע פענצטער זעט ביניאַמין מיקוניס אלץ פון אונטן: די מענטשן, די הודענדיקע ווארשטאטן, דעם שווייסער־באצירק, ווו עס פלאמען אוף בלויע אווטאָגען־פײַערלעך, די טיר, וואס פירט אינעם גומירנדיקן אַפטייל, פונוואַנען עס רײַסט זיך ארויס עפּעס א בין־גאַר שארפער גערוך, און ווײַטער דעם ברייטן דורכגאנג צום פלאסטמאסע־באצירק.

אינמיטן צעך שטייט א סטענד, אַף אים — אפאראט „פראם־200". טאקע ער רופט איצט ארויס בא מיקוניסן ספּייקעס. צי וועט אַט די מאשין באַרעכטיקן די האָפענונגען?

מיקוניס לייענט ווידער די צייכענונגען, וועלכע ליגן פאנאנדערגעוויקלט אף זײַן שרײַבטיש. ער קלערט, מע וועט, ווײַזט אויס, מוזן פארבעטן די קאָנסטרוקטאָרן און באהאנדלען די פּראָבלעם. דערווײַל אײַלט ער זיך מיט דעם מײַסטער לעאָנארד זאקרעווסקי און מיטן אינזשעניר־טעכנאָלאָג וויקטאָר סאַוויטשעוו. ס'איז א שעפערישער געשפרעך. זיי פארשטייען איינער דעם אנדערן גאנץ גוט.

— עפשער וואָלטן מיר צוגעפאסט פאר די באוועגלעכע פּליטעס און פאר דעם פילטרירנדיקן געוועב באזונדערע, אווטאָנאָמע טראנסמיסיעס? — זאָגט ארויס א געדאנק מיקוניס.

זײַנע מיטשמועסער הערן זיך צו אופמערקזאם. מעגלעך, אז דאָס איז דער בעסטער אויסוועג.

די קאָנסטרוקטאָרן שיבאנאָוו און בראַיאַק, וועלכע מיקוניס האָט אײַנגעלאַדן צו זיך, זײַנען צוערשט אומבייגזאם, אמפערן זיך אנטשיידן. קיין איין ליניע, קיין איינציקן שטריך אין די צייכענונגען וועלן זיי ניט ענדערן. אָבער אין גאנג פון דער באראטונג, ווען די קאָנסטרוקטאָרן קלאָרן אויס, וווהין עס צילט מיקוניס גדאנקענגאנג, הייבן זיי אָן זיך וואַקלען:

— מײַלע, איך בין מאסקים, — זאָגט שיבאַנאָוו ניט גאַר צופרידן.

— מיקוניס דרייט איבער אף זײַן אויפן... — באמערקט ווארטשענדיק בראַיאַק.

יעדע מאשין, איידער מע הייבט זי אָן פּראָדוצירן סעריִעסווײַז, מאכט דאָ דורך אלע באַארבעטונגס־פּראָצעסן, און אזויארום ווערט אויסגעפּרוווט די נײַע טעכנאָלאָגיע, וועלכע מע פירט דערנאָך אײַן אין דער גאנצער אונטערנעמונג.

שטיין בעראַש פון אזא מין צעך איז א פאראנטווארטלעכע זאך, מע דארף פארמאָגן טייפע טעכנישע קענטעניש, א גענוגנדיקע פּראקטישע דערפארונג.

2. דער טאָקער

אונטער איין דאך מיט מיקוניסן, נאָר אף אן אנדער באצירק, שטייט בא זײַן ווארשטאט וולאדימיר בונטשיק. ער שפּירט, ווי פון אונטער דעם שנײַד־אײַזן שלענגלט זיך און פינקלט אף דער זון א פּיִאַלעטעווע סטרוזשקע, און האַגאם זי איז א שיינע און געפעלט אים, קלערט ער ניט אזוי וועגן איר, ווי וועגן דער דעטאל, פון וועלכער די סטרוזשקע שיילט זיך אָפּ. אויסטאָקן אזא מין קאָמפּליצירטע דעטאל איז ניט פּאַשעט. עס פאָדערן זיך געניטע הענט, און אויך דער קאָפּ דארף זײַן א קלאָרער.

בונטשיק באטראכט זײַן ארבעט, וואָס איז ערשט אראָפּגענומען פונעם ווארשטאט. ער לייגט זי איבער פון איין דלאָניע אין דער צווייטער, ווײַל זי איז נאָך א הייסע און ברענט די הענט. ער בלאָזט אפילע אף איר, זי זאָל זיך וואָס גיכער אָפּקילן. יאָ, בונטשיק איז צופרידן — די דעטאל איז גוט געמאכט. ער לייגט זי אוועק אפן סטעלאזש. דאָרט איז שוין פאראַן א גאנץ בערגל אזעלכע דעטאלן. און אלע —

בינימין מיקוניס

פון בעסטער קוואַליטעט. בונטשיק ווייסט, אַז באַרימען זיך איז ניט גוט, אפילו אַ מײַסטער־ווירטואָז ווערט קאַליע פון לויבגעזאַנגען. באַ־זונדערס איז געפערלעך זעלבסטפאַרליבטקײַט. אָבער וווּהין זיך אַהינטאָן, אויב באַ אים, באַ בונטשיקן, זײַנען פאַרט גאָלדענע הענט? בונ־טשיקס פּראָדוקציע גייט פאַרבײַ דעם אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל, ער אַליין קאָנטראָלירט זיך, אים האָט מען פאַרטרויט דעם ערשטן אָפּן בערדיטשעווער זאַוואָד „פּראָגרעס" אַ פּערזענ־לעכן שטאַמפּ, זײַן וואַרשטאַט באַפּוצט אַ ווימ־פּעל מיט אַ צייכן פון קוואַליטעט.

אַלע מאָל, ווען דעם צעך שטייט פאָר אַ קאָמפּליצירטע אַרבעט, מאָביליזירט מען קוי־דעמקאָל בונטשיקן. זײַן שנײַד־אײַזן דרינגט אַרײַן אין אַזעלכע ווינקלען, אין אַזעלכע טיי־פענישן פון די דעטאַלן, אין וועלכע געוויינלעך אַרײַנדרינגען איז שווער. אין יעדער באַזונדער

וולאַדימיר בונטשיק

פאַל דערפינדעט ער צופאַסונגען. מיט זייער הילף גרינגט אים באַוויזן אײַן ווונדער נאָכן צווייטן. פאַרשטייט זיך, אַז יעדעס מאָל קומט אים אויס געבוי דורכצוטראַכטן די טעכנאָלאָגיע פון דער באַאַרבעטונג. עס קלעקט אים אָף דעם סײַ קוואַליפיקאַציע, סײַ אײַנפאַלערישקײַט, סײַ מײַסטערשאַפט.

בונטשיקן קען איך שוין לאַנג — אַ שטיקל צײַט האָב איך געאַרבעט מיט אים אין איין צעך. איך ווייס, אַז באַ אים זײַנען פאַראַן ניט ווײ־ניק ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן, פאַר וועלכע ער האָט באַקומען אָפיציעלע צײַגענישן. דעם פּלאַן פילט ער אויס יעדן כודעש אָף 130—150 פּראָצענט. בונטשיק איז אַ געוויסנ־האַפטער, דיסציפּלינירטער, צילגעוויינדטער אַר־בעטער, אַ פילבאַרער צו זײַנע כאַווירים. אין אונדזער קולטור־פּאַלאַץ ווערט אָפּגעהיט דער „בוך פון ערע פונעם זאַוואָד". אין אים איז פאַרשריבן דער נאָמען פונעם טאָקער וולאַדי־מיר דאַווידאָוויטש בונטשיק.

ווען ער איז נאָך געווען אַ שילער פון אַ ספּעציעלער טעכנישער מיטלשול, האָט מען אים פון מאָסקווע, פון מיניסטעריום, צוגעשיקט אַן ערן־גראַמאָטע פאַר פאַרפאַסן אַן אויטאָמאַטישן וואַרשטאַט מיט אַ פּראָגראַם־לייטונג. שפּעטער האָט מען אים צוויי מאָל צוגעטיילט דעם טיטל „בעסטער טאָקער פון מיניסטעריום". צו לע־נינס הונדערטסטן געבורטסטאָג איז ער באַלוינט געוואָרן מיט אַ יובילײ־מעדאַל. בונטשיק פאַר־מאָגט צייכנס „זיגער פון דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג אין 1973" און „שלאָגלער פונעם נײַנטן פינפיאָר".

וואָלאָדיע בונטשיק האָט געבראַכט זײַן ערשטן געהאַלט דער מאַמען, ווען ס'איז אים געגאַנגען דאָס פופצנטע יאָר. ס'איז געווען אין פיר יאָר אַרום נאָך זײַן טאַטנס טויט, די מאַמע איז געבליבן אַן אינוואַליד.

— ווו האָסטו עס גענומען אַזויפיל געלט, זו־נעניו? — האָט די אַלטע אומרויִק געפרעגט, איבערציילנדיק די טוינט מיט פינף און צוואַנ־ציק קאָרבן (ס'איז געווען נאָך פאַר דער געלט־רעפאָרמע).

— כ'האָב עס פאַרדינט, מאַמעשי. ערלעך...

אָבער די מאַמע, וועלכע פלעגט שטענדיק גלייבן אירע קינדער, איז דאָס מאָל אוועקגע־לאָפן אין בוכהאַלטעריע.

— קאַשער האַרעפּאַשנע געלט האָט אײַך דער יוירעש געבראַכט. ער איז דאָך אַן אַרבע־טער!

אַן אַרבעטער, וואָדען! אַ בערויטגעבער... זיסע טרערן זײַנען געראָנען איבער דער מאַמעס באַקן. דערלעבט נאַכעס... איר מי איז ניט פאַר־

פאלן געוואָרן סטאם — זי האָט דערצויגן א מענטשן, א לײַט...

אפֿן זאַוואָד „פּראָגרעס" ארבעטן קימאט אלע בונטשיקס. וולאדימירס ברודער גאוורי־על איז אויך געווען א טאָקער, נאָכדעם געוואָרן אן אינזשעניער. גאוורי־עלס פרוי יעווגעניע איז אן ארבעטערן אין אָפּטייל פון טעכנישן קאָנטראָל. וולאדימירס פרוי ליודמילע איז אפֿן זאַוואָד אן אינזשעניער־טעכנאָלאָג.

וולאדימיר בונטשיק ווערט ניט ניספּאָעל, וואָס זײַן טאָכטער זינע לערנט זיך ניט אין מאשינבוי־טעכניקום, נאָר אין פּעדאגאָגישן. ער איז איבערצײַגט, אז אפֿן זאַוואָד וועט זי סײַ־ווי־סײַ בלײַבן. זי וועט פארענדיקן דעם מוזיקאַלישן פאקולטעט און אָנקומען ארבעטן אין דער זאַוואָדישער מוזיק־שול...

מיט גרויס דרערכערעץ באציט מען זיך אין בערדיטשעווער „פּראָגרעס" צום בעסטן טאָקער פונעם מיניסטערי־ום וולאדימיר דאַווידאָוויטש בונטשיק. ער איז א שלאָגלער פונעם צענטן פינפיאָר!

מ'האָט זיי „אָפּעראטעוועט"

איך האָב זיי געזען אין ניו־יאָרק און אין לאָס־אנדזשעלעס, אין טשיקאגאָ און אין קליוולענד. כ'האָב זיך באגעגנט מיט זיי אין מײַרעוו־דײַטשלאנד און איטאליע, אין ווין און אין בריסעל און, פארשטייט זיך, אין ירושלאַ־ים און טעל־אוויוו.

איך רייד דאָ וועגן די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועמען מע האָט „אָפּגעראטעוועט", ארויסנארנדיק זיי פון דער היים קיין ייִסראָעל מיט זיסע און שיינע (אָבער פאלשע) בריוו פון ניט־עקזיסטירנדיקע „קרויווים".

כ'האָב געהאט אַף זיי ראכמאָנעס, צוקוקנדיק, ווי זיי פארקויפן אַף אלענבי־גאס די רעשטלעך פונעם צירונג, וואָס זיי האָבן געבראכט פון זייער פארלאָזטער היים; ווי זיי שפּאצירן ארום אַף די קלאָדקעס באם ברעג פון דער אטלאנטיק אין ברײַטן־ביטש, אין קליינע גרופּקעס, אָפּגעפּרעמדטע פון דעם ארום, ארומרײדנדיק דעם פארגאנגענעם, אָן דערפאָלג, טאָג אין זוכענישן פון אן ארבעט — ניין, ניט קיין ארבעט לויט די הויכע קוואליפיקאציעס, וואָס זיי האָבן באקומען אין זייער געוועזענער היים, נאָר סטאם ארבעט, אבי עפעס פארדינען...

כ'האָב געזען פּי־אניסטקעס, וועמענס הענט זײַנען פארגרעבט געוואָרן פון פארקויפן אין א קלייט ברויט; ציין־דאָקטוירים, וואָס האָבן געמוזט זיך נעמען פארקויפן „האָט־דאָגס" (אמעריקאנער ווורשטלעך מיט זעמל), ביכדיי ווי־ניט־איז אויסצוקומען; אינזשעניערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט צום וואַרשטאט ווי ארבעטער; לערערס, וועלכע זײַנען גרייט צו וואשן דאָס געפעס אין רעסטאָראנען...

בא זיי אלעמען ליגט אפן פאָנעם אן אויסדרוק פון פארלוירנקײַט, כאראָטע, דערנידעריקונג און הילפלאָזיקײַט.

אין גריכנלאנד האָב איך זיך באקאנט מיט א מישפּאָכע „יוירדים". זיבן מישפּאָכע־מיטגלידער, וואָס זײַנען אנטלאָפן פון ייִסראָעל, האָבן געארבעט אין א רעסטאָראן אין מײַרעוו־דײַטשלאנד, און איצט זײַנען זיי אָנגעקומען אהער. א ייִד פון רומעניע האָט זיי „געגעבן אן אָרט", צוגעלאָזט זיי וואשן געפעס אין רעסטאָראן...

— איר פארשטייט, — רײַסט דער ראָש האמישפּאָכע איבער דעם שמועס וועגן סאָוועטנפארבאנד, — ערשט איצט ווייסן מיר: אונדזער גליק האָבן מיר איבערגעלאָזט דאָרט, אין דעם גרויסן לאנד פון סאָצי־אליזם...

ש. עטלין

„אונדזער לעבן", בוענאָס־אײַרעס.

רײַזע־נאָטיצן

דמיטרי מאמלייעוו

ייִסראָעל: פון שאבעס ביז שאבעס

אינעם וואלד לעבן יערושאַלאַיִם

קיין טעל־אוויוו זײַנען מיר געקומען צו פליִען פון בוקארעשט. דער אעראָפּאָרט לאָד, דער אײנציקער צווישנפעלקערלעכער אעראָפּאָרט אין ייִסראָעל, — איז ווי אַרײַנגעפאלן אין א דרעמל — איבער דער שטיקנדיקער היץ אָדער ווײַל ס׳איז געווען ערעוו שאבעס.

די ערשטע טריט אַף דער ערד פון דער מעדינע האָבן מיר געשטעלט אין אויסגאנג פונעם הייסן מײַ־כוידעש, פרײַטיק פאר ליכט בענטשן, ווען דאָס לעבן אין לאנד ווערט אָפּגעשטאָרבן אַף א גאנצן מעסלעס ביז שאבעס פארנאכט.

און אויב אין א מיטן מיטוואָך פארנעמט אן אווטאָמאָביל־רײַזע פון לאָד ביזן צענטער פון טעל־אוויוו א וואָסער האלבע שאָ, האָבן מיר אין דעם דאָזיקן אָוונט זיך דערקליבן צום האָטעל עפשער נאָך גיכער. די מײַסע איז, וואָס פרײַטיק נאָך דער שקיִע ווערט דער געזעלשאפטלעכער טראנספּאָרט אָפּגעשטעלט.

איך האָב וועגן דעם געלייענט אויך פריִער. כ׳האָב געוווּסט, וויאַזוי מע היט אָפּ אין ייִסראָעל דעם שאבעס קוידעש, וואָס פאר א ראָליע די קלעריקאלן שפילן אין דער ייִסראָעל־געזעלשאפט. דער אײַנפלוס פון די קלעריקאלן באַגרענעצט זיך ניט מיט דער טעטיקײַט פון די זעקס טויזנט באָטעמעדראָשים. זיי דרינגען ארײַן, די קלעריקאלן, אין פריוואטן לעבן פון א געזינד, אין דער קינדער־שול, אין קאזארמע, זיי רײַסן זיך ארײַן אין די פארשיידענע ספערן פונעם לעבן, אָנגעהויבן פון די פראגן פון שאפן א געזינד, כאסענע האָבן, ביז די דינים וועגן קאָשער און טרייף, ווי אויך אין טעלעוויזיע, טראנספּאָרט, געריכט־איניאָנים אדגל.

און אָט זײַנען די טעל־אוויווער גאסן. אינעם מאָמענט פון אונדזער אָנקום זײַנען זיי געווען פוסט און שטיל. עס האָט געכאפּט דעם אָנבליק, אז די רו קאָן צעשטערט ווערן בלויז פון א פארבלאָנדזשעטן פוסגייער אָדער פון אן אווטאָמאָביל, וואָס האָט ניט באוויזן דערציִען ביז דער שטוב. די מאגאזינען, קרעמלעך און ווארשטאטן האָבן פארמאכט זייערע טירן, אראָפּגעלאָזט די שטאכעטן אָדער פארמאכט די לאָדנס, גלײַך ס׳וואָלט עפּעס געדראָעט. און אין די פענצטער פון די הײַזער, אויב זיי זײַנען אפילע יאָ געווען אָפן, האָט מען ניט געזען די געוויינלעכע בילדער פון לעבנס־טעטיקײַט, ווי די מענטשן וואָלטן בעקיוון זיך פארשטעלט פון פרעמדע אויגן. פון די צעעפנטע פענצטער האָבן זיך ניט געהערט קיין קינדערשע שטימען, אוואדע ניט קיין מוזיקאלער ראָק־אויסרוף.

דער „יופּי״־קאָרעספּאָנדענט שרײַבט פון יערושאָלאַיִם:

„פרײַטיק איז קיין ייִסראָעל געקומען א סאָוועטישע דעלעגאציע פון דרײַ מענטשן. זי וועט זיך געפינען אין לאנד א וואָך צײַט און וועט אָנטיילנעמען אין די מאָסמיטלען לעקאָוועד דעם 33־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאשיסטישן דײַטשלאנד״.



דער פּרעזידיום פונעם מיטינג אין וואַלד הינטער ירושלים

שאַבעס גאַנצפרי בין איך אַרויס אויפן באַלקאָן. דער ים איז געווען בלוי, ווי אַ שמאַראַגד, און פאַרמאַטערט. די קוים מערקבאַרע וואַסער־כוואַליעס האָבן זיך געפּליושקעט באַם צופוסן פון די הויכע האָטעלן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי אויף דער ברעג־גאַס פון טעל־אַוויוו. פונעם באַלקאָן האָט זיך געזען, ווי די האָטעלן גרייפן אָן אויף די אַלטע שטאָט־קוואַרטאַלן, וווּ ס'האָבן אַמאָל געלעבט אַראַבער און איצט האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר דער „ריין־ייִדישער שטאָט”.

די זון־שטראַלן האָבן געבראָטן אומדערבאַרעמדיק, און אַלץ אַרום האָט געקאָנט אויסזען אַזוי איינגעשטילט, ווי דער ים. נאָר באַם פּאַראַד־אַריינגאַנג אין האָטעל האָבן מיר געטראָפן באָרוועגישע יאַטן, געקליידט אין דער אוניפאָרם פונעם מיליטער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. דאָס האָט אונדז דערמאָנט אינעם אָנפאַל פון ישׂראל אויף דאָרעם־ליבאַן. פאַרביי אונדז זיינען דורכגעגאַנגען צוויי ישׂראל־סאָלדאַטן אין נאַכלעסיק צעשפּיליטערטע גימנאַסטיאָרקעס, די פּילאָטקעס פאַרוקט אונטערן פּאַגאָן אויפן לינקן אַקסל, די אויטאָמאַטן גרייט צום שיסן. אַזעלכע קריגעריש געשטימטע יאַטן. אויך באַ זיי איז געווען שאַבעס, אָן אָפּרו־טאָג.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל.

דער וועג קיין ירושלים האָט ענדלעך זיך אַרויסגעריסן פון דער פּוסטער שטאָט. פּאַזע דער אויטאָסטראַדע האָבן זיך געצויגן אַפּעלסין־פּלאַנטאַציעס. ווי אָראַנזשעווע לעמפּלעך האָבן געברענט די נאָך ניט איינגעקליבענע פּרוכטן. געלע שטיינער פאַלן פון די זיך שיטנדיקע בערג. דאָ און דאָרט זעט מען אויפן וועג גרופּעס סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן, מיידלעך אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם. מע האָט זיי אָפּגעלאָזט אויף שאַבעס אַהיים, און כאָטש קיין שום געפאַר איז דאָ ניטאָ, קאָנען זיי ניט גיין אַהיים אָן דעם געווער. זיי הייבן אויף די הענט און בעטן, אַז די אויטאָמאָביליסטן זאָלן זיי אונטערפירן.

דער וועג פירט קיין ירושלים.

מיר זיינען געפאָרן איבער ישׂראל. מיר וועלן דאָ ניט נעמען זיך דערציילן די לייענער וועגן דער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרייזן פון אָט דעם לאַנד, פון די רעאַקציאָנערע קרעפטן. דאָס איז אַלעמען גוט באַקאַנט און ליידער ניט ניי: מיליטאַריזירונג פונעם לעבן, אַגרעסיע, פאַרכאַפּטע פרעמדע טעריטאָריעס, העפקיירעס אין די אָקופּירטע געגנטן, ווילקיר בנוגע די אַראַבער אין זייער אייגענעם לאַנד, אוואַנטוריזם אין דער אויסערן־פּאָליטיק, געמישט מיט אָבסקוראַנטיזם אין די אינערלעכע ענינים, פאַרביסענער אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם...

איך מיין, אַז דער לייענער וועט פולשטענדיק פאַרשטיין אונדז, סאָוועטישע מענטשן, מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע פונעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע געזעלשאַפטן פאַר פריינטשאַפט און קולטור־פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, די צוויי זשורנאַליסטן — יורי מיכייעוו און מיך — און דעם שרייבער העכנריך האָפּמאַן, וואָס איז אַ מיליטערישער פּליִער, אַ העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד און וועט בעערעך עפּעס מער ווי אין אַ שאָ אַרום אָנטיילנעמען אינעם מיטינג, וועלכן ס'האָט צונויפגערופן די פריינטשאַפט־באַוועגונג „ישׂראל — פּסס”.
דער לייענער וועט פאַרשטיין און גלייבן אונדז, אַז מיר זיינען געקומען מיט גוטן ווילן, מיט אַ ציל צו אָנבינדן אַ נוצלעכן דיאַלאָג צווישן סאָוועטישע מענטשן און ישׂראלים.

מיר זײַנען געפֿאָרן אינעם וואַלד, וואָס געפֿינט זיך לעבן ירושלאַיִם און טראָגט דעם נאָמען פֿון דער סאָוועטישער אַרמײ.

ווי אַזוי וועט אויסזען דער מיטינג דאָ, אין ישׂראל, וואָס געפֿינט זיך אויב ניט אין צווייטן עק וועלט, איז לעכאַהאַפּאַכעס אָפּן צווייטן פּאָליוס פֿון דער וועלט? ווער וועט קומען צו פֿאָרן שאַבעס אַף די בערג לעבן ירושלאַיִם? די רעגירנדיקע קרײַזן מיט זייערע אינפֿאָרמאַציע־מיטלען און די ראַבאָנים אין די סינאַגאָגעס גיסן דאָך אָן אופּהער עמערס שמוץ און ווי־סטע רעכילעס, אומגעהערטע שקאָרים אָפּן לאַנד פֿון די סאָוועטן.

אָט, אַשטייגער, האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין ישׂראל אַ וואָך צײַט. האָב איך גענומען די נומערן פֿון איינער אַ צײַטונג (זי גייט אַרויס אין רוסיש און איז אויסגערעכנט פֿאַר די אוי־לים, געוועזענע סאָוועטישע בירגער) און אַראָפּגעשריבן די קעפּלעך בלויז פֿון אַ קליינעם טייל מיטיילונגען „וועגן דעם לעבן אין פּסשר“. לייענט און זאָגט אַליין.

די קעפּלעך אין דער ישׂראלער־צײַטונג «Наша страна»:

„רויטער טעראָר“; „די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען דערלויבן ניט צו שיקן אַף היילונג אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אַ 2־כאַדאָשימדיק מיידעלע, וואָס געפֿינט זיך אין אַ קריטישן צושטאַנד“; „דער אורטייל באַשטעטיקט די ווערטער פֿון יורי אָרלאָוו, אַז די בירגער־פֿרײַהײַטן אין פּסשר זײַנען דערשטיקט“; „ס'איז נייטיק פֿירן אַ קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון די סאָוועטישע ייִדן“; „די רעפּרעסיעס אין פּסשר ווערן פֿאַרגרעסערט“ אאַוו. אַדגל.

דער וועג האָט פֿאַרקערעוועט צו די בערג. ער שטײַגט, דער וועג, אַלץ העכער און העכער, און עס ווערט ענג פֿונעם טראַנספּאָרט. אַרויסרײַסן זיך פֿון דעם טויהו־וואָוויהו און פֿאָרן ווײַטער ווערט אַלץ שווערער. דער מענטשן־שטראָם איז שוין גאָר אַ שטאַרקער: מאַנצבלען, פֿרויען, זקיינים און קינדער, ייִדן און אַראַבער גייען אָפּן יאַמטעוו פֿון פֿרײַנטשאַפֿט, טראָגן מיט זיך רענצלעך און שאַכטלעך מיט פּראָדוקטן (נאָכן מיטינג וועט זײַן אַ פּיקניק). פֿאַרויס שפּאַנט אַ יוגנט־אַטריאַד — האַרניסטן און פּײַקלער...

דער געדיכטער שרויט פֿון די פֿויקן האָט זיך געשאָטן אינעם אַרום, איבער די שטייניקע באַרג־שיפּוים, אַף וועלכע עס איז אונטער דער אומדערבאַרעמדיק טרוקענער זון געוואַקסן אַן עמעסער וואַלד. די יאָדלעס פֿונעם מיטללענדישן יאַם, מיט גרויסע נאָדל־צווײַגן, זײַנען דאָ פֿאַרזעצט געוואָרן קימאַט מיט דרײַ צענדליק יאָר צוריק. דעמלט האָבן אַפֿילע די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון ישׂראל געמוזט דאַנקבאַר זײַן די סאָוועטישע סאָלדאַטן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געבראַכט די פֿעלקער שאָלעם און פֿרײַהײַט, געראַטעוועט פֿון אומקום אין די גאַז־קאַמערן און קאָנצלאַגערן מיליאָנען ייִדן.

דאָס איז אָבער געווען מיט פֿיל יאָרן צוריק. אין טעל־אָוויוו האָב איך געקויפֿט אַ האַנט־בוך, אַרויסגעגעבן פֿונעם אינפֿאָרמאַציע־אָפּטייל פֿון דעם אויסערן־מיניסטעריום פֿון ישׂראל. אינעם אָפּטייל „געשיכטע“ האָב איך געפֿונען איבעראַשנדיקע „אַנטדעקונגען“. „עס איז אומעג־לעך, — שרײַבן די אווטאָרן, — צו איבערעכענען אַלע רעדיפֿעס, פֿאַרפֿאָלגונגען און מאַסן־מאָרדן, וועלכע די ייִדן זײַנען אויסגעשטאַנען“. און גלײַך נאָך די דאָזיקע ריכטיקע ווערטער, מע קאָן זאָגן — אונטער זייער שירעם — ווערט געזאָגט, אַז די ייִדן, וועלכע ווױנען אין סאָ־וועטנפֿאַרבאַנד, „...האָבן פֿון 1917 ביז אונדזער צײַט... קיין נאַציאָנאַלע רעכט ניט“. אָט אַזוי, אַף אַ ספּעקוליאַטיוון אופֿן, האַנדלען די אווטאָרן פֿונעם ישׂראלדיקן אינפֿאָרמאַטיוון האַנט־בוך. און דערנאָך ווערט פֿונקט אַזוי פֿראַסט און פּאַשעט דערקלערט, אַז דער סאָוועטנפֿאַר־באַנד, גרויסבריטאַניע און די פֿאַרייניקטע שטאַטן האָבן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע געקאָנט העלפֿן צו אָרגאַניזירן אַקציעס אַף צו ראַטעווען די ייִדן, נאָר „קימאַט ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע האָבן זיי דאָס ניט געטאָן“. ווי זאָגט מען אין אַזעלכע פֿאַלן, — קאָמענטאַרן זײַנען איבעריק. די צונויפֿשטעלער פֿונעם האַנטבוך האָבן אַפֿילע ניט געשעמט זיך צו עפֿענען זייער „ווערק“ מיט אַ ציטאַט פֿון די אָוועס: „אַף דרײַ יעסוידעס שטייט די וועלט: אַף עמעס, רעכטפֿאַרטיקײַט און שאָלעם“...

אַ גרויסער רויט־געלער אָנדענק־שטיין איז אויפֿגעשטעלט אָפּן שפּיץ פֿונעם באַרג. לעבן אים האָט מען נאַרוואָס אָנגעצונדן אילומינאַציע־לעמפּלעך — דאָס פֿײַער פֿונעם ניירטאָמיד.

אונדזער דעלעגאַציע האָט די ערשטע אָוועקגעלייגט בלומען צופֿוסנס פֿונעם דענקמאָל, זי האָט געעפֿנט די מאַניפֿעסטאַציע פֿון די פֿאַרשטייער פֿון דער פֿרײַנטשאַפֿט־באַוועגונג „ישׂ־ראל — פּסשר“, אין דער מאַניפֿעסטאַציע האָבן אָנטיילגענומען אַ סאַך אָרגאַניזאַציעס פֿונעם דעמאָקראַטישן פֿראָנט פֿאַר שאָלעם און גלײַכבאַרעכטיקונג.

אפן שפיץ פונעם בארג הילכט איבערן וואלד דער דינאַמיק, וואָס גיט צו וויסן, אַז דער מיטינג הייבט זיך אָן.

שטייענדיק אַף דער טריבונע און אַרײַנקוקנדיק אין די פּנעמער פון די אַנטיילנעמער פונעם מיטינג, וועלכע רעאַגירן פּילבאַר אַף די ווערטער פון די רעדנער וועגן דעם גרויסן זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק, וואָס טרעט אַרויס קאָנסעקווענט פאַרן טריומף פונעם שאָלעם אַף דער פּלאַנעטע, פיל איך אַ באַזונדער רעגונג. אינעם לאַנד, ווו די פּאָסטולאַטן פון אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם ווערן אונטערגעהאַלטן און פאַרשפּרייט מיצאַד דעם רעגירנדיקן אויבערקעפּל, זײַנען, טראָץ דעם אַלעם, טויזנטער מענטשן געפאַרן פון די ווײַטסטע ראַיאָנען, קעדיי זײַן איצט אינעם וואַלד אַפן נאָמען פון דער רויטער אַרמיי.

באַם פּרעזידיום־טיש האָט זיך אופגעשטעלט אַן אַלטער מאַן (אין וואַלד איז טייקעף געוואָרן שטיל) און אַ קוק געטאָן אַף די אַנווּוֹעזנדיקע באַזונדערס פּײַערלעך. ער האָט זשעדנע אײַנגעאָטעמט די לופט מיט דער פולער ברוסט, אַ גלעט געטאָן די גראָווע האָר און די געדיכטע וואָנצעס און אָנגעהויבן די רעדע.

דאָס איז געווען מאָרדעכײַ אווי־שאָול, דער פּרעזידענט פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג „יִסראָעל — פּססר". זײַן נאָמען איז ברייט באַקאַנט. ער איז אַ דיכטער, אַ ראָמאַנען־שרײַבער, אַ דראַמאַטורג, איבערזעצער, ליטעראַטור־קענער, פּובליציסט. ער איז דער אויטאָר פון פאָרשונגען וועגן דער שאַפונג פון בערטאָלד ברעכט, טאָמאַס מאַן, געטע, ער איז איבערזעצער פון די ווערק פון ליאָן פויכטוואַנגער, יאַראָסלאַוו גאַשעק, יוליוס פוטשיק, געטע, דזשעק לאָנדאָן און אַנד. מע קען אים אויך אַלס אַן אומדערמידלעכן קעמפער פאַר שאָלעם, פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג פון די אַראַבער אין יִסראָעל.

איך האָב געהערט אווי־שאָולס רעדע און אַ טייל פון איר פאַרשריבן אין מײַן בלאָקנאָט (לויט די ווערטער פונעם איבערזעצער).

פון מאָרדעכײַ אווי־שאָולס רעדע:

„...מיר דערמאָנען די סאָוועטישע אַרמיי מיט ליבשאַפט און אָנערקענונג. טויזנטער און הונדערטער טויזנטער מענטשן אין יִסראָעל און מיליאָנען מענטשן אין גאָר דער וועלט דריקן אויס זייער גרענעצלאָזע אָנערקענונג און דאַנקבאַרקײַט דער סאָוועטישער אַרמיי פאַר דער באַפרײַונג.

...זינט דער יון־מילכאָמע פון 1967 איז אונדזער יאָמטעוו געמישט מיט אומרו און ווייטאָק. מיר לעבן צווישן דער לאָקאַלער מילכאָמע אינעם ראַיאָן און דער געפאַר, אַז די געשעענישן אַפן נאָענטן מיזרעך זאָלן כאָלילע ניט ברענגען צו אַ נײַער וועלט־מילכאָמע.

...אויך אין די דאָזיקע טעג איז די אַטמאָספער אָן אָנגעשטרענגטע און אַ געפערלעכע. עס ווערן אָקופּירט טעריטאָריעס אין אײנעם אַ שכייניש לאַנד. אַלע פאַרשטייען, אַז איך רייד וועגן ליבאַן. נאָך איין „זיג" פון אַזאַ כאַראַקטער, און ערלעכע מענטשן וועלן דערציטערט ווערן, ווען זיי וועלן דערהערן דעם נאָמען פון דער מעדינע יִסראָעל, וואָס צוליב דער שולד פון אירע רעגירער רופט מען אונדז אָן סאָנים פון די פעלקער און פונעם שאָלעם.

...מיר זײַנען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, און דאָס אַלץ צוליב אַ נײַער מילכאָמע. באַוואָפענונג קלעקט אַפילע פאַרן קומענדיקן דריטן יאָרטויזנט. די רעגירונגען פון יִסראָעל קאָנקורירן צווישן זיך ניט אינעם קאַמף פאַר שאָלעם, נאָר פאַר אַרײַנקריגן אין זייערע הענט אַ גרעסערע צאָל באָמבאַרדירער, פאַר דעם, אַז עס זאָל ווערן אַלץ מער אַלמאָנעס, הונגער און נויט.

...דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַ פרײַנט פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. ער קעמפט פאַר אַנטוואָפענונג, און דער מײַרעוו פאַרפולקומט דאָס אַטאָם־געווער. די אַמעריקאַנער האָבן די האָזע צו באַהויפּטן, אַז די נייטראָן־באָמבע איז אַ הומאַניש געווער! דאָס איז אַ טײַוולאָנישער הומאַניזם. מיר זײַנען פאַר אַן אַנדער הומאַניזם. זאָל לעבן דער לעבנס־הומאַניזם! דער סאָוועטנפאַרבאַנד דערקלערט וועגן דעם לעבנס־הומאַניזם אין מאָסקווע און אין ניו־יאָרק, אין בעלגראַד און דאָ, אין יִסראָעל, אינעם וואַלד אַפן נאָמען פון דער סאָוועטישער אַרמיי"...

מאָרדעכײַ אווי־שאָול האָט גערעדט לײַדנשאַפטלעך, מיט האַרץ, און דער מיטינג איז געוואָרן אַמאָל אופגעלעבט, אַמאָל שטיל און אַמאָל האָבן זיך צעדונערט אַפּלאָדיסמענטן. דער רעדנער איז נאָרוואָס אַלט געוואָרן אַכציק יאָר, אָבער ער פאַרמאָגט אַ יונגע נעשאָמע, ער איז געטרײַ דער אַלטער אופריכטיקער פרײַנטשאַפט מיטן לאַנד פון די סאָוועטן.

אין איין־און־פערציקסטן, אין פּאַלעסטינע, וועלכע איז, דוכט זיך, געווען אַזוי ווײַט פון דער הייסער ליניע פונעם סאָוועטיש־דײַטשישן פראָנט, איז מאָרדעכײַ אווי־שאָול געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון זאַמלען מיטלען אַף צו קויפן סאַניטאַר־מאַשינעס, וועלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַריבערצושיקן דורך טעהעראַן אַלס מאַטאָנע די סאָוועטישע סאָלדאַטן.

— מיר האָבן געוווּסט, — האָט אונדז געזאָגט אווי־שאול בייס דער טעל־אוויווער באַגע־געניש מיט די אַקטיוויסטן פון דער פריַינטשאַפט־באַוועגונג „יִיסראַעל — פּססר“, — אַז דעם זיג איבערן פאַשיזם וועט מען אָפּהאַלטן אויך אָן אונדז. מיר האָבן אָבער ניט געקאָנט שטיין אין אַ זײַט פונעם קאַמף. מיר האָבן פאַרמאָגט אין אונדזער רעשוס סאַכאַקל צוויי צימערן, אָבער יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט פלעגן אַהער קומען פרויען און שטריקן וואַלענע שקאַר־פעטן און הענטשקעס פאַר די סאָוועטישע סאָלדאַטן. דאָס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז דאָ ווערט געטאָן אַ הייליקע זאַך! מיר האָבן געוווּסט, אַז אונדזער בײַטראַג איז ניט גרויס, מיר האָבן אָבער פונקט ווי איבערגעגעבן די וואַרעמקייט פון אונדזערע הערצער און הענט, אונדזער סאָלידאַריטעט... אָט אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן, מײַנע טײַערע פרײַנט...

א סאַך געדענקט אווי־שאול... עס זײַנען געווען קאָמפּליצירטע טעג און האַרבע יאָרן, ס'זײַנען געווען דערפאָלגן און אַנטוישונגען, אַ קאַמף קעגן די צעשפּאַלטער און שאָוויניסטן, קעגן יענע, וואָס האָבן געוואָלט פאַרוואַנדלען די באַוועגונג פון פרײַנטשאַפט אין אַ באַוועגונג פון קריטיק קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָר ס'האָבן דרייסט אויסגעהאַלטן אַלע ניסיוי־נעס יענע קעמפער, וואָס זײַנען געבליבן געטרײַ דער פרײַנטשאַפט און דעם עמעס.

די וואַקנטלעכע רײַזע איבערן לאַנד האָט אונדז איבערצײַגט, אַז די דעמאָקראַטישע קרעפטן פון יִיסראַעל קעמפן אַקטיוו פאַר אַנטוויקלען און פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן די פעל־קער פון אונדזערע לענדער.

מיר זײַנען אַרויסגעטראָטן אין די פאָלגעפאַקטע פרײַנטשאַפט־הײַזער אין טעל־אוויוו, אינעם „רויטן“ נאַזאַרעט, אין דעם אַראַבישן דאָרף אום על־פאַכם, אָפן פרײַנטשאַפט־באַל אין דער מיטללענדישער יאַם־שטאָט כײַפע. מיר האָבן געהערט ווערטער פון דאַנקבאַרקײַט פאַר דער פעסטער, קאָנסעקווענטער שאָלעם־ליניע, וועלכע עס פירט די סאָוועטן־רעגירונג. מיר האָבן געזען, ווי דער עמעס וועגן אונדזער היימלאַנד רופט אַרויס אָן אופריכטיקן אינטערעס. און מיר, פון אונדזער זײַט, זײַנען געווען פאַרכאַפּט פון אַ דאַנק־געפיל צו די מענטשן אין יִיס־ראַעל, וועלכע געבן אַפּ פיל קויכעס דער נאָבעלער טעטיקייט אין דער פרײַנטשאַפט־באַווע־גונג.

אין יענעם הייסן שאַבעסדיקן טאָג, ווען נאָכן מיטינג אין וואַלד האָבן אונדז אַרומגערינגלט הונדערטער מענטשן, האָבן מיר דאָס באַזונדערס שטאַרק געפילט. מיר האָבן באַקוקט די אויסשטעלונג פונעם סאָוועטישן פּלאַקאַט פון דער מילכאָמע־צײַט, די אַרבעטן פון די יִיסראַעל־קינסטלער, וועלכע שאַפן פאַרטרעטן און פּייזאַזשן פון נאַטירלעכע מאַטעריאַלן — פון קער־נער, האָלץ, שטיינער, שישקעס. זײַענדיק צווישן דעם אוילעם, האָבן מיר געענטפערט אַף פראַגן, אופגעקלערט, געשמועסט. קיין קויעך ניט געהאַט אָנעמען אַלע אײַנלאַדונגען צו אָנ־טיילנעמען אין אַ פּיקניק, זיצן אונטער די יאַדלעס אין אַ פאַמיליען־סוויווע.

ביז עס וועלן זיך באַווײַזן אינעם שאַבעסדיקן הימל די דרײַ אָונט־שטערן איז נאָך געווען ווײַט, און דער יאַמטעוו האָט געררויסט און זיך פאַנאַנדערגעוויקלט. פרײַנט האָבן אונדז גע־זאָגט, אַז אין וואַלד זײַנען געקומען צו פאָרן אָפן יאַמטעוו צען טויזנט מענטשן.

אָן ראַכמאָנעס האָט געשיקט אירע הייסע שטראַלן די זון. דער שרויט פון די פויקן האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער מוזיק פון די טענץ, און מיטאַמאָל האָט אין וואַלד לעבן יערושאַ־לאַיִם זיך דערהערט די מעלאָדיע פון אַ באַקאַנטער סאָוועטישער ליד.

א סאַך יאָרן זײַנען אַוועק פון יענער צײַט, ווען די ליד האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט, אָבער אָט די אַלע יאָרן האָט זי געלעבט אין זיכאָרן פון יענע, וואָס האָבן געוואָלט זען מעדי־נאַס־יִיסראַעל אַ פרידלעכע, אַ דעמאָקראַטישע, פאַרבונדן מיט פעדעם פון שאָלעם און פרײַנט־שאַפט מיט די שכיינים, מיט די פעלקער פון דער וועלט, מיטן לאַנד פון די סאָוועטן.

טעלעפאָנירט מײַן מאַמען אין קוטאַיִסי...

אין יִיסראַעל האָבן מיר געטראָפן אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָס זײַנען געווען מענטשן פאַרשיידענע: איינע האָבן אונדז באַשאָטן מיט קלאָלעס און כאַראָמעס, אַנדערע, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר זײַנען סאָוועטישע, זײַנען גרייט געווען, ווי מע זאָגט, קריכן פון דער הויט, קעדיי איבערצײַגן אונדז, אַז זיי האָבן דערגרייכט דערפאָלגן אינעם נײַעם וווין־אָרט.

א פרוי אַ דאָקטערשע, געקומען אַהער פון איינער פון די סאָוועטישע דאָרעם־שטעט, האָט ניט אופגעהערט צו באַרימען זיך:

— ווען איר ווייסט, ווי מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט! וואָס פאַר א דירע מיר האָבן! א פּאַלאַץ! עמעס, מיר האָבן אויך דאָרטן (געמיינט אין סאָוועטנפאַרבאַנד) געהאַט א דירע פון דרײַ צימערן... דאָ אָבער האָבן מיר צוגעקויפט צוויי צימערן פאַר דער טאָכטער און פאַרן זון. וויפל קאָסטן זיי? איך ווייס? איצט מיסטאָמע שוין א האַלבן מיליאָן... באַ אונדז איז אײַנ־פּליאַציע... דעמלט האָבן אונדז געהאָלפן די קרויווים פון אמעריקע, זיי האָבן געשיקט געלט... איך אַרבעט אָף צוויי שטעלעס מיטאַמאָל, דערצו דערצשורע איך בײַנאַכט אין שפּיטאָל, און די קינדער מײַנע זײַנען געזונט...

דאָס מיידל פון ירושלאַיִם, זי איז, אַגעוו, אויך געקומען פון א סאָוועטישער דאָרעם־שטאָט, האָט זיך באַרימט, אַז באַ איר איז אַלץ „אָ'קעי", איר טאַטן דעם מוזיקאַנט האָט מען פאַראיאָרן אײַנגעלאַדן קיין אמעריקע, איצט קלײַבט ער זיך פאָרן קיין פּאַריזש... און זי וועט אויך אהין פאָרן...

די פרוי די דאָקטערשע און דאָס מיידל פון ירושלאַיִם האָבן טאַקע אויסגעזען גאַנץ פֿײַן. איך האָב געהערט, אַז עמעצער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין ייִסראָעל נאָך בעסער, איידער יענע, וועגן וועלכע איך האָב דאָ דערציילט, מיט דער הילף פון זייערע רײַכע אמעריקאַנער קרוי־ווים האָבן זיי געעפנט אַן אייגן געשעפטל. אָבער אַזעלכע „גליקלעכע" זײַנען קיין סך ניטאָ. לאָמיר זיך ווענדן צו פאַקטן.

ירושאַלאַיִם. פּרעסע־ביוראָ פון דער רעגירונג

דער פּרעסע־סעקרעטאַר פונעם מיניסטעריום האָט געזאָגט, אַז אין ירושאַלאַיִם פילט זיך א שטענדיקער מאַנגל אין דירעס פאַר די אָנגעקומענע אוילים. ער האָט דאָס דערקלערט אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען, אַז עס זײַנען, קלומערשט, פאַראַן ליידיקע דירעס פאַר די רעפּאַטריאַנטן (אַזוי רופט מען באַ די ציִעניסטן די ייִדן, וועלכע האָבן אימיגרירט פון אַנדערע לענדער).

גראָד אינעם לעצטן טאָג פון אונדזער געפינען זיך אין ייִסראָעל, פאַרן אַרויספליִען קיין מאָסקווע, האָט דער אמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט מיטגעטיילט פון ירושאַלאַיִם אייניקע פאַקטן וועגן דעם לעבן פון די אוילים פון פסטר:

די צײַטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט"

„...א סך פון די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען אַהער געקומען, גיט זיך שווער אײַן צוצופּאַסן זיך צו די נײַע לעבנס־באַדינגונגען. א גרויסע צאָל אָפיציִעלע מיטיילונגען פון ייִסראָעל, אויך שמועסן מיט די אוילים, וועלכע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין צענטער פונעם לאַנד, ניט ווײַט פון ירושאַלאַיִם, באַווײַזן, אַז זיי האָבן ערנסטע טענות צו די וווינונגס־באַדינגונגען, צום אײַנאָרדענען זיך אָף אַרבעט, צו די שווערקײַטן פון צופּאַסן זיך צו די ייִסראָעל־זיטן, צום היגן לעבנסשטייגער און פּאָליטישן לעבן.

אייניקע אוילים שטויסן זיך אָן אָף דיסקרימינאַציעס בלויז דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען געקומען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד."

איך קאָן ניט פאַרגעסן דאָס פּאָנעם פון דער פרוי, וועלכע איז בײַס דעם מיטינג אינעם וואַלד לעבן ירושאַלאַיִם געזעסן האַרט לעבן דער טריבונע. אָף איר באַשיידענער קלייד איז צוליב דער פײַערלעכער אַטמאָספער געווען צוגעפעסטיקט א סאָוועטישע מעדאַל „אַרבעטס־וועטעראַן". די פרוי האָט געוויינט, געגאָסן טרערן די גאַנצע צײַט, ווען עס איז געגאַנגען דער מיטינג. נאָכן מיטינג איז זי געגאַנגען נאָך אונדז פּוסטריט, ווי זי וואָלט עפּעס געוואָלט פרעגן אָדער זאָגן, נאָר זי האָט זיך ניט אַנטשלאָסן. ווען מיר האָבן זיך שוין אַרײַנגעזעצט אינעם אויטאָמאָביל, האָט זי, א פאַרטרויערטע, בלויז א שאָקל געטאָן צו אונדז מיטן קאָפּ...

איינמאָל זײַנען צו אונדז צוגעגאַנגען צוויי אַרבעטער־מיידלעך, וועלכע זײַנען געקומען אַהער פון דער באַלטיק. זיי האָבן זיך צעוויינט און געטײַנעט, אַז זיי קאָנען מער ניט לעבן דאָ, זיי קאָנען ניט... ניט נאָר זיי אַליין קאָנען ניט... פאַרוואָס האָט מען זיי אָפּגענאַרט?.. פאַרוואָס? אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן זיי ניט געוווּסט, אַז עס זײַנען פאַראַן ווײַסע ייִדן און שוואַרצע ייִדן, אַז מע קאָן פאַר איין און דער זעלבער אַרבעט צאָלן פאַרשיידענעם לוין, זיי האָבן ניט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ אָנשיקעניש, ווי איינזאַמקײַט, ווען דו פילסט, אַז קיינער דאַרף דיך ניט, קיינער... ווי קאָן מען אַנטלויפן פונדאַנען?

אָט איז א פּאָרפאָלק... שוין ניט קיין יונגע מענטשן. זי — א כיינעוודיק פּיצעמאָנציק ווײַ־בעלע. ער — א מאַנצבל מיט א קאָמפּלעקציע פון א גיבער, מיט א האַדראַס־פּאָנעם און גראָווע האָר אין די שלייפן. זי מאָנט באַ אונדז, מיר זאָלן זיי געבן אָן אייצע, ווי אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען. ער שווײַגט. ער הערט זיך נאָר צו, וואָס זי רעדט. מיטאַמאָל האָט זי ניט אויס־געהאַלטן און גענומען שרײַען: „אַלץ צוליב אים... יאָ, יאָ, אַלץ צוליב דיר! אונדזערע קינדער

מאטערן זיך... מיילע, מיר האָבן שוין אונדזערס אָפּגעלעבט, אָבער זיי...״ ער האָט זיך אָפּגע־קערט אין א זײַט...

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט ניט ווינציק עמיגראַנטן פון פּסר, וועלכע האָבן געבעטן, מיר זאָלן זיי געבן עפּעס אַן אייצע. און איינער איז נאָכגעלאָפן נאָך אונדז און געבעטן זיך:

— טײַערע מײַנע, איך בעט אײַך זייער, טעלעפאָנירט מײַן מאַמען אין קוטאַיסי...

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און באַמערקט, אַז עס איז גאַנץ גענוג, מע זאָל דער מאַמען פּאַשעט אָנשרײַבן א בריוו.

— איך האָב געשריבן, א סאַך מאָל געשריבן, מע לאָזט ניט דורך!

— בא אונדז פאַרהאַלט מען ניט קיין בריוו,— האָב איך געפּרוווט דערקלערן די לאַגע דעם קוטאַיסער בירגער.

— פאַרוואָס עפּעס „בא אונדז״? דאָ, אין יִשׂראל, פאַרהאַלט מען, דאָ לאָזט מען ניט דורך... טעלעפאָנירט דער מאַמען קיין קוטאַיסי, זאָגט איר, אַז איך וועל זיך סײַווי אומקערן אַהיים...

עס וואָלט גוט געווען, ס׳זאָלן וועגן אַזעלכע באַגעגענישן וויסן די אוטאָרן פונעם האַנט־בוך וועגן דעם „גליקלעכן יִשׂראל״, וועלכע האָבן דעם אַפּטייל וועגן דער „רעפּאַטריאַציע״ פון די ייִדן באַגלייט מיט א ציטאַט פון טילים: „ווי גוט איז, ווען ברידער לעבן צוזאַמען״...

די צײַטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט״:

„...פאַר דער מערהײַט ייִדן, וועלכע האָבן עמיגרירט אַהער הויפּטזאַכלעך צוליב עקאָנאָ־מישע אילוזיעס, ווײַזן זיך אויס די באַדינגונגען אין יִשׂראל אַלס שווערע, פּונקט אַזוי, ווי שווער זיי זײַנען פאַר דער מערהײַט היגע טוישווים. אין איינעם אַן אַנאַליז, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט א קורצער צײַט צוריק, האָט דאָס אימיגראַציע־מיניסטעריום פעסטגעשטעלט, אַז אין דרײַ יאָר נאָכן קומען קיין יִשׂראל זײַנען מער ווי העלפט סאָוועטישע אוילים מיט זייער אַרבעט אין דער מעדינע ווייניקער צופרידן, איידער מיט זייער אַרבעט אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד; ווייניקער ווי א העלפט באַנוגענען זיך מיט די פאַרדינסטן...״

לייענט אופמערקזאַם בלויז איין פראַזע פון דער קאָרעספּאָנדענץ: „פּונקט אַזוי, ווי שווער זיי זײַנען פאַר דער מערהײַט היגע טוישווים״... וועגן וואָס מע זאָל הײַנט ניט ריידן אין יִשׂראל, באַריִרט מען אומבאַדינגט די פראַגע פון די אַלץ וואַקסנדיקע שטייגערישע שווע־ריקײַטן — אינפלאַציע און יאַקרעס.

רייטער־אַגענטור

„די אינפלאַציע פאַר די לעצטע טעלעכע יאָר האָט אין יִשׂראל באַטראָפן אַרום 40 פּראָצ. די מיליטאַריזירונג פון דער עקאָנאָמיק פירט צו טעמפּע ווינקלען. די רעגירנדיקע קרײַזן זוכן דעם אויסוועג פון אַזא לאַגע אין די קעשענעס פון די אַרבעטנדיקע. יִשׂראל שלאָגט א וועלט־רעקאָרד אין דער גרייס פון די שטײַערן. די עקאָנאָמיסטן האָבן צונויפגעשטעלט אַן אינטערעסאַנטע דיאַגראַם פון די לאַאַכאַדים־פרײַזן אויף די סכוירעס פון ערשטן געברויך: פאַר די ערשטע צען יאָר זײַנען די פרײַזן אין לאַנד געשטיגן אין דרײַ מאָל, פאַר די ווײַטערדיקע 14 יאָר זײַנען זיי ווידער געשטיגן אין דרײַ מאָל, און איצט כאַזערט זיך איבער דער שפּרונג „אין דרײַ מאָל״ אַלע דרײַ־פיר יאָר. עס וואַקסט אָן אופהער די אַרבעטסלאָזיקײַט.

אין די טעג, ווען מיר זײַנען געפאָרן איבער יִשׂראל, איז אין קנעסעט אַרויסגעטראָטן דער מיניסטער לעווי. אין א צושטאַנד פון צערייצטקײַט האָט ער געבראַכט צוויי ציפערן, וועלכע צווינגען צו פאַרטראַכטן זיך: פון די 2.086 ייִדן, וועלכע האָבן לעצטנס פאַרלאָזט דעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד, האָבן בלויז 72 באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין יִשׂראל. אין די זעלבע טעג האָט דער פּאַרזיצער פון דער ייִדישער אַגענץ אַריע דולטשין געזידלט און געמאַכט אויסצודרייען די אָנפירנדיקע טוער פון די אַמעריקאַנער ציִעניסטן. וואָס טוט איר, גאַזלאָנים,— האָט גע־קלונגען אין זײַנער א רעדע,— שוין צײַט, איר זאָלט ווערן קליגער און ניט פאַרבעטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן די ייִדן, וועלכע פאָרן אַרויס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אוילים דאַרף מען שיקן קיין יִשׂראל! אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זי־צונג פון די פּרעזידענטן פון די גרעסטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן...

אוודאי איז די אימיגראַנטן שווער אַרויסצורײַסן זיך פון יִשׂראל. ניט צופעליק האָט „וואַשינגטאָן פּאָסט״ באַמערקט, אַז „אייניקע מענטשן פאַלן אַרײַן אין א ייִעש־צושטאַנד. זיי זוכן מיט אַלע מעגלעכקײַטן אַרויסרײַסן זיך פון יִשׂראל. צי ניט דערפאַר איז די צאָל עמי־גראַנטן פון יִשׂראל העכער פון דער צאָל אימיגראַנטן?״

א שיסעריַי אין האַלבער נאַכט

אין דעם דאָרף דעיִר יאַסין בין איך ניט געווען, אָבער אין יענעם אָוונט האָב איך זיך לעבֿ־האַפטיק פֿאַרגעשטעלט זײַנע טרויעריקע, נאַסע שטיינער, זײַן הימל מיט שוואַרצע וואָלקנס און רויטע בלוטיקע פֿלעקן...

ס׳איז געווען האַלבנאַכט. מיר זײַנען געזעסן אין א גאַסטפֿרײַנטלעך הויז אין סאַמע צענטער פֿון כײַפֿע, געקוקט, ווי עס לײַכטן די בריליאַנטענע פֿײַערן באַם צופֿוסנס פֿונעם באַרג קאַרמעל, געטרונקען שטאַרקע אַראַבישע קאַווע און געהערט, ווי עס לייענט אירע לידער וועגן דעיִר יאַסין די יונגע פּאָעטעסע סיגאַם דאַוד.

וועלכן קאָליר האָט דער יאַם
באַ די היימישע ברעגן?
א שוואַרצן,
און אַמאָל א רויטן,
ווי דער הימל אין דעיִר יאַסין...
נאָר אויב די שײַן פֿאַלט אַף דער ערד,
אויב דער רעגן גיסט אַף דער ערד,
וואַקסט אויס אַפֿן ווײַטעק גרין גראָז...

ווײַט אַראָפּ האָבן זיך געזען די געלע פֿײַערן פֿון די האַפֿנס. די פֿײַערן האָבן זיך אײַנגע־שניטן אין דער פֿיאָלעטער שוואַרצקײַט פֿונעם מיטללענדישן יאַם, און דער נאַכט־פּייזאַזש איז געווען א פֿרידלעכער, ווי דאָס אַלץ וואָלט פֿאָרגעקומען ניט אין כײַפֿע, אַפֿן יִיסראָעלס ברעג, נאָר ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט, אָבער די לידער האָבן אונדז מיט אַקשאָנעס גערופֿן קיין דעיִר יאַסין...

דרײַסיק יאָר זײַנען אַוועק פֿון יענעם פֿרילינג־טאָג, ווען די ציִוניסטישע מעסער־יונגען האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעם אַראַבישן דאָרף און אויסגעראָטן מער פֿון 250 פֿרידלעכע אײַנוווינער, ניט געשאָנעוועט קיין פֿרויען, קינדער, זקיינים.

דער טרויעריקער אָנדענק וועגן דעיִר יאַסין קלאַפּט אין די הערצער פֿון די פּאַלעסטינער אַראַבער. יעדן טאָג ווערט דער דאָזיקער אָנדענק דערגאַנצט מיט נײַע פֿאַקטן וועגן ווילקיר און אומגעזעצלעכקײַט אַף די אַראַבישע טעריטאָריעס, וועלכע זײַנען פֿאַרכאַפּט דורכן יִיס־ראָעל־מיליטער. טויזנטער און טויזנטער פּאַלעסטינער זײַנען פֿאַר דער צײַט פֿון דער אָקופּאַ־ציע אַרײַנגעשלײַדערט געוואָרן אין די טפֿיסעס, וווּ מע האָט זיי אומענטשלעך געפּײַניקט. זייערע הײַזער זײַנען אויסגעגלײַכט מיט דער ערד, זיי אַליין — פֿאַרטריבן פֿונעם לאַנד, זייער ערד — קאָנפֿיסקירט. צענדליקער טויזנטער אײַנוווינער זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿונעם אַראַ־בישן טייל פֿון ירושלאַיִם און פֿון זײַנע פֿאָרשטעט. ווען מע פֿאָרט הײַנט צו ירושלאַיִם, זעט מען „ריין יִידישע קוואַרטאַלן״, וועלכע זײַנען אויסגעבויט אַף די געלע שטייניקע באַר־גיקע באָדנס און בילדן דעם „סאַניטאַר״־רינג אַרום דער שטאָט.

דער האַלבער מיליאָן אַראַבער אין יִיסראָעל גופֿא פֿילן יעדן טאָג אַף זיך די פֿאָלגן פֿון דער ראַסיסטישער פּאָליטיק, אין גײַסט פֿון אַפּאַרטעיִד, מיצאַד דער עקסטרעם־ציִוניסטישער רעגירונג. דאָס איז דער זעלבער אַפּאַרטעיִד, ווי אין דאָרעם־אַפֿריקע, דעם טורמע־לאַנד, מיט וועלכן די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון יִיסראָעל פֿעסטיקן, אַגעוו, אַלץ מער די פֿאַרבינדונגען.

פֿון דער אומאָפּהענגיקײַט־דעקלאַראַציע, אָנגענומען דורך מעדינאַס יִיסראָעל דעם 15 מײַ 1948

„די מעלוכע יִיסראָעל... פֿירט דורך אין לעבן די פֿולע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע אירע מיטבירגער אָן אונטערשייד פֿון רעליגיע, ראַסע אָדער גע־שלעכט. זי זיכערט די פֿרײַהײַט פֿון גלויבן און געוויסן, דאָס רעכט צו נוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך, דאָס רעכט אַף בילדונג און קולטור״.

די פֿראַנצויזישע צײַטונג „מאָנד״ שרײַבט:

„אינעם מאָמענט, ווען עס איז געשאַפֿן געוואָרן מעדינאַס יִיסראָעל, האָט אַן אַראַביש פֿוי־עריש געזינד פֿאַרמאָגט אין דורכשניט אָנדערהאַלבן העקטאַר ערד, און אין 1963 — ניט מער פֿון 0,46 העקטאַר. פֿון יענער צײַט אָן איז אויך די דאָזיקע ציפֿער געוואָרן קלענער״.

ניט ווײַט פֿון כײַפֿע שנײַדט זיך אַרײַן אין סאַמע יאַם אַן אַלטמאָדישע פֿעסטונג, וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט א טיפֿן גראָבן. אַמאָליקע צײַטן, ווען דער סוינע האָט זיך באַוויזן אַפֿן

ברעג, פלעגן צעפּעפּענען זיך די דאַמבעס, קעדיי די יאַם־כּוואַליעס זאָלן פון אַלע זײַטן, ווי אַ רונג, אַרומכאַפּן די שטאָט, מאַכן זי אומצוטריטלעך. אין די פעסטונג־ווענט איז דער אַראַבי־שער טייל פון דער שטאָט. אויסמײַידנדיק דעם מאַרק, זײַנען מיר, אין דער באַגלייטונג פון אונדזערע ייִסראַעלדיקע פרײַנט, אַרופגעגאַנגען אַף שמאָלע טרעפּ אין דער הייך און אַרײַן אין אַ קליין צימערל. דאָרט האָט מען, לאָזט זיך אויס, שוין געוואַרט אַף אונדז.

שיין איז די שטאָט אַקאָ — וווּנדערלעך זײַנען די איבערפלעכטונגען פון איר געסלעך, פון וועלכע מע דערזעט פּלוצעם די הימל־בלויע וואַסערן פון דעם יאַם, די אַרקעס אַף די פלעצער און דעם מינאַרעט פונעם הויפּט־מעטשעט, וואָס הייבט זיך אויף צום הימל, ווי אַ ראַקעטע. אָבער די אַראַבישע אײַנוווינער פון שטאָט האָבן ניט־וווּ צו טראַכטן וועגן שיינ־קײַט. דאָ, ווי אין יענע אַנדערע ראַיאָנען פון ייִסראַעל, וווּ דער גרעסטער טייל באַפעלקערונג באַשטייט פון אַראַבער, ווערט געפירט אַ פּאָליטיק פון „יודאַיזירונג", פּאַשעט גערעדט — מיט אַלערליי מיטלען סטאַרעט מען זיך צו פּטריאָגן די אַראַבער, אַ קלאַפּ טאָן, אַ דריק טאָן זיי ווו עס לאָזט זיך נאָר.

— אומגעפער איז אַזאַ צימערל, ווו מיר זיצן איצט, — דערציילט מען אונדז, — לעבן צומאָל גרויסע געזינדן פון 10־20 מענטשן... אַ סאַך יונגע פּאָרלעך, שוין כאַסענעגעהאַטע, קאָנען ניט לעבן ווי אַ געזינד צוזאַמען, ווײַל זיי האָבן קיין דירע ניט. און וויפל הײַזער האַלטן שוין באַם אײַנפאַלן!

יאָ, שיין איז די שטאָט אַקאָ, אָבער שווער לעבט זיך אירע אײַנוווינער. ניט קיין לײַכטן קאַמף פאַר פּאַרטיידיקן די גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ייִסראַעל קומט אויס צו פירן די קאָמוניסטן און אַלע עמעסע דעמאָקראַטן פון ייִסראַעל. סײַ אין אַקאָ, סײַ אין אַ סאַך אַנדערע ראַיאָנען פון לאַנד.

גאַליל... מיר זײַנען דורכגעפאָרן דורך די גאַלילער דערפער און אומעטום געהערט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען באַמיִען זיך דורכצופירן דעם „יודאַיזאַציע־פּלאַן". אין דער פּראַקטיק באַטײַט דאָס: קאָנפיסקירן די אַראַבישע ערד־כאַלאָקים, אויסגלײַכן די הײַזער מיט דער ערד, פאַר־טרײַבן די אײַנוווינער, פויערים, וועלכע פאַרלירן די מעגלעכקײַט צו באַאַרבעטן די ערד און בלײַבן אָן ברויט, ווערן פאַרוואַנדלט אין לוין־אַרבעטער, לעס־ברייירע, גייען זיי אַוועק אין די שטעט, וווּ זיי מוזן זיך נעמען צו יעטווידער שוואַרצער אַרבעט, כאָטש פאַרן קלענסטן לוין.

ביז הײַנט פאַרגעסט מען ניט אין ייִסראַעל דעם „טאָג פון פּאַרטיידיקן די ערד", וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין מאַרט 1976, די פּאָליציייִשע פּאָגראָמען און שיסערײַען, די אומשולדיקע קאָרבאָנעס צווישן די פרידלעכע אײַנוווינער, דעם אַלגעמיינעם שטרײַק, וואָס האָט באַוויזן, אַז ניט רעכענען זיך אינעם פּאָליטישן לעבן פון דעם לאַנד מיט דער וואַקסנ־דיקער ראָליע פון די אַראַבער איז שוין אומעגלעך.

קיינע רעפּרעסיעס האָבן ניט אײַנגעבראָכן דעם ווילן פון די אַראַבער אין ייִסראַעל צו קעמפן קעגן אונטערדריקונג און דיסקרימינאַציע. די אַראַבער ווייסן שוין איצט אויסגעצייכנט, ווער עס איז זייער סוינע, ווער — זייער פרײַנט. ס'איז נאַטירלעך, וואָס אין די אַראַבישע ראַיאָנען וואַקסט דער אויטאָריטעט פונעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

...עס איז שוין געווען בײַן־האַשמאָשעס, ווען מיר האָבן זיך דערקליבן צום שטעטל אום־על־פאַכם. אין אָט דעם שטעטל וווינען 16 טויזנט מענטשן. מיר פאָרן מיט דער גאַס, וואָס הייבט זיך אויף אַלץ העכער און העכער איבער די בערגלדיקע שיפּוּים, וועלכע זײַנען געדיכט פאַר־בויט מיט הײַזער. ביזן אָנהייב פונעם מיטינג איז נאָך געבליבן אַ שאָ. מיר גייען אַרײַן אין איינעם פון די הײַזער, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די אַקטיוויסטן פון דער פּרײַנטשאַפט־באַ־וועגונג, די פאָרזיצערס פון די אָרטיקע מוניציפּאַליטעט־ראַטן, די אָנפירער פון די קאָמוניסטי־שע קעמערלעך.

דער שמועס גייט, פאַרשטייט זיך, אַרום די אָרטיקע פּראָבלעמען, וועלכע רעגן יעדן איי־נעם. מיט דרײַסיק יאָר צוריק האָבן די אײַנוווינער פון אום־פאַכם פאַרמאָגט 145 טויזנט דונאַמס[1] ערד, איצט איז בײַ זיי פאַרבליבן סאַכאַקל 20 טויזנט דונאַמס, וועלכע ליגן אַף די באַרג־שיפּוּים און טויגן ווייניק פאַר ערדאַרבעט. דרײַ טויזנט אײַנוווינער פון אום־על־פאַכם פאָרן פונדאַנען יעדן פרימאָרגן אַף אַרבעט, פּאַטערנדיק אָפּן וועג ניט ווייניקער פון צוויי שאָ. ניטאָ דאָ קיין שפּיטאָל, קיין קאַנאַליזאַציע, זייער שווער איז מיט וואַסער. ביז די לעצטע יאָרן זײַנען אַראָפּגעריסן געוואָרן אַלע פּרוּוון צו אויסבויען דאָ אַ מיטלשול, דערפאַר האָבן זייער ווייניק יוגנטלעכע פון אום־על־פאַכם באַקומען בילדונג.

יעדער רעדנער האָט זיך געטיילט מיט זײַנע געדאַנקען, וועלכע באַרירן פראַגן, וואָס

---

[1] 1,0 דונאַם באַטרעפט 0,1 העקטאַר.

פאַרשאָפן אים אגמעסנעפעש, און פון אַלע דערציילונגען איז אויפגעקומען א בילד, ווי מע טרעטירט אַף א גוט דורכגעטראַכטן אופן די רעכט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ייִסראָעל. דערפאַר זײַנען פאַרשטענדלעך די קעסיידערדיקע אָנפאַלן און פּראָוואָקאַציעס קעגן דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל — אין אירע רייען קעמפן האַנט־בײַ־האַנט, אַקסל־צו־אַקסל, ווי ברידער, ייִדן און אַראַבער.

אַף דער באַגעגעניש מיט אונדז אין אום־על־פאַכם איז אײַנגעלאַדן געוואָרן דער פאָרזיצער פונעם מוניציפּאַלן ראַט אינעם שכייניש שטעטל — א מענטש א גיבער, מיט לאַנגע האָר און אַן אָפן פאַרברוינט פּאָנעם. ער האָט שווײַגנדיק געהערט, וואָס מע רעדט, און דערנאָך געבעטן א וואָרט.

— איך וויל זאָגן, אַז די ייִסראָעל־רעגירונג באַציט זיך צו די אַראַבער לאַכלוטן ניט בעסער, איידער די היטלעריסטן צו די ייִדן, אויסער דער ענדלייזונג, פאַרשטייט זיך... דאָ האָט מען בלויז צוגעטראַכט א דיפּלאָמאַטיש איבערהײַטל, א מין צודעק... עמעס זאָג איך? — האָט ער געפרעגט באַם אוילעם, און אַלע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, אַז עמעס. — בײַ די ציוניסטן אין ייִסראָעל, אויב עמעצער זאָגט דעם עמעס, דערקלערט מען אים טייקעף פאַר א קאָמוניסט. איך בין אָבער ניט קיין קאָמוניסט... מיך כידעשט, וואָס אָפן מײַרעוו, וווּ מע האַלט אין איין ליאַרעמען, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד טרעטירט מען, קלוימערשט, די רעכט פונעם מענטשן, אַף אָט דעם מײַרעוו שווײַגט מען, ווײַסנדיק, אַז א האַלבער מיליאָן אַראַבער אין ייִסראָעל, א מיליאָן אַראַבער אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס זײַנען באַרויבט פון זייערע עלעמענטאַרע רעכט!

די שטאָט אַקאָ, די ייִשוּווים מאַזשד־על־קורום, אום־על־פאַכם... דאָס זײַנען אַדרעסן, ווּוּ עס האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אומיושער און רעכטלאָזיקײַט, אונטערדריקונג און אומגעזעצלעכקײַט. דאָס זײַנען אָבער אויך אַדרעסן פון קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דיסקרימינאַציע און פון פאַרטרײַבן מענטשן פון די אײַנגעזעסענע ערטער, פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג, שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס. ווען מע רופט אָן די דאָזיקע און פיל אַנדערע אַדרעסן, טאָר מען, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשווײַגן וועגן דער שטאָט נאַזאַרעט.

אין דעקאַבער 1975, בײַס די וואַלן צום מוניציפּאַלן ראַט, האָט דאָ אָפּגעהאַלטן א גלענצנדיקן זיג דער דעמאָקראַטישער פראָנט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטיי. דער פראָנט האָט באַקומען אַרום 70 פּראָצענט שטימען, און טאַופיק זיאַד, דער מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל און קנעסעט־דעפּוטאַט, אַן אָנגעזעענער דיכטער, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מער פון דער שטאָט.

נאַזאַרעט... אַף זײַנע גאַסן זעט מען ניט בלויז געשיכטע און לעגענדעס, — אַף זײַנע גאַסן שלאָגט דער דויפּעק פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן, וואָס ווייסט די פרײַז פון פרײַהײַט און ווירדע, גלייבט אין דער צוקונפט. און יעדע אַקציע, וואָס ווערט דורכגעפירט דאָ, אין „רויטן נאַזאַרעט", געפינט אַן אָפּקלאַנג אָפן גאַנצן נאָענטן מיזרעך.

פון דער דערציילונג פון טאַופיק זיאַד, דעם מער פון נאַזאַרעט

— אין דער דאָזיקער וועלט איז פאַראַן בלויז איין שטאָט נאַזאַרעט. און דערפאַר וואָלטן די רעגירער פון ייִסראָעל געדאַרפט געדענקען: אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין נאַזאַרעט, הערט זיך אַף דער גאַנצער וועלט. א גאַראַנטיע דערצו זײַנען די געשיכטע פון דער שטאָט און איר הײַנטיקער מאַצעוו.

מיר לעבן דאָ, ווי אַף א מילכאָמע, ווײַל קעגן אונדז פירט זיך אַן עמעסע מילכאָמע — אָדער מע הייבט אָן א פּײַנטלעכע פּאָליטישע קאַמפּאַניע, אָדער מע גיט אונדז קיין געלט ניט, אָדער מע זאָגט פאָרויס, אַז אונדזער סאָף איז נאָענט... מיט צוויי וואָכן צוריק זײַנען פּאָליציי־אַגענטן אָנגעפאַלן אָפן מוניציפּאַליטעט, אָפן מער פון דער שטאָט, נאָר... איך מיין, אַז זיי געדענקען ביז איצט דעם טײַטש פונעם וואָרט סאָלידאַריטעט. מע האָט געזאָגט, אַז דער רויטער מוניציפּאַליטעט וועט קיין צוויי־דרײַ כאָדאָשים ניט ציִען, אָבער מיר אַרבעטן און קעמפן שוין דריטהאַלבן יאָר... און דער גרעסטער זיג אונדזערער — דאָס זײַנען די נײַע באַציִונגען מיט דער באַפעלקערונג.

דער זיג אין נאַזאַרעט האָט פאַרפעסטיקט די פּאָזיציעס פון די אַראַבער אין ייִסראָעל, ער האָט מיטגעהאָלפן דעם דערפאָלג אינעם קאַמף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע טרעט אַרויס פאַר דעמאָקראַטיע און גלײַכבאַרעכטיקונג. קיינער קאָן בײַ אונדז ניט אָפּנעמען אונדזער רעכט צו לעבן און בויען אונדזער גוירל דאָ, אין דער היים, געניסן פון גלײַכע רעכט. נאַזאַרעט איז איצט דער צענטער, דער שליסל פונעם קאַמף פון די אַראַבער פון ייִסראָעל.

איר האָט שוין געהערט וועגן דער ערד. אָט האָט איר א בײַשפּיל. אַף דער ערד, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן בא נאַזאַרעט, האָט מען אויסגעבויט די שטאָט נאַזאַרעט־איליט מיט א ייִדישער באַפעלקערונג. בא אונדז, אין אַלטן נאַזאַרעט, איז די צאָל אײַנוווינער מער ווי אין צוויי מאָל א גרעסערע איידער די באַפעלקערונג פון נאַזאַרעט־איליט, אָבער דער בודזשעט — אין אַנדערהאַלבן מאָל א קלענערער... מיר טוען אָבער אונדזער זאַך! עס קלעקן ניט קיין קלאַסן־צימערן, געפינען מיר זיי אין די וווין־הײַזער. פאַר אַכט און צוואַנציק יאָר זײַנען אין אונדזער שטאָט אויסגעבויט געוואָרן סאַכאַקל 8 קילאָמעטער קאַנאַליזאַציע־נעצן, און מיר האָבן פאַר צוויי יאָר אויסגעבויט אין צוויי מאָל מער. מיר בויען צוויי שולן, א לאָקאַל פאַר א הויכשול, כאָטש די פינאַנציעלע שוועריקייטן זײַנען גרויס. איר האָט געזען די שטאָט, דעם מאַרק. אומעטום איז ציכטיק־ריין, און נאַזאַרעט איז דאָך מיסטאָם די איינציקע שטאָט אין דער וועלט, וווּ מע פירט אַרויס דאָס מיסט אַף אייזלען. די אײַנוווינער קומען אַנטקעגן דעם מוניציפּאַליטעט, זיי נעמען ניט קיין געצאָלטס פאַר דער אַרבעט! און — פאַרשטייט עס — צײַטנווײַז באַקומען מיר וווינקער מיטלען, איידער פריִער, די פּרײַזן וואַקסן, די אינפלאַציע לאָזט זיך פילן, און בא אונדז גייט די אַרבעט פאַמעלעך. דערפאַר, ווײַל מיר האָבן אָנגעהויבן שטרענגער פירן אונדזערע כעזשבוינעס, קיינער לאָזט ניט אַראָפּ צו זיך אין קעשענע קאַהאַל־שע געלטער. און יעדעס יאָר ווערט אין נאַזאַרעט געעפנט א זומער־לאַגער, און מענטשן פון גוטן ווילן אין גאַנצן לאַנד אײַלן צו אונדז מיט הילף, מע אַרבעט אָן געצאָלטס. פאַראַיאָרן זײַנען געקומען אַרבעטן דרײַ טויזנט מענטשן, דערונטער א סאַך ייִדישע פרײַנט. אַפילו די 30 אויסלענדער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שטאָט, האָבן זיך אויך אײַנגעשלאָסן אין דער אַרבעט, ניט נעמענדיק קיין שום באַלוינונג. די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרבעט — אופגעשטעלט געצעלטן, באַגעגנט די קינדער, געגרייט מיטיקן. איר האָט געזען די פאַרביק געמאָלטע ווענט? דאָס האָבן די קינסטלער אָן שום האָנאָראַר באַפּוצט די שטאָט. און נאָך דער אַרבעט האָט גאַנץ נאַזאַרעט זיך באַטייליקט אינעם פעסטיוואַל פון לידער און טענץ... מיר זײַנען אָפּטימיסטן, דערמיט זײַנען מיר שטאַרק...

אין אָוונט איז פאָרגעקומען א מיטינג אינעם פרײַנטשאַפט־הויז. איך וועל קיינמאָל ניט פאַר־געסן דעם דאָזיקן אָוונט, די לײַדנשאַפטלעכע רעדעס, די הייסע ווערטער פון ליבע און פרײַנט־שאַפט צום לאַנד פון די סאָוועטן. נאָכן מיטינג איז אַרויסגעטראָטן א קינדער־כאָר.

— דאָס איז די ערשטע אַרויסטרעטונג פונעם כאָר, — האָט אונדז געזאָגט דער מער פונעם מוניציפּאַליטעט.

ער איז געווען צופרידן. צופרידן איז געווען אויך דער זאַל. די ייִנגלעך און די מיידלעך, פילנדיק די אופמערקזאַמע אַאודיטאָריע, האָבן זיך געסטאַרעט מיט אַלע קויכעס. עס האָט אָפּ־געהילכט דער „הימן פון דער דעמאָקראַטישער יוגנט", און גאָר אומגעריכט האָבן זיך דער־הערט די רוסישע ווערטער «Хороши весной в саду цветочки». סאַראַ ווײַטער און סאַראַ נאָענטער נאַזאַרעט!

צום שלוס האָט דער כאָר געזונגען די אַראַבישע ליד, וועלכע יעדער געדענקט נאָך פון די קינדער־יאָרן:

מיר ווינטשן אײַך לעבן אין שאָלעם
אַף דער ערד פון די אַלטע אָוועס...

ביטאַ קיין שאָלעם אַף דער דאָזיקער ערד. עס קלאַפּט אין די הערצער דער אָנדענק וועגן דעיר יאַסין, עס הערן זיך שיסערײַען אין האַלבנאַכט, דערמאָנענדיק, אַז דער קאַמף דויערט ווײַטער.

א נייטיק נאָכוואָרט

אַלזאָ, א וואָך צײַט האָבן מיר פאַרבראַכט אין ייִסראָעל. אין דער שאָ, ווען פרײַטיק פאַר ליכט־בענטשן איז אין די גאַסן פון תעל־אָוויוו ווידער געוואָרן שאַ־שטיל, זײַנען מיר געפאָרן צום צווישנפעלקערלעכן אַעראָפּאָרט לאָד.

עפּעס א שווערע לאַסט האָט געדריקט פון אָט דער קינסטלעכער שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט אַנשוויגן געוואָרן בלויז צוליב דעם, קעדיי כאָטש איין טאָג ניט טראַכטן וועגן די

שווערע פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן, אראָפּוואַרפן פון די אַקסלען זייערע פּענטעס.

לײדער גיט זיך דאָס ניט אײַן. ווער רעדט נאָך אין ייִסראָעל.

אפילע אין אָט דעם קורצן טערמין — פון שאַבעס ביז שאַבעס — האָט מען געקאָנט זיך איבערצײַגן, אַז דאָס לאַנד זידט ווי אַ קאָכיקער קעסל, ווּ דאָס דעקל האַלט אין איין קלאַפּן און קלאַפּן... דאָס באַוואָפענונגס־געיעג, די נײַע מיליטערישע ייִשוווים אויף די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס, די שפּיל אין סעפּאַראַטע קונצן מיט סאַדאַטן אונטער די שוץ־פליגל פון דער אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע, די אַלטע עקספּאַנסיִאָניסטישע לידעלעך — אָט דאָס איז דער קרעדאָ פון די אולטראַ־רעכטע, אַ צונויפגעפּעפּערטער מיט אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם.

די רעאַקציע מיִעסט זיך מיט קיין זאַך ניט — זי זאַמלט אונטער אירע פאָנען די סאַמע זינלאָזע עקסטרעמיסטן, אָרגאַניזירט שענדלעכע געריכט־פאַרפאָלגונגען (ווען מיר האָבן פאַרבראַכט אין ייִסראָעל, איז דאָרט געגאַנגען דער פּראָצעס איבערן דעמאָקראַטישן זשורנאַליסט פון ציפערן פּאַסכאַליס), קומט אָן צו דער הילף אַמאָל פונעם אַטאַמאַן פון „דזשוּיִש דעפענס ליג" מייער קאַהאַנע (מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט ער מיט זײַנע מעסער־יונגען פאַרשוועכט היילקײַטן אין סאַמע צענטער פון יערושאָלאַיִם — אויסגעבראָכן די טירן, אַראָפּגעריסן די איקאָנעס און פאַרשמירט די ווענט פונעם טראַיִצקער סאָבאָר פון דער רוסישער קלעריקאַלער מיסיע), אַמאָל פון אַזעלכע קרימינעלע שווינדלער, ווי פלאַטאָ־שאַראָן (בלויז דער מאַנדאַט פון אַ קנעסעט־דעפּוטאַט האָט אים געראַטעוועט פון דער אינטערפּאָל[1]). אין לאַנד וואַקסן אָבער די רייען פון יענע, וועלכע קעמפן קעגן דעם עקספּאַנסיִאָניזם פון די רעגירער, טרעטן אַרויס פאַר שאָלעם אין אָט דעם פּאָלוווער־ראַיאָן. איך בין געווען אין יערושאָלאַיִם אויף אַ מיטינג פון דער באַוועגונג „שאַלאָם אַכשאַוו!" (שאָלעם איצט!). עס איז פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס איז אומגעוויינלעך פאַר ייִסראָעל — די באַוועגונג איז געגרינדעט געוואָרן מיצאַד אַ גרופּע רעזערוו־אָפיצערן און אין איר גייען אַרײַן די פאַרשיידנסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט.

קלאָר און מוטיק קלינגט די שטים פון די ייִסראָעל־קאָמוניסטן — דעם שלאַכט־אַוואַנגאַרד פון די אַרבעטנדיקע, ייִדן און אַראַבער. אַ פּאָליטיק פון שאָלעם, דערקלערט די פּאַרטיי, איז די רעטונג פאַר ייִסראָעל, דער אויסוועג פונעם האַרבן קריזיס, וואָס האָט געטראָפן דאָס לאַנד.

מע קאָן ניט אויסבאַהאַלטן די טיפסטע ווידערשפּרוכן — קלאַסן־ווידערשפּרוכן, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, — וועלכע עס פאַרמאָגט אין זיך דער עצעם מעהוס פון אַ קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע און וואָס ווערן אין פיל מאָל פאַרשטאַרקט דורך דער פּאָליטיק פון אירע ציִעניסטישע רעגירער. דער אומגעצוימטער וווּקס פון די קריגס־הויצאָעס, די מיליטאַריזאַציע פון דער עקאָנאָמיק, די טיפע אָפּהענגיקײַט פון דער אַמעריקאַנער „מומע", דער וווּקס פונעם דאַלעס און אָרעמקײַט פון די אַרבעטנדיקע, דאָס טרעטירן זייערע דעמאָקראַטישע רעכט, דאָס פאַרשטאַרקן די דיסקרימינאַציע פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, דער וווּקס פון אומצופרידנקײַט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, די רײַסערײַ צווישן די מאַכטהאָבער... דער קאָנגלאָמעראַט פון די דאָזיקע און פון פיל אַנדערע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען איז פאַרבונדן אין אַ שטאַרקן קנופּ. דער קעסל אונטערן דעקל זידט און קאָכט...

כײַפע — אַקאָ — נאַזאַרעט — מאָסקווע.

אויפן מיטינג פון דער באַוועגונג „שאָלעם איצט!" אין יערושאָלאַיִם

---

[1] אינטערפּאָל — צווישנפעלקערלעכע פּאָליציי.

1. א דעלעגאציע פּראָגרעסיווע פרויען פון ייִסראָעל האָט לויט דער אײַנלאדונג פונעם קאָמיטעט פון סאָוועטישע פרויען געמאכט א רײַזע איבערן סאָוועטנפאר־באנד. אפן בילד: די דעלעגאציע אין קאזאן

2. ייִסראָעלדיקע דעלעגאטן אפן פעסטי־פאל אין האוואנע מיטן נאציִאָנאלן דיכ־טער פון קובא ניקאָלאס גיליען

3. א טייל פון דער ייִסראָעלדיקער יוגנט־גרופּע פארן אָפּפלי קיין האוואנע אפן XI צווישנפעלקערלעכן יוגנט־פעסטיוואל

1

2

3

4

5

6

4. א מיטינג אין טעל־אוויוו קעגן די מילכאָמע־שפּאַרבערס

5. דער קאָמוניסטישער מער פון נאַזאַרעט טאַופיק זאיאַד

6. פאָרשטייער פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמ־פּאַרטיי צוזאַמען מיט די מיטגלידער פונעם קול־טור־קלוב אפן נאָמען פון א. וויטענבערג אין אויסטראַליע.

מ ו י ש ע   א ל ט מ א ן

באַם פענצטער

געוויס בין איך ניט דער איינציקער און ערשטער, וואָס האָט א טראכט געטאָן וועגן דער גרויסער באַדייַטונג פון פענצטער.

מיך האָט די נאטור באַלאָדן מיט ליבשאפט צום מענטשן, באַזונדערס צו קינדער. צו קינדער און צו ביימער. טראכט איך אָפט מיט דאנקבארקייַט וועגן יענע פארהוילענע, וועלכע האָבן די דערפינדונג געהאט צו מאכן גלאָז...

ווי ווייַט דער זיקאָרן דינט מיר, האָבן דאָס מאכן גלאָז די ערשטע דערפונדן די פיניקיער (אין כומעש — איינוווינער פון קנאאן). אין כומעש, אין די עפישע טיילן באַגעגנט מען דאָס וואָרט חלון (כאלאָן), וואָס איז די טייַטש פענצטער. די נעוויִעטע, די זינגערן דבורה (דווירע) זינגט וועגן דעם, ווי די מוטער פונעם פייַנטלעכן קאָמאנדיר סיסראָ, וועמענס אָנפאלער־ארמיי די זיגער האָבן צעקלאפּט, און ער אליין קומט אום פון דער האנט פון א פרוי, ניט קיין ייִדישער, נאָר פון ייִדן־פרייַנטלעכן שייוועט, — דווירע זינגט וועגן דעם, ווי די מוטער פונעם קאָמאנדיר קוקט דורכן פענצטער, דורך א שויב פון דעם פענצטער, פארזאָרגט, וואָס איר זון זאמט זיך, און די אנדערע פרויען טרייסטן זי: ער וועט קומען מיט רויב, מיט א סאך רויב...

מיר איז פאר מייַן לאנג לעבן אויסגעפאלן די פריווילעגיע צו באַנוצן דאָס קוקן דורכן פענצטער אָן א צאָל מאָל, מיט פריילעכע און אומעטיקע אויגן, איז לייַכט צו פארשטיין, פארוואָס אָט די קנאאנישע דערפינדונג איז מיר זייער טייַער. איך זיץ (שטיין איז מיר שוין ניט לייַכט) און קוק אָף מענטשן, אָף לעבעדיקע מענטשן: אלטע, יונגע מענער, פרויען און קינדער, קינדער... אויך ביימער...

אונדזער דירע איז אפן ערשטן שטאָק, די פענצטער — צו דער גאס. און די גאס איז די שפּאציר־גאס. זע איך מענער, פרויען פון פארשיידענעם עלטער. יונגע פרויען מיט קינדערלעך פאר די הענט, גרעסערע, קלענערע. קינדער האָבן ליב שפּיל. לאָזט מען איבער די מאַמעס און מע אנטלויפט. די שפּיל איז מיר ליב. אויך יונגע ווייַבלעך מיט א ביסל א הויך בייַכל, קומענדיקע מאמעס. טרעפט, עס שטעלט זיך אָפּ גראָד אנטקעגן מייַן שפּיִאָנאזש־פענצטער א פייַן־אויסגעפּוצטע יונגע פרוי מיט אן אויסשניט אין דער בלוזע, מיט דער פרומער בסורע פון פייַנע יונגע בריסטן.

און גאָר ליב איז מיר צו קוקן, ווי קינדער שטעלן זיך אוועק פאר מייַן פענצטער לעבן דעם טיש, וועלכן מ'האָט ארויסגעטראָגן פון דער ביכער־קלייט אפן טראָטואר. זיי קלייַבן זיך אויס העפטלעך מיט קארטינקעס, פירן צו די מאמעס און באַווייַזן זיי — קויפט! מע קויפט. און עס טרעפט א באָכערל, א ביסל א גרעסערס, מיסטאם שוין א פינפיאָריקער, און שוין א גראַמאָטנער, שלעפּט ארויס פון א קעשענקעלע די קאָפּעקעס, דעם פּרייַז פון דער אויסגעוויילטער דורך אים ליטעראטור, און דערלאנגט דער פארקויפערן. וויִאזוי ניט אָנקוועלן?

דער קיִאָסק איז פאר מייַן פענצטער. צוויי לאנגע טישן. און די פארקויפערן — א ייִדיש מיידל, אן איישעס־כאיִל. זי פארדינט קאָשער פיל מער ווי א פּאָר שורעס, נאָר איך בין אלט, און קיין קויעך איז ניטאָ.

קוק איך דורכן פענצטער און קלייַב נאכעס. דאָס לעבן איז רייצנדיק שיין.

ארן ווערגעליס

אזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן
איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק

פאַראַיאָרן איז דער אָקטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געוואָרן א מין „ליטעראַרישע סענסאַציע": אין דער צײַט, ווען די בירגערלעכע ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט, איז דערשינען א באַנד פון דער סאָוועטישער ייִדישער כוידעש־שריפט, ווו דער גאַנצער שטעטך, פון טעוועלע ביז טעוועלע, איז פאַרנומען מיט נײַע, אַקטועל־הײַנטצײַטיקע דערציילונגען און נאָוועלן. קורץ נאָך דעם, אין די האַרבסט־כאָדאָשים פון הײַנטיקס יאָר האָט א היפּשער קאָלעקטיוו ייִדישע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דרײַ נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" נאָכאַנאַנד, דעמאָנסטרירנדיק דערמיט די רײַפקײַט פון געדאַנק, די ברייטע אינטערעסן־פּאַליטרע און די באַזיניקטע אופמערקזאַמקײַט צום טאָגטעגלעכן לעבן, וואָס עס ווײַזט ארויס די פונקציאָנירנדיקע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור.

און איצט — נאָך איין נײַס, וועלכע שטײַגט אריבער, קאָן זײַן, לויט איר באַדײַטונג פאַרן ליטעראַרישן פּראָצעס, די פריערדיקע. ארום דרײַ צענדליק אווטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן אופגענומען דעם רוף פון דער רעדאַקציע און זיך אוועקגעלאָזט נאָך לעבנס־אײַנדרוקן אין די פאַבריקן, זאַוואָדן, קאָלווירטן, וויסנשאַפטלעכע און קולטור־אַנשטאַלטן פון פאַרשיידענע שטעט און דערפער, אין פילצאָליקע געגנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרציי־כענענדיק אָט די אײַנדרוקן גלײַך אפן אָרט אין א הויך־מאַדרייגעדיקער קינסטלערישער פאָרם. פון די געשאַפענע אף אזא אויפן דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן, פּאָרטרעטן פון מיטצײַטלער, רײַזע־בילדער האָט די רעדאַקציע צונויפגעשטעלט דעם גאַנצן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד — פון טעוועלע ביז טעוועלע, וועלכער דערשײַנט אין סאַמע סאָף פונעם לויפנדיקן 1978 יאָר און וועט זיכער אופגענומען ווערן מיצאַד די לייענער, ווי א שעפערישער סאַכאַקל, וואָס די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור פירט אונטער אין אויסגאַנג פונעם דריטן יאָר פון דעם 10־טן פינפיאָר.

דער צוטריט צו דער טעמע פון הײַנטצײַטיקײַט איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" געווען א בעהאַדראָגעדיקער און א שטופנווײַז דורכגעטראַכטער. באַזונדערס סטימולירנדיק האָבן גע־ווירקט די עטלעכע לײַדנשאַפטלעך דורכגעגאַנגענע באַהאַנדלונגען אין רעדאַקציע (ארויסגע־טראָגענע אף די זײַטן פונעם זשורנאַל), בייס וועלכע ס'איז דיסקוטירט געוואָרן דער עצעם טאָך פונעם הײַנטצײַטיקן נוסעך אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די פאַרהעלטענישן און די קעגנזײַטיקע באַרײַכערונגס־אופווירקונגען פון די ווערק וועגן איצטיקן לעבן און די ווערק וועגן דעם אָוואַר. קעדיי צו שאַפן עטלעכע פאַראַלעלע קאַנאַלן פאַר דער הײַנטצײַטיקער טעמע אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, האָט דער זשורנאַל אײַנגעפירט די באַשטענדיקע

אן אַרטיקל אונטערן זעלבן נאָמען זע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 10, 1977.

רובריקעס „אונדזערע מיטצײַטלער", „מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל", „אויף די שפּורן פון געשעענעס". ס'איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ קלאַל, אַז קיין איין נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגייט זיך ניט, אַזוי אָדער אַנדערש, אָן דער דאָקומענטאַלער פּאַרציי־כענונג, אָן פּובליציסטיק. מיט דעם איז אָרגאַניש צוגעגרייט געוואָרן אויך די איצטיקע קאָ־לעקטיווע „עקספּעדיציע" פון סאָוועטישע ייִדישע דאָקומענטאַליסטן אין די טיפענישן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

דער ציקל קינסטלערישע פּאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן, וועג־נאָטיצן, וועלכער פּאַרפולט דעם ספּעציעלן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", גיט אַ מעגלעכקײַט צו פּאַנאָנדערקלײַבן זיך אין אַ גאַנצער ריי וויכטיקע פּראָגן.

באַם לייענען אַזעלכע ווערק, ווי כאַים מעלאַמודס „טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן", שווימט אויף קוידעמקאָל די פּראַגע וועגן זייער אָנגעהעריקײַט צום זשאַנער. צי איז דאָס אַ פּאַרציי־כענונג, אויב דער דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל ליגט ניט אָפּן אויבערפלאַך? אין אַ „רעמל" פון באַוווּסטע פּערזענלעכקײַטן: מוישע אַלטמאַן, סידי טאַל, דער אַוטאָר אַליין — כאַים מע־לאַמוד — איז אײַנגעשלאָסן די פּערסאָנאַזשן־מישפּאָכע פון נאָכמען דעם מעטאַל־טאָקער: זײַן פּרוי גיסיע, זײַנע צוויי טעכטער. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין טשערנאָוויץ, אינעם נײַעם שטאָט־ראַיאָן, אויף דער קאָמאַראָוו־גאַס, אין אַ דירע אויפן דריטן שטאָק פון אַ מאָדערנעם מויער וווינט עמעצער אַנדערש און ניט אָט דער דאָזיקער אַרבעטס־מענטש פונעם טשערנאָ־וויצער מאַשינבוי־זאַוואָד. אָבער לייענענדיק דאָס ווערק, צווייפלט איר לאָכלוטן ניט אין דעם, אַז אַזאַ מישפּאָכע קאָן דאָרט וווינען, און אויב דער אַוטאָר האָט עטוואָס איבערגעשטעלט און געענדערט אַ ווירקלעכן פאַקט, צי אַ נאָמען, איז עס עפּשער לויט דער באַקאָשע פון די באַ־שריבענע מענטשן, אָדער, קאָן זײַן, לויטן אייגענעם ווילן פונעם אַוטאָר, צוליב פּאַראַלגעמיי־נערונג.

פאַראַן ליטעראַטן, וואָס פאַרשטייען ניט דעם טאָך פונעם פּאַרצייכענונג־זשאַנער, און זיי מיינען, אַז גאַרקיס, אָדער קאָראָלענקאָס, פּאַמיאַלאָווסקיס, טשעכאָווס אַטשערקן זײַנען פונעם זעלבן שעפערישן סטאַנדאַרט, ווי די אַטשערקן אינעם אַלמאַנאַך „נאַשי דאָסטיזשעניא" — אַ זאַמלונג דאָקומענטאַלע רעפּאָרטאַזשן וועגן דער מי פון די העלדן פון דעם לעגענדאַרן ערשטן פינפיאָר. דאָקומענטאַלע פּראָזע נעמט אין זיך אַרײַן עטלעכע אָפּצווײַגן. אינעם אויצער פון גרויסער ליטעראַטור פאַרבלײַבט, מיין איך, יענע פּאַרצייכענונג, וועלכע אַנטהאַלט אַלע שע־פערישע עלעמענטן פון קינסטלערישער פּראָזע ביכלאַל, אָבער מיט אַן אומבאַדינגטן צוגאָב: דער מאַטעריאַל איז אין יעסאָד אַ דאָקומענטירטער.

באַ שאָלעם־אַלייכעמען איז „פונעם יאַריד" צונויפגעשטעלט פון אַוטאָביאָגראַפישע קינסט־לערישע פּאַרצייכענונגען, די באַזונדערע קאַפּיטלען פון „מענאַכעם־מענדל" און אויך אַנדערע זײַנע ווערק האָט ער אָנגערופן „פעליעטאָנען", וואָס עס איז אויך, ווי באַוווּסט, אַ פאָרם פון דאָקומענטאַלער פּראָזע־שאַפונג. דער זשאַנער „רײַזע־בילדלעך", „אײַזנבאַן־געשיכטעס" איז — פּאַרצייכענונג. די ליטעראַטן, וואָס פאַרשטייען ניט, ווי אייגנאַרטיק, ווי איידל און לעבנסוויכ־טיק עס איז דער קינסטלערישער אַטשערק, „שרײַבן אַראָפּ פונעם לעבן" מיט קנעכטישער פּרימיטיוויקײַט דעם אָדער יענעם פאַקט, און אויב באַ דעם פּראָטאָטיפּ איז עפּעס ניט אָפּן אַרט — ס'האָט זיך, לעמאָשל, צופעליק, גראָד איצט געמאַכט, אַז באַם קאָנקרעטן לעבעדיקן מענטשן, דעם סטאַלעוואַר (וועלכער מוז, צוליב זײַן פּראָפעסיע, גוט זען דעם שטראָם פון צעגליטן מעטאַל) האָט זיך אָפּן אויג אָוועקגעזעצט אַ גערשטן, דאַן לאָזט דער אַוטאָר איבער אָט דעם גערשטן אויך אינעם אַטשערק, ווײַל „מע דאַרף זײַן טרײַ דעם לעבן". דער אַוטאָר קאָן ניט בײַקומען דעם באַריער פון אַ פּרינציפּיעל ריכטיקער, אָבער ניט אומבאַדינגטער פאָרמול. ווילנדיק זיך האַלטן באַ דעם פאַקט, קאָן ער שוין ניט באַפרײַען דאָס קינסטלערישע ווערק פונעם צופעליקן פאַקט, און ס'באַקומט זיך אַ פּאָטאָגראַפיע פונעם לעבנס־מאַטעריאַל אָנשטאָט זײַן קינסטלערישער שילדערונג.

דער אַטשערק, כאָטש איך איבער, דאַרף אַנטהאַלטן אַלע שעפערישע עלעמענטן פון קינסט־לערישער פּראָזע. באַ שירע גאָרשמאַן, אין איר פּאַרצייכענונג „אַ לאַנגע נעסיע", קוויקן מיר זיך מאַמעש מיט די טרעפלעכע פּאָרטרעטן פון די פּערסאָנאַזשן: „פונעם ערשטן קוק האָב איך גלײַך דערפילט, וואָס פאַר אַ מענטש לייע איז. אירע בלויע אויגן בײַטן זיך גיך און אָפט, און מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט אַ סאַך אויגן. איר געזיכט איז פריש און ראָז, די הענט — בייגעוודיק, די פינגער — לאַנגע און אויך די נעגל לענגלעכע. כוץ דעם, וואָס זיי זײַנען זייער שיין, זײַנען זיי שטאַרק רירעוודיק, זיי פלי־ען מאַמעש איבער דעם, וואָס לייע טוט"... און אָט

איז דער פּייזאַזש אין כאַיִם מעלאַמודס פאַרצייכענונג: „ס'איז שוין געווען ווּעסנע. פון יענער זײַט געטאָ, דאָרטן באַם בוג האָבן שוין אָנגעהויבן גרינען די ביימער. און די ווערבעס... איך האָט געזען, ווי ווערבעס צוויטען? זיי צוויטען מיט צוגעזשמורעטע אויגן. האָט עס מיך אַ ציִ געטאָן צום טײַך, צו די ווערבעס... אויב שטאַרבן, האָב איך געטראַכט, איז דאָרטן, אונטער די ביימער. ליג איך באַם טײַך, קוק זיך אײַן אין בלויען הימל. און דער צוויט פון די ווערבעס — ווי ליכטלעך איבער מײַן קאָפּ. און ס'איז מיר גוט... און עס ווילט זיך וויינען... און עס ווילט זיך שוין וואָס גיכער שטאַרבן... און עס ווילט זיך לעבן!" — אַזאַ איז דער פּייזאַזש אין כאַיִם מעלאַמודס עכט־קינסטלערישער דאָקומענטאַלער פּראָזע!

שווער בײַצושטיין דעם ניסאָיען — ניט ברענגען אויך אָט דעם דאָזיקן פּייזאַזש פון „טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן": „אין מײַנע קינדערשע האַרבסטן זײַנען ניט געווען קיין בלעטערפאַלן. אַלץ איז געווען: בייזע ווינטן, אַן עסעריקע קעלט, געדיכטע נעפּלען, נודנע רעגנס און טיפע בלאָטעס, נאָר קיין בלעטערפאַלן זײַנען ניט געווען. פּאַשעט דערפאַר, ווײַל אין אונדזער שטעטל זײַנען ניט געווען קיין ביימער. געווען אַ פּאָר סעדלעך ארום די גוירישע הײַזער, נאָר אַזוי ווײַט פון דער באָד־גאַס, אַז איך האָב אַפילע ניט געוווּסט וועגן זיי. האָב איך ערשט אין יאָרן ארום דערזען און דערפילט דעם ווונדער פון בלעטערפאַל, ווען די געלע, גאָלדענע בלעטער פאַרלאָזן זייערע נעסטלעך אַף די צווײַגן און לאָזן זיך אַראָפּ, ווי אונטערגעשאָסענע פייגעלעך, אַף דער ערד, באַדעקן זי מיט אַ ווייכן אויסבעט, וואָס בייגט זיך און שורשעט אונטער די פיס, און עס דוכט זיך, אַז די בלעטער קרעכצן פון ווייטעק. און אַלע מאָל, ווען איך שפּאַן איצט איבער די האַרבסטיקע גאַסן פון אונדזער גרינער שטאָט טשערנאָוויץ, וואָס איז פול מיט פּאַרקן און סקווערן, מיט ביימער מיקאָל־האַמינים אַף יעדן טריט און שריט, קוק איך זיך אײַן אינעם בונטן געמיש פון פאַרבן, מיט וועלכע עס מינען זיך קעגן דער זון די דעמבן און יאַסענעס, די לינדן און טאָפּאָלן, די קליאָנען און אַקאַציעס. ווען איך שפּאַן איבערן ווייכן אויסבעט און הער זיך אײַן, ווי עס האַלטן אין איין פּלאַצן און פאַלן אַף דער ערד די טונקל־ברוינע קאַשטאַנעס, באַפאַלט מיך אַ טיפער פאַרדראָס, וואָס איך בין אַזוי באַרויבט געוואָרן אין מײַנע קינדערשע יאָרן, ניט געזען דעם קישעף פון בלעטערפאַל"...

בײַסן שרײַבן דעם דאָזיקן פּייזאַזש איז דער אווטאָר געווען אין אַ צושטאַנד פון הויכער שעפערישער „פאַרכאַלעמטקײַט", אָבער האַלטנדיק זיך טרײַ באַם פאַרצייכענונגס־זשאַנער, האָט ער קונציק אויסגענוצט די געשאַפענע בילדעריש־עמאָציאָנעלע אַטמאָספער אַף איבערצוגעבן מיט דאָקומענטאַלע מיטלען דעם אונטערשייד צווישן דער לעבנס־פילאָסאָפיִע פון טעוויע דעם מילכיקן אין שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן, וועלכע נעמט איר יעניקע פון „...וואָס איז דער בוים אָן די צווײַגן, מישטיינסגעזאָגט? נעם שוין בעסער, דו בען אָדאָם, און האַק אונטער דעם בוים אינגאַנצן"... — און דער לעבנס־פילאָסאָפיִע פונעם סאָוועטישן „טעוויען", וועלכער גיט אָפּ מיט ווילן־גרייטקײַט זײַן צווײַג, די באַליבטע טאָכטער, ווען די גרויסע וועלט קומט זי אָפּנעמען באַ אים צוליב דעם נײַעם קיִעם.

ביכלאַל איז מיט טעוויע דעם מילכיקן געשען, וואָלט איך זאָגן, דער זעלבער נעס, ווי מיט דאָן קיכאָטן, מיטן קיניג ליר, וועלכע גייען אַריבער אין די ווײַטערדיקע עפּאָכעס, העלפנדיק פעסטצושטעלן דעם גראַד פון יערושעדיקער ענלעכקײַט און פון געענדערטער וועלט־אויפאַסונג (אין געענדערטע באַדינגונגען) באַם פאַרקערפּערטן אין אייביקע ליטעראַטור־פּערסאָנאַזשן מענטשלעכן מין. פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור איז טעוויע דער מילכיקער, צוליב פאַרגלײַך, קימאַט שוין אַ רעאַלער ייִד, וועלכער האָט געלעבט אין דער טכום־צײַט און איז געווען פּערזענלעך באַקאַנט מיט פּאַני שאָלעם־אַלייכעמען. צוליבן פאַרגלײַך איז מאַמעש אַ געווינס טעוויעס מאָדנע פּריוויטשקע צו באַווײַזן זיך, אָפּט אַפילע אונטערן זעלבן נאָמען און מיטן ווײַב גאָלדע (אין בוזי מילערס דראַמאַטישער פאַרצייכענונג „דרײַ און דרײַסיק גיבוירים"), אַלס אַ פּערסאָנאַזש אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און — וואָס עס איז וויכטיקער פון אַלץ — אַלס אַ סאָוועטישער ייִד אינעם רעאַלן לעבן. איך בין ניט זיכער, צי יעדער שרײַבער וואָלט געהאַלטן פאַר אָנעמבאַר צו „אופשליסן די טיר" אין זײַן ווערק מיט אַזאַ „שליסל", דאָס זעט דאָך אויס ווי גיין ניט פונעם לעבן, נאָר פון דער ליטעראַטור. אָבער ווען דער „שליסל" געפינט זיך אין די הענט פון אַ מײַסטער, קאָן מען פאַר דעם ניט מוירע האָבן. וויכטיק איז דער רעזולטאַט. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען גאַנץ היפּש בוזי מילערס דערגרייכונגען אין זײַן קאָמעדיע, וווּ דער הײַנטיקער „טעוויע" און די הײַנטיקע „גאָלדע" קוקן צו פאַרגאַפּטע, ווי פילצאָליקע כאַסאַנים ווילן „אויעקפירן" זייער הײַנטיק־באַכיינט אייניקל לאָרע, דערבײַ קומט די האַנדלונג פאָר אין בייראָבידזשאַן, טעוויעס אייניקל ווערט באַוויזן אַפן אָרטיקן טעלעוויזיִע־עקראַן, און פון אַלע באָכערים, וואָס פאַרליבן זיך אין איר, איז דער סאַמע וואָגיקער קאַנדידאַט פאַר אַ כאָסן עדואַרד גליקבערג — אַ יונגער אינזשעניער אַף

דער בויונג פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. די דאָזיקע געאָגראַפֿישע דאָקומענטאַלקײַט און די פּריש־צאַפּלדיקע הײַנטצײַטיקייט טײלן צו דעם דראַמאַטישן ווערק די כאַשעווע מאַרקע פֿון א פּאַרצייכענונג.

באַ מעלאַמודן אין די „טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן" טרעפֿן מיר זיך אָן מיט נאָכמענען, ניט מיט טעוויען; נאָכמענס ווײַב, די דערצײלערן, הייסט גיסיע, די טאָכטער — גאָלדע און איר געליבטער — אַרטשיק, ניט פּערטשיק. נאָר הערט זיך צו צום לאָשן און באַמערקט, וואָס עס קומט דאָ פֿאָר:

„איך וואָלט א באַלן געוועזן, איך זאָלט א קוק טאָן אָף מײַן גאָלדעלען... שיין, ווי די וועלט, שטיל, ווי א טויב, און אזא טײַער קינד, און אזא ליבס. דאַרפֿט איר פֿאַרשטיין, אז ווען אזא גאָלדעלע פֿאַרליבט זיך, איז דאָס פֿון יענע ליבעס. און ער, אַרטשיק, ס'איז אַפּאַנעם געוועזן אין ווּעמען פֿאַרליבן זיך"...

איר וועט גלײַך דערקענען די טעוויע־סיטואַציע. ווײַטער וועט זײַן: „ — מאַמע, — זאָגט זי מיר, — איך מוז אוועקפֿאָרן. — ווּהין? — פֿרעג איך זי, און עס הייבט אָן אויך מיט מיר צו מאָרדעווען. — אַהין, ווּהין אַרטשיק... מאַמע, ווי פֿאַרשטייסטו ניט?.. און ווען איך דאַרף מיט אים אוועק אין עק וועלט, צי אפילע אָף אַן אַנדער פּלאַנעטע"...

ווּהין זשע מוז אוועקפֿאָרן, ווי עס דאַכט זיך איר, איבער איר ליבע, דאָס סאָוועטישע מיידל גאָלדע? איר אָפּבילד אין דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײט — האָדל — האָט זיך אוועקגעלאָזט נאָך איר כאָסן, דעם בונטאַר פּערטשיק, אין פֿאַרשיקונג קיין סיביר. איז דאָס געווען א שווערע איבערלעבעניש פֿאַר איר פֿאָטער טעוויען, אָבער דער אַקט גופֿא איז געווען א גערעכטיקער. מיטן סאָוועטישן מיידל גאָלדע, מיט אירע עלטערן, דעם קאַדראָוון מעטאַל־טאָקער אָף א מאַשינבוי־זאַוואָד נאָכמען און דער טריקאָטאַזשניצע גיסיע, איז געשען א טרויעריקער און אומגעלומפּערטער פּאַראַדאָקס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז אַרטשיק איז ווײַט־ווײַט ניט פּערטשיק, וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט דער גאַנצער סאָציאַלער אָרדענונג פֿונעם צאַריזם, אַרטשיק איז ניט בעקויעך זיך קעגנשטעלן דער העפּקייזעס פֿון זײַנע עלטערן, וואָס כאַפּן זיך צו פֿאָרן קיין ייִסראָעל און שלעפּן אויך אים מיט זיך. גאָלדע איז פֿאַרליבט איבער די אויערן און זאָגט, אז זי מוז אויך פֿאָרן. ס'איז כאָטש גוט, וואָס נאָכמען, לעבנדיק אין אן אַנדער צײַט, אין גאָר אַנדערע אומשטענדן איידער טעוויע, האָט מערער אָנהאַלט און קויעך, און ער מאַכט א טעל פֿונעם פּאַראַדאָקס.

נאָכמענס אַרגומענטן לעטוויוּעס דער אומצערײַסבאַרער צוגעבונדנקײַט צום סאָוועטישן לאַנד, צו דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט זײַנען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. ער צעפּערט ניט איבער די הײַזער קיין מילכיקס. מע טרײַבט אים ניט אַרויס פֿון זײַן ווין־אָרט. ער איז אַן אַרבעטער אָף א סאָציאַליסטישן זאַוואָד, שלײַפֿט אויס דעטאַלן, „אַנהייבנדיק פֿון די סאַמע דריבנע שרײַפֿעלעך, שײַבעלעך, ראַליקלעך און פּאַדשיפּניקעס, ביז אזא מאַכינע, פֿינף מעטער די לענג, וואָס מע דאַרף צוברענגען און אַראָפּלאָזן אַפֿן טאָקער־ווערקשטעל מיט א הייבקראַן"... „ניט ער באַדינט דעם ווערקשטעל, נאָר דער ווערקשטעל באַדינט אים"... ער איז באַלעבאָס איבערן לעבן. די וועלט „גייט אים מערער אָן, ווי זײַן אייגענע וועטשערע, און ער הערט ניט אויף צו טראַכטן, וויאַזוי מאַכן איר א טאָלק". וואָס שײַעך קאַוועד, איז געגונג צו זען, ווי „ער שפּאַנט לעענגויס דעם זאַוואָדישן הויף, פֿאַרבײַ דער פּאָרטרעטן־גאַלערייע פֿון די פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד, ווּ זײַן פּאָרטרעט הענגט שוין פֿיל־פֿיל יאָרן, און ער מוז, ווי גיסיע טוט א זאָג מיט א ביסעלע כויזעק, יעדן גאַנצפֿרי זיך א שפּיגל טאָן אין אייגענעם פּאָנעם. דערנאָך גייט ער אַרײַן אין צעך, קומט צו צו זײַן ווערקשטעל, באַטראַכט אים פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, ווי א לעבעדיקע בריִע, און רופֿט זיך אָן צו אים: — נו, איז וואָס ווילן מיר הײַנט אויסשלײַפֿן?" (עס דערמאָנט זיך: „לעסוסאָסי, זאָג איך צו דעם, וויאָ! אַנו, מאַך נאָר, זאָג איך, מיט די ראַגלאַיִם א ביסעלע גיכער, באַקומסטו דײַן פּאָרציע האָבער, וואָרעם איין קעמאַך איין טוירא — שטייט בא אונדז געשריבן — אז מע שמירט ניט, פֿאָרט מען ניט"...).

צולעצט — נאָך איין אַרגומענט, וועלכן נאָכמען נעמט בא דעם נײַעם לעבן, און פּונקט אזוי, ווי אַט דער אַרגומענט איז נאַטירלעך פֿאַרן סאָוועטישן ייִדן, וועט ער עפּשער איגנאַנצן ניט דערגיין צו די מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט. ווי געזאָגט, איז נאָכמען, דער ייִד, דער אַרבעטער אָף א גרויסן זאַוואָד, באַלעבאָס איבערן לעבן. ער ברענגט אַהיים פֿונעם צעך און באַווײַזט דער טאָכטער און דעם ווײַב זײַן „פּערזענלעכן צייכן" מיט די אויסגעקריצטע אויסיעס „ען" און „על". „ — איר פֿאַרשטייט כאָטש, וואָס דאָס איז? אָן אייגענע פֿירמע! אָף יעדער דעטאַל, וואָס איך שלײַף אויס, שטעמפּל איך אָף די צוויי ראָשעטייוועס. און פּאַרטיק. און מע דאַרף שוין ניט קיין דערלויבעניש פֿון טעכנישן קאָנטראָל. די דעטאַל גייט גלײַך אוועק אין

זאמל־צעך און ווערט אריַנגעפּראוועט אהין, ווו מע דאַרף. און אונדזערע מאַשינעס ווערן דאָך עקספּאָרטירט ווו די וועלט האָט אַן עק! און אומעטום וועט מען אַף יעדער מאַשין אין עטלעכע ערטער איבערלייענען: ען. על. דאָס הייסט — איך אַליין מיט מײַן נאָמען און פאַמיליע. העכסטע גאַראַנטיע. פאַרשטייט איר שוין?"

דער שטאָלצער געפיל פון א סאָוועטישן ייִדן פון דער נײַער פּאָרמאַציע גיט צו קויעך נאָכמענען ניט נאָר אַף צו באַהערשן די לאַגע אינעם פאַל מיט גאָלדעס ליבע, וואָס ברענגט שיִר ניט צו איר צעשיידונג מיטן היימלאַנד, נאָר אויך ווען די צווייטע טאָכטער זײַנע (ווי עס פּאַסט פאַר א טעוויע־סיטואַציע), וועלכע לעבט אין קעשענעוו, הייבט אָן טראַכטן וועגן אוועקפאָרן. „— דו ווייסט, גיסיע? איך האָב זיך צוגעפּגערעדט מיטן שעף פון אונדזער צעך, געבעטן מען אורלויב אַף עטלעכע טעג, און טאַקע הײַנט פאָר איך קיין קעשענעוו. איך וועל שוין אַרויסשלאָגן פון זייערע קעפּ די מעשוגאַסן! נישקאָשע, מיר זײַנען נאָך דערוויַיל טאַטעס פון אונדזערע קינדער"...

ס'איז נייטיק אונטערצושטרײַכן, אַז די אבסאָליוטע מערהײַט באַשריבענע מיצאַד די סאָוועטישע ייִדישע דאָקומענטאַליסטן לעבנס־געשיכטעס שליסן לאַכלוטן אויס ענלעכע מעשוגאַסן, ווײַל דאָס געפיל פון אומצעשיידטקײַט מיטן סאָציאַליסטישן היימלאַנד איז טיף פאַרוואָרצלט בא די ייִדן פון אוקראַיִנע, ביראָבידזשאַן, מאָסקווע, לענינגראַד, אוראַל. אָט וואָס עס שרײַבט יוסעף בורג וועגן זײַן העלד צודעק לויטערשטיין (אין דער פאַרצייכענונג „איבערוף פון צײַטן"): „איצט איז ער א כאַשעווער מענטש אין טשעליאבינסק. שוין מער פון דרײַסיק יאָר, ווי ער אַרבעט אַף איין זאַוואָד — פריִער אַלס טעסלער, דערנאָך אַלס שלאָסער, אין א צעך, ווו זײַן עלטערער זון גרישע איז דער שעף און זײַן שנור מילע — אינזשעניער־טעכנאָלאָג. דער צווייטער זון, אַרן, איז א מאָנטאַזשניק, און אַרנס פרוי איז אויך אַן אינזשעניער. בלויז דער ייִנגסטער, געדאַליע, איז אוועקגעפאָרן פון דער היים. ער וווינט אין זאַפּאָראָזשיע"...

אַן אַנדער „היימלאַנד" ליגט צודעק לויטערשטײנען אין דער לינקער פּייע. פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער סוויווע, דאָס הייסט אויך פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז כאַראַקטעריסטיש דער אײַנגעפּונדעוועטער ייִד, דער גלײַכבאַרעכטיקטער, דער אופגעצויגענער אַף פּאַטריאָטישקײַט, אַף סאָציאַליסטישער וועלט־אופאַסונג, האַגאַם עס זײַנען פאַראַן מענאַכעם־מענדלס, וואָס מאַכן נאָך דורך א געוויסע טרויעריק־באַדנלאָזע רײַזע צו דער סאָציאַלער פאַרגאַנגענהײַט, און די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור באַווײַזט טאַקע איר לעבנספייִקײַט, ווען זי שילדערט, ניט אָפּלייגנדיק אין דער לאַנגער באַנק, ווי־אַזוי עס זעען אויס און מיט וואָס עס ענדיקן זיך אַזעלכע מעשוגאַסן.

די אונטערשטע שורע פון אָט דער טעמע איז אַזאַ: „איר מיינט עפּשער, אַז דאָס קומט פון זיך אַליין? די אויסווורפן גייען אַרום איבער די הײַזער, מע רעדט אײַן, מע זאָגט צו גאָלדענע בערג, מע אַגיטירט... איך פאַרשטיי נאָר ניט איין זאַך: פאַרוואָס שווײַגט די מעלוכע? (...) וואָס איז אײַער אייסעק, וואָלט איך זיי געזאָגט. לאָזט אונדז צורו. ווער האָט אײַך געגעבן רעכט שיידן קינדער מיט עלטערן, שוועסטער מיט ברידער? (...) ווען איך האָב א שטיקל דייע אין ווערכאָוונע סאָוועט, וואָלט איך געהייסן אָנעמען אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל באַשיצן אונדז אַלעמען פון די ווערבירער, וואָס האָבן אומגליקלעך געמאַכט טויזנטער ייִדן"...

דאָס איז פּובליציסטיק פון א הויכער מאַדרייגע, און די ווערט אירע איז נאָך א גרעסערע דערמיט, וואָס זי איז צוגעגרייט אין דער סוזשעטישער לאַבאָראַטאָריע פון א דאָקומענטאַלער פאַרצייכענונג און עס רעדט אַזוי ניט דער אווטאָר, נאָר זײַן פּערסאָנאַזש — א פּאָשעטע ייִדישע פרוי, די טריקאָטאַזשניצע גיסיע (אין כ. מעלאַמודס ווערק).

די ייִדישע דאָקומענטאַלע פּראָזע נעמט זיך אַלץ דרייסטער צו שילדערן דאָס גרויסע בילד פון דער צײַט, וואָס איז נעגייע ניט בלויז די ייִדן, נאָר אַלע פעלקער. ניט ווײַל „ווי־אַזוי סע קריסטלט זיך, אַזוי ייִדלט זיך", נאָר דערפאַר, וואָס די מעכיצע צווישן דער ייִדישער סוויווע און דער „איבעריקער" וועלט איז לאַכלוטן אָפּגעפאַלן. ניטאָ הײַנט קיין טעמע, וואָס זאָל ניט אינטערעסירן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור.

אין מ. לילינעס פאַרצייכענונג „ריטע צאָכער" רעדט זיך וועגן דער ייִדישער יוגנט אין דײַטשלאַנד, וועגן דער לעגענדאַרער אונטערערדישער גרופּע, וועמענס אָנפירער איז געווען דער יונגער אַנטיפאַשיסט הערבערט באַום. וואָס איז דאָס — א „ריין" ייִדישע טעמע? ניין, די גיגאַנטיש־מאַסשטאַביקע שטורמישע צײַט לאָזט זיך ניט קרישלען אַף נאַציאָנאַלע קעמערלעך. הייסט עס עפּשער, אַז נאַציאָנאַלע ספּעציפיק איז דאָ פרעמד? אַוואַדע ניט! אָט ווי־אַזוי עס זעט אויס דאָס עמעסע בילד: „ריטע צאָכער איז געבוירן געוואָרן אין נאָיאַבער 1915 אין זייער

אַן אָרעם געזינד. אין 1927, אין עלטער פון 12 יאָר, איז זי אַרײַנגעטראָטן אינעם ייִדישן יוגנט־פאַרבאַנד. פאַרוואָס האָט דער פאַרבאַנד געהייסן ייִדישער? די מײַסע איז, וואָס נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זײַנען אין דײַטשלאַנד אופגעקומען, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, פאַרשיידענע קאָמיטעטן און פאַרבאַנדן פון וועטעראַנען. די ייִדישע מילכאָמע־וועטעראַנען האָבן געשאַפן זייער קאָמיטעט און אים אַ נאָמען געגעבן ייִדישער. די קינדער זײַנען געגאַנגען מיטן וועג פון די עלטערן, האָבן זיי געשאַפן זייער ייִדישן יוגנט־פאַרבאַנד".

ווײַטער גייט דאָס גרויסע בילד פון דער צײַט: „עס האָט זיך נאָרוואָס געענדיקט די ערשטע וועלט־מילכאָמע, ס'איז געבוירן געוואָרן די ווײַמאַרער רעפובליק, וועלכע האָט ניט געקענט אַרויסקריכן פון די מילכאָמע־נאָכווייענישן — פונעם כורבן, אַרבעטסלאָזיקײַט, אומגעהערטער אינפליאַציע. דאָס פאָלק האָט געליטן, די מענטשן האָבן אַלץ פילבאַרער זיך צוגעהערט צו דער שטים פונעם אַרבעטער־קלאַס, פון דער דײַטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער האַמבורגער אַרבעטער ערנסט טעלמאַן. אויך די בורזשואַזיע האָט ניט געשוויגן, זי האָט געשאַפן אירע פּאַרטייען. דער קלאַסנקאַמף איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז דער ייִדישער יוגנט־פאַרבאַנד צעשפּאָלטן געוואָרן. פאַר יעדן יונגן מענטשן האָט זיך געשטעלט די פראַגע — מיט וועמען גיין?"

ווי מיר זעען, איז דאָ אַבסאָליוט ריכטיק געפונען געוואָרן די פאָרמול פון קאָנקרעטיקע פאַרהעלטענישן צווישן דעם אַלגעמיינעם סאָציאַל־פּאָליטישן שטעטל און די נאַציאָנאַלע עלעמענטן אין אים. אָף וויפל אין פאַרזיאַד פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכן מיר אידענטיפיצירן מיטן דערשײַנען פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", איז אַזאַ צוגאַנג געוואָרן דער קלאַל ניט נאָר פאַר דער פּובליציסטיק און פאַרן אָטשערק, נאָר אויך פאַר דער בעלעטריסטיק, פּאָעזיע, דראַמאַטורגיע, — קאָן מען דאָס פאַררעכענען פאַר אַ היסטאָרישער דערגרייכונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ווען אַ ייִדישער דאָקומענטאַליסט באַשרײַבט הײַנט אַ באַציר פון דער פּאָלקסווירטשאַפט, פאַרקלענערט ער ניט דאָס אַרויסגעבראַכטע בילד ביז דעם שמאָל־ייִדישן „סעקטאָר". דער ייִדישער אינטערעס פּאַלט צונויף מיטן אַלמעלוכישן און איז דעריבער אַזוי ערנסט און ברייט און טיף, ווי ער. אָט ווי אַזוי דאָס זעט אויס אין אַלעקסאַנדער ליזענס פאַרצייכענונג „גלאָז": „מישע קעלמאַן איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן זאַוואָד, וועלכער האָט דעמלט געהייסן „לוואָווער עלעקטראָלאָמפּן־זאַוואָד". אין די צײַטן פון פּילסודסקין איז דאָ געווען אַ האַלב־קוסטאַרישער וואַרשטאַט פון דער פירמע „פיליפּס". נאָך דער מילכאָמע האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ נײַע גרויסע אונטערנעמונג. געבויט האָט מען זי אין עק שטאָט אָף אַ פּוסטקע, וואָס האָט געדינט די לוואָווער אײַנוווינער פאַר אַ שטאָט־סמיטניק. נאָר וואַרטן, ביז מע וועט דעם זאַוואָד אויסבויען און אויסשטאַטן ווי סע קער צו זײַן, קאָן מען ניט, מענטשן ברויכן שײַן, און עלעקטראָ־לעמפּלעך זײַנען דעמלט געווען אַ יעקאָר־האַמצײַעס. איז נעמט מען דעררווײַל און מע שטוקעוועט אויס אַ וואָרעמיאַנקע, ס'הייסט אַן אָפּדאַך און אונטער אים — אַן אויוון, ווו מע קאָכט דאָס גלאָז. שווערקײַטן זײַנען דעמלט געווען אַ סאַך, און מענטשן — ווייניק. איבערהויפּט האָבן אויסגעפעלט מײַסטערס און ספּעציאַליסטן. אָט טאַקע דענסטמאָל האָט מען צוגעשיקט פון אַ פּראָפּטעכשול אין מאָסקווער געגנט צוואַנציק בלאָז־מײַסטערס, צווישן זיי פּופצן יונגעלײַט, קינדער פון שפּאַנישע רעוואָליוציאָנערן, וועלכע זײַנען אומגעקומען בעשאַס דעם בירגערקריג אין שפּאַניע. דער קאָלעקטיוו פונעם גלאָז־צעך איז דאַן געווען נאָך אַ קליינער, זײַן פּראַגראַם — פּופציק טויזנט לעמפּלעך אַ כוידעש. דער שעף פונעם צעך איז געווען סערגיי גוריאַנאָוו, זײַן שטעלפאַרטרעטער לויט דער טעכנאָלאָגיע — מיכל קעלמאַן. ער איז אויך געווען דער פּאַרטאָרג, און ער פלעגט זיך דײַגענען וועגן די שפּאַנישע יונגע אַרבעטער... און דער נײַער זאַוואָד איז אויך ניט געשטאַנען אָף אַן אָרט. מיט דער צײַט האָט מען זײַן נאָמען טיילווײַז געביטן. ער איז שוין ניט קיין זאַוואָד, נאָר אַ פּראָדוצירפאַרייניקונג „קינעסקאָפּ". איר הויפּט־פּראָדוקציע — שוואַרץ־ווײַסע און קאָלירטע קינעסקאָפּן — האָבן אַ שעם ניט נאָר אין אונדזער לאַנד"...

אַמאָל פלעגט די סאָוועטישע ייִדישע קריטיק דעקלאַרירן אַזאַ צוגאַנג צו דער, אַזוי צו זאָגן, פּראָפּאָרציע צווישן דעם אַלגעמיינעם פּראָבלעמען־קרײַז און דעם נאַציאָנאַלן בײַטראָג צו אים. מ. ליטוואַקאָוו, י. דאָברושין, א. גורשטיין, י. בראָנשטיין און די ווײַטערדיקע ייִנגערע פּלעיאַדע קריטיקער האָבן זיך פאַרנומען רעגולער מיט זאָרגזאַם צו קאָרעגירן די אָפּווײַכונגען פון אַזאַ האַרמאָנישער צווײ־איינהײַט. איצט איז דער נאָרמאַלער צוגאַנג אַרײַן אין שטייגער פון אונדזער ליטעראַטור.

דאָס ברענגט צו אַ זאַכלאַגע, ווען אַלץ שטעלט זיך אַוועק אָפּן געהעריקן אָרט. עס פאַרשווינדט די נויטווענדיקײַט זיך גריבלען אין „פּראָבלעמען", וואָס עקזיסטירן שוין ניט. איינ־

צײַטיק פאַרשטאַרקט עס די דערקענטעניש־ווערט פון דער ליטעראַטור. זייער אָפט וואַרפט עס, צווישן אַנדערס, אַ העלע שײַן אַף אַ ווינקל פונעם לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין אונדזער לאַנד, וואָס די אומפרײַנט סטאַרען זיך האַלטן פאַרטונקלט, קעדיי נוצן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע רעכילעס.

די אָביעקטיווע ענדערונגען אין דער לאַגע פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען פּאָזיטיוו, ווײַל זיי זײַנען נויטווענדיקע, געזעצמעסיקע, נאַטירלעכע, ניט קיין אויפגעצוווּנגענע. זיי אַנטשפּרעכן די הײַנטצײַטיקע פּראָצעסן באַ אַנדערע פעלקער און ביכלאַל אין דער נײַער וועלט. זיי פאַלן צונויף מיטן סאָציִאַליסטישן געדאַנקענגאַנג. דאָס, וואָס אונדזערע דאָקומענטאַליסטן באַווײַזן, ווי אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג — די נײַע פּראָפעסיעס באַ ייִדן, זייער נײַע געאָגראַפיע, די נײַע וועלט־אויפפאַסונג, דער נײַער אויפן פון אויסדריקן געמיט און שטימונג („דאָס פּאָנעם זײַנס, ווי נאָך אַן ערשטמײַיִקער דעמאָנסטראַציע״... — אַ פאַרגלײַך אין כ. מעלאַמודס פאַרצייכענונג „טשערנאָוויצער פּאַראַדאָקסן״), — איז אַ ווירדיקער און וואָגיִקער ענטפער אַף דער קרומער „לאָגיק״ פון אונדזערע אָפּאָנענטן.

אָפט דערווידערט קעגן די רעכילעסן גופע דער סוזשעטישער שטאָף פון די דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען, די לעבנס־געשעענישן, וואָס זײַנען אין זיי פאַרשריבן. אַשטייגער, די פײַנטלעכע צום סאָציִאַליזם פּרעסע באַהויפּטעט, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד נעמט מען אַראָפּ ייִדן פון דער אַרבעט, ווײַל זיי זײַנען ייִדן. און אָט איז אין א. ליזענס פאַרצייכענונג „גלאָז״ פאַרפיקסירט אַ טיפּישער פאַל פון אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט. עס דערציילט דער סאָוועטישער ייִד מיכל קעלמאַן, אַן אינזשעניער: „...ער גייט, דער בראַק, און גייט אָן אויפהער... וואָס טוט מען? די סיבע פון דעם איז געווען אַ פּאַשעטע. אין יענע צײַטן האָט מען געבויט אין גרויס אײַלעניש. מע האָט דאָך געדאַרפט אויפשטעלן אַלץ, וואָס איז צעשמעטערט געוואָרן בעשאַס דער מילכאָמע מיט די דײַטשישע פאַשיסטן. האָט מען דעם גלאָזקאָכנדיקן אויוון אויך געמאַכט בעכיפּאָזן... איך און דער שעף פונעם אויוון גוריאַנאָוו (אַ רוס. — א. וו.) טײַנען: דער אויוון איז שולדיק. דער דירעקטאָר פונעם זאַוואָד, ווידער, שרײַט: ניין, דאָס זײַנט איר שולדיק, איר האָט ניט אָרגאַניזירט ווי סע דאַרף צו זײַן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס. האַקיצער, מע האָט אונדז באַפרײַט פון דער אַרבעט״... וואָס וואָלטן געזאָגט וועגן דעם די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן? מע האָט אַראָפּגענומען אַ ייִדן פון דער אַרבעט! וואָס האָט וועגן דעם געזאָגט דער סאָוועטישער ייִד מיכל קעלמאַן, וועמען מע האָט באַפרײַט פון דער אַרבעט, און „מיט אַ טראַסק״: „געווען... אַלץ געווען... קאָנפליקטן, איבערלעבונגען, שלאָפלאָזע נעכט... איר זאָלט קיינמאָל ניט גלייבן אין אַן אויסגעטראַכטער אידיליע פון אַן אינזשעניער, וואָס שפּרײַזט ריטמיש־האָפּערדיק פון איין דערפאָלג צום צווייטן... דאָס זײַנען אויסטראַכטענישן פון אַ מעכאַבער, וואָס קען ניט דאָס לעבן״... וואָס האָט געטאָן „דער געליטענער״? „— איך און גוריאַנאָוו, כאָטש מיר זײַנען באַזײַטיקט פון דער אַרבעט, פלעגן זיצן ביז שפּעט באַנאַכט, זוכנדיק אַ מיטל, וויאַזוי צו פאַריכטן די פעלערן פונעם אויוון״...

אַ פּאַשעטער פאַקט, און עס נוצן אים אויס די אומפרײַנט אַף צו באַשמוצן אונדזער סאָציִאַלע סיסטעם; קומט אָבער דער שרײַבער־דאָקומענטאַליסט און פירט אַרײַן אָט דעם פאַקט אין נאַטירלעכן קרײַז פון פּראָדוציר־באַציִונגען; דער לייענער דערוויסט זיך דעם עמעס.

די בעסטע פאַרצייכענונגען אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען די, וואָס די אויטאָרן האָבן אָנגעשריבן פון אַזאַ קוק־ווינקל, און זיי זײַנען אויפגעהויבן אַף אַזאַ פּרינציפּיִעלער הייך, אַז זייער מאַסשטאַב איז אַן אַלסאָוועטישער.

בראָכע און אַרן בורשטיין האָבן צוליב זייער דאָקומענטאַל ווערק גענומען אַן אינטערוויו באַם באַוווּסטן סאָוועטישן סאָציִאָלאָג זאַכאַר איליטש פײַנבורג, וועלכער וווינט אין דער גרויסער אינדוסטריִעלער שטאָט אַפן אוראַל פערם. זײַענדיק אַליין פּערמער אינזשעניערן, פאָרן די צוויי יונגע ייִדישע שרײַבער אַוועק, לויט די איניאַנים פונעם אינטערוויו, אין דער עקזאָטישער שטאָט אַפן עקסטן צאָפן פון אונדזער לאַנד נאָרילסק, און אַזויאַרום גיבן זיי צו דעם שמועס אַן אַלפאַרבאַנדישן אינהאַלט. זייער פאַרצייכענונג „פּערמער סאָציִאָלאָגן״ גייט אַרויס מעכוץ די דאַלעדאַמעס פון דער ייִדישער טעמאַטיק, און, בלײַבנדיק אַ נאַציִאָנאַל־ייִדישע, קאָן זי מיט רעכט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די פּראָבלעם־אָטשערקן אין דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור פון דער איצטיקער צײַט.

די טעמע — סאָציִאַלע פּלאַנירונג. לאָמיר גלײַך זאָגן, אַז אַפילע אין דער רוסישער דאָקומענטאַלער פּראָזע איז דאָס אַ נײַע טעמע, האַגאַם אין לעבן... אָט וואָס עס שרײַבן בראָכע און אַרן בורשטיין: „הײַנט איז דאָס שוין אַ געוויינלעכע לעבנס־דערשײַנונג. דער סאָציִאַלער פּלאַן

פון אַן אונטערנעמונג איז היינט קיין כידעש ניט, גיכער דאַרף שוין באַלד ווערן פאַרקערט: אַ כידעש, אויב ער פעלט אויס. די זאָרג פאַרן מענטשן איז אַ נאַרמע פון געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזיין"... אויף זאַוואָד ווערט געשטעלט אַ סאָציאַלער עקספּערימענט. „דער דיאַפּאַזאָן פון די פאַר־שונגען איז געוואָרן אַזוי ברייט, אַז בלויז מיט די וויסנשאַפטן לויטן פאַך איז קימאַט ווי אוממעג־לעך געוואָרן זיך צו באַגיין. דעם פּסיכאָלאָג ווערע פּאַליאַקאָוואַ, לעמאָשל, איז אויסגעקומען באַהערשן די פּראָגראַם פון אַ ספּעציעלער מוזיקאַלער שול, הענעך סאַראַוויצקי, אויך אַ פּסיכ־אָלאָג, האָט זיך פאַרטיפט אין ספּעציעלע טעכנישע פּראָבלעמען..." מיר האָבן פאַר זיך זעבאַרע סימאַנים פון דער עפּאָכע פון דער וויסנשאַפט־טעכנישער רעוואָלוציע אויף דער באַזע פונעם רייפן סאָציאַליזם. דאָס, וואָס די יידישע ליטעראַטור איז בעקויעך „אופצוהייבן" אַזאַ טעמאַ־טישע מאַסע און שילדערן אינעם אַפּעראַטיוון פאַרצייכענונגס־זשאַנער אַזעלכע העכסט־מאָ־דערנע פּראָצעסן אין אַ סאָציאַליסטישער אונטערנעמונג אויפן אוראַל, ניט אויסשליסנדיק פונעם שילדערונגס־קרייז איר אייגענעם נאַציאָנאַלן פּערסאָנאַזש, — איז בעלי־סאָפעק אַ באַווייז פון איר פאַרבונדנקייט מיטן לעבן און פון איר אידייִש־קינסטלערישער רייפקייט.

נאָך לאָמיר אָקאָרשט אויסהערן, וואָס עס קאָן זאָגן וועגן בראַכע און אַרן בורשטיינס פאַר־צייכענונג, אַשטייגער, אַ רעצענזענט אין אַ ציוניסטישער בלאַט פון יִשׂראל. ער פאַרדרייט די נאָז, מאַכט אַ זויער פּנים: ס'איז ניט יידישלעך... גלאַט אַ גויישער זאַוואָד, דער דירעק־טאָר — אַ קריסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָרל יידישע אינזשענירן, אויב ער טראָגט ניט קיין יאַרמלקע און זי בענטשט ניט קיין ליכט. באַם אַריינגאַנג אין צעך איז ניט צוגעקלאַפּט קיין מעזוזע...

ענטפערן מיר אַזעלכע מעווינים פון יידישקייט: מיר דערלאָזן, אַז די אינזשעניערשע באַ־אייך גייט אין מיקווע און שטודירט די צענאוורענאַ, קורץ — אַ צאַדייקעס. אָבער „אויסער דעם", זיינען דאָך אין אייער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט ניט אָפּגעפרעגט סאָציאַלע פּראָבלעמען. איז רופט זשע אונדז אָן אין אייער יידישער ליטעראַטור כאָטש איין קינסטלע־רישע פאַרצייכענונג אויף אַזאַ לעבנס־טעמע. ניין, איר קאָנט דאָס ניט טאָן. אין אייער רעשוס געפינט זיך, צוליבן ליטעראַרישן פאַרמעסט מיט „סאָוועטיש היימלאַנד", די פאַרטליאַר־שריפט „גאָלדענע קייט", און פון דאָרט שפּאַרט אַרויס אָדער די שרעטעלעך־„ווירקלעכקייט" פון ייִצכאָק באַשעוויסן, אָדער די אַנטיסאָוועטישע כאַלטורע פון די דעזערטירן...

נעמט די היינטצייטיקע איטאַליענישע ליטעראַטור. צי באַנוגנט זי זיך מיט באַשרייבן אור־ראַלט־רוימישע פּייזאַזשן, מיטלאַלטערלעכע אַרגיעס? דער נעאָרעאַליזם איז אייך באַקאַנט? די פּילצאָליקע דאָקומענטאַלע ביכער און קינאָפילמען וועגן די סאָציאַלע קאַמפן אין דער איצטיקער צייט? די טיף איינגעבירגערטע אינעם לעבן קאָמוניסטישע פּובליציסטיק? צי איז דאָס אַלץ ניט קיין אויסדרוק פון דער „נאַציאָנאַלער נעשאָמע" פונעם איטאַליענישן פאָלק?

דאָס זעלבע, פּונקט דאָס זעלבע האָט אַ שייכעס צו דער „נאַציאָנאַלער נעשאָמע" פונעם יידישן פאָלק, צו דער נאַציאָנאַלער טעמע אין דער יידישער ליטעראַטור. מענדעלע האָט גע־שריבן — אָטשערקן! — וועגן די טוניעיאַדעווקער צייטן, שאָלעם־עליכעם — וועגן די קאַסריי־לעווקער, דער ניסטער, בערגעלסאָן, אַלבערטאָן, דאַניעל — וועגן די צייטן, ווען יידן זיינען אוועק אין די שאַכטעס, אין די גרויסע שטעט, אויף ערד־אַרבעט, אין דער טייגע. היינט שרייבן די סאָוועטישע יידישע שריפטשטעלער אָטשערקן וועגן יידן אין די אינדוסטריעלע גיגאַנטן, אויף דער צעלינאַ. אַזוי לעבן מיר, און אונדזער לעבן איז אָפּגעשפּיגלט אין אונדזערע ווערק.

איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון יוסעף בורגס פאַרצייכענונג „איבערוף פון צייטן" — דער קאָנסטרוקטאָר פון מאָטאָרן אויפן טשעליאַבינסקער טראַקטאָר־זאַוואָד (אַ גרויסער ליבהאָבער פון יידיש, פון יידישער ליטעראַטור און קונסט) זאָגט אין אַ שמועס מיטן אויטאָר: „דאָס לעבן האָט איבערגעאַנדערשט דאָס פּאָנעם און דעם אינהאַלט פון פיל זאַכן און באַגריפן"...

די דאָזיקע ווערטער קאָן מען אוועקשטעלן ווי אַן עפּיגראַף צו דער טעמאַטיק פון די היינט־צייטיקע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען פון די סאָוועטישע יידישע שרייבער.

אָט איז, לעמאָשל, שירע גאָרשמאַנס „אַ לאַנגע נעסיע". גאָרשמאַן איז דאָ טריי איר מע־טאָד פון צוקומען צו דער שרייבערישער קאָנצעפּציע, צו דער „טענדענץ", צום „וואָס איך בין אויסן" ניט דורכן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג אין דער טעמע, נאָר, מערסטנטייל, דורך די שטייגערישע „שפּאַרונעס", מיט דער הילף פון טאָגטעגלעכע לעבנס־פּראָטים. „אַזוי גייען מיי־נע טעג בײַ בעקמאַנען מיט מאַניען. כאָטש עס פּאַסירט, דאַכט זיך, גאָרניט, אָבער דער אומרו לאָזט זיך פילן. מע דאַרף ניט זיין פאַרשלאָפן, ס'איז נאָך דאָ וואָס צו טאָן. מאַלע וואָס די

האָר זײַנען גראָוו און די צײַט שטייט ניט אױף אָן אָרט. אין סימפּעראָפּאָל בין איך אױף קיין זאָוואָדן ניט געגאַנגען. שטוב און שטייגער, שמועסן וועגן אַמאָל. דער הײַנט איז אָבער אין־גאַנצן אַנדערש. די באַדערפֿעניש זײַנען אַנדערע און די שטרעבונגען זײַנען אַנדערע. איך מיין, אַז דאָס איז ניט ערגער. דאָס איז טאַקע נאָר אַנדערש"... (מײַן אונטערשטרײַכונג. — א. וו.).

רײדנדיק גאַנץ היימיש, אָפּן שטייגערישן אױפֿן, איז שירע גאָרשמאַן אומבאַמערקט צוגע־קומען צו אונדזער סאָוועטישער קאָנצעפּציע פֿון דער הײַנטצײַטיקער אַנדערשקײַט אינעם לעבן פֿון די סאָוועטישע ייִדן: די נאַציאָנאַלע ווערטן זײַנען מיטן אוועקגיין פֿונעם טכום ניט ערגער, נאָר אַנדערש. פֿאַרקערט, ווען מע זאָל, אַשטייגער, אינעם סאָציאַליסטישן סימפּעראָפּאָל בלײַבן זיצן מיט אַ פּײַערטאָפּ אינעם אַלטן מאַרק, אױף אַ פּאַרטונקלטער באַנק אין סינאַגאָגע, וואָלט עס געווען ניט אַנדערש און דריבער זייער שלעכט.

ניט באַ אַלבערטאָנען, ניט באַם ניסטער — אין זייערע פֿאַרצייכענונגען פֿון די ערשטע פֿינפֿיאָרן — און ניט, פֿאַרשטייט זיך, באַ פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען — אין זייערע וועג־געשיכטעס — קאָן מען ניט געפֿינען אַזעלכע פֿאַרנאָטירונגען בעשײַכעס דעם ייִדישן פּערסאָ־נאַזש: „אין קאָנסטרוקטאָר־ביוראָ ווימלען פֿלײַסיקע הענט איבער ווײַסע וואַטמאַן־בויגנס, און עס לייגן זיך אויס, כאַאָטיש צעוואָרפֿן, דײַטלעכע שורעס מיט סכעמאַטישע צייכענונגען און פֿאָרמולעס. קלאָרע לאָגיק פֿון געדאַנק כאַפּט אױף נײַע און נײַע דערפֿינדונגען און זעצט פֿאָר זייער אַנטוויקלונג אין דער אַרומיקער וועלט פֿון פֿיזיק, לויט וועמענס געזעצן עס צינדן זיך אָן פֿרילינגדיקע בליצן און עס פֿאַלן פֿאַרשפּעטיקטע שנייעלעך"... (אין יוסף בורגס „איבע־רוף פֿון צײַטן"). דאָס זײַנען פֿאַרנאָטירונגען פֿונעם לויפֿנדיקן 1978 יאָר. די ייִדישע דאָקו־מענטאַלע פּראָזע האָט זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין זעלבן 1978 יאָר.

די העלדן פֿון אונדזער צײַט אין דער ייִדישער סוויווע זײַנען פּולבלוטיק באַוויזן אין דער מערהײַט פֿאַרצייכענונגען, וואָס גייען אַרײַן אין „דאָקומענטאַלן נומער" פֿון „סאָוועטיש היימ־לאַנד". זייער קאָלעקטיווער פּאָרטרעט אַנטפּלעקט די גרונט־שטריכן פֿונעם סאָוועטישן ייִדן. ביז גאָר באַלערעוודיק איז דער דורכגעגאַנגענער וועג צום הײַנטיקן מאַצעוו. הערשל פּאָ־ליאַנקער שרײַבט אין זײַן פֿאַרצייכענונג „אָפּן אינדזל „ריבאַטשי"": „עמעצער קאָן מיינען, אַז מיכל קאַץ געהערט צו פּאַטאַמסטווענע שיפֿבויער, אַז זײַן טאַטע און דער זיידע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געהאַט צו טאָן מיט שיפֿן און יאַמען. דאַרפֿן מיר אַזוינע מענטשן גלײַך אַנטוישן. ניט דער טאַטע, ניט דער זיידע האָבן, דאַכט זיך, קיין שיפֿן מיט קיין יאַמען נאָענט ניט גע־זען, אויב ניט רעכענען דאָס טײַכל טעטעריעוו, וואָס מע קאָן אַריבערשפּרינגען ערטערווײַז אָדער אַריבערגיין צופֿוס און די פּיאַטעס ניט פֿאַרנעצן"... איצט איז מיכל קאַץ דער הויפּט־שיפֿבויער אױף אַ גרויסן זאַוואָד. „און ניט בלויז ער, מיכל, אַרבעט דאָ, נאָר אויך זײַן פֿרוי, זײַן זון באָריס, די שנור. מע זאָגט אין אַ שפּאַס, אַז מיכל קאַץ קוקט שוין אַרויס, ווען זײַנע אייניקלעך וועלן אונטערוואַקסן, און דאַן וועט ער זיי אויך נעמען אַהער — בויען שיפֿן"... מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי גיט איבער אין זײַן פֿאַרצייכענונג „א וועטעראַן פֿון מי" די לעבנס־געשיכטע פֿון אַ „דורכשניטלעכן סאָוועטישן ייִד", מע רופֿט אים אַרן זאַהיקע. דער טאַטע זײַנער האָט אין טכום־שטעטל סלאַוווטע געאַרבעט אין בוינע. אַרנס וועג: אַ לערן־ייִנגל און שפּעטער — געהילף־מאָנטיאָר אין דער סלאַוווטער עלעקטראָסטאַנציע, וועלכע האָט געהערט דעם גוויר איציק דערמאַן (גיכער פֿון אַלץ אַ מעשאָרעס אין שטוב); נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע קומט ער אָן אין דער קיִעווער עלעקטראָ־פּראָפֿשול, ווערט אַ מאָנטיאָר און טרעט אַרײַן אין אַ קאָמיוגישער קאָמונע. ווײַטער: עלעקטריקער־מאָנטאַזשניק אין קיִעווער ענערגאָ־טרעסט, בריגאַדיר, פּראָראַב; ענדיקט קורסן אין מאָסקווע און ווערט אַ טעכניקער; אַרבעט און לערנט אין אינסטיטוט, באַקומט דעם דיפּלאָם פֿון „אַ גרופּן־אינזשעניר אין אַ קאָנסט־רוקטאָר־אָפּטיילונג, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט עלעקטראָ־אויסשטאַטונג". צולעצט — אין מעשעך פֿון 30 יאָר — אַן אינזשעניר־פּעדאַגאָג אין קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט: „העכער 1500 אינזשענירן, און צווישן זיי גאַנץ אָנגעזעענע, זײַנען אַדורכגעגאַנגען אַרן זאַהיקעס שול"...

די ביִאָגראַפֿיע פֿון אָט דעם סאָוועטישן ייִדן נייטיקט זיך ניט אין קאָמענטאַרן. דאָס איינ־ציקע, וואָס דאַרף געזאָגט ווערן, איז: אין צענטער פֿון דער דאָקומענטאַלער פּראָזע דאַרף הײַנט שטיין ער, זײַנע קינדער און זײַנע אייניקלעך.

* * *

אן אלטער מאַן זיצט באַם פענצטער און קוקט ארויס אין גאַס, צו די מענטשן, צו די קינדער, צו די ביימער. לייענענדיק וועגן דעם אין מוישע אלטמאַנס פאַרצייכענונג „באַם פענצטער", האָב איך אַף קיין רעגע ניט געצווייפלט, אַז באַם פענצטער פון דער רעאַלער וועלטווירקלעכקייט זיצט די ליטעראַטור, אין געגעבענעם פאַל — די ייִדישע.

מוישע אלטמאַן ענדיקט זײַן פאַרצייכענונג מיט די ווערטער „דאָס לעבן איז רייצנדיק שיין". ס'איז אָבער אויך גוואַלדיק קאָמפּליצירט דאָס לעבן. דער נעסטאָר פון דער ייִדישער ליטעראַטור טוט א זאָג וועגן א מיידל, וואָס פאַרקויפט אַף א טשערנאָוויצער גאַס ביכער: „זי פאַרדינט קאָשער פיל מער ווי א פּאָר שורעס, נאָר איך בין אַלט, און קיין קויעך איז ניטאָ. קוק איך דורכן פענצטער און קלײַב נאַכעס"...

די ייִנגער געוואָרענע פאַר די לעצטע פּאָר יאָרצענדליקער סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור האָט פון דער „שטוב" מיטן גוטן נאָמען „סאָוועטיש היימלאַנד" א מונטערן שפּרונג געטאָן דורכן פענצטער אין דער גרויסער טומלדיקער לעבנס־גאַס, און דאָרט באַווײַזט זי מאַמעש ווונדער פון הײַנטצײַטיקער וועלט־אויפפאַסונג, פון שילדערן דאָס איצטיקע לעבן פון דעם לאַנד און פונעם פאָלק.

א לייענער שרײַבט אונדז

קובא — פוילן — סאָוועטנפאַרבאַנד

א סאַך ייִדישע אַרבעטער, פּאָליט־עמיגראַנטן פון פוילן און ליטע, געיאָגטע פון פאַרפאָלגונגען און אַרבעטסלאָזיקייט, האָבן אין די צוואַנציקער יאָרן זיך באַזעצט אין קובא. א גרויסער טייל פון זיי האָבן שוין אין די ערשטע כאַדאָשים נאָכן קומען אין לאַנד אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער נאָך דאַן יונגער קאָמוניסטישער באַוועגונג. גלײַכצײַטיק איז אָרגאַניזירט געוואָרן א פּראָגרעסיווער ייִדישער קולטור־צענטער — דער קולטור־פאַריין.

אין 1929 האָבן זיך שוין באַוויזן אונדזערע ערשטע געדרוקטע אויסגאַבעס. ווארעם האָבן אויפגענומען די לייענער דעם זשורנאַל „שפּראָצונגען".

עטלעכע דיקטער־אָנפאַנגער האָבן זיך פאַרייניקט אין א גרופּע „יונג־קובא".

די פּרוּוון צו פאַרשפּרייטן פּראָגרעסיווע אידייען צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע האָבן ארויסגערופן רעפּרעסיעס מיצאַד דער בלוטיקער דיקטאַטור פון מאַטשאַדאָ. דער קולטור־פאַריין איז פאַרמאַכט געוואָרן, פיר מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָט מען אַרעסטירט.

פון יענער צײַט איז שוין אַוועק קאָרעוו 50 יאָר. איך וויל גלייבן, אַז אין קובא וועלן זיך געפינען כאַוויירים, וועלכע וועלן אָנשרײַבן פאַר אונדזערע לייענער, וויאַזוי ס'איז ווײַטער געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור, וועגן דעם העלדישן קאַמף פון די רעוואָליוציאָנערן־ייִדן פאַר דער פרײַהײַט פון קובא, וועגן זייער אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויונג.

איך ווענדע זיך צו זיי דורכן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

עטלעכע ווערטער וועגן זיך. פינף יאָר — פון 1927 ביזן 1932 — בין איך געווען א מיטגליד פון דער קובינער קאָמפּאַרטיי, צוויי מאָל געזעסן אין טפּיסע, דעפּאָרטירט אין פוילן. בײַסן קריג געווען א פּאַרטיזאַנער. איצט — א פּענסיאָנער, א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

יוסעף כאַזאַן,
פּרוזשאַנע, בריסקער געגנט.

עליע פאַלקאָוויטש

ניט ווייניק ייִדישע ליטעראַטן און קולטור־טוער האַלטן עליע פאַלקאָוויטשן פאַר זייערן א לערער. זײַן פּעדאַגאָגישע טעטיקײַט האָט ער אָנגעהויבן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן אינעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר מײַרעוור־נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, וועלכן מע פלעגט רופן „מײַרעוורקע".

ביז הײַנט זײַנען ניט פאַרעלטערט עליע פאַלקאָוויטשעס לערנביכער „גראַמאַטיק פאַר דערוואַקסענע", „ייִדיש", „רוסיש־ייִדישער ווערטערבוך". א היפּשע ווערט האָבן די פּילצאָליקע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען איבער פראַגן פון ייִדישער לינגוויסטיק, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע פון די 30־ער יאָרן, אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין א ריי אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון פיל ביכער אין פאַרשיידענע זשאַנרען, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן דער מאָסקווער פאַרלאַג „עמעס".

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז ע. פאַלקאָוויטש אוועק אפן פראָנט. אין אויגוסט 1942 איז ער פאַר ראַטעווען 88 פאַרוווּנדעטע סאָוועטישע שלאַכטלײַט, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דער פאָדערשטער ליניע און געגעבן זיי די ערשטע הילף, באַלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען.

זינט עס דערשײַנט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", איז דער אָנגעזעענער לינגוויסט, דאָצענט, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן עליע פאַלקאָוויטש איינער פון זײַנע אַקטיווע מיטאַרבעטער. אין די ערשטע צוויי נומערן פאַרן 1961 פאַרעפנטלעכט פאַלקאָוויטש אַן ערנסטע אַרבעט „אָפּשײַ פאַרן לאָשן", און פון דעמלט אָן געפינט דער לייענער אין זשורנאַל א גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן זײַנע, וועלכע זײַנען געווידמעט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון הײַנטצײַטיקן ייִדיש. אין מעשעך פון עטלעכע יאָר איז עליע פאַלקאָוויטש דער אוטאָר פון די לעקציעס אין זשורנאַל, לויט וועלכע ס'האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן ייִדיש פיל אונדזערע הײַנטיקע לייענער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 80־טן געבורטסטאָג ווינטשן מיר עליע פאַלקאָוויטשן געזונט, אַריכאַס־יאָמים און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

סאָניע פרײַ

צו פופצן יאָר איז זי אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג און שוין באַוויזן אָנטיילנעמען אין די שלאַכטן, וועלכע עס האָט געפירט די רויטע אַרמיי קעגן די ווײַספּאָליאַקן און פאַרשיידענע קאָנטררעוואָליוציאָנערע באַנדעס. בײַס די דעניקינצעס ווילדעווען אין קיִעוו, אַרבעט זי אַלס פאַרבינדלערן פּונעם אונטערערדישן רעווקאָם. פונעם 1920 ביזן 1922 איז זי אויף פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמיוגישער אַרבעט און רעדאַגירט אין כאַרקאָוו דעם זשורנאַל „אַרבעטער־יוגנט". שפּעטער איז זי איינע פון די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם מאָסקווער זשורנאַל „יונגוואַלד", אַרבעט אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם ווײַסרוסישן קאָמיוג, גרינדעט אין מינסק די צײַטונג „דער יונגער אַרבעטער" און איז רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „טשערוואָנא זמענא".

א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז סאָניע פרײַ פונעם 1921, און אָנהייבנדיק פון דעם 1925 ביזן 1932, איז זי אויף אָנפירנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט אין מינסק, טאַשקענט, מאָסקווע. זי שטודירט אינעם אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור און ווערט א לערערן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין מאָסקווער הויכשולן, ווו זי אַרבעט ביזן 1970. פאַר דער דיסערטאַציע „דער עקאָנאָמישער קריזיס אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1900—1903" באַקומט זי דעם טיטל קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. זי איז באַלוינט מיט דעם אָרדען „ערן־צייכן" און מיט א מעדאַל.

פונעם 1961 איז ס. פרײַ א מיטגליד פון רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". זי איז דער אוטאָר פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, היסטאָרישע איבערזיכטן, פאַרצייכענונגען.

זײַענדיק שוין א פּענסיאָנער (פון אַלפאַרבאַנדישן באַדײַט), נעמט סאָניע פרײַ אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, טרעט אָפט אַרויס מיט לעקציעס פאַר דער יוגנט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט איר 75־טן געבורטסטאָג ווינטשן מיר

דער כאַווערטע סאָניע פרײַ געזונט, אַריכאַס־יאָמים, נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

לוריע, נויעך (1886—1960)

— פּראָזאַיקער. געבוירן אין שטעטל בלאָשנע, ווײַסרוסלאַנד, אין אַ מישפּאָכע פון סמאָליאַרניקעס. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג. גענומען אָן אָנטייל אין דער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער באַוועגונג, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905. געווען אַרעסטירט און געזעסן אין די צאַרישע טורמעס אין וואַרשע, ווילנע, בערדיטשעוו. געאַרבעט אַלס בויער, פּראַכט־אַרבעטער, געווען אַ לערער. אָנטיילנעמער פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. אין 1920 פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמײ. אָנגעהויבן שרײַבן אין העברעיִש, דערנאָך אַריבער צו ייִדיש. אין יאָר 1911 דעביוטירט מיט דערציילונגען אין וואַרשעווער און ווילנער ייִדישע אויסגאַבעס — „דער פרײַנד" און „די פרײַע ערד". נאָך דער פעברואַל־רעוואָלוציע געדרוקט דערציילונגען און סקיצן אין דער צײַטונג „דער וועקער". פון 1921 געווען אָנפירער פון די ייִדישע פּעדאַגאָגישע קורסן אין קיִעוו, זיך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן שאַפט ער אַ רײ ראָמאַנען און דערציילונגען וועגן לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, וועגן די ווידערשפּרוכן אינעם מאַצעוו פון דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג אין די יאָרן פון נעפּ, אין די פערציקער יאָרן פּובליקירט ער ווערק וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. נאָך דער מילכאָמע איז באַוווּסט זײַן דערציילונג „אין וואַלד". נויעך לוריע האָט אויך איבערגעזעצט מײַסעלעך פון דער אייראָפּעיִשער קינדער־ליטעראַטור אויף ייִדיש. ער האָט איבערגעלאָזט קריטישע אַרבעטן וועגן מענדעלען, י.־ל. פּערעצן, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיינען און אַנד. זײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט אויף רוסיש.

ווערק: „אויף איין פיסעלע", אַ קינדער־מײַסע אין פערזן, קיִעוו, 1922; „דער לעצטער בער", קינדער־פּיעסע, קיִעוו, 1922; „בריקן ברענען", דערציילונגען, כאַרקאָוו, 1929; „זאָוול די פיס", דערציילונג, קיִעוו, 1932; „עלטער מיט אַ נאַכט", נאָוועלע, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1934; „אַ געוויינלעך לעבן", דערציילונגען, מאָסקווע, 1935; „איינער פון דער שערענגע", דערציילונגען, קיִעוו — כאַרקאָוו, 1936; „שויעל־הערש", ראָמאַן, כאַרקאָוו — קיִעוו, 1937; „עליע יאָרש", ראָמאַן, קיִעוו, 1938; „עליע יאָרש", ראָמאַן, צווייטע אופלאַגע, קיִעוו, 1940; „אַ פולע מאָס", דערציילונגען, מאָסקווע, 1940; „געקליבענע דערציילונגען", קיִעוו, 1940; „אין וואַלד", דערציילונגען, קיִעוו, 1941; „באַ דער אָפענער גרוב", דערציילונגען, מאָסקווע, 1944; „ווידערשטאַנד", געטאָ־דראַמע, קיִעוו, 1944; „אין וואַלד", דערציילונג, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 7—9, מאָסקווע, 1966.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזין, „לעקסיקאָן", ב. 2; ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון ייִוואָ, ב. 1, וואַרשע, 1928; נ. רובינשטיין, „דאָס ייִדישע בוך אין פססר", מינסק, 1933, 1934, 1935; ש. ניגער, צײַטונג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 29 אַפּרעל 1927; ב. אָרשאַנסקי, „די ייִדישע ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע", מאָסקווע, 1931; א. קושניראָוו, צײַטונג „נײַע פּרעסע", פּאַריזש, 27 יול 1945; „צווישן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער", צײַטונג „אייניקייט", מאָסקווע, 7 יון 1942, 3 אויגוסט 1944, 24 יאַנוואַר 1946; נ. מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן און דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959; ש. ראַבינאָוויטש, צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט", ניו־יאָרק, 27 מײַ 1960; א. האָלדעס, „ווו שלאָגט דער דויפעק?", זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 2, מאָסקווע, 1962; ז. ווענדראָף, זשורנאַל „ייִדישע קולטור", ניו־יאָרק, מײַ 1963.

לאַנדמאַן, מאַניע (1920)

— מעמואַריסטקע. געבוירן אין דער שטאָט בערשאַד. פאַרענדיקט די ייִדישע שול אין מאָסקווע. אָנהייבנדיק פון די 30־ער יאָרן, אַרבעט זי אַלס מאַשיניסטקע אין די צײַטונגען „דער עמעס", „אייניקייט", אין פאַרלאַג „דער עמעס", אין ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אין אַלמאַנאַך „היימלאַנד" און אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". פונעם 1976 דרוקט זי אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זיכרוינעס וועגן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער: „ערשטע טריט", „סאָוועטיש היימלאַנד", נומער 8 פון 1976; „אַן עטיוד וועגן מײַנע באַגעגענישן מיט האַלקינען", דאָרטן, נומער 10 פון 1976; „זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע" (נומ. 8, 1977); „ליטוואַקאָוו דער שטרענגער רעדאַקטאָר", „קוויטקאָ שטייט מיר פאַר די אויגן", „וויאַזוי בערגעלסאָן האָט רעדאַגירט דעם ניסטער", דאָרטן, נומער 3 פון 1978; „זיכרוינעס פון אַ מאַשיניסטקע": „אַ פּאָר שטריכן צו דער פעפער־געשטאַלט", „צעזייטע און צעשפּרייטע לידער" (וועגן מ. גרוביאַנען), „דער שלײַפער" (וועגן דריזן), „וועגן ז. ווענדראָפן", דאָרטן, נומער 4 פון 1978.

ראָמאַנען, פּיעסן, דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען

ל. אי. ברעזשנעוו. די קליינע ערד. נום. 4, ז. 3; ווידערגעבורט. נום. 8, ז. 3.

מ. אַלטמאַן. זקיינישע נאָטיצן. נום. 3, ז. 98.

ש. גאָרדאָן. ניט אויסגעטראַכט, ניט צוגעטראַכט (דערציילונגען). נום. 2, ז. 158; די אייביקע מאָס (ראָמאַן). אילוסטרירט פון נ. ק א פ ר א נ אָ ו א. נום. 4, ז. 38; נום. 5, ז. 52.

א. גאָרטשאַקאָוו. די טאַנגאָ פון טויט (דאָקומענטאַלע דערציילונג־פּאַמפלעט). פון רוסיש — א. ז י ב ג ע ר. נום. 7, ז. 50.

ש. גאָרשמאַן. קורצע דערציילונגען. נום. 1, ז. 79.

א. ווערגעליס. אייכמאַן אין ירושלאַיִם (דראַמאַטישע נאָוועלע). נום. 4, ז. 93.

כ. טאַבאַטשניקאָוו. נאָענט צום שטילן דאָן (דערציילונג). נום. 10, ז. 12.

א. ליזען. נאָכעמקע עסרעג (ראָמאַן). אילוסטרירט פון א י. מ א ס ט ב ו י ם. נום. 2, ז. 25; נום. 3, ז. 17.

נאָטע לוריע. פינף דערציילונגען (מיט אַן אַרייַנפיר פונעם אַוטאָר). נום. 2, ז. 95; א גוטערפרייַנט (דערציילונג). נום. 9, ז. 92.

ב. מאָגילנער. די וואָרצלען זאָלן בלייַבן (נאָוועלן). נום. 4, ז. 106.

ב. מילער. יעדן דאָר — זייַנס (ראָמאַן). דריטער טייל. אילוסטרירט פון א י. מ א ס ט ב ו י ם. נום. 1, ז. 16.

מ. פּאָליאַנסקי. א קליין שטעטעלע אין דער גרויסער וועלט (פאַרצייכענונג). נום. 6, ז. 107; נום. 7, ז. 110.

ה. פּאָליאַנקער. דער לערער פון מעדזשיבאָזש (ראָמאַן). נום. 7, ז. 3; נום. 8, ז. 48; נום. 9, ז. 34.

ר. פּוסטילניקאָוו (צום 70־טן געבורטסטאָג). ליבע (דערציילונג). נום. 9, ז. 97.

מ. פּענס. הערשעלעס געשיכטעס (דערציילונגען). נום. 10, ז. 97.

י. פּאַליקמאַן (פון זייַן ליטעראַרישער ירושה). ליבע אין פייַער (דערציילונגען). נום. 5, ז. 18.

ג. קאָסאַי. צוויי ווידעס (דערציילונג). נום. 3, ז. 71.

י. ראַבין. לייע און איר מאַמע (דערציילונג). אילוסטרירט פון ה. א י נ ג ע ר. נום. 11, ז. 59.

ה. ראַבינקאָוו (צום 70־טן געבורטסטאָג). דרייַ דערציילונגען. נום. 8, ז. 99.

מ. ראַזומני. נאָוועלעטן. נום. 2, ז. 124.

ב. שיינגאַוטער. נעליע (דערציילונג). נום. 6, ז. 70.

י. שרייַבמאַן. אין יענעם זומער, ווען איך בין נאָך אַלט געווען אַכט און פערציק יאָר. — א מענטש א סימבאָל (דערציילונגען). נום. 6, ז. 40.

היסטאָריש־דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען.

וו. ט אָ מ י ן. דער וועג אַהיים. נום. 6, ז. 78; י. י א צ אָ ו ו ס ק י. פון א פראָנט־טאָגבוך. נום. 6, ז. 20;

א י. ל ע ו י ן. נאָטיצן פון א מיליטערישן איבערזעצער (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש). נום. 10, ז. 97.

שטריכן צו לענינס געשטאַלט. כ. ג ו ר ע וו י ט ש. א סטאַראָבינער לעגענדע. נום. 1, ז. 90; י. ב אָ ר י ן. די געשיכטע פון איינעם א פּאָרטרעט. נום. 1, ז. 94.

לידער

ר. באַליאַסנע. פאַר אַלעמען אויסשפּרייטן וועגן. נום. 3, ז. 16.

כ.ביידער. גוואַזדיקעס אַפן שניי. נום. 3, ז. 93; דרייַ לידער. נום. 5, ז. 131.

ה. בלאָשטיין. מייַן פרילינגדיקער טאָג. נום. 2, ז. 90; אויטאָביאָגראַפישע לידער. נום. 10, ז. 106.

מ. גאָלבשטיין. די שיינע מי פון פרידן. נום. 10, ז. 75.

א. גאָנטאַר. פונעם בוך „דער מאָרגנשטערן". נום. 3, ז. 65.

כ. גורעוויטש. נייַגעריק אומענדלעך. נום. 7, ז. 134.

מ. גרוביאַן. פון דער שפּעפערישער ירושה. נום. 1, ז. 117.

מ. גרוּוומאַן. אָט יענע רעגע. נום. 5, ז. 146.

ש. דריז. פאַר קליין און גרויס (פון דער ליטעראַרישער ירושה). נום. 3, ז. 120.

מ. העלמאָנד. טאַטישע מאָטיוון. נום. 9, ז. 88.

א. ווערגעליס. רינג נאָך רינג. נום. 2, ז. 16; נום. 11, ז. 52; פערזענלעכס (צום 60־טן געבורטסטאָג). נום. 5, ז. 46.

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. באַנייַונג. נום. 6, ז. 37.

ד. כייַקינע. אין רויש פון אײַלנדיקע טעג. נום. 7, ז. 45.

מ. ליפשיץ. נייַע לידער. נום. 9, ז. 31.

ב. מאָגילנער. אף פליגלען פון פאָלקס־ניגונים. נום. 1, ז. 99.

פ. פלאָטקין. די וועגן די לאַנגע. נום. 4, ז. 36.

א. קאַצעוו. קינדער־לידער. נום. 4, ז. 132; באַווייַז מיר די וועלט. נום. 8, ז. 97.

י. קאָטליאַר (צום 70־טן געבורטסטאָג). פון דעם דיכטערס ליטעראַרישער ירושה. נום. 2, ז. 171.

מ. ריאַנט. בונטע בלומען. נום. 4, ז. 124.

ה. רעלעס. צוויטערלעך אין גראָז. נום. 8, ז. 111.

כאָשעוור רעדאַקטאָר, איך שיק אייַך איין ליד מייַנע, בלויז איין ליד: י. אַלבירט, י. בוכבינדער, כ. ביידער, ה. בלאָשטיין, א. גאָנטאַר, כ. גורעוויטש, מ. גרוּוומאַן, ל. העלער, וו. ווערניק, מ. טאַלאַלאַיעווסקי, ז. טימענטשיק, מ. ליפשיץ, מ. מאָגילעוויטש, ב. מאָגילנער, פ. פלאָטקין, פ. קיריטשאַנסקי, א. קאַצעוו, מ. ריאַנט, נום. 1, 6, 11.

מ. שטורמאַן (צום 70־טן געבורטסטאָג). יאָמטעוודיק. נום. 11, ז. 148.

טרייַהייַט דער רויטער פאָן. לידער פון פ. ביינעצקי, א. קורץ, י. גאָלדבערג, ס. ליפּצין, כ. שוואַרץ, אי. פאַרבער, ד. סעלצער. נום. 11, ז. 24.

הייַנטצייַטיקע רוסישע זינגלידער אין דער איבערזעצונג פון א. ווערגעליס. נום. 3, ז. 134; נום. 7, ז. 162.

צום 60־יאָריקן יובילייַ פונעם לענינישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. לידער וועגן קאָמיוג פון איטשע באָרוכאָוויטש, כאַיִם גורעוויטש, שמועל האַלקין, מאָטל האַרצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, כאָנע ווייַנערמאַן, לייב טאַלאַלייַ, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, מוישע טייף, פּערעץ מאַרקיש, עזראָ פינינבערג, איציק פעפער, אַווראָם קאַהאַן, מאָניע שאַפּיראָ. נום. 11. ז. 3.

ווערק פון אויסלענדישע ייִדישע שרייַבער. ייִסראָעל. מ. א ו י־ש א ו ל (צום 80־טן געבורטסטאָג). א געשפּרעך אין פּעטראָגראַד, זומער 1917. (פּאָעמע. ייִדיש — כ. ב יי ד ע ר). אַרייַנפיר פון וו. ב א ר ז י ל ייַ־נ אָ ף. נום. 7, ז. 146; וו. ב א ר ז י ל ייַ־נ אָ ף. פּילבאַר צו יעטווידן ווייטעק. לידער (ייִדיש — ל. ו וי ל ס ק ע ר). אַרייַנפיר פון ע. ט ו מ א. נום. 2, ז. 133.

פאראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ד. סעלצער. אַקטיאַבער באַם דניעסטער. לידער (נאָטיץ אין „וואָלגאָגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ" וועגן דעם אַמעריקאַנער פּראָגרעסיוון ייִדישן דיכטער ד. סעלצער). נומ. 1, ז. 102; א. קורץ. דער מישפּעט. לידער. אַרײַנפיר פון מוישע אָלגין. נומ. 4, ז. 101.

לעבעדיקע גרוסן. ט. גען. מאָסקווער ייִדישע שרײַבער אין פּראָפיל. נומ. 2, ז. 138.

צום 150־טן געבורטסטאָג פון לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי (נומ. 7—9)

וו. אי. לענין. לעוו טאָלסטאָי, ווי אַ שפּיגל פון דער רוסישער רעוואָליוציע. נומ. 9, ז. 4.

לעוו טאָלסטאָי. דרײַ מײַסעלעך (אין דער איבערזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמען). נומ. 9, ז. 33.

וו. אַרדאַטאָווסקי. בײַ לעוו טאָלסטאָיס אייניקל. נומ. 8, ז. 181.

יע. דאָלמאַטאָווסקי. „אומבאַדינגט לייען איבער!" נומ. 7, ז. 189.

ל. ליבעדינסקאַיאַ. דאָרט, ווו עס האָט געלעבט לעוו טאָלסטאָי (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש). נומ. 9, ז. 8.

ה. רעמעניק. לעוו טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראַטור. נומ. 8, ז. 117.

א. שיפּמאַן. לעוו טאָלסטאָי און שאָלעם־אַלייכעם. נומ. 9, ז. 17.

פונעם ליטעראַטור־אויצער. פּ ײַ וול סיטאָ. פּאַראַדיעס. צייכענונגען פון א. העפּטער. נומ. 9, ז. 178.

ליטעראַטור־קריטיק, ביבליאָגראַפיע, פראַגן פון קונסט

אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־קריטיק (נאָטיץ פון רעדאַקציע). נומ. 9, ז. 112.

וועגן די ריכט־ליניעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק. נומ. 10, ז. 149.

ז. אַזגור (צום 70־טן געבורטסטאָג). דאָס, וואָס עס געדענקט זיך. נומ. 3, ז. 161.

כ. ביידער. זוכן און געפינען. נומ. 11, ז. 166.

ד. בעלקין. דער גרויסער פּרײַנט פון די אונטערדריקטע פעלקער (צום 150־טן געבורטסטאָג פון נ. טשערנישעווסקי), נומ. 7, ז. 150.

ה. בעריאָזקין (צום 60־טן געבורטסטאָג). עזרא פינינבערג (אייניקע באַאָבאַכטונגען איבער זײַן שאַפונג). נומ. 8, ז. 135.

או. גוראַלניק. אַן אוניקאַלע אויסגאַבע (וועגן די 200 בענדער פון דער ביבליאָטעק פון דער וועלט־ליטעראַטור). נומ. 6, ז. 139; טיפע וואָרצלען (דער פּראָזע־זשאַנער אין „סאָוועטיש היימלאַנד"). נומ. 7, ז. 170; דער קאָמפּאַס פון דער ליטעראַטור. נומ. 8, ז. 113; קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג פון די סאָוועטישע ליטעראַטורן. נומ. 10, ז. 115.

אי. דרוקער. איציק פעפער פון דער נאָענט. נומ. 3, ז. 152; וועגן זייער אַ נאָענטן (צום 70־טן געבורטסטאָג פון בוזי אָלעווסקי). נומ. 4, ז. 165; פון לאַנד צו לאַנד (וועגן א. ווערגעליסעס בוך „רײַזעס"). נומ. 8, ז. 152.

א. ווערגעליס. מיט האַלקינען און אַרום האַלקינען (צום 80־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן דיכטער). נומ. 1, ז. 133; נאָטיצן אָן אַ סיידער. נומ. 9, ז. 114; דאָס ייִדישע ליטעראַרישע אויסלאַנד אין לעצטן פערטל פונעם יאָרהונדערט. נומ. 10, ז. 118.

אונדזערע פּובליקאַציעס. כאַיִם לויצקער. שטריכן פון דאָוויד בערגעלסאָנס שפּראַך־סטיל. נומ. 9, ז. 152.

מ. מאַרגאָלין. צען לידער. נומ. 11, ז. 161.

אונדזער ווידערוווּקס. י. סערעבריאַני. נײַע נעמען. נומ. 9, ז. 146.

ג. פּעטראָווא. אַן אייגנאַרטיקער דיכטער (צום 70־טן געבורטסטאָג פון שיקע דריז). ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. נומ. 5, ז. 167.

ב. קאַמסקי. וועגן דעם קינסטלער ס. גרוזבערג. נומ. 7, ז. 159.

א. ראַסקין. מענדעלעס דערציילונגען פון די 80—90־ער יאָרן. נומ. 8, ז. 129.

אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ריווקע רובין. פּאַשעט און פּראָסט? אוי, ניין... (וועגן איציק קיפּניסן). נומ. 9, ז. 132.

ה. רעמעניק. ביכער פון די אָנהייבער (ווערק פון א. קושניראָוו און ש. האַלקין). נומ. 2, ז. 175; נאָטיצן וועגן דער הײַנטצײַטיקער נאָוועלע. נומ. 3, ז. 145; נעכטן און הײַנט (וועגן דעם שרײַבער בער האַלפּערן). נומ. 6, ז. 144; וועגן קריטיק, נומ. 9, ז. 125.

קורצע רעצענזיעס. נומ. 1. י. שרײַבמאַן. געדאַנקען אַרום אוראָם גאָנטאַרס „נעגינע"; ג. ראָשאַל. דער מײַסטער פון קינסטלערישן וואָרט סאָפיע סײַטאַן; ה. רעמעניק. אַ זון מיט אַ רעגן (וועגן דעם בוך פון מענדל ליפשיץ „אַ זון מיט אַ רעגן").

נומ. 5. ל. דאַדיִאַני. אַ געשעעניש פון גרויסן באַטײַט (וועגן דעם בוך „XVIII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל"); י. סערעבריאַני. וואַרעם אַש און גאָלדענע כאַלוימעס (וועגן דעם ראָמאַן פון כאַיִם מעלאַמוד „וואַרעם אַש").

נומ. 7. מ. טאַלאַלאַיעווסקי. דאָס דריטע בוך פון י. פאַליקמאַנס טרילאָגיע. ב. מילער. דער טאָג דער נעכטיקער און דער הײַנטיקער (וועגן העשל ראַבינקאָווס בוך „לאַנדסלײַט", דערשינען אין אַ רוסישער איבערזעצונג).

ביבליאָגראַפיע. כ. נאַדעל. ווערק פון מ. דאַניִעל אין אָריגינאַל און אין איבערזעצונגען, אויך אַרטיקלען אין רוסיש און אוקראַיִניש וועגן זײַן שאַפונג. נומ. 9, ז. 170. א. פינקעלשטיין. אין דער אייניקײַטלעכער מישפּאָכע פון פאַרברידערטע פעלקער (וועגן די ביכער פון ל. קוויטקאָ, דערשינען אין די יאָרן 1917—1975). נומ. 4, ז. 175.

וועגן) שפּראַך־פראַגן. מ. איטקאָוויטש. די קונסט פון איבערזעצן. נומ. 8, ז. 170; י. הוטנער. באַמערקונגען צו „אייניקע באַמערקונגען". נומ. 8, ז. 172; ל. ווילסקער. רוסישע דיכטער אין העברעיש. נומ. 9, ז. 161; מ. יאַנקיווסקי. פּופּציק יאָר סאָוועטישער ייִדיש־אויסלייג. נומ. 11, ז. 172; מ. מאַרגאָלין. צו די פּראָבלעמען פון הײַנטצײַטיקן ייִדיש. נומ. 1, ז. 157; ש. פישמאַן. ייִדישע שפּראַך (איבערגעדרוקט פונעם זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך", באַנד XXXV נומ. 1—3 פון 1976) נומ. 9, ז. 165.

פּאָלעמיק. ע. פאַלקאָוויטש. אַ וואָרט צו דער זאַך. נומ. 2, ז. 180; באַמערקונגען וועגן דער איבערזעצונג אַף ייִדיש פון דער נײַער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. נומ. 10, ז. 127; מ. איטקאָוויטש. טײַנעס גערעכטע און אומגערעכטע. נומ. 10, ז. 133.

ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, זיכרוינעס, פּובליקאַציעס

פון דער פאַרגאַנגענהײַט. ל. אײַזנבערג. נאָטיצן פון אַ פּעטערבורגער אַדוואָקאַט. פון רוסיש ז. קאַהאַן. נומ. 4, ז. 145.

פון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. ה. בלאָשטיין. פון מײַן לעבעדיקן אַרכיוו. נומ. 5, ז. 140; נומ. 9, ז. 106.

ש. ווייצנפעלד. דער לעבנסוועג פון אַ וועטעראַן (צום 75־טן געבורטסטאָג פונעם פּובליציסט א. יערר־סאַלימסקי). נומ. 1, ז. 172.

בריוו פון ייִדישע שרײַבער. פון ז. ווענדראָפס עפּיסטאָלאַרישער ירושה. נומ. 6, ז. 154.

אונדזערע מיטצײַטלער. ב. און א. בורשטיין. פּאָדפּאָלקאָווניק פון מיליציע באָריס קריס. — צוגאַסט בײַ די קאָמי־פערמיאַקעס. נומ. 3, ז. 87; כ. גורעוויטש. באַגעגענישן אַף סיבירער ערד, נומ. 4, ז. 125; י. טשערניס. אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט". נומ. 1, ז. 4; ז. מינקין. שאַכטיאָרן; א. אַסטראַכאַן. אין איין מישפּאָכע. ר. פּוסטילניקאָוו. דער באַנקיר. נומ. 5, ז. 133.

דערינערונגען. ל. דושמאַן. זיכרוינעס פון א סופליאַר. נום. 11, ז. 103. מ. לאַנדמאַן. זיכרוינעס פון א מאַשיניסטקע. נום. 3, ז. 140; נום. 4, ז. 159.

אי. נעווערלי. דער גרויסער קינדער־פרײַנט (צום 100־טן געבורטסטאָג פון יאַנוש קאָרטשאַק). נום. 11, ז. 43.

דער אוטאָר קערט זיך אום פון א שעפערישער קאָמאַנדירונג. ס. פרײַ. סאָפּיער באַגעגענישן. נום. 1, ז. 125.

ר. קאַץ־ראַבינאָוויטש. צום 70־טן געבורטסטאָג פון בלומע קאָטיק. נום. 10, ז. 178.

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן. י. שוסטער. ווען שפּראַכן און קולטורן דערנענטערן זיך. נום. 7, ז. 180.

מענטשן, זייער צײַט, זייער גורל. נ. אַלפּערט. א זעלנער פון ערשטן עשעלאָן. נום. 3, ז. 131; ז. קאַהאַן. דעם טאַטנס שטעמפּל. נום. 3, ז. 127; י. בינעוויטש. א לעבעדיקער דענקמאָל. נום. 5, ז. 148; ד. פײַנשטיין. דער לאָצמאַן אפן קאַפּיטאַן־בריקל. נום. 6, ז. 134.

